STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08421

TSURISENE KAYTEN

Y. L. Malamut

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוד לאמעד מאלאמוט

צוריסענע קייטען

ראמאן

מאלאמוט בוך קאמיטעט

פילאדעלפיא—נויארק

YUD LAMED MALAMUT

BROKEN CHAINS

207 S. 42nd STREET

PHILADELPHIA 4, PA.

בערטאַ'ן

דאָס בוך פון מיין לעבען

יואל

י"א אָב, תש"ו

פילאדעלפיא, פא

ערשטער בוך

פראָלאָג

אין קורילאָוועץ, א שטעטעל אין דער אוקראַינע, אין א חסי־דישען הויף, די ערב-חתונה ביי יוחנן, דעם זינקאָווער, משולם זיסיע'לעס אן אייניקעל, אן אור-אייניקעל פון אָפּטער רב, הרב אברהם יהושע העשעלע, זכרונו לברכה.

אין הויף איז אויסגעבויעט א גרויסער שאַלאַש, באַצירט מיט הבדלות פון וואקס און סטערין. דאָס הויף רעש'ט, עס הערען זיך קולות פון חסידים, מקורבים, אָנגעפאָהרענע צו דער חתונה.

כלי-זמרים שפּילען פרום חסידישע נגונים, מחותנת'טעס אין זיידענע שטערנטיכער, באהאנגען מיט גאָלד און זילבער צירונגען, קושען זיך, ווינשען זיך מזל-טוב, עס איז ערב חופה, נאָר מקורבים, נאָהענטע חסידים, שושקען זיך:

— א פּחד! אן עונש! — דערציילט איין מקורב.

— ער וויל ניט! יוחנן וויל ניט! — כאַפּט אונטער א צווייטער.

— אזא חרפה, א בזיון! — זיפצט לייזיע, דעם רבינ'ס לייב־מענש, און רייבט זיך די הענט פון גרויס אויפרעגונג.

— רייסט זיך פון דער קעיט, וויל ניט דעם שידוך! וויל ניט די כסא הרבנות!

צום רעדעל חסידים האָט זיך צוגערוקט שבח, דער קוויטעל־שרייבער, א מקורב אין פראווע-שטיבעל, — שבח דערציילט פאר'ן רעדעל חסידים:

— דער אלטער וועט עס חלילה ניט איבערטראגען, האָסטו געהערט, א מורד גאָר! זיינער אן אייניקעל, זאָל דיר ווערען א מורד !

— דהיינו, וואָס הייסט א מורד, — פרעגט איבער איינער פון די מקורבים, און שפּיצט אָן די אויערען, ווי ער וואָלט ניט גלוי־בען וואס ער הערט.

— וויל איננאנצען ניט די כסא הרבנות! זאָגט, ער גלויבט ניט אין אייגענעם כח! וויל ער זיך אָפּרייסען פון דער גאָלדענער קעיט!

— רחמנא לצלן! — שרייט אוים צושראָקען א צווייטער מקורב, און מיטאמאל הערען די כלי-זמרים אויף צו שפּילען, הבדלות שמעלצען זיך אין די הענט. עס פאלט צו די נאכט.

— צו דער חופּה! פארוואָס גייט מען ניט צו דער חופּה? — הערען זיך קולות פון כלה׳ס צד.

דאָס רעדל חסידים פארמעהרט זיך, עס הערט זיך א מיסטע-ריעז קול פון רבינ׳ס פּראווע-שטיבעל, — אז איך קען ניט! איך דארף עס ניט! איך טאָר עס ניט! איך גלויב ניט אויב איך בין בכח! איז דעריבער גלייכער צורייסען, איבעררייסען מיט דער גאָלדענער קעיט!

דאָס האָט יוחנן אויפגעברויזט אין גרימצאָרן, טענהנדיג מיט זיין זיידען, הרב זיסיעלע און האָט איהם געבעטען, אז מען זאָל אָפּלאָזען דעם שידוך, איהם ניט חתונה מאכען, ווייל ער פיהלט ניט, אז ער קען נעמען אויף זיך אזא גרוים אחריות און זיך לאָ-זען ווערען דער ממלא-מקום פון אזא גרויסען יחסן, אזא גרויסען זיידען, אזא גרויסען גוטען אידען, צו וועמען מען פאָהרט פון גאנץ אוקראינע.

דער גרויסער זיידע וויל איהם חתונה מאכען, איהם אוועק-זעצען אויף דער גוט-אידישער מלוכהשטוהל, און ער זאָל פיהרען א שטייגער, פּראווען טיש, נעמען קוויטלאך, און זיין דער צדיק-הדור, פונקט ווי עס זיינען ביז איצט געוועזן אלע פריהערדיגע זיהן און אייניקלאך פון דעם אפּטער רב׳ס גזע, וואס ציהען זייער יחוס׳דיגען שורש ביז צו דעם בע״שט הקדוש, הרב ישראליקעל מעזשביזשער.

שוין פון גאנץ פריה אָן אז רב זיסעלע זיצט פארשפּארט מיט יוחנ׳ן אין חדר מיוחד, פריהער האָט ער איהם געזאָגט מוסר, נאָר עס האָט ניט געהאָלפען.

פון נערוועזיטעט האָט יוחנן ניט אויפגעהערט בייסען די נע-געל פון די פינגער, און אלץ וואָס ער האָט געענטפערט איז געוועזן — איך וויל ניט!

דערנאָך האָט דער אלטער ווידער פּרובירט מיט גוטען אָבער עס האָט אַלץ ניט געהאָלפען. איז דער אלטער שוין ארוים פון די כלים, און האָט אויסגעשריען א דערציטערטער:

— איך וועל דיך מחרים זיין, דיך פארשילטען!"

— איך בין שוין געגוג פארשאלטען, אז איך האָב ניט קיין אייגענעם ווילען, אלע מיינע יאהרען איז מיין רצון באצווינגען, א שווערע קעיט היינגט איבער מיר. איך אליין מוז בלויז זיין א רינגעלע, אבער אז איך קען ניט, איך פיהל ניט אין זיך דעם גרויסען כח, ווי אזוי זשע קען איך דערלאָזען, אז מענשען זאָלען גלויבען אין מיר, אין מיין כח, אז איך אליין גלויב ניט. איך, א שוואכער, אן ערדישער מענש! — האָט יוחנן געטענה'ט, און האָט פארענדיגט:

— איך האָב זיך שוין לאנג אָפּגעריסען פון דער קעיט, צוריסען מיט דעם יחוס, לאזט מיך צורוה, וואס ווילט איהר פון מיר!"

דער אלטער האָט פּלוצלינג אויפגעהויבען זיינע שטריינגע ברעמען, האָט זיך א צאפּעל געטאן ווי אין קאנוואולסיעס, און מיט דער רעכטער האנט האָט ער א ריס געטאן דעם לאץ פון זיין שווארצער, אטלאסענער קאפּאטע, און האָט אָנגעהויבען שילטען, ברומענדיג ווי א לייב:

— ווי דו האסט אונזער קעיט צוריסען, אזוי זאָל דיין לעבען צוריסען ווערען, נע-ונד זאלסטו זיין! ווי פרעמד און ווייט דיר איז אונזער יחוס, אזוי זאלסטו אומעטום בלייבען א פרעמדער און א ווייטער, זאָלסט קיין מקום מנוחה ניט געפינען, קיין רוה קיינמאָל ניט האָבען, ווייל דו האסט מיך פארשעמט, מיין יחוס מבזה געווען, מיין נאָמען פאראומווירדיגט."

יענע נאכט איז דער יום-טוב איבערגעריסען געוואָרען, די חופּה צושטערט, כלי-זמרים זיינען אוועק אהיים אינמיטען דער נאכט.

מחותנים פון כלה'ס צד האָבען געטענה'ט, אז ביי גוטע אידען איז נאָך אזעלכעס ניט געהערט געוואָרען, און חתנ'ס צד האָט געטענה'ט:

— דער אלטער, זאָל לעבען, איז א חולה מסוכן, מען טאָר איהם ניט מצער זיין, ער איז א חלוש! געמיינט האָט מען איינצישמועסען אלעמען, אז מען האָט די חתונה אפּגעלעגט, אבער דער סוד איז געווען אויף אלעמענ'ס ליפּען:

— צוריסען די קעיט! יוחנן איז ארוים לתרבות רעה, האָט מוריד געווען אין יחוס, מבזה געווען דעם זיידען. יוחנן וויל ניט זיין קיין גוטער איד!״

פאר׳ן הויף האָבען זיך זינט יענער נאכט אנגעהויבען צרות, איינע גרעסער פון דער צווייטער. אלע איבעריגע דורות, וואס א דור ווייטער, האָבען זיך נאכמעהר געבונטעוועט, זיך אנטקעגענ־געשטעלט דעם פריהערדיגען דור, ניט געוואלט פיהרען די גוט־אידישע מלוכה, יעדער דור האָט זיך געוויילט אן אייגענעם וועג, געפיהרט אן אייגען לעבען, יעדער דור האָט קעיטען גריסען, צוימען געבראכען, זיך געריסען מיט אלע כחות צו א פרייען לעבען.

דער הימעל האָט זיך יענע נאכט שווער פארוואלקענט, דיקע כמארעס זיינען אלעמאָל אָנגעצינדען געוואָרען פון פייערדיגע בלי־צען, וואס זיינען באגלייט געוואָרען פון פחדים׳דיגע קולות פון דונערען, וואס האָבען ארונטערגעבראכט פון די שווערע וואלקענס א שלאקס רעגען.

אין שרעק זיינען די מענשען זיך צולאָפען, דער שאלאש, וואָס האָט ערשט מיט עטליכע שעה פריהער אויסגעזעהן ווי א גרוי־סער חופה־זאל, איידער א מלך דארף געקרוינט ווערען, איז איצט אין דעם גוסרעגען מעהר ענליך געווען צו א חרוב־געוואָרענעם לאגער נאָך א מלחמה.

דורך א זייטיגער טיר האָט יוחנן פארלאָזען דאס הויף, האָט אָנגענומען אלסדינג פאר ליעב, איז ארוים פון הויף מיט א גע־פיהל, אז ער האָט איבערגעריסען מיט׳ן זיידען, רב זיסעל׳ען, מיט׳ן רבנישען יחוס, מיט דער קעיט, און אז דער שטורם אינ־דרויסען איז דער אייגענער ווי ביי איהם אין הארצען, נאר פונקט ווי נאָך א שטורם געהען איבער די וואלקענס, עס לייטערט זיך אוים דער הימעל, און עס שיינט ווידער אויף די ליכטיגע זון, אזוי האָט יוחנן געהאָפט, אז מיט׳ן אוועקגיין פון הויף וועט זיך אנהויבען פאר איהם א ניי, א זוניג, א פריידיג לעבען!

א פוריטאניש שטעטעל

ביי די ברעגען פון „לאנג אײלאנד סאונד", אין די ניו ענגלענדער שטאטען, א שטעטעל אין קאנעטיקוט, וואוהין די ערשטע פוריטאנער האָבען זיך פארקליבען, ווייל זיי האָבען געוואָלט זיין פריי, און ניט פארפאָלגט, האָבען זיי דאָ איבערגעפלאנצט זייער אייגען לעבען, פון קיינעם ניט געשטערט.

זונטאג אינדערפריה, קלינגען גאטספּורכטיג די קלויסטער גלעקער, פּוצען זיך אוים אלע פּוריטאנער, און מיט געבעט-ביכער אונטער די אָרעמס, און אין די הענט גייט מען אין „טשוירטש."

די אייגענע מאנירען און טראדיציעס כאפּען ביסלעכווייז אידען. שבת איז דאס טעמפּעל פּוסט, בלויז דער ראביי און א פּאָר עלטערע, צוריקגעצויגענע בעלי-בתים און עטליכע מיידלאך און אינגלאך וואס ווארטען אויף „קאנפערמיישאן" קומען און לאנגווייליגען זיך שבת אין טעמפּעל ביי די סוירוויסעס.

דערפאר אבער זונטאג אינדערפריה, באלד נאכ'ן גלעקערגעקלאנג, גריסען זיך פרום פּוריטאנישע קריסטען מיט יאהודימישע אידען, ווען זיי באגעגענען זיך אויפ'ן וועג צו סוירוויסעס.

קריסטען גייען אין טשוירטש, — יאהודים אין טעמפּעל, מען פיהרט קינדער אין סאנדעי סקוהל, א מנהג אזא ביי אלע דייטשע אידען.

רוסישע און ליטווישע אידען, וואס האלטען זיך ביי אייגענע זיטען און מאנירען האָבען זיך אין קאנעטיקוט ווי אין מיזורי, אין יעדער שטאָדט און שטעטעל, אן אייגענע א רוסישע אדער א ליטווישע שוהל, כדי ניט דארפען זיך איבערמישען און זיך פיהלען ניט באקוועם ביי די דייטשע יאהודים אין זייער טעמפּעל.

איין זונטאג פריהמארגען האָט אין יאהודימישען טעמפּעל פון וואָטערבורי אויסגעבראָכען א שטורם, פון וועלכען דאס שטעטעל איז געגאנגען אויף רעדלאך. דאס וואס איז געשעהן אין טעמפּעל איז פאר א שטיק צייט געוואָרען דאס געשפּרעך פון אלעמען, און וואו מען איז געגאנגען, האָט מען נאָר גערעדט פון דעם סקאנדאל, פון די טוועריסקים, איינע פון די אמאָליגע חשובע משפחות ביי אידען אין דער אלטער היים.

טווערסקי? ניטא קיין טווערסקים ביי אידען וואס זאָלען ניט אָפּשטאַמען פון רבנישען יחוס, פון גוטע-אידען.

— דאס זיינען דאָך געווען די זיילען, די אמאָליגע צדיקים, צו וועמען א וועלט איז געפאָהרען זיך פּראווען, זיך אויסבעטען געזונט און פּרנסה, — האָבען רוסישע אידען, נאָך גרינע פּעד־לערם און שניידערס גערעדט צווישען זיך, ווען זיי זיינען געוואויר געוואָרען וואָס מען רעדט אויף די וואָטערבורי׳ר טווערסקים.

— געהט באקלעהרט א וועלט, דערויף איז עס דאָך אמעריקא, אז ברענען זאָל דאס!״ לעגט אן אנדערער צו און זיפצט.

די מיטגלידער פון דעם טעמפּעל זיינען גאר געווען אונטער־געצונדענע און האבען געפּייערט ווי זיי וואלט געטראָפען דאס גרעסטע אומגליק.

דער שטורם איבער׳ן שטעטעל האָט זיך צוטראָגען באלד נאכדעם ווי יענעם זונטאג זיינען די קינדער פון דער סאנדעי סקוהל אהיימגעקומען פריהער ווי אלעמאל, און זיי האָבען דער־ציילט:

— די טיטשערין, חנה טווערסקי, איז געזעסען מיט׳ן פּרינ־ציפּאל פון „היסטארי קלאס,״

עס איז ניט שעהן, יו נו!״

אַנאנדער מיידעל, צוועלף יאהר אלט, האָט צוגעלעגט —

— געזעסען ביי דעם טיטשער אויף די הענט, אָ מאַי!״

א אינגעל וואס העלפט ארוים ראביי בראון אין „קאנפערמיי־שאן קלאס,״ האָט דערציילט די גאנצע געשיכטע, ווי ער האָט זי בייגעוואוינט:

— איך האָב פארשריבען די נעמען פון אלע קינדער, ראביי בראון האָט מיר געזאגט, אז עס איז שוין צייט צו עפענען דעם אוידיטאריום פאר דעם היסטארי קלאס, און דער ראביי האָט א זאָג געגעבען:

— איצט גייען מיר אלע אריין אין אוידיטאָריום, זינגען די סאנדעי סקוהל לידער, דערנאך וועלען מיר אלע האָבען אונזער לעסאן אין „רעלידזשען״ און היסטארי.״

— נאָר ווען איך האָב געעפענט די טיר, ארייננעלאָזען פריהער דעם ראביי, און דאן געוואָלט ארייגלאָזען די קינדער, האָבען מיר געזעהן ווי חנה זיצט מיט דעם פרינציפאל. דער ראביי איז גע- בליבען שטעהן אויף דער שוועל, און האָט אויסגעשריען:

— מיין גאָט, וואס טוט זיך דא? דאן האָט דער ראביי זיך אויסגעדרייט צו די קינדער און א זאג געטאן:
— קינדער, היינט וועט מען ניט לערנען. גייט אלע אהיים.

די קלענערע קינדער זיינען באלד אנטלאָפען אהיים, נאָר די עלטערע זיינען געבליבען שטעהן, און האָבען נאָך לאנג געקוקט אויף חנה טווערסקין און אויף דעם פרינציפאל וואס האָט זיך ניט געפינען קיין אָרט, האָט געהוסט, ווי עפעס וואלט איהם גע- שטאנען אין האלז, — האָט דאס אינגעל פארענדיגט.

און אזוי האָט יעדעס קינד געהאט עפעס אנדערש צו דער- ציילען.

א לייטישער טאטע שלאָגט איבער, און שרייט אָן אויפ'ן קינד:

— וואָס פלוידערסטו? דאס קינד דערשרעקט זיך און בלייבט שטיל.

דעם זעלבען נאָכמיטאג, ווען אידען האבען זיך געטראפען ביי זייער פינאָקעל שפיל, איז דאס שטעטעל שוין געגאנגען אויף רעדלאך. דער סקאנדאל איז געוואקסען פון מינוט צו מינוט, און אין אווענט האָבען שוין טעלעפאנען געקלונגען צו ראביי בראון, און דער פרעזידענט, מר. גרין, האָט געוואָלט וויסען, צי איז טאַ- קע אמת די גאנצע געשיכטע, און פארוואס רופט מען ניט א בארד מיטינג און מען מאכט ניט א סוף צו אזא „דיסגרעיס,“ און דער קאסירער, רובינשטיין, א איד מיט אַ בייכל, און א שפיץ בערדעל, האָט דורכ'ן טעלעפאן געשריען צו דעם ראביי:

— דער לעהרער, ווי הייסט ער דארט, דער קאזאנסקי, ער האָט דאָך א פאמיליע, פארוואס שווייגט מען? מען מוז די גאנצע זאך גלייך דערליידיגען ביי א בארד מיטינג.

דער ראביי האָט צוגעזאגט, אז אויף מאָרגען אויף דער נאכט, וועט ער רופען א ספעשעל בארד מיטינג, און אויך רופען די „טיטשערס.“

דער באָרד מיטינג האָט געזאָלט זיין אונטער פאַרשלאָסענע טירען, נאָר יעדער מיטגליד פון דער באָרד האָט דאָס מאָל געבראַכט זיין אייגענע ווייב, און נאָך א מיטגליד פון זיין משפחה, און אנשטאט זעכצען באָרד מיטגלידער זיינען געזעסען עטליכע און דרייסיג, ווי צו א ספּעקטאקעל, און אלע האָבען זיך געפּיהלט ווי זיי אליין, וואלטען געווען ריין ווי ערשט געפאלענער שניי, נאר די איינציגע זינדיגע, זיינען חנה טווערסקי, און דער פּרינציפּאל, שלמה קאזאנסקי.

מיסטער גרין, דער פּרעזידענט, האָט זיך געהיצט, און געשריען:

— אוועקשיקען גלייך, אפילו אָהן „נאָטיץ!"

די אנוועזענדע האָבען צוגעבאָמקעט, און אפּלאָדירט, אָבער גרין האָט ווייטער גערעט: — וואָס מיינט איהר, איך וועל זיך פאַרבלוטען. ארומגיין, און אָרומפאהרען מיט מיין מאשין, אייגמאָנען דאָס געלט פאר די „טיטשערס," עס זאָל זיין זיי צו באַצאהלען, און זיי וועלען זיך שפּילען אין „ליובקעס," וואָס מיינען זיי, עס איז הפקר פּעטרושקע! און דער קאסירער, רובינשטיין, האָט אויך ניט געשוויגען.

— מען דאַרף זיי ביידען גיבען דעם דרך, משלח זיין פון סקוהל, און פארטיג אָן עסק!"

מעהר פאר אלעמען האָט זיך געהיצט דער „טראָסטי," וואַלאזשין, א יונגערמאן מיט אַ פּיצל פּנימ'ל ווי ביי א קינד, און מיט אַ קוויטשעדיגער שטימעלע, ער האָט געטענה'ט:

— וואָטערבורי איז שוין היינט ניט דאָס וואָס אמאָל. די „אָרטאָדאָקס" האָבען אויך א סקוהל, און אפילו די „סאָשעליסט," און אפילו די „זאיאָנסטס," האבען א אידישע סקוהל, און אז מען וועט זיך דערוויסען וואָס ביי אונז אין סקוהל טוט זיך, וועט מען אונז ניט גיבען די קינדער. דאַרפען מיר זיין „קעירפול", און „טשיינדזשען" די „טיטשערס," און „דעצאָל!" ביי וואלאזשינען איז די סקוהל געווען די גרעסטע אמביציע.

ווען וואַלאזשין האָט געענדיגט, איז ער געווען רויט, האָט געשוויצט ווי א ביבער.

דערנאָך האָט דער פּרעזידענט אין אן ערנסטען טאָן א זאָג געטאן:

— דזשענטעלמען, דער ווירדיגער ראביי אונזערער, האָט איצט דאס וואָרט, ער איז געווען ביי דער סצענע, ער האָט אהיימגע-שיקט די קינדער, קומט איהם קרעדיט, ער פארשטייט די זאך אמ-בעסטען, און כדי צו מאכען די זאך נאָך ערנסטער, האָט דער פּרעזידענט באמערקט:

— איט'ס ע סיריעז מעטער, יו נאו!"

ראביי בראון ,א טונקעלער יונגערמאן פון א יאהר פיער און צוואנציג, געבוירען אין ארץ ישראל, אויפגעוואקסען אין א חסי-דיש פרומער הויז, האָט געזאָלט זיין אן ארטאָדאָקסישער רב, לויט דעם מוסטער פון זיין פאטער, יחזקאל ברוין, אליין א רב, פריהער אין ירושלים, דערנאָך, ווען ער האָט זיך צוגעשלאָגען קיין אמע-ריקא, איז ער געוואָרען רב אין א קליין שוהלכעל, אין בראנזוויל. זיין זוהן, דוד בראון, האָט דורכגעמאכט א ישיבה, אין נויאָרק, און גלייכצייטיג אויך א קאלעדזש, און צוזעהענדיג אז זיין פאָ-טער, מאכט ניט קיין גרויסע גליקען צווישען די אידען אויף פּיטקין עווניו, אין בראנזוויל, האָט דוד זיך פארקירעוועט און איז פון דער אטאָדאָקסיע גלייך אריבערגעשפּרונגען דעם גרעניץ און איז אוועק אויף רעפארמישע דרכים.

אריבערשפּרינגענדיג דעם גרעניץ האָט דוד בראון ביסלעכ-ווייז אויפגעהערט צו גלויבען אין די אלע עיקרים וואס זיין טאטע און זיינע אָבות-אבותנו האָבען געגלויבט, דוד פלעג זיך שוין אריינכאפּען מיט זיינע אידישע און ניט-אידישע חברים אין א רעסטאראן ארום דעם קאלעדזש, און ווען קיינער האָט ניט גע-זעהן פלעגט ער שוין געהן אויף א שפּאציר מיט ניט אידישע מיידלאך ארום דעם „קעמפּוס," און ווען א ניט-אידישע מיידעל האָט אים אמאָל געמאכט א קאמפּלימענט, אז ער זעהט אויס זעהר „קיוט," האָט דאס איהם שטארק הנאה געטאן, און אין עטליכע טעג ארום האָט ער שוין אפילו מיט איהר געמאכט א „דעיט," אבער כדי אז קיינער זאָל דערפון ניט וויסען, האָט ער דעם „דעיט" גערופען „דזשווירזי," אבער דאס איז אלץ גע-ווען אמאָל.

איצטער איז ער א ראביי. שוין באלד א יאהר ווי ער פיהרט

די קאנגרעגיישאן און ער חברט זיך בלויז מיט די בעלי בתים פון זיין טעמפעל, און ער ווייסט, אז א ראביי טאָר זיך ניט פאַר-גינען די פארגעניגענס וואס אנדערע פארגינען זיך.

ער האָט אן אייגענע, שיינע ווייבעל, בוני, און קיין גוטע שטעלעס וואלגערען זיך ניט. ער וועט דאָך ניט גיין שטעלען אין געפאהר זיין רעפוטאציע.

פלעזשור האָט ראביי בראון נאר אין דער זומער וואקאציע, ווען ער פאהרט ארויס אין די ווייסע בערג, דארט קען איהם קיי-נער ניט. אבער אין וואטערבורי איז ער דאך דער גייסטיגער פיה-רער, דארף ער אויפהיטען די מאראל, און זעהן, אז עס זאָל אויף דער „קאמיוניטי" קיין פלעק ניט פאלען.

איידער ראביי בראון איז געגאנגען צו דעם משפט, האָט ער געשיקט רופען צו זיך דעם לעהרער, שלמה קאזאנסקי'ן, און אויך דאס מיידעל, חנה טווערסקי.

קאזאנסקי איז געווען א בחור פון א יאָהר צוויי און צוואנ-ציג, א הויך וואוקסיגער מיט שווארצע געקרייזעלטע האָר, מיט א הויכען שטערען, וואס ווייזט אויף למדנות, א פּאָר קלוגע, שווארצע אויגען, לויפענדיגע, וואס קענען אריינדרינגען טיעף און דערקענען וואס עס טוט זיך ביי א מענשען אינווייניג.

א מענש, וועלכער האָט פון אוקראינע מיטגעבראכט דערפא-רונג אין לערנען מיט קינדער, ווייל ער איז אינדערהיים פון פופ-צען יאהר אן שוין געווען א לעהרער אין אוקראינער דערפער. דארטען האָט קאזאנסקי, פון איין זייט, אין זיך ארייגעזאפּט די סביבה, די שיינקייט פון דעם אוקראינער דאָרף; און פון דער אנדערער זייט האָט ער זיך אויסגעלערענט ווי אומצוגיין מיט בעלי- בתים, וועמענס קינדער מען לערענט, אזוי אז מען זאָל זיין בעל הבית איבער די קינדער און ניט אז די קינדער זאלען באלי-באטעווען איבער איהם.

קאזאנסקי האָט אויך באזעסען א צו שנעלען, אויפפלאמענדי-גען טעמפעראמענט.

ווען ער איז אנגעשטעלט געוואָרען פאר א לעהרער אין וואַ-טערבורי, האָט ער זיך פריהער גוט דורכגערעדט מיט ראביי בראון, און ער האָט דעם ראביי דערקלערט:

— איך בין ניט קיין רעפארמער, אפילו ניט קיין קאנסערוואַ-טיווער, א פשיטא שוין ניט קיין ארטאדאקסישער איד.

— דאס גייט מיך ניט אָן, — האָט ראביי בראון איהם דאַ-מאלס געענטפערט און צוגעלעגט.

— מיר דארפען א פעדאגאָג, וואס פארשטייט ווי אזוי מען דארף היינט דערציהען א אידיש קינד, דורך טאלעראנץ, און אזוי לאנג ווי איהר וועט טאן אייער ארבייט ריכטיג, קענט איהר ביי אונז האלטען די שטעלע און מאכען א פיין לעבען.

דערויף האָט דאן קאזאנסקי געענטפערט:

— אַ פעדאגאָג בין איך, און ווייס וועלכע מעטאדען צו באַ-נוצען, און איך ווייס ווי אזוי אויסצואיבען איינפלוס אויף א קלאס, און אז מען דארף ווייזען די בעלי-בתים, אז אלע וואָך ווערט אין דער שוהלע געמאכט פראָגרעס.״

— דאָס איז דער עיקר, האָט ראביי בראון מסכים געווען, און ער האָט אָנגעשטעלט קאזאנסקי'ן אויף א טערמין פון א יאהר צייט.

ער האָט איהם אויך דערציילט, אז ער, בראון, איז דער פרינ-ציפאל, אבער אזוי ווי א ראביי האָט אלערליי פליכטען, און איז שטארק פארנומען, ניט נאר מיט דער אידישער „קאָמיוניטי,״ נאר טאקע אויך מיט ניט-אידישע ענינים, וועט דער פאקטישער פרינציפאל דארפען דער לערער זיין ער, קאזאנסקי, און האבען די אויפזיכט אויך איבער די אנדערע, צוויי קלענערע קלאסען, וואו עס לערענט די פריילין טווערסקי, טאקע א חיגע מיידעל, א גאנץ פיינע, א באלעבאטישע, פון רבנישען יחוס..

— וואס עס איז שייך פרומקייט, האָט ראביי בראון דאן באַ-מערקט, נו, דאס איז זיך א פריוואטער ענין. יעדער מענש איז אזוי פרום ווי ער פיהלט, ווייל ווער איז שוין היינט אמת פרום?

קאזאנסקי האָט אפגעלערענט א פיער חדשים, און אלע זיי-נען געווען פון איהם זעהר צופרידען. און דאס וואָס מען פלעגט איהם זעהן פארלאָזען די שוהלע, נאָכ'ן לערנען, צוזאמען מיט „מיס״ טווערסקי'ן, איז קיינעם ניט איינגעפאלען אויסצוטייטשען שלעכט. נאכאלעמען זיינען זיי דאָךביידע לעהרער, און עס איז

נאטירליך, אז לעהרער זאלען נאכ'ן קלאס האבען געמיינשאפט-ליכע ענינים ארומצורײדען.

איצטער, פאר דעם מיטינג, איז קאזאנסקי געזעסען ביי דעם ראביי אין סטודיא. זיי זיינען געוועזן אונטער פיער אויגען, און ווען קאזאנסקי האט א זאג געגעבען, אז ער איז איבערראשט, וואס דער ראביי האט נעכטען געמאכט אזא ווערזען, און זיך אויפ-געפיהרט ווי אן עכטער אוטאקראט, ווען ער האט צולאזט דעם קלאס, האט ראביי בראון זיך צורעדט:

— איך בין זעהר אנטוישט אין אייך. איך האלט, אז איהר זייט א פיינער לעהרער. די קינדער האבען אייך ליעב, און זיי האבען א סאך אויפגעטאן אין די עטליכע חדשים, אבער מיין גאט, ווי אזוי טוט עס א מענש אזא זאך!

— וואס פאר א זאך?, וואס האב איך עס אזוינס געטאן, וואס מאכט איהר פאר א ווערזען פון דעם גאנצען ענין?, האט גאר קאזאנסקי גענומען א העכערען טאן פון דעם ראביי, און ער האט איהם ניט געלאזען ריידען.

— איהר הערט מיך, ראביי בראון, איהר זענט געגאנגען אין א קאלעדזש, יא? איהר האט געהאט לעהרער? און לעהרער, אלע לעהרער זיינען לעבעדיגע מענשען, און א לעבעדיגער מענש איז ניט אויסגעגאסען פון איין שטיק טעג, און לעבט ניט ווי זיינע פיליסטערישע בעלי בתים און דיקטאטארען ווילען, נאר ווי א לעבעדיגער מענש דארף לעבען.

ראביי בראון האט געשוויגען, און קאזאנסקי האט ווייטער גערעדט:

— וואס אזוינס איז דא געשעהן? וואס האט איהר געזעהן? די טווערסקי איז געזעסען אביסעל צו אינטים מיט מיר, נו, איז וואס? וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען? איהר האט דאך ניט באמערקט אז זי זאל חלילה זיך געווען ערגערען פון דעם, איז וואס?

—ווי איהר רעדט דאס, מר. קאזאנסקי, האט דער ראביי זיך גערויטעלט. — זייט פארזיכטיג! א מענש דארף ניט ארויסריידען אלע זיינע געדאנקען אין דער הויך! נאכאלעמען, פארגעסט ניט, אז איהר זייט א לעהרער אין א פוריטאניש שטעטעל, אין קאנע-

טיקוט, און מיר האָבען צו טאַן מיט א געזעלשאפט, פון „בעביטס."
איהר האָט דאָך געווים געלייענט „בעביט," דארפט איהר דאָך
קענען דעם גייסט פון די דאָזיגע קליינע שטעטלאַך. . .

— אז איהר ווייסט עס יאָ, האָט איהר טאקע געמעגט זיך
שעמען! איהר האָט נעכטען פאראורזאכט אזא סצענע! איהר האָט
צושיקט די קינדער. א סאך גלייכער וואָלט געווען, ווען איהר
מאכט ניט קיין ווענען, און פארווישט די גאנצע סצענע, האָט
קאזאנסקי געמאכט פארוואורף דעם ראביי, און צוגעלעגט:

— אבער וואס האָט איהר מיך גערופען אהער צו זיך, מוסר
מיר זאָגען? איך בין ניט אין סלאָבאדקער ישיבה! קיין מוסר
וועט מיר שוין ניט העלפען. זאגט מיר, וואס ווילט איהר טאָן?

— עס טוט מיר זעהר לייד, האָט ראביי בראון א זאג געגע-
בען. — היינט אויף דער נאכט, ווילען מיינע בעלי בתים אייך
משפט'ן!

— משפט'ן, האָט קאזאנסקי זיך אויפגעהויבען און זיך גע-
שטעלט אנטקעגען דעם ראביי, און ווייטער גערעדט:

— משפט'ן, ווער האָט מיך דען אָנגעקלאָגט, אז מען זאָל
מיך דארפען משפט'ן? קאזאנסקי האָט איראָניש א שמייכעל גע-
טאָן און צוגעלעגט:

— איך בין זיכער אז צווישען אייערע בעלי בתים זיינען מן
הסתם פאראן א היבש ביסעל מענער, וואס באגייען ענליכע
„חטאים," ווי דאס וואס זיי ווילען פארברייגגען געגען מיר, און
דאָך, משפט זיי קיינער ניט.

ראביי בראון איז רויט געווארען, אבער ער האָט געשוויגען.

קאזאנסקי האָט ווייטער גערעדט:

— געדיינקט איהר וואס קריסטוס האָט געזאגט צו יענעם
המון, וואס האָט געוואלט פארשטיינגען די זונה?:

— זאָל יענערווארפען דעם ערשטען שטיין, וואָס ער איז
אליין ריין פון זינד!" איהר געדיינקט, ראביי בראון?

— צוויי שלעכטע זאכען, מאכען נאָך ניט קיין איין קרומע
זאך גלייך, האָט ראביי בראון געענטפערט.

— ווער זאגט אייך, אז דאס איז אזא קרומע זאך? האָט קאַזאנסקי א זאג געטאן. עס איז א נאטירליכע זאך. די טווערסקי איז זעהר א ליב מיידעל, איהר אליין האָט דאָס מיר געזאגט, נאך איידער איך בין אנגעקומען צו אייך אין וואטערבורי. איז וואס איז דא פאר אן עולה? קיין פארברעכען בין איך ניט באגאנגען, און זי אויך ניט. וואס זשע קריכט מען מיט ניט-קיין ריינע שטיוועל צו מענשען אין די הערצער אריין?

— קאזאנסקי, איהר זייט דאָך א פארהייראטער מאן! האָט ראבביי בראון געפונען א תירוץ, און זיך געראטעוועט פון קאזאנסקי'ס אטאקע. דערביי האָט ער ווייטער גערעדט: — איהר דארפט פארשטיין, אז נאָכאלעמען איז בכלל ניט שעהן, ווען א פארהייראטער מאן האָט עסקים מיט אנאנדער פרוי, מיט א מיידעל. עס איז ניט געזונט פאַר דער פאמיליע.

— דאס איז אבער א פריוואטער ענין, און א ראבביי דארף זיך נאר דאן אריינמישען, ווען מען קומט צו איהם זיך פארגלייכען, גט'ן, און דעסטגלייכען, — האָט קאזאנסקי געטענה'ט.

— איהר זייט דאָך אָבער פּאָרט אונזער לעהרער, אונזער פּאקטישער פרינציפּאל, און דער דערציהער פון אונזערע קינדער, פון וועמען זיי דארפען זיך אָפּלערנען גוטע זיטען, מאראלישע מדות. עס איז ניט שעהן, איהר פארשטייט,? האָט ראבביי בראון איהם געטאדעלט.

— ניין, איך פארשטיי ניט. א לעהרער האָט אויך זיין פריוואטע רעכט זיך אויפצופיהרען לויט זיין אייגענעם געפיהל און געשמאק. עס בלייבט א פריוואטער ענין צווישען מיר און טווערסקי'ס מיידעל, — איז קאזאנסקי באשטאנען אויף דאס זייניגע.

— פארגעסט ניט, קאזאנסקי, — האָט ראבביי בראון גענומען בייטען דעם טאן, און איז געווארען א סאך ווייכער:

— פארגעסט ניט, אז ביי מיר, פערזענליך, וואלט איהר נאך אפשר געוואונען, אָבער האָט אינזינען מיט וועמען איהר האָט דא צו טאן. נאכאלעמען איז דאס א „קאמיוניטי,״ א קליין שטעטעל. די בעלי בתים זיינען זיי. דעם טשעק דארף גרין, דער פּרעזידענט, אונטערשרייבען, און ווען עס איז אמאל ניטא אין קאסע, דארף ער ארייןלעגען די האנד אין דער אייגענער קעשענע, און דערוייל

אויסלעגען די שכירות פאר אייך און פאר דער טווערסקי, און דעריבער מוזט איהר זיך מיט איהם רעכענען!

— ניין, דעריבער דארף איך נאר לערנען ריכטיג, און ווען מיין לערנען איז ניט צופרידענשטעלענד, וועט זיך ענדיגען מיין טערמין, וועט מען מיר ניט באנייען מיין קאנטראקט. דאס אלעס! אָבער משפט׳ן מיך, מיך צוטראגען אויף טעלערלאך, מיך אריינ- נעמען אין די מיילער, דאס שמעקט מיט בטלנות, מיט נארישע קליינשטעטעלדיגקייט, און איך זאג אייך פאראויס, אז איך וועל היינט צו דער זיצונג, אדער, משפט, ווי איהר רופט דאס, ניט קומען. נאָכמעהר, די טווערסקי וועט אויך ניט קומען, אפילו ווען איהר זאָלט מארגען ברייגען נייע לעהרער.

ראביי בראון איז נאָך ווייכער געווארען:

זייט זשע ניט קיין עקשן, קאזאנסקי, און טוט ווי איך הייס אייך. איהר בעסער, קומט צו דער זיצונג, איך וועל זעהן זיין אויף אייער זייט, אויף וויפיל עס וועט זיך לאזען. אפשר וועלען מיר זיי איינשטילען, בארואיגען, און זאָל דער לימוד ניט איבער- געריסען ווערען.

— איך האָב ניט קיין חשק צו טרעפען אָט די אלע אידען, — און ער האָט פארענדיגט:

— איך וויל זיי ניט גיבען אפילו די סאטיספאקציע אז זיי זאָלען מיינען, אז איך פיהל זיך זינדיג אנטקעגען זיי, און טוט מיר א טובה און גיט זיי איבער אין מיין נאָמען וואס איך דיינק וועגען זיי.

— האלט אייער מיינונג וועגען זיי ביי זיך, עס איז א סאך געזונטער, אז איהר זאָלט ניט ארויסריידען אלע אייערע אמתע געדאנקען אין גאס אריין, איהר דער׳הרגעט אליין אייער שטעלע, האָט ראביי בראון געענטפערט.

— סיי ווי סיי, איך זאָג אייך ניט צו. איך וויל זיך פריהער דורכריידען מיט דער טווערסקי, און זעהן ווי זי פיהלט וועגען דעם גאנצען ענין.

קאזאנסקי איז אוועקגעגאנגען און ער האָט דעם ראביי ניט צוגעזאגט, אויף באשטימט אויב ער וועט דערשיינען צו דעם משפט.

פון דארטען איז ער ארוים אין גאס, און פון א טעלעפאן שטיבעל האָט ער אָנגעקלונגען צו דער טווערסקי און א זאג געטאָן:

— טרעף מיך אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק, עס איז זעהר וויכטיג, חנה'לע, אבער גלייך."

חנה טווערסקי

חנה טווערסקי איז געווען א בת יחידה ביי איהרע עלטערען. זי איז געווען ביי זיי דאס אויג פון קאָפּ, און זעהר א צו־פּיעשטשעטע.

וועגען איהרע עלטערען זיינען אין וואטערבורי אומגעגאנגען אלערליי לעגענדארישע מעשיות, און ווייל שלום טווערסקי, חנה'ס פאטער, איז געווען א רבני'שער זוהן אבער ער האָט זיך אויפגע־פיהרט ווי א פּראסטער געוויינטליכער מענש, איז געווען אן אר־בייטער, אַ פענסטער־פּוצער, און א הויז־רייניגער, האָבען דאס מענשען אויסגעטייטשט צום שלעכטען. אנשטאט צו באוואונדע־רען אַ מענשען, וואָס ווייל ניט זיין פּארמישט מיט קהל'שע געשעפ־טען, וויל קיינעם ניט חנפ'נען, נאר זיין א זעלבסטשטענדיגער מענש, לעבען פון דעם, וואס ער פארדינט מיט דעם שוויים פון זיין געזיכט, זיינען די אידען אויף שלום'ן געווען אויפגעטראָגען, און מען האָט דאס איהם פאררעכענט פאר א חטא.

— אַ רבינ'ס א זוהן, האָט געמעגט פיהרען אביסעל אנאנדער סאָרט לעבען! האָבען שטאָט בעלי בתים געמורמעלט, און אין איינוועגס, האָט מען צוגעלייגט אלערליי מעשיות, וואס האָבען אליץ גערעדט געגען שלום טווערסקי.

— א רבינ'ס א זוהן, און קומט אפילו ניט שבת אין שוהל אריין. מען שמועסט אפילו, אז שרה, די שלומ'קע, איז אפילו אביסעל געכאפּט אין הלכות מילכיגס און פליישיגס. . . א שיינע רבנישע פאמיליע!. . . ניטא וואס צו רעדען!

חנה איז דערצויגען געווארען אונטער איהר טאטענ'ס השפּעה, די אידישע און העברעאישע לימודים האָט ער זי אליין אונטער־ריכטעט, און ניט נאָר האָט ער זי געלערענט די שפּראך, נאָר ער האָט זי דערצויגען אין דעם גייסט, וואס איז איהם אליין געווען נאָהענט צום הארצען, ווייל שלום טווערסקי איז שוין געווען דער

צווייטער דור, וואס האָט זיך אפגעריסען פון דער קעיט, ווי ער אליין פלעגט זיך אויסדריקען. די קעיט, האָט ער געמיינט, די גוט-אידישקייט, פון וועלכער די טווערסקי׳ס זיינען ארויסגעקומען. דאס איז געוועזן די משפחה פון גוטע אידען, פארקניפט און פאר-בונדען מיט די טשארטקאווער, די הוסיאטינער, און מיט די איי-ניקלאך פון אפטער רב, הרב אברהם יהושע העשל פון אוקראינע. די זינקעווער און קורילאָוויצער.

שלום׳ס טאטע האָט דער ערשטער איבערגעריסען די קעיט, ער האָט געמוזט עוקר זיין ניט נאר פון קורילאָוויץ, נאר פון גאנ-צען געגענט אנטלויפען, ווייל די חסידים זיינען איהם דערגאנגען די יאהרען, האָבען איהם גערודפט, פארפאלגט, ווייל ער האָט זיך נוהג געווען לויט זייער מיינונג, ניט ווי א גוטען-אידענ׳ס א קינד, און זיי האָבען איהם לאנג ניט געקענט מוחל זיין, פארוואס ער האָט איבערגעריסען די קעיט.

שלום אליין, איז שוין אפילו ניט געווען אזוי פרום ווי זיין טאטע, יוחנן.און חנה, שלום׳ס טאכטער, באקומענדיג איהר ערש-טען אונטערריכט פון איהר אייגענעם טאטען, איז שוין דערנאָך אוועק אינגאנצען אויף אנדערע דרכים, פון וועלכע איהר טאטע האָט שוין אפילו ניט גע׳חלומט.

שלום איז געגאנגען אזוי ווייט, אז איהם האָט פאראינטערע-סירט די אידייע פון דאקטאר הערצל, און ער האָט געהאלטען, אז אידען דארפען ארייננעמען דעם שיקזאל אין די אייגענע הענט אריין, און זיך אנהויבען כאטש טיילווייז זיך ארויסציהען פון די גלות-לענדער, און האָבען ערגעץ אן אייגען ווינקעל, א מקום מנוחה פאר גערודפטע, געפלאגטע אידען.

א גאנץ אנדער קוק אויף דעם לעבען האָט חנה טווערסקי געהאט.

זי פלעגט זיך צוכאפען קיין נויאָרק, וואו זי האָט באזוכט פרייע לעקציעס ,און דורך די לעקציעס האָט זי זיך נעהענטער באקאנט מיט דער אידייען וועלט, און זי איז נאָך גאָר אין דער יוגענט געווארען א פרייער מענש. „רענד סקוהל״, דער ארבייטער-אינסטיטוט, דער „ארבייטער-קאלעדזש,״ דאס זיינען געווען די שולען, וואס חנה האָט באזוכט, און איינאיינעם מיט די לימודים פון סאציאל-עקאָנאָמיק איז ביי איהר געגאנגען די לעהרע וועגען רעליגיע, בעסער געזאגט, „די שעדליכקייט פון רעליגיע.״

און אויב דער טאטע איז געווען א מיטגליד אין א ציוניסטישען פאראיין, און האָט יוצא געווען דערמיט, וואָס ער צאָהלט א שקל, איז חנה אָבער שוין געוואָרען איינגאנצען א געגנערין פון ציוניזם, ווייל „זי זעהט ניט קיין לייזונג אין דעם,״ וואָס אביסעל אידען וועלען ווערען קאָלאָניסטען.

ווי א סאך אַנדערע, איז חנה פארכאפּט געווארען פון „רעוואָלוציאָנערען שטראָם״, וואס האָט זיך ארייגעריסען נאך דעם אויסגאנג פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען אין רוסלאנד איז געקומען צו שטאנד די סאָוועטישע מאכט.

חוץ וואס שלום טווערסקי האָט געצאָהלט א שקל, האָט ער זיך מיט דעם ציוניזם ניט אָפּגעגעבען. עס איז אין דעם שטעטעל קיין ציוניסטישער פאראיין ניט געווען. די פּועלי ציון זיינען פאר איהם געווען „צו ראדיקאל,״ אזוי איז שלום געווען א תלוי באויר, איינער וואס איז געהאנגען ווי אין דער לופטען, א מענש אהן א פּראָגראמע.

ארבייטענדיג ביי די פענסטער, דאס פּוצען און רייניגען, איז א קאטארזשנע ארבייט, וואס מאכט מיעד אפילו דעם גרעסטען גבור, עס איז אן אנגעשטריינגטע ארבייט, צו שטעהן אויף א „סקאפאָלד,״ אדער אויף א ברעג פון דער פענסטער שוועל, שטעלענדיג דאס לעבען אין קאָן. נאָך אזא טאג ארבייט, פאלט מען אריין אין הויז, שוין אזוי מיעד, אז מען איז גערן, אז מען קען אָפּרוהען די ביינער.

אבער אזוי עהרליך איז שלום געווען צו חנה׳ן, אז אין דעם פינפטען יאהר וואס ער האָט זי געלערענט, האָט ער זיך ניט געשעמט, און איהר א זאג געגעבען:

— קינד מיינס, ביז אהער, ווייס איך, מעהר האב איך פאר דיר קיין תורה ניט. דו וועסט זיין אין נויאָרק, און זיך אליין אויסקלייבען דיין וועג. דו קענסט נעמען א קורס דורך קאָרעספּאָנדענץ, אָדער אויב דו ווילסט, קענסטו זיך פארשרייבען אין א סעמינאר, און זיך פארפולקאָמענען, ביז דו וועסט קענען האלטען א שטעלע אין א אידישער שוהלע אלס א לעהרערין.

פאר זיין אויפריכטיגקייט האָט חנה איהם באוואונדערט. נאָר ווען ער האָט צוגעלעגט: — נאר איין זאך וויל איך דיך בעטען,

קינד מיינס — ביי דיין פאָלק זאלסטו בלייבען. מיר, דיין זיידע און איך, האבען אויך גערישען קעיטען, און איך זעה, אז אויך דו, קינד מיינס, ביזט אן אומרואיגע, א טעמפעראמענטפולער מענש, ווי מיר אלע זיינען. אבער דו זעהסט, אידען זיינען מיר געבליבען. מיר האָבען בלויז די משפחה קעיט צוריסען, אבער מיט'ן פאָלק זיינען מיר געבליבען. . .

אפנים, אז שלום האָט גלייך באמערקט, אויף וועלכע וועגען חנה ציהט זיך. ער האָט זיך געשראָקען דערפאר, און האָט גע־מיינט, אז מיט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער געטאן אלץ וואס א אידישער טאטע דארף טאָן, אום מדריך צו זיין א קינד, אז דאס זאָל ניט ארונטערגיין פון גלייכען וועג.

אבער חנה איז שוין אינגאנצען קיין גלויביגע ניט געווען, און עס פלעגען אין נויאָרק נגעבען ווערען לעקציעס איבער אנאר־כיזם און אטעאיזם, איז זי תמיד גרייט געווען צוצופאהרען קיין נויאָרק צוליב דער לעקציע, און זי האָט געשלונגען יעדעס ווארט, עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז דאס עפענט איהר די אויגען, זי זאָל ניט אומגיין ווי א בלינדע, ניט טאפען אין דער פינסטער.

זי האָט אויך באזוכט לעקציעס וועגען געשלעכט, און איז געווארען א הייסע אנהייגנערין פון דער פרוי זינגער, וואס האָט אוועקגעלעגט איהר געזונט, אויף אויפצוקלעהרען פרויען, ווי אזוי צו פארמיידען דאס פרוכפערען פון מעהר קינדער, וויפיל זייערע אומשטענדען האבען זיי דערלויבט. די געשלעכט פראגען האבען איהר זעהר יונג אין לעבען אָנגעהויבען אינטערעסירען, זי האָט א סאך געליינט וועגען דעם, און איז אלעמאל געבליבען ניט צו־פרידענגעשטעלט.

און דא איז זי אין א קליין שטעטעל, ווינציג אידישע געזעל־שאפט, און די געזעלשאפט קוקט אויף איהרע עלטערען און אויף איהר אליין ווי אויף ניט זייער גלייכען.

כדי צו פארטומלען זיך, איז זי אוועקגעפאָרען קיין נויאָרק, זיך באשטעלט דעם קורס פאר לעהרערין דורך קאָרעספאָנדענץ, האָט פלייסיג געלערענט, און גלייך נאָך דעם עקזאמען, האָט זי זיך געווענדעט צו ראביי בראון, זי האָט אויף איהם געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק, און ער האָט איהר געגעבען די שטעלע ביי זיך אין שטעטעל אלס לעהרערין פון אן אָנפאנגער־קלאס.

איהר פרייען טאג פלעג חנה פארוויילען אין נויארק, אין דער ביבליאטעק אדער אויף די לעקציעס.

א פאר מאל האט זיך איהר יא אויסגעוויזען, אז די בחורים, די לעהרער אין נויארק, זיינען אינטערעסאנט, און זי איז מיט זיי ארויסגעגאנגען, אבער גלייך נאך דעם טעאטער, ווען זי האט דערזעהן ווי ציניש, די בחורים זיינען, און אז זיי ווילען פאר דעם פרייז פון דעם ביליעט אין טעאטער, אדער די וועטשערע, פאר וועלכע זיי באצאהלען פאר דער מיידעל, ווילען זיי טאקע באלד, דעם אייגענעם אויפדערנאכט, דאס גאנצע מיידעל, האט זי אויף זיי אן אומ'חן געווארפען און איז מיט זיי מעהר ניט אויס-געגאנגען, סיידען עס איז געגאנגען א גאנצע גרופע, און זי איז געווען זיכער, אז דער בחור וועט זי ניט שטעלען אין א פארלע-גענהייט.

— צו געהן מיט א בחור אזוי ווייט ווי ביז איבער'ן גרעניץ, האט זי געטראכט, איז אפשר אויך ניט קיין פארברעכען, אבער דער בחור דארף מיך שטארק פאראינטריגירען אזוי אז מיר זאל זיך לוינען צו באצאהלען דעם פרייז.—דאס איז געווען דער ענט-פער, וואס חנה האט געגעבען די בחורים, וואס האבען זי גענומען אין טעאטער, און האבען שוין אפילו, זיצענדיג מיט איהר אין טעאטער, געבלאנזשעט מיט די הענט אין פלעצער, וואו עס איז ניט שיין, אין דער עפענטליכקייט. בכלל פלעגט זי טראכטען:

— אפילו אויף אזעלכע זאכען מעג א בחור אויך ווארטען אויף אן איינלאדונג. . . און דער עיקר, — אז מען נעמט איינמאל ארונטער דיין האנט פון דעם פלאץ וואו דו האסט זי ניט גע-דארפט ארויפלעגען, דארף מען ניט זיין שוין קיין דבר אחר און נאך אלץ שטופען הענט אהין וואו מען דארף ניט!”

מיט דער צייט האט חנה זיך דערוואוסט, אז אזוי זיינען אלע בחורים און א סאך מענער, עס איז א נאטירליכע שוואכקייט פאר וועלכע מען קען זיי אפשר ניט באשולדיגען, אבער וואס איז זי זיי שולדיג? זי קען דאך זיך ניט לאזען ארומנעמען פון יעדען בחור, מיט וועמען זי האט זיך ערשט באקאנט, און וועט איהם אפילו מעהר קיינמאל אין די אויגען ניט וועלען אנזעהן! און דערצו צורייצען זיי דיך, זיי צושפילען דיך, פארשאפען דיר פי-זישע אומבאקוועמליכקייטען, דיין טעמפעראמענט שטייגט, דו

ביזט צורייצט, און איינמאל זיך נאָכגיבען איז דאָך קיין גרענייץ ניטאָ.

דערנאָך קומען שלאָפלאָזע, אומרואיגע נעכט, דאס בלוט קאכט, דער קערפּער איז צופלאמט. עס שטעהען אָן געשלעכטליכע באגעהרען און פארלאנגען, די ברוסט רייסט זיך צום ארויס-שפּרינגען, נאכדעם ווי דו ביזט ארויסגעגאנגען מיט א בחור, און ער האָט דיך צושטיפּט, צושפּילט, צורייצט, און ערשט — דו ביזט א פרוי, דו ווייסט וואס די קאָנסעקווענצען קענען זיין, און דו דארפסט זיך היטען, דו ווילסט ניט פאר א מאָמענט פארגעני-גען און געשעלעכטליכען גענוס באצאהלען מיט דיין יוגענט, מיט דיין פרייהייט.

גאר אנאנדער געפיהל האָט חנה געהאט צו דעם לעהרער קא-זאנסקי, גלייך דעם ערשטען טאג פון זיין אנקומען אויף דער שטעלע. דער ראביי האָט אריינגעפיהרט קאזאנסקי׳ן צו איהר אין קלאס, האָט איהר א זאָג געגעבען:

— פריילין טווערסקי, באקענט זיך. דאס איז דער נייער לעה-רער, דער פּרינציפּאל, קאזאנסקי, און איך האָף, אז איהר וועט ביידע קאאפּערירען און זיך איינטיילען מיט דער שוהל-ארבייט, אזוי אז אלע זאלען זיין צופרידען.״

קאזאנסקי האָט אויסגעשטרעקט א האנט, חנה האָט אויפגע-הויבען איהרע אויגען, און איהם אויך דערלאנגט א האנט, און באלד, ביי דעם ערשטען איינדרוק, האָט זי דערפיהלט ווי א היי-סער שטראָם איז איהר דורכגעלאָפען דעם גאנצען קערפּער. — זעהר איינגענעמען, מר. קאזאנסקי, האָט חנה געענטפערט, און צוריק ארויסגענומען איהר האנט, ווייל זי האָט דערפיהלט, אז אנדערש וועט זי זיך פארראַטען.

דער מענש האָט אויף איהר גלייך געמאכט א ווירקונג און אן איינדרוק, ווי זי וואלט איהם שוין געקענט פון פריהער.

דער ראביי איז ארויס פון קלאס, און האָט געבעטען קא-זאנסקי׳ן, ער זאָל, אויב ער וויל, עקזאמענירען איהר קלאס, אום צו קענען אורטיילען פאר די עלטערע קינדער, וועלכע דארפען שוין איבערגיין אין א העכערען לימוד.

— ניט היינט, — האָט קאזאנסקי געענטפערט, און האָט זיך אוועקגעזעצט ניט ווייט פון איהר, באמערקענדיג:

— היינט וועל איך נאָר זעהן ווי איהר לערנעט. נאָכ'ן לערנען, וועלען מיר כאפּען א שמועס וועגען די מעטאָדען וואס איהר באנוצט, און זעהן וואָס איהר האָט דערגרייכט מיט די קינדער.

די ערשטע עטליכע מינוט, האָט זי, אָנפיהרענדיג מיט'ן קלאַס, זיך געפיהלט ווי פארלוירען. נאכאלעמען איז דאס געווען איהר ערשטע שטעלע, און זי האָט שטארק זיך געשראָקען טאָמער וועט זי ביי איהם ניט אויסנעמען.

אבער איהר גאנצע שרעק איז געווען אומזיסט.

אויסהערענדיג עטליכע קינדער, האָט קאזאנסקי געשמייכעלט און באמערקט:

— אויסגעצייכענט. די מעטאָדע געפעלט מיר זעהר!

ווען דער קלאַס איז געווען אריבער, זיינען זיי צוזאמען ארויסגעגאנגען, און קאזאנסקי האָט א זאָג געגעבען:

— און איצט, דערציילט מיר, וואס איז דאס פאר א שטעטעל? ווי אזוי פארברייננגט איהר אייער פרייע צייט? א מענש דארף דאָך האָבען סביבה אין וועלכער ער זאָל זיך אויסלעבען."

— מיין פריינט, — האָט חנה אָפענהערציג א זאָג געגעבען, קיין סביבה האָב איך דאָ ניט. קיין קרייז אויך ניט. עס איז דאָ דער ראביי, און די בארד אוו דירעקטארען, וואס קומען אמאל אריין א קוק טאָן אויפ'ן קלאַס, און שוין! ווייטער גארניט. נויאָרק איז נאָהענט, דאס איז נאָך א שטיקעל גליק. מען כאפּט זיך אמאָל צו קיין נויאָרק, איז דאס אויך פארבונדען מיט שוועריגקייטען. מען דארף זיך שלעפּען שטונדען לאנג אהין, און אויב מען בלייבט צו א טעאטער פארשטעלונג, קומט מען ארויס שפּעט, דערנאָך זיך ווידער יאָגען, איילען זיך צו פאָהרען אהיים, און ניט פארשפּעטיגען די האלבע-נאכט „ספּעשעל"באהן, אזוי, אז ס'באקומט אויך ניט דאס פאהרען קיין נויאָרק.

— אָבער עס איז דאָך ניט מעגליך, אז אין דעם גאנצען שטעטעל זאָלען זיך ניט געפינען נאָך עטליכע אינטעליגענטע פּערזאָנען, מיט וועלכע עס זאָל זיך אמאל וועלען פארברייינגען, — האָט קאזאנסקי געצויגען מיט די אקסלען, און ניט געקענט פארשטעהן.

— נו, אפשר איז דאס מיין שולד, — האָט חנה זיך געווי־צעלט, און צוגעלעגט:

— איך האָב דאָ אין שטעטעל דערווייל קיין אינטעליגענטע פערזאנען ניט באגעגענט. קען זיין, אז עס זיינען יאָ דאָ, מען דאַרף זיי זוכען, אַנטדעקען, דאס וועט שוין זיין אייער ארבייט.

דערנאָך זיינען זיי ארויפגעקומען אויף דער טעמע וועגען לייענען, וואס פאר א ביכער זי לייענט, און ער איז ווידער איבער־ראשט געווארען צו הערען, אז זי איז דוקא גוט באַלעזען, קען אַ סאך פון די קלאסישע שרייבער, וויפיל עס האָט געקענט מעגליך זיין פאר א מיידעל אין איהרע יאהרען.

— איהר דארפט ניט זיין איבערראשט, דאס בוך איז מיין איינציגע רעטונג פון אויסגיין פון לאנגווייליגקייט, — האָט חנה געלאכט. — איך וויים גארניט ווי אזוי איך וואלט געלעבט, וואס איך וואָלט מיט זיך געטאָן, ווען ניט א בוך.״

דאן איז אוועק א שמועס וועגען דער אידישער ליטעראטור, קאזאנסקי האָט אנגעהויבען ארויסזאגען זיין מיינונג:

— יא, געוויס, מיר האָבען שוין היינט א שיינע ליטעראטור, און טאקע א היבשע, ניטא זיך וואס צו שעמען מיט איהר. דאָס מערקווירדיגע דערביי איז, וואס די ליטעראטור אונזערע איז אויסגעוואקסען פאר אונזערע אויגען. אקארשט האָט עס נאָך גע־הייסען „זשארגאָן״, און מען האָט די בעסערע, ליטערארישע שריי־בער געציילט אויף די פינגער. אָט האָט נאָך געלעבט שמ״ר, און געשריבען זיינע ראמאנען פאר דינסטמיידלאך און שניידער־יונ־גען, און אָט האָט זיך א צובליה געטאָן א מענדעלי, פּרץ, שלום אש, און גלייך נאָך זיי א פינסקי און א הירשביין, און צוזאמען מיט זיי נאָך א רייהע יונגע טאלאנטען, א מחיה, א פארגעניגען! מען קען דאָך היינט זיין א אינטעליגענטער מענש, אפילו ווען מען קען נאָר איין שפּראך, אידיש!

— מאָלט אייך, אז דאס איז אביסעלע איבערטריבען, מיט אי־דיש קען מען נאָך אלץ ווייט ניט אוועקגיין. נעמט ביי מיר צו די ענגלישע ליטעראטור און אלץ וואס עס איז אריינגעפיהרט גע־ווארען אין איהר, און איך וועל זיך פיהלען זעהר שלעכט. איך וועל ניט האָבען מיט וואס אויסצופילען מיין ליידיגע צייט, מיינע טעג און נעכט.

— הייסט עס, זייט איהר ניט אזוי שטארק באגייסטערט פאר אונזער אידישער ליטעראטור, — האָט קאזאנסקי א זאג געגעבען, און האָט אין איינוועגס פּרובירט אָנטאפּען איהר פּערזענליכען בליק. איהם האָט זיך שטארק געוואלט וויסען, וואס פאר א קוק א קליינשטעטעלדיגע מיידעל קען בכלל האבען אויפ'ן לעבען.

— וואס זשע מיינט איהר, אז מען וואוינט אין א קליינשטעטעל ווייסט מען שוין גארניט? נשקשה, עפּעס ווייסען מיר דאָ אויך, זארגט זיך ניט, — האָט חנה געשמייכעלט.

זיי האָבען נאָך לאנג שפּאצירט, און ביי דעם צושיידען זיך, האָט חנה א זאג געגעבען:

— איהר זייט געלאדען אויף מארגען צו אונז אויף מיטאג, איהר וועט זיך באקענען מיט מיינע עלטערען, און דערנאָך, אז איהר וועט וועלען, עס וועט אייך זיין אינטערעסאנט, וועט איהר קענען זיצען, אדער גיין אהיים.

—וואס דארפט איהר שוין באצייטענס טראכטען, וואס דערנאָך וועט זיין, איהר האָט מיך געלאדען אויף וועטשערע, עס וועט זיין א כבוד צו קומען און זיך באקענען מיט אייערע עלטערען, און דאס איבעריגע, איז איצט ניט וויכטיג.

קאזאנסקי האָט זי באגלייט ביז צו דער טיר פון הויז, אין דער אמת'ן האָבען שוין ביידע קיין חשק ניט געהאט אזוי גיך זיך צו שיידען, שוין דעם ערשטען אויפדערנאכט. דער אינטערעס פון איינעם צו דעם אנדערען איז געוואקסען גלייך ביי דער ערשטער באגעגעניש.

ביי דער וועטשערע האָט חנה דערציילט, אז דער נייער לעהרער איז היינט געקומען, און אז ער איז זעהר אן אינטערעסאנטער יונגערמאן, שיינט צו זיין א וואוילער בחור. זי האָט אויך אָנגעזאָגט דער מאמען, אז זי האָט איהם געלאדען אויף מאָרגען צו וועטשערע.

די טווערסקי'ס זיינען געוועזן זעהר צופרידען, וואס עס איז צוגעקומען א לעהרער, א מאנסביל, ווייל שטילערהייט אין האר־צען, ווילען אלע טאטע־מאמעס זייער קינד פארזאָרגען, וואס גי־כער, און אויב א לעהרער, א מאנסביל, קען דאָך מעגליך זיין,

אז ער איז נאָך א בחור, און אמאל, ווער ווייסט, מען קען ניט וויסען. . .

ביים טיש איז חנה געזעסען און האָט געטראכט:

— וואס איז דאס? ער איז אינגאנצען דא ערשט עטליכע גע-ציילטע שטונדען, און ער קען איהר שוין פון זינען ניט ארויס. ער שטעהט איהר פאר די אויגען, איהרע געדאנקען זיינען פאר-נומען מיט איהם, און ווי גוט איהר איז געווען ווען זי איז מיט איהם געווען אין שטאָט-גאָרטען אויפ'ן וועג אהיים.

דאכט זיך עס איז דאָרט גאָרניט געשעהן, און דאך, ער האָט זי איבערפילט. איהר אינטערעס אין איהם איז געשטיגען פון מי-נוט צו מינוט. זיינע רייד האָבען זי פאראינטערעסירט, כאטש זי איז ניט אלעמאל געווען איינפארשטאַנען מיט איהם. ער איז אביסעל צופיל פארקאָכט אין אידיש. קען זיין, אז ער איז א ציוניסט. וועט דאס זיין א שטערונג?

דערנאָך האָט חנה א טראכט געטאן:

— נו, און אז א ציוניסט, איז וואס? ער מוז דאס דען דיינ-קען פונקט אזוי ווי זי דיינקט? ווי שטעהט עס געשריבען? און מיטאמאל האָט זי זיך געכאפט, אז שוין דאס וואס זי טראכט נאָך אלץ וועגען איהם, איז עפּעס א מאדנע זאך:

— ווי ווערט מען עס אזוי פארקאכט אין א מענשען, גלייך ביי דער ערשטער באגעגניש? האָט זי זיך אליין פּרובירט מאכען פארוואורף, אָבער איהרע געדאנקען זיינען אלץ געלאָפען אין דער זעלבער ריכטונג, און אפילו ווען זי האָט זיך פארטיג געמאכט צו גיין שלאפען, האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אין איהם.

מאָדנע געדאנקען האָבען זיך אנגעהויבען אריינגנבענען צו איהר:

— איצטער וועט זיין גוט. מאָרגען וועט ער קומען צו וועט-שערע, די ארבייט אין די קלאסען וועט זיי דערנעהענטערען, מען וועט אמאל צוזאמען פאהרן קיין נויאָרק, מיט איהם וועט זי ווע-לען ארויסגיין און פארברייננגען. צו איהם וועט זי האָבען צו-טרויען, ער וועט זיך געווים אויפפיהרען א סאך שענער ווי יענע אַנדערע, יענע נויאָרקער לעהרער, יענע ציניקער, וואס יאָגען זיך

נאָך א קליידעל, גלייך ווי זיי וואָלטען קיינמאל קיין מיידעל ניט אנגעזעהן.

— חנה, דו ביזט א גרויסער נאַר, — האָט זי צו זיך אליין שטיל אין הארצען גערעדט. יענער האָט דיך אפשר אפילו ניט אינזינען, און דו, זינט דו האסט איהם דערזעהן, קענסטו איהם פון זכרון ניט ארויסלאָזען. זאָל זיין גענוג, געה שלאָפען."

מיט א שמייכעל אויף איהרע ליפען איז זי איינגעשלאָפען און אינווענינג אין הארצען האָט זי געוועבט שיינע חלומות פון א נייע לעבען, וואס וועט זיך איצטער אנהויבען פאר איהר, עס וועט מעהר ניט זיין אזוי לאנגווייליג אין שטעטעל, עס וועט זיין מיט וועמען צו פארברייגגען און זיך אויסטוישען מיט געדאנקען.

אויפגעכאפט האָט חנה זיך א מונטערע, פריהער ווי אלע טאג, און דער גאנצער טאג איז איהר געוועזען צו לאנג. די שטונ־דען האָבען זיך געצויגען ווי פון פעך. עס האָט זיך איהר געוואלט אָניאָגען די צייט, ווען די קינדער קומען שוין אין קלאס. חנה איז געקומען אין קלאס פריהער ווי אלע טאג, און דער געדאנק האָט איהר אונטערגעזאגט, אז אויב זי אינטערעסירט איהם, וועט ער אוודאי אויך קומען פריהער, וועלען זיי קענען ריידען, שמועסען.

ווי צונויפגערעדט זיך, האָבען זיי זיך ביידע אָנגעטראָפען לע־בען דער שוהל אין דער זעלבער צייט, און האָבען זיך ווארים בא־גריסט.

— א שאד וואס איך האָב נעכטען ניט פארצייכענט אייער אַדרעס, — האָט קאזאנסקי געשמייכעלט, — איך האָב היינט גע־האט א סאך צייט, און וואלט געוועזען געקענט צוקומען צו אייך אין הויז."

— מיר איז ניט איינגעפאלען, האָט חנה זיך פארענטפערט.
— איך האָב גערעכענט, אז אזוי ווי איהר האָט מיך נעכטען בא־גלייט ביז צו דעם הויז, האָט איהר געוויס אליין באמערקט און פארצייכענט דעם אדרעס.

— און אפשר איז טאקע גלייכער אזוי, אפשר דארף מען ווארטען ביז היינט אויפדערנאכט, אויף דער אפיציעלער וועטשע־רע?, — האָט קאזאנסקי געשפאסט.

— גראד האלט איך עס ניט פאר קיין אפיציעלער וועטשערע,

האָט חנה א זאג געטאָן, און איהר דארפט זיך ניט האלטען אפי-ציעל, פאָרמעל. מיינע עלטערען זיינען טאקע געבליבען גרינע און אַלטמאָדישע, אָבער מיר דיקטירט קיינער ניט, איך בין אליין די בעל הביתטע איבער זיך ביי אונז אין הויז. איך קאָן טאָן ווי מיר געפעלט.

קאזאנסקי האָט געשמייכעלט:

— וואָס זשע איהר האָט זיך אויסגעקעמפט „אויטאָנאָמיע" ביי אייערע עלטערען, זיי זיינען אַלטמאָדישע, זאגט איהר, און איהר אליין זעהט אויס צו זיין א זעלבסטשטענדיגער מענש, האָ? שעהן, זעהר שעהן.

— איך האָב אפילו ניט געדארפט קעמפען דערפאר, האָט חנה איהם באמערקט, איך בין אזוי אלע יאהרען, איך לאָז זיך פון קיינעם ניט באאיינפלוסען, און קיינער קען מיר ניט דיקטירען וואס צו טאָן.

— וואהרשיינליך איז דאס דערפאר, ווייל איהר זייט גוט און פרום, — האָט קאזאנסקי פּרובירט טרעפען.

מאָלט אייך, אז איך בין שוין גאָרניט אזוי גוט און פרום, ווי איהר שטעלט זיך פאָר, — טוט מיר שטארק הנאה, האָט ער גע-לאכט, — אין א קליין שטעטעל, אין וואָטערבורי, און ווי מען האָט מיר שוין איבערגעגעבען, פון רבנ'ישען יחוס, און דוקא א ראדיקאלער מענש, א פּרייגעזאָנענע, דאס איז זעהר אינטערע-סאנט.

— מען האָט אייך שוין איבערגעגעבען, — האָט חנה זיך געוואונדערט. — ערשט איין טאג, און איהר ווייסט שוין אלצדינג.

— איך האָב ניט געזאָגט, אז איך וויים שוין אלצדינג, — האָט קאזאנסקי איהר באמערקט, — אָבער עס איז נאטירליך. מיט א נייעם מענשען רעדט מען, מען דערציילט.

— מען רעדט, אדער מען בארעדט? — האָט חנה איבערגע-פרעגט און איהם געקוקט אין די אויגען.

— ניין, מען בארעדט ניט. יעדענפאלס איך לאָז קיינעם ניט בארעדען! איך האָב ניט קיין אויער פאר רכילות, איך גיב יעדען

מענשען א רעכט צו פיהרען זיין אייגען לעבען, ווייל איך נעם זיך אויך די זעלבע רעכט, האָט קאַזאַנסקי געענטפערט.

חנה'ן איז שטארק געפעלען, וואס ער איז אזוי אָפענהארציג, זאָגט גלייך ארויס זיינע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס. דער מענש איז איהר איצטער נאכמעהר געפעלען.

— איהר וועט אזוי גוט זיין און צוואווארטען אויף מיר נאכ'ן קלאַס, — האָט קאַזאַנסקי איהר אָנגעזאָגט, — איהר וועט געוויס פארטיג ווערען אביסעל פריהער ווי איך.

— גוט, איך וועל ווארטען אויף אייך ביי זיך אין קלאַס, האָט חנה איהם צוגעזאגט.

די איבעריגע צייט האָט זיך נאָך לייגגער געצויגען. חנה איז געוועזן אומרואיג, און זי האָט ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען דעם היינטיגען אויפדערנאכט, ווען קאַזאַנסקי וועט פאר־ברייגגען ביי איהר אין הויז. קיין באשטימטע פלענער פאר דעם אווענט האָט זי ניט געהאט, נאָר עס האָט איהר שטארק הנאה געטאָן, וואס אין שטעטעל איז צוגעקומען אזא פיינער בחור ווי קאַזאַנסקי, זעהר א צוגעלאָזענער, אָן אויסגעשפּראָכענער, זעהט אויס צו זיין א שיינער מענש, מעהר ווי דער דורכשניטליכער „מלמד", האָט זי ניט אויפגעהערט צו טראכטען. זי האָט אפילו ניט געקענט שיינקען די קינדער די נויטיגע אויפמערקזאמקייט. די קינדער האָבען געלייענט, געמאכט אָהן א צאָהל גרייזען, אבער זי איז איצט ווי איננגאנצען ניט געווען אין קלאַס, נאר פארטראָ־גען אין אנדערע געדאנקען, ווייט אוועק פון דאנען, האָט זי זיך פאטראכט, און ערשט ווען א קינד איז צוועקומען, און האָט גע־צויגען איהר אויפמערקזאמקייט, אז עס איז צייט צו געהן אהיים, האָט זי זיך אויפגעכאפּט פון איהרע אייגענע געדאנקען.

דערנאָך האָט זי צולאָזען דעם קלאַס, זיי ארויסגעגעבען היים־ארבייט, און ווען אלע קינדער זיינען שוין געווען אויף יענער זייט טיר, האָט זי פארריגעלט די טיר פון קלאַס אויף א קעיטעלע פון אינוויינינ, געצויגען אויף גיך דעם רויך פון א „קעמעל" סי־גארעט, ביז זי האָט זיך אָנגערויכערט פאר דער גאנצער צייט וואס די קינדער זיינען געווען אין קלאַס מיט איהר. אָפּגערוי־כערט, אויסגעלאָשען דאס פייער פון דעם שטיקעל סיגארעט, האָט זי ווידער געעפענט די טיר, און האָט זיך גענומען ברייננען אין

אָרדנונג, דאס מאל מיט מעהר אויפמערקזאמקייט און פארזיכ-טיגקייט צו זיך אליין, מעהר ווי געוויינטליך.

זי איז געווען אזוי פארנומען מיט איהר טואלעט, אז זי האָט אפילו ניט געהערט אַז קאזאנסקי האָט שוין אויך געענדיגט לער-נען, אהיימגעשיקט זיין קלאס, ערשט ווען ער האָט אָן עפען געמאָן דאָס טירעל וואס פיהרט צו איהר קלאס, האָט זי אויפ-געהויבען די אויגען פון דעם שפּיגעלע, וואס זי האָט געהאלטען אין די הענט, און האָט דערזעהן, אז ער איז דאָ, פארטיג צו גיין מיט איהר צו זיי אהיים.

— נו, מיר גייען?, — האָט קאזאנסקי א זאָג געטאָן. חנה האָט ליבליך געשמייכעלט, און האָט געענטפערט:

— יא, איצט גייען מיר און מיר וועלען מאכען יום-טוב!

— וואס הייסט ביי אייך יום-טוב, אשטייגער?, האָט קאזאנס-קי איבערגעפרעגט, — איהם האָט זיך געוואלט וויסען, ווי אזוי דאס מיידעל קוקט אויף זאכען און אויף מענשען.

— יום-טוב, — האָט חנה ווייטער גערעדט, — א נייער מענש, א גאסט, מען האָט א געלעגענהייט צו פארגעסען דעם אומעט, די לאנגווייל, אין וועלכען ס'קומט אויס צו לעבען אין א קליין שטע-טעל. דאס איז יום-טוב.

— נו, אָנגעלעגט ביי מיר, — האָט קאזאנסקי א צופרידענער געענטפערט, און ער האָט צוגעלעגט:

— זאָל אייך וואויל באקומען!

— פארוואס נאר מיר? זאל אייך אויך וואויל באקומען, — האָט חנה געענטפערט.

— וואָס מיך אנבאלאנגט, מאַך איך יום-טוב יעדען אויפ-דערנאכט און יעדע פרייע שטונדע, און אפילו אינמיטען גאנץ פריה, ווען איך האָב נאר ליידיגע צייט, האָט קאזאנסקי איהר באמערקט.

— דהיינו?

— גאר פשוט, א גוט בוך איז יום-טוב, אָדער אמאָל זעץ איך

זיך אוועק און שרייב אן א שיינע מעשה אדער א ליעד, איז דאס אוודאי א יום-טוב.

זיי זיינען שוין איצט געווען אויף דער גאס, האָבען שפּאצירט מיט לאנגזאמע טריט, ניט ווי צוויי פרעמדע מענשען, וואס קענען זיך ערשט פון נעכטען, נאָר ווי צוויי גוטע, אלטע באקאנטע, וואס גייען שוין אזוי איינעם שפּאצירען צום וויפילטען מאָל.

— דאָס האָב איך ניט געוואוסט, — האָט חנה א זאָג געטאן און פארענדיגט — אינטערעסאנט.

— פאראן נאָך א סאך זאכען וועגען מיר, וואָס איהר ווייסט נאָך ניט, האָט ער זיך געוויצעלט.

— גיט מיר אביסעל צייט. איך וועל זיך שוין דערוויסען. דערווייל האָט איהר זיך דאָך ניט ריכטיג צעפּאקעוועט, ניט איינ-געארדענט. עס גייט ניט אזוי שנעל.

— ניין, איך בין שוין צעפּאקעוועט, איך בלייב שוין א היגער. עס געפעלט מיר, — האָט ער געענטפערט .

— נו, אויב אייך געפעלט ביי אונז, בין איך געוויס צופרידען. ביסלעכווייז וועלען מיר זיך שוין באקענען, האָט חנה געשמיי-כעלט און איז געווען זעהר צופרידען, וואס אין איין טאג האָט ער זיך שוין דערפיהלט היימיש, און אז ער איז גרייט דאָ צו פארבלייבען.

— מעג איך וויסען וואס עס געפעלט אייך ביי אונז, — האָט זי וויטער געפארשט. פון זיין ענטפער איז זי מעהר ווי איבער-ראשט געווארען. ער האָט אריינגעלעגט זיין האנט אין איהר ארעם, און געמיטליך, ווי דאס וואלט געווען גאנץ נאטירליך, זי אויפגע-הערט צו „איהר'צען,״ און א זאג געטאן:

— דו געפעלסט מיר. ביזט מיר געפעלען גלייך ווי איך בין אריינגעקומען, און איך האָב דיך דערזעהן. דער ערשטער איינ-דרוק איז שוין געווען א גינסטיגער, און זינט דאן געפעלסטו מיר מעהר און מעהר. עס איז געווען אנגענעם נעכטן מיט דיר צו שפּאצירן, און איצטר ווען איך גיי מיט דיר, האב איך דאס געפיהל, ניט ווי איך וואלט דיך געקענט פיר און צוואנציג שעה, נאר אז מיר קענען זיך שוין א לאנגע צייט, און מיר איז גוט

מיט דיר צו שפּאַצירען, צו קוקען אויף דיר, דיך הערען רײדען און צו רעדען צו דיר.״

— אזוי שנעל!, האָט זי א צופרידענע וואס ער האלט זי גע-אַרעמט, געלאַכט און געקוקט איהם אין געזיכט. זייט איהר זי-כער, אז איהר מאכט ניט קיין טעות? איהר ווייסט דאָך, אז דער ערשטער איינדרוק פארפיהרט אונז אָפט, מחמת א מענש איז דאָך ניט אַלעמאָל דאס וואס ער זעהט אויס אויסערליך. עס זיינען דאָך דאָ אינערליכע שטריכען און כאראקטעריסטיקס, וואס לאָזען זיך ניט אזוי לייכט אנטדעקען, און אויף שפּאס האָט זי א זאָג געטאן:

— זייט נאָר פאָרזיכטיג, איהר זאָלט ניט מאכען קיין טעות, ווייל איך וועל דאָך געדיינקען, וואָס איהר האָט מיר געזאגט אויף דעם צווייטען טאג, נאָך אייער אָנקומען. וואס וועט איהר טאָן, אז איך וועל אייך האלטען ביי דעם וואָרט?״

דערווייל זיינען זיי שוין צוגעקומען צו דער טיר פון איהר הויז, נאר קאזאנסקי האָט זיך ארומגעקוקט, איבער זייער קאָפּ האָט געשיינט א לויטערע, אנהויב-זומערדיגע לבנה, איבער א לויטערען בלויען הימעל, באצירט מיט העל-בלישטשענדע שטערן, איינע פון יענע נעכט וואס זיינען געשאפען פאר יונגע פּאָרלעך, פארליבטע, וואס פיהלען זיך סודות׳דיג און ווילען שטענדיג זיין אויף דער פרייער נאטור, אינדרויסען, און קוקען דער לבנה אין פּנים אריין און זיך פארחלומ׳ן.

— אויב איהר זייט הונגעריג, קענען מיר אריינגיין און אָפּ-עסען, — האָט חנה א זאג געטאן, און זי האָט ארויסגעצויגען איהר ארעם פון זיין האנט.

— און אויב איך בין ניט הונגעריג — האָט קאזאנסקי אי-בערגעפרעגט, און ער האָט געוואַרט אויף איהר ענטפער.

— דאן קענען מיר זיך פארקירעווען און נאָך שפּאצירען אבי-סעל, ווי איהר ווילט — ווי דו ווילסט!״

זי האָט צוריק אָנגעשטעלט צו איהם איהר ארעם, זיין האנט האָט זיך גלייך אריינגעגליטשט צו איהר, און זיי האבען זיך פאר-קירעוועט אויף צוריק.

זיי זיינען אריין אין שטאָדט-גאָרטען, וועלכער איז געווען פאַרזעעט מיט אַלערליי בלומען, וואָס האָבען שוין אַנגעהויבען בליהען, די בוימער זיינען שוין געשטאַנען צעוויקעלט און גע-גרינט. א פאָנטאַן האָט אַרויפגעשאָסען מיט אומצאָהליגע טראָ-פענס, וואָס האָבען אַנטקעגען דעם עלעקטרישען ליכט און אַנט-קעגען דער שיין פון דער לבנה שימערירט מיט בלויע און העל-שיינענדע קאָלירען.

— דערציילט עפּעס, האָט חנה א זאָג געגעבען, און אינס-טינקטיוו האָט זי דערפיהלט, ווי זי האָט זיך אַליין צוגערוקט נעהענטער צו איהם.

— פון וואַנעט זאָל איך אַנהויבען, זאָגט קאַזאַנסקי און שמייכעלט.

— פון דעם אָנהויב.

— עס איז ניטאָ קיין אָנהויב. אַלע הויבען מיר אָן א סאַך פריהער ווי מיר ווייסען אַליין, — האָט קאַזאַנסקי פילאָזאָפירט.

— און דער פרייער ווילען? האָט חנה איבערגעפרעגט, און איהם אַריינגעקוקט אין פּנים.

— ניטאָ קיין פרייער ווילען. עס איז דאָ אינסטינקט. אינער-ליך, אין אונז, ווערען מיר געקירעוועט פון דעם אינסטינקט, און מיר מיינען נאָר, אַז מיר האָבען א פרייען אויסוואַהל.״

— אויב אַזוי זיינען מיר דאָך אין א סאַך פאַלען גאָרניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אונזערע האַנדלונגען, גוטע אָדער שלעכ-טע, — האָט חנה אין איבעררעשונג באַמערקט.

— געוויסערמאַסען זיינען מיר טאַקע ניט פאַראַנטוואָרטליך, ווייל מיר זיינען אָפט די ווערקציינג פון עפּעס א באַשטימטער, מיסטעריעזער קראַפט, וואָס רעגירט מיט אונז, דיקטירט אונז, און זאָגט אונז אונטער, צו האַנדלען אַמאָל אַזוי, און אַמאָל פּונקט פאַרקעהרט, ביז מיר כאַפּען זיך, אַז מיר האָבען געוואָלט אַנדערש ווי מיר האָבען געהאַנדעלט, נאָר דער גוטער יאָהר זאָל עס ווי-סען, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשעהן!״

— איהר רעדט מיט רעטענישען? האָט חנה א זאָג געטאָן און געשמייכעלט.

— ניין, איך רעד דאכט זיך גאנץ קלאָהרע רייד, פארשטענדליך, ניט קיין מיסטעריעס, נאָר אָט דאָס איז מיין קוק אויפ'ן לעבען. ער האָט פארויכערט א סיגארעט און האָט איהר אויך דערלאנגט דאס קעסטעל מיט סיגארעטען.

זיי האבען זיך צוגעזעצט, זי האָט אויך פאררויכערט, האָט געקוקט איהם אין די אויגען, און א זאג געטאן:

—א ביישפיל. לאמיר הערען א ביישפיל. — דער מענש איז איהר געווארען אויסערגעוויינטליך אינטערעסאנט, ער האָט זי פאראינטערעסירט מיט זיין טאָן, ווי א ריין, זילבער גלעקעל האָט זיין שטים איהר געקלונגען, און אויך זיין פנים איז איצט געווען אויסגעגאסען אזוי פיל מילדקייט, אינערליכע שיינקייט, אז זי האָט געמוזט זיך אנשטריינגען ארונטערצונעמען די אויגען פון זיין געזיכט.

— ביישפילען זיינען אפילו איבעריג, — האָט קאזאנסקי א זאג געגעבען, וואס דארף מען נאָך ביישפילען? אָט איז דער פאקט: נעכטען ערשט אָנגעקומען, ניט געוואוסט וועמען איך וועל באגעגנען, און א שטונדע שפעטער, קומסטו אריין אין א קלאס, מען שטעלט דיר פאָר אַ מיידעל, וואס-זשע, עס איז מיר דעם ערשטען מאָל זיך צו טרעפען און זיך באקענען מיט א מיידעל? נו, זעהסטו דאָך, האָט דאָס מיידעל דיר א מאדנע זיס פנים, און א פאָר ליפען, ווי א קרוינדעל ארום איהר מויל, און חן פון דער גאנצער וועלט, און דו פיהלסט גארניט ווי דאס דאָזיגע מיידעל האָט זיך דיר ווילענדיג — ניט ווילענדיג שוין אריינגע'גנבעט צו דיר אין הארצען, זי איז שוין דארטען די גאנצע בעל הבית'טע, זי קעניגט דארטען מיט איהר מאיעסטעטישקייט. אפגיבען זיך חשבון, פרעגען ווער זי איז? ווי אזוי האָט עס פאסירט? דארף מען זיין פאָרזיכטיג? זיך צוריקהאלטען איהר ניט אויסזאגען? נאריש! עס וועט דען העלפען? וועט זי עס דען ניט באמערקען? וועט זי זיך דערוויסען שפעטער, מארגען, איבערמארגען. וויכטיג איז אבער דער פאקט, עס האָט פאסירט, און ווער האָט דאָס באשטימט פאר מיר? זיכער מוז דאך עפעס זיין געמיינשאפטליכעס צווישען מיר און יענעם מענשען, ווייל אנדערש וואלט דער מענש אין מיר ניט געקענט ארויסרופען אזא געפיהל, אזא באציה. — קאזאנסקי האָט פארענדיגט:

— הייסט עס, אז עס איז ניטא קיין אנהויב. עפעס האָט זיך

שוין ערגעץ געטאָן פאַר דעם אָנהויב. ווער ווייסט, קען זיין, אַז מיר האָבען זיך שוין ערגעץ געטראָפען אין אַ פריהערדיגע וועלט, אין אַנאַנדער פאָרם און געשטאַלט, אָבער זיכער איז, אַז ווען איך וואָלט היינט געדאַרפט אוועקפאָהרען פון דאַנען, וואָלט מיר שוין דאָס מיידעל אויסגעפעלט. איך וואָלט עס שוין באַטראַכט פאַר אַ קאַטאַסטראָפע.

— איהר רעדט אין אַזאַ ערנסטען טאָן, אַז ניט גלויבען אייך, דאַרף מען האָבען דאָס האַרץ פון אַ גזלן! — האָט חנה אַ זאָג גע־טאָן, און צוגעלעגט:

— אָבער עס טוט מיר הנאה. איהר זייט מיר אויך גלייך גע־פעלען געוואָרען, — און זי האָט זיך איהם פאַרטרויעט:

— אַז איהר זייט אַזוי אויפריכטיג, מעג איך אייך שוין אויך דערציילען:

— איך האָב נעכטען ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען אייך, זינט איך בין אַרויס פון קלאַס. שוין מיט אייער דערשיינען, אַריינקומענדיג אין קלאַס אַריין, האָט איהר מיר אַ גרויסען יום־טוב געבראַכט, און דערנאָך, ווען מיר האָבען שפּאַצירט פון שוהלע, און איהר האָט מיך צוגעפיהרט אַהיים, האָט זיך מיר שוין ניט געוואָלט אוועקגיין פון אייך. מיר זיינען אָבער פאַרט צוגעבונדען צו עטיקעטע, צו אָנגענומענע מאָראַלען. אָבער אין הויז, אפילו אויפ׳ן געלעגער, האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען אונזער באַגעגניש, און עפּעס האָב איך זיך אַליין ניט געקענט אָפּגיבען קיין רעכנונג פאַרוואָס. געפיהלט האָב איך, אַז עס איז מיר מאָדנע, ניט ווי אַלעמאָל, ווען איך באַגעגען זיך מיט אַ בחור.

דערנאָך האָט זיך חנה געכאַפּט, אַז עס ווערט שפּעט, און אַז אין הויז וואַרטען טאַטע־מאַמע אויף זיי מיט דעם מיטאָג, און זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— געוויס ווילט זיך שוין ניט איצטער איבעררייסען דאָס גע־שפּרעך. עס איז דאָ זעהר גוט, אָבער אין דער היים וואַרט מען אויף אונז, איך רעכען, אַז מיר וועלען צוגיין אַהיים, און מיר וועלען שפּעטער ווידער קענען אַרויסגיין אין גאַס.

— גוט, קומט.

אין הויז ביי די טווערסקי׳ס, איז די שטוב געווען איינגעאָר־

דענט, ווי געוויינטליך, ביי ניט פארמעגליכע מענשען, אלטע מע-בעל, אָבער אלץ איז געווען אין דער בעסטער ארדנונג.

דער טיש איז געווען געשפּרייט יום-טובדיג, מיט א ווייסען טישטוך, וואס האָט געפינקעלט. גלייך ביי זייער אריינקומען, זיי-נען טאטע-מאמע חנה'ן אנטקעגען געקומען, א קוש טוענדיג די מוטער, דערנאָך דעם פאָטער, האָט זי אָנגעוויזען אויף דעם גאסט, און א זאג געגעבען:

— דאס איז אונזער נייער לעהרער, דער גאסט, קאזאנסקי. און דאס זיינען מיינע טאטע-מאמע, באקענט זיך."

— ביידע, שלום און שרה, זיינען קענטיג געווען איבערגעטאָן ווי צוליב א גאסט. שרה איז געווען איינע פון יענע פרויען, וואס זייערע פנים'ער דערציילען פון אלץ, וואס מיט זיי האָט אין לע-בען פּאסירט. איז זיי גוט, — שמייכעלט דאס פנים. אין דעם מאָמענט, וואס עס איז ניט גוט, לעגט זיך באלד אוועק א פאלד, און עס קנייטשט אויס די געשעהעניש, אז דו קענסט קוקען אויף דעם פּנים, און לייענען וואָס עס פּאסירט איצט מיט דעם מענשען. א הויכע, שיין געבויעטע פרוי, מיט פיינע געשניצטע שטריכען, פון יענע פרויען וואס זיינען ווי געבוירען צו זיין מא-מעס, און וואס זייער גאנצער לעבען נאָך דער חתונה, איז — דער מאן מיט די קינדער.

חנה, זייענדיג זעהר צופרידען, האָט שוין ממילא געבראכט דערצו, אז דער גאסט זאָל דער מוטער אויך געפעלען, נאָך איי-דער זי האָט איהם ריכטיג אָנגעקוקט, און איצטער, ווען זי איז אריין מיט'ן גאסט א פריילעכע, אן אויפגעלעגטע, שוין א צושפּיל-טע פון די ווארימע באגייסטערטע רייד פאר איהר, פון קאזאנסקי'ן, איז איהר פּנים געווען פארפלאמט, ווי א כלה-מיידעל, ווען דער חתן קומט צו איהר צוגאסט, און א מאמע דערפיהלט גלייך, מען דארף איהר ניט זאגען, איז שוין שרה גאר איבערראשט געווא-רען, און האָט אנגעהויבען בעטען צום טיש:

— איהר זייט שפּעט, געוויינטליך קומט דאָך חנה אהיים מיט א שטונדע פריהער ווי היינט, — האָט שרה א זאג געגעבען, און געהייסען זיך זעצען צום טיש.

שלום, א שווייגענדיגער, האָט זיך אוועקגעזעצט אויבענאָן,

אנטקעגען דעם ביינקעל וואס איז געווען געשטעלט פאר שרה'ן, און דעם גאסט האָט מען אוועקגעזעצט לעבען חנה'ן.

— א ביסעל בראנפען? האָט שלום א זאג געגעבען, און ניט געווארט אויף קיין ענטפער, אנגעגאסען פריהער פאר'ן גאסט, דערנאָך פאר זיך.

— לחיים!

— טרינקט געזונט.

אלע האָבען געווארט, אז שרה זאָל צוריקקומען צום טיש, נאר שרה, ווי אלע ווייבער, ווען זיי האבען א גאסט ביים טיש, האָט ניט אויפגעהערט צו לויפען פון קיך אין עס-צימער, דא מיט טעלער יויך, און דערנאָך מיט פלייש, און ערשט ווען דער טיש איז שוין געווען אנגעשטעלט ניט נאר ווי פאר פיער מענשען, נאר ווי פאר א גרויסען עולם, האָט שלום א זאג געגעבען:

— אָבער איצט, מענסטו שוין אליין אויך זיך אוועקזעצען, שרה'לע. די טווערסקי'ס האָבען געלעבט זעהר שיין צווישען זיך, ווי א פארליבט פּאָרל ערשט ניט לאנג נאָך דער חתונה.

— יא, איצטער קען איך שוין אויך זיצען. עסט איידער עס ווערט קאלט, — האָט שרה זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען שלום'ן, און זיך ניט אויפגעהערט צו שפּיגלען, פריהער אין איהר מאן, דערנאָך אין דער בת-יחידה'קעלע, חנה'לען, וועמענס פּנים עס האָט איצט געשיינט און געלויכטען ווי די זון.

קאזאנסקי האָט זיך ניט געלאָזען בעטען, און אז שרה האָט א זאג געטאן:

— צו אונז, אז מען קומט, דארף מען זיין היימיש. מיר זיינען היימישע מענשען, האָט קאזאנסקי איהר געענטפערט,

— עס וועט אייך ניט העלפען, אז איהר וועט מיך אפילו מעהר שוין ניט בעטען, וועל איך זיך שוין אויך פיהלען היימיש און וועל עסען. זייט רואיג.

— זעהר גוט אזוי, האָט שרה געענטפערט, און זיך געפרעגעלט פון נחת, ווי יעדער בעל הבית'טע, ווען זי זעהט אז די פּאַלומעסניקעס אויפ'ן טיש הויבען זיך אן אָפּצולייידיגען, און עס באווייזט זיך דער הוילער דנא.

נאכ׳ן עסען איז סערווירט געווארען טיי.

— איך טרינק ניט קיין טיי, האָט קאזאנסקי זיך אנטשולדיגט, און צוגעלעגט

— קאווע, שווארצע, אויב עס איז ניט צופיל ארבייט, וועל איך טרינקען.

— און אז ארבייט איז וואס? ניט געפעהרליך, — האָט שרה זיך אויפגעהויבען, נאָר חנה איז איהר שוין פארלאפען דעם וועג.

— קאווע וועל איך שוין מאכען, עס איז דאך אויך מיין גאסט.

נאָך דער קאווע, זיינען אלע אויפגעשטאנען פון טיש, זיינען איבערגעגאנגען פון עס-צימער אין דער „פּארלאָר," וואו עס איז געשטאנען א וווייכער, לעדערנער דיוואן, א פּאָר ווייכע געבעטע שטולען פון דעם אייגענעם מין, א טישעל מיט צייטונגען, און הארט ביי דער וואנט, אנטקעגען דעם דיוואן, אן אלטע פּיאנא.

— ווער שפּילט פּיאנא? די מאמע אדער די טאכטער? האָט קאזאנסקי א פרעג געטאן.

— איך שפּיל אביסעל, האָט חנה געענטפערט, און צוגעלעגט:

— אָבער שטעלט מיך ניט אין קיין פארלעגענהייט, הייסט מיר ניט שפּילען פאר אייך, ווייל איך בין אייך א גוטער פריינט, און וויל אז איהר זאָלט פארדייהען דעם מיטאג... מיין שפּילען קען אייך נאכאמאל פארשאדען, — האָט זי זיך געוויצעלט.

— אין קיין פארלעגענהייט וועל איך אייך ניט שטעלען, האָט קאזאנסקי א זאג געטאן, אויב איהר וועט שפּילען וועל איך מיט צופרידענהייט הערען, און אויב איהר וועט ניט שפּילען, איז אויך רעכט.

שלום איז געזעסען עטליכע מינוט, דערנאך האָט ער זיך אנטשולדיגט און א זאג געטאן:

— מיר וועט איהר מוזען אנטשולדיגען. איך שטיי אויף פאר-טאג, ווען גאט אליין שלאָפט נאָך. דעריבער וועל איך אייך זאגען, א גוטע נאכט, זייט געזונט, און איהר ווייסט דאָך שוין וואו מיר וואוינען, זאָלט איהר ניט ווארטען אויף קיין איינלאדונגען, נאר קומען און זיך פיהלען ביי אונז היימיש."

שרה איז געווען פארנומען מיט דעם ארונטערנעמען פון טיש, חנה האָט געמאכט א פאַרזוך צו העלפען דער מוטער, נאר שרה האָט ניט דערלאָזען:

— ווייסט דאָך ניט לאָזען דעם גאסט אליין אין דער „פאַר-לאָר," גיי, מיין קינד, איך וועל אויסקומען אָהן דיר, האָט שרה חנה'ן אריינגעשיקט צוריק פון קיך אין דער „פאַרלאָר."

קאזאנסקי און חנה זיינען געזעסען אויפ'ן דיוואן און גערוי-כערט, זיך געקוקט אין די אויגען, וואָס האָבען ביי ביידען גע-שיינט מיט אזוי פיל פארשפרעכונגען איינער פאר'ן אנדערען.

ווען שרה איז פארטיג געווארען מיט איהר ארבייט אין קיך און איז צוריקגעקומען, שוין אָהן א פארטוך, האָט זי זיך גע-כאפּט, אז זי דארף נאָך ארונטערגיין אין גאס, איינקויפען אויף מאָרגען, איידער די קראָם וועט זיך צושליסען.

קאזאנסקי איז געזעסען און באטראכט די בילדער אויף די ווענט, באזונדערס האָט איהם פאראינטערעסירט א מאנסבילשע בילד, מיט א לאנג, שמאל פנים, אביסעל ענליך צו שלום'ן, אבער דער מענש אויפ'ן בילד האָט אויסגעזעהן א סאך עלטער ווי שלום, האָט קאזאנסקי א זאג געגעבען:

— א זיידע?

— יא, האָט חנה געענטפערט, און צוגעגעבען:

— אן אינטערעסאנטער מענש געווען. זיין זיידע איז געווען א גוטער איד — אין אוקראַינע, פון יענע גוטע-אידען צו וועמען אַ וועלט איז געפאהרען, געהאלטן זיך עצות, געבעטען א ברכה. און קלוג איז יענער גוטער-איד געווען, — פלעג דער זיידע דער-ציילען, זעהר קלוג, א וועלט-חכם.

— אינטרעסאנט. נו, ווייטער, דערציילט! איז קאזאנסקי פאר-אינטערעסירט געווארען.

— עס איז א גאנצער ראָמאן — און זי האָט זיך אפּגעהאקט.

ווייטער האָט קאזאנסקי געכאַפּט א קוק אויפ'ן בילד, און א זאָג געטאן:

— אייער טאטע איז ווי צוויי טראָפּען ענליך צו זיין זיידען,

נאר פארעלטערט, אבער איך בין פאראינטערעסירט צו וויסען וואס מיט איהם האָט פאסירט.

— די מעשה איז ביי אונז פארשריבען אין אַ משפחה-בוך, דאס האָט דער זיידע אליין געשריבען מיט זיין אייגענער האנט. און געשריבען האָט ער דאס אלזייטיג, ווי אזוי זיין זיידע האָט געקוקט אויף דער זאך, און פארוואס ער אליין האָט געוואלט אנ-דערש. זי האָט זיך צולאכט און א זאג געגעבען:

— אפשר וועט אייך אינטערעסירען צו וויסען, אז מיר זיינען אַ משפחה פון צוימען-ברעכער, קעיטען רייסער... שוין דריי דורות, אז מיר בונטעווען זיך, דער זיידע האָט דער ערשטער זיך אפגע-ריסען, פון דעם וואס ער האָט גערופען, די גאלדענע קעיט, זיין זיידע און עלטער-זיידע און ביז צו איהם, זיינען געווען צדיקים, גוטע-אידען, נאָר דער זיידע, דער וועמענס בילד איהר זעהט דאָ איצט, האָט געמאכט דעם ערשטען ריס, ער האָט אי-בערגעבראכען מיט דעם יחוס, האָט ניט געוואלט זיין קיין גוטער-איד, און זינט דאן רייסען מיר זיך אלע. מיר ווילען ניט לעבען ווי עס האבען געלעבט די דורות פאר אונז, נאר מיר זוכן זיך איינצוארדנען אן אייגען לעבען.

קאזאנסקי האָט זיך אויפגעשטעלט און איבערראשט א זאג געגעבען:

— איך בין שטארק פאראינטערעסירט אין דעם מאטעריאל, און דער עיקר, ווייל עס איז ניט קיין אויסגעטראכטער, נאָר עכט אויטענטישער, איבערגעלעבטער, און מען קען דאס באקומען פון דער ערשטער האנט, ווען קענען מיר דאס זעהן?

— נאָך היינט, האָט חנה איהם א זאג געגעבען: דאָ האָט איהר דאס בוך. באקענט זיך מיט יוחנן טווערסקי, אָבער לייענט מיט קאָפּ. עס איז אַ שטיק געשיכטע פון דורות!".

שרה איז צוריקגעקומען פון גאס מיט פעקלאך, וואס זי האָט איינגעקויפט אין גראסערי.

— מיר וועלען גיין שפאצירען? האָט קאזאנסקי פאָרגעשלאָ-גען, און חנה האָט צוגעשטימט, געכאפט אויף זיך אן אויבערש-טען מאנטעל, און א זאג געטאן צו דער מוטער:

— מיר גייען נאָך ארונטער, מאמע, זאלסט מיר לאָזען אָפּען

די טיר, און ניט ווארטען אויף מיר.״

— גיי געזונטערהייט, מיין קינד, דו זאלסט אבער ניט קומען שפעט.

— וואָס-זשע, איך וועל זיך ניט אויסשלאָפען מארגען? האָט חנה געענטפערט.

מיט דער דאָזיגער באמערקונג האָט חנה זיך באווארענט און צוגעגרייט די מוטער, אז טאמער וועט זי יא קומען שפעט; זאָל די מוטער ניט דארפען איבערטראכטען און זיין רואיג..

ווען זיי זיינען ארויס פון הויז, איז דער זייגער שוין געווען עלף, דאס עלעקטרישע ליכט אין די שויפענסטער, איז שוין גע-ווען אויסגעלאשען, עס האָט נאָר געברענט דער גאסען לאמטערן פון שטעטעל.

— וואס וועלען מיר איצטער טאָן אין צענטער? מיר דאר-פען דאך ניט קיין עלעקטרישע ליכט צום שפאצירען, האָט קא-זאנסקי א זאג געטאן, — מיר האָבען דאָך היינט א לבנה, קום, פיהר מיך אביסעל אין א שטילען געגענט. די קליינע שטעטלאך צייכנען זיך דאך אלעמאל אויס מיט זייערע רעזידענץ געגענטען, איך בין זיכער, אז וואטערבורי פארמאָגט אויך אזא געגענט.

— גוט, איך וועל פיהרען, — האָט חנה געענטפערט, און האָט איהם גענומען ביי דער האנט. עטליכע מינוט צייט זיינען זיי גע-גאנגען בארג ארויף, צווישען צוויי שורות הויכע, צעוואקסענע בוימער, פון וועלכע עס האָט זיך געטראגען א פרישער גערוך פון אקאציעס, וועלכע זיינען איצט אינמיטן דער נאכט, געשטאנען פארחלומ׳ט און איינגעוויקעלט אין טיפע סודות.

דאָס ליכט פון דער לבנה האָט געזילבערט איבער די שפיצען פון די בוימער, און האָט אוועקגעלעגט זילבערנע שאָטענס בארג ארויף, די נאכט איז געווען א שטילע, א רואיגע, דא און דארט האָט זיך די שטילקייט נאר איבערגעריסען פון צייט צו צייט פון דעם פייף פון א לאקאמאטיוו, וואס האָט זיך ערגעץ שפעט אין דער נאכט געטראָגען אויף די רעלסען פון דער נויאָרק-ניו הייווען און הארטפארד ליניע, האָט ארויסגעלאָזען א לאנגען קוויטש, און אנטלאָפען, אמאל אין דער ריכטונג צו מזרח וואס האָט געפיהרט קיין נויאָרק, און אמאל אין דער געגענזעצטער ריכטונג, קיין באָס-

טאן און אלע אנדערע ווייטערדיגע טיילען פון די ניי-ענגלענדער שטאטען.

— דו ביזט שוין לאנג אין וואַטערבורי? האָט קאזאנסקי זי א פרעג געטאן, און חנה האָט געענטפערט:

— דא געבוירען, דא געגאנגען אין סקוהל, און די מייסטע יאָהרען דאָ פארבראכט.

— ניט אינטערעסאנט, וואס? אומעטיג, צום לאנגווייליגען זיך ביז גענעצען, — האָט חנה געענטפערט, און אזוי ווי זיי זיי-נען נאך אלץ געגאנגען בארג ארויף, איז זי אביסעל איינגעמא-טערט געווארען, האָט זי זיך נאָכמעהר אָנגעשפארט אָן איהם, און שטייף זיך געהאלטען אין זיין ארעם.

— אָבער היינט, מיט מיר איז דיר ניט אומעטיג, הא? זאג, חנה! — האָט ער איהר ארייגעקוקט אין די אויגען, וועלכע זיינען איצט געווען פארחלומ׳ט, און ווי מיט א שלייער פארצויגען.

— היינט איז גוט, אזוי איז גוט, האָט זי געשעפטשעט פאר-טרויליך. זיי זיינען אָנגעקומען צו א פארק, ארום פון שטאדט, דער פארק וואוהין עס קומט ארויס די שטאטישע באפעלקערונג אין די הייסע זומער מאנאטען, די פאמיליעס, טאטע מאמע מיט זייערע קינדער, און אפילו מיט די הינט וואס ארום זייער הויז. נאר איצט איז נאך געווען צו פריה אין סעזאן, און דערצו שוין ארום האלבע נאכט, אזוי אז זיי זיינען געווען די איינציגע צוויי מענשען אין דעם גאנצען פארק.

— קומט, איך וועל אייך ווייזען זעהר א שיינעם ארט, וואו-הין איך פארקלייב זיך זומער אין די הייסע טעג, און אמאל אויך אין די אויפדערנאכטען, ווען איך וויל זיין מיט זיך אליין, ניט געשטערט פון קיינעם.

טיעף אין פארק, צווישען געדיכטע בוימער, האָט זי איהם געפיהרט פאר דער האנט, ביז זי האָט איהם צוגעפיהרט צו א באנק הינטער א געדיכטען קארשענבוים, און איהם א זאג געטאן:

— דא האב איך מיינע חלומות פארטראכט, דא האב איך מיינע לעקציעס געמאכט, די עקזאמענס פאר זיך צוגעגרייט, און דא האָב איך מיט א סאך פון די בעסטע שרייבער פון דער ענגלי-

שער ליטעראַטור זיך באַקענט דורך לייענען זיי. דאָס איז מיין פּלאַץ, מיין אָרט, וואוהין איך קום שוין אַ סך יאָהרען.

— ווע‏לען מיר איצט אויך דאָ זיצען און חלום׳ן, האָט קאַזאַנסקי אַ זאָג געטאָן, און ער האָט דער ערשטער זיך אוועקגעזעצט און אַ זאָג געטאָן:

— נו, דערציי‏ל, וועגען וואָס פּלעגסטו אַממייסטענס טראַכטען, ווען דו אַליין פּלעגסט דאָ זיצען.

— מעהר פון אַלץ האָב איך געטראַכט וועגען דעם פּראָבלעם
— ליבע, וועגען מיין לעבען אין דער צוקונפט. איך פּלעג טראַכטען, ווי אַזוי וועט ער אויסזעהן, ווען ער וועט צו מיר קומען, ווי אַזוי וועט עס געשעהן? וואָס וועט דאַן פּאַסירען?

— קום אַהער צו מיר, איך וועל דיר דיין חלום באַשיידען, האָט קאַזאַנסקי אַ זאָג געטאָן, ער האָט אויסגעשפּרייט זיינעביידע הענט צו איהר, און ווי אַ פויגעל איז זי אַריינגעפלויגען, זיך גליקליך צושמייכעלט, און זיך אוועקגעזעצט ביי איהם אויפ׳ן שויס, און געשוויגען.

דערנאָך האָט ער זי שטייף אַרומגענומען מיט זיינע ביידע הענט, זי צוגעדריקט צו זיך מיט אַלע קרעפטען. זי האָט זיך ניט געוועהרט, נאָר האָט איינגעגראַבען איהר געזיכט אין זיין ברוסט, ער האָט געהערט איהר טיעף, שווער אָטעמען, און געפיהלט די היץ פון איהר יונגען קערפּער, און ווי דאָס בלוט איז איצט געלאָפען אין איהרע אָדערען.

קאַזאַנסקי האָט אַריינגענומען איהר קאָפּ אין זיינע הענט, און ער האָט געמורמעלט:

— דו ביזט אַזוי ליבענסווירדיג, ביזט אַזוי פריש ווי אַ צאַרטע רויז. זיעס און רייצענד ווי אַ ווייסע ליליע. — ער האָט זיך איבערגעהאַקט און זיך איינגעגעסען מיט זיין מויל אין איהרע באַקען.

אַזוי ווי זי וואָלט איהר לעבען לאַנג געוואַרט אויף דעם מאָמענט, האָט חנה מיט אַלע כחות זיך געדריקט צו איהם, און געשעפּטשעט:

— מיין סוד, מיין זיסער סוד. דו ביזט מיין גליק וועגען וואָס

איך האָב געחלומ'ט דא א סאך יאהרען. עס איז שעהן, און גוט וואס דו ביזט געגאנגען מיט מיר אהער, אויף דעם אָרט, וואו איך האָב מיין יונג לעבען אויסגעחלומ'ט.

— דו אליין, ביזט א חלום, א חלום אויפ'ן וואָהר! האָט ער געמורמעלט, און ניט אויפגעהערט צו גלעטען איהרע האָר, און לאַשטשען איהר געזיכט. דו האסט מיך פארשיכור'ט ווי מיט נעק-טאר, דעם געטראנק פון די געטער!

זיי האָבען געהערט ווי דער שטאדט-זייגער האָט געשלאגען צוויי, און דערנאך דריי, און פויגעל אויף די בוימער האָבען זיך שוין אָנגעהויבען צו וועקען, און פּישטשען, ביז די לופט איז פול געוואָרען מיט קלאנגען, עס איז געוואָרען א סימפאניע פון אלערליי טענער, וואס האָבען זיך געגאסען אין דער פרישער לופט פון מארגענגרוי, ווי אן ארקעסטער פון אלערליי פויגעל.

דא און דארטען האָט זיך דערהערט דאס קרייען פון א האן, אויף גאר הויכע טענער, ווי ער וואלט געגאנגען באגליקען די וועלט דערמיט, וואס ער זאָגט אָן דער וועלט די גרויסע בשורה:

— א טאג, א נייער טאג צוטאגט זיך, און איך, האָן, מיט דעם רויטען קאם, ארומגערינגעלט מיט אזוי פיל הינער, איך, בין דאס דער ערשטער, וואס כאפּט זיך אויף פון דרימעל, איך בין דער ערשטער, וואס קומט און זאגט אייך אן, אז א נייער טאג קומט. . .

— א נייער טאג, — האָט קאזאנסקי א זאג געטאָן, און האָט גענומען זיך ארומקוקען צו מזרח, וואו די ערשטע שפּראצען אויפ'ן טאג, האָבען אנגעהויבען זיך באוויזען.

— איצטער וואָלט איך געוואלט זיין אין א צימער, אין א ווייכען בעט, זיך אויסציהען באקוועם, און דיך האָבען ביי מיין זייט, און שלאפען רואיג, ניט געשטערט פון קיינעם, האָט חנה א זאָג געטאָן.

— אבער דערווייל, קען מען דאָס ניט, — האָט קאזאנסקי גע-ענטפערט, — איך רעכען, אז איך וועל ניט בלייבען דארט, וואו איך שטעה איצט, ווייל די מענשען ווילען וויסען צופיל זאכען. מען דארף זיך ארייגציהען אין א ניט-אידישען געגענט, צו מענ-שען וואָס זאָלען אפילו ניט וויסען מיין באשעפטיגונג, זאָלען מיך אינגאנצען ניט קענען, און דיך ניט קענען, וועסטו קענען פראנק

און פריי קומען צו מיר, איך וועל עס שוין די טעג איינאָרדנען, האָט ער זי פארזיכערט.

צופיהרענדיג זי צו דער טיר פון איהר הויז, האָט ער זי ארומגענומען, א קוש געטאן, זי איז מיט שטילע טריט אריין אין הויז, און ער איז אוועק צו זיך אהיים.

שלמה קאזאנסקי

קאזאנסקי איז געקומען קיין אמעריקא מיט אמביציעס צו לערנען, שטודירען. ער האָט מיטגעבראכט מיט זיך פון רוסלאנד בלויז א אידישע בילדונג.

ווען עס איז אָנגעקומען די כוואליע פון פאגראמען, און דאס לעבען פון די אידען אין די דערפער, איז דארטען געווארען אומ-ערטרעגליך, האָט ער בעשלאָסען, אז עס איז פאר איהם מעהר תכלית צו פאהרען קיין אמעריקא.

געגנוג זיך וואלגערען אין רוסישע דערפער.

זיינע עלטערען האָט ער פארלוירען זעהר יונג, און נאָך רי זמנים, כדי איבערצורייסען די מאנאטאניגקייט פון דאָרף, פלעג ער ארייננפאהרען אויף יום-טוב צו דעם טאטענס ברידער, אָפּזיין אין שטעטעל ביז איבער די ימים טובים; און דערנאָך פאהרען צוריק אין דאָרף אריין און אָפּזיין דעם גאנצען זמן.

א יונגער בחור איז ער געווען, זיך שטארק פאנאנדערקלייבען אין יענער צייט אין ערנסטע ענינים האָט ער נאָך ניט פארשטא-נען, איז דער פעטער זיינער געווען איבער איהם דער גאנצער בעל הבית, האָט דער פעטער מיט איהם איינגעטענה׳ט וועגען תכלית:

— מלמדות איז פאר דיר מעהר ניט קיין געשעפט. אבער סתם צו פאהרען קיין אמעריקא איז פאר דיר אויך קיין תכלית ניט, פארשטייסטו מיך, און דעריבער האב איך פאר דיר יאָ א פלאן:

— פריהער וועלען מיר דיר חתונה מאכען, דערנאָך וועסטו פאהרען קיין אמעריקא, מיט דער ווייב, און איך האָב שוין פאר דיר א שידוך, א ליטיש מיידעל, און טאקע גאר פון א פיינער משפחה, וועסט קענען א שטיקעל צייט זיצען אויף קעסט, און ווען דו וועסט וועלען פאהרען קיין אמעריקא, וועט מען דיר גיבען

שיפסקארטען מיט געלט אויף הוצאות, און דו וועסט קומען קיין אמעריקא צו דער ווייב׳ס משפחה, און דארטען וועט זיך ערשט פאר דיר אנהויבען א לעבעדיגע וועלט.

דער פעטער זיינער איז געוועזן אזוי באגייסטערט פאר דעם פּלאן, ווי דאס וואלט פאר קאזאנסקי׳ן געוועזן דאס גרעסטע גליק.

אין זיין פריהסטער יונגענט איז שלמה קאזאנסקי דערצויגען געוואָרען ביי חסידישע עלטערען, דער פאטער איז געוועזן א מקורב ביי הרב יחיאל׳קעל קורילאָוויצער, און ווען ער פלעגט פאהרען אויף יום-טוב צום רבי׳ן, האָט ער מיטגענומען שלמה׳לען צוליב צוויי זאכען:

דער יונגער שלמה׳לע האָט געהאט א זיעס שטימעלע, וואס פלעג זיך צוגיסען ווי א ריין זילבערן גלעקעלע, און אזוי ווי דער פאטער אליין איז געוועזן א חזן, און ער פלעגט יעדעס מאָל ווען ער איז געוועזן ביים רבי׳ן מיטברייינגען פון רבינ׳ס טיש א נייעם ניגון, האָט ער מיטגענומען שלמה׳לען, ווייל שלמה׳לע האָט שוין אלס קליינער אינגעלע געהאט א מערקווירדיגען זכרון, און בעת זיין טאטע האָט אין דער יום-טוב וואָך מעהר ווי איין נייעם ניגון ניט געקענט איבערנעמען, האָט שלמה׳לע באוויזען, נאכדעם ווי ער איז איינמאל געוועזן מיט דעם טאטען ביים רבי׳ן, באוויזען א קונץ, און איבערגענומען גאנצע זעקס נייע נגונים. אזוי שעהן האָט שלמה׳לע זיי געזונגען, אז דאס שטעטעל איז געגאנגען אויף חידושים.

יעדען פרייטאג צונאכטס נאָך שלמהלע׳ס צוריקקומען, האָבען אידען זיך געשטעלט אונטער די פענסטער, ווען שלמה׳לע האָט נאכגעמאכט און געפּראוועט א טיש, אט פונקט ווי ער האָט געזעהן דעם רבינ׳ס טיש, און ווי אזוי דער טיש איז געפיהרט גע-וואָרען.

דערנאָך האָט איהם שוין דער פאָטער מיטגענומען קיין קורי-לאָוועץ יעדעס מאָל, ווען ער איז געפאהרען צום רבי׳ן.

און ביי דעם רבינ׳ס טיש האָט ערשט שלמה׳לע מיט זיין זינ-גען, זיך קונה-שם געווען. דער רבי אליין, איז געוועזן א שיינער זינגער, און פלעג שטארק אויסנעמען ביי דעם עולם מיט זיינע זיסע זמירות און חסידישע נגונים. ווען דער רבי האָט דערהערט

שלמה'לען זינגען, האָט ער זיך איינגעהערט און דערנאך אויף איהם געזאגט:

— דאס וואקסט א כלי שלמה!

דורך זיין זינגען איז שלמה'לע באריהמט געווארען אין רבינ'ס הויף און ביי די אייניקלאך, וואס האָבען זיך געהאדעוועט ביי דעם רבי'ן.

שלמה'לעס ערשטער ראמאן, זיין באקענען זיך מיט א מיי־דעל, און זיך דערוויסען פון זאכען, פון וועלכע ער האָט ביז דאן ניט געוואוסט, איז טאקע פארגעקומען אין הויף ביי דעם קורי־לאוויצער רבי'ן, הרב יחיאל'קעל.

רחל'ע, אן אייניקעל, א יתומה, א מיידעל אין זיינע יאהרען, האָט איהם איינמאל פארבעטען יום־טוב צו זיך אין צימער, אויף קידוש, און האָט איהם א זאג געגעבען:

— שלמה'לע, דער זיידע האָט אונז דערציילט, אז דו זינגסט דאך עפּעס גאר אויף חידושים! זינג מיר עפּעס!

שוין דאס וואס זי, רחל'ע, דעם רבינ'ס אייניקעל האָט גע־רופען „זיידע" דעם גרויסען מענשען, וועמען די גאנצע וועלט רופט רבי. איז ביי איהם געווען א גרויסע זאך.

דערצו איז טאקע רחל'ע געווען שעהן ווי א פּרינצעסין, האָט געהאט א פּנים, לויטער בלוט און מילך, און אין די באקען הא־בען געבליהט צוויי רויזעלאך, און אויגען, בלויע וואס האָבען גע־לויכטען, ווען זי האָט געקוקט אויף א מענשען און עס האָט פון זיי ארויסגעלויכטען אזוי פיל שיינקייט און חן, אז עס איז געווען נאָר צו שפּיגלען זיך אין זיי. גערעדט האָט רחל'ע מיט א שטימע, א ווייכע, וואס האָט זיך געגאסען אין הארצען אריין, ווי א גו־טער בוימעל.

געקליידעט איז זי געווען אינגאנצען אין זייד און אין סאמעט, און אין אזעלכע פאסאנען, וואָס אידישע קינדער האָבען גארניט געוואוסט פון זיי. איבער איהר וויסען נאקען האָבען אריבערגע־האנגען צוויי דיקע צעפּ, וואס האָבען ווי געכישופט, און אז די דאָזיגע רחל'ע האָט געהייסען שלמה'לען עפּעס זינגען, איז קיינער צו איהם ניט געווען גלייך.

שלמה האָט געזונגען איין ניגון נאכ'ן צווייטען, און רחל'ע האָט איהם אונטערגעטראָגען א גלעזעל וויין, זיין שטימע האָט געקלונגען נאָך העלער און פרייליכער, רחל'ע איז פאר זיין זינגען אזוי באגייסטערט געווארען, אז זי האָט איהם א קוש געטאן. דעם דאָזיגען קוש האָט ער יאהרענלאנג ניט געקענט פארגעסען, און רחל'ע האָט איהם אָנגעזאגט, אז ער זאָל אויף אלע ימים טובים קומען צום רבי'ן, און זאָל ווערען א בן-בית ווי זיין טאטע איז אין רבינ'ס הויף.

נאר אין א יאָהר ארום איז ער געווארען א יתום. דער פאָטער איז געשטארבען, ער איז אינגאנצען אלט געווען דאס זעכצענטע יאהר. ער איז געווארען א לעהרער אין די ארומיגע דערפער, און אויף יום-טוב איז ער געפאהרען צו א פעטער, דעם פאטערס א ברודער.

חול המועד איז דער פעטער מיט דער מוהמען געגאנגען מיט איהם ערגעץ צו גאסט, און ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָט דער פעטער איהם א זאג געטאן:

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס דיין כלה?
שלמה האָט ניט אָנגעהויבען וויסען פון וואס צו זאגען.

— דאס מיידעל, וואס האָט סערווירט צום טיש די טיי מיט איינגעמאכטס, האָט דער פעטער פון איהם געלאכט, — דאס איז דאָך די כלה, וואס איך וויל דיר גיבען!," האָט דער פעטער איהם געגעבען צו פארשטעהן.

שלמה האָט אין יענער צייט געהאט אזוי ווינציג דערפאהרונג מיט מיידלאך, אז אלע מיידלאך זיינען געווען ביי איהם גלייך. דאס איינציגע מאָל וואס ער איז געווען נאהענט צו א מיידעל, איז געווען אין קורילאָוויצער הויף, ווען ער האָט געזונגען פאר רחל'ען, און זי האָט איהם דערפאר א קוש געטאן. ער האָט גע-וואוסט, אז גוט-אידישע משפחות זיינען זיך נאר משדך צווישען זיך, האָט איהם שטארק באנג געטאן וואס ער קען אפילו ניט אנ-הויבען טראכטען וועגען רחל'ען ווי וועגען זיינער א מעגליכער כלה.

איבעריגענס, ביז דער פעטער האָט איהם מיט עטליכע טעג צוריק ניט אויפגעגעבען דעם פּלאן וועגען ווערען א חתן, איז איהם אפילו אזא זאך אויפ'ן זינען ניט געקומען.

אבער דעם פעטער׳ס פּלאַן האָט איהם פאַראינטערעסירט, עפּעס איז דאָס געווען א גאַנצער עסק, דאָס חתונה האָבען, זיצען אויף קעסט, און דאַן, דער פּלאַן פון פאָהרען קיין אמעריקא. אַן אַוואַנטיורע א גאַנצע.

פון יענער צייט האָט שוין אנגעהויבען ארויסשפּרינגען דער אַוואַנטיוריסט אין אים.

דאָס ברייננגען נייע נגונים פון רבי׳ן, דאָס איינריידען זיך, זיצענדיג אויף קעסט, וועט ער האָבען א מעגליכקייט צו לערנען און שטודירען, און דערנאָך פאָהרען קיין אמעריקא, האָט איהם אזוי פאַראינטערעסירט, אַז עס איז איהם אפילו ניט אנגעגאַנגען ווער עס איז זיין כלה, מיט וועמען ער וועט שפּעטער דאַרפען פיה-רען א וועלט.

א פּאָר טעג שפּעטער, האָט דער פעטער דורכגערעדט זיך מיט דער כלה׳ס פאָטער, און דער פעטער איז צוריקגעקומען און האָט אנגעזאָגט שלמה׳ן די גוטע בשורה, אַז כלה׳ס צד איז דער שידוך שטאַרק געפעלען. דער פעטער האָט דערנאָך צוגעלעגט:

— און אונז איז אויך געפעלען, האָב איך געהייסען, אַז מען זאָל אויפמאָרגען אויפדערנאַכט צוגרייטען לעקאַך און בראַנפען, און שרייבען תנאים.

צו די תנאים איז גערופען געוואָרען א גרויסער עולם, מען האָט געטרונקען — לחיים, זיך געווינשעוועט, געבראָכען טעלער, און שלמה האָט נאָך אלץ דער כלה ניט געשאַנקען קיין אויפ-מערקזאַמקייט. אזוי איז דאַן געווען דער מנהג צווישען חסידים, חתן-כלה האָבען זיך נאָר אנגעקוקט פון דערווייטענס, רעדען איז געווען ניט שעהן, דער גאַנצער ענין איז געווען אַן עסק פאַר טאַטע-מאַמע, די מחותנים. די קינדער האָבען ניט געהאַט קיין דעה אין אזעלכע זאַכען.

צו מאַכען די זאַך אביסעל שענער, האָט דער פעטער איהם פאַרגעשטעלט מיט א פּאָר יאָהר עלטער, כאָטש ער איז קוים אַלט געווען זעכצען יאָהר, האָט עס געהייסען אַז שלמה איז שוין געוואָ-רען זיבעצען, און איינגיכען וועט ער שוין אַכצען יאָהר. צו אַכצען יאָהר איז מען דאָך שוין א בר דעת, אַט אזוי איז געגאַנ-גען די מעשה פאַר זיינע מחותנים.

דערנאָך האָט זיך אנגעהויבען א פרישע אוואנטיורע, קליי-דער צו דער חתונה. דער כלה'ס עלטערען האָבען אויף זיך גענו-מען אויסצושטעהן אלע הוצאות פון דער הלבשה צו דער חתונה, מחמת ביז יענער צייט האָט א קליינשטעטעלדיגער אינגעל גע-דארפט האָבען א פאראסינענעם גארניטערעל אויף אינדערוואכען, און א שבת'דיגען בגד פון שווארצען אדער פון בלויען צייג.

אבער חתונה-הלבשה איז שוין א גאנץ אנדערע זאך.

די מחותנים פון ביידע צדדים זיינען געגאנגען אין שניט-קראם, און מען האָט אפגעקליבען א פיין שטיקעל שעוויאט אויף אינדערוואכען, און דערנאך ערשט סחורה אויף שבת'דיגע און יום-טוב'דיגע מלבושים, געשניטען און גענייהט לויט דעם חסי-דישען פאסאן, א גאנץ לאנגען. דערנאך ערשט נאָך א קאסטיום, אן אריסטאקראטישען, מיט א קורץ רעקעל, און דערנאך האָט מען אנגעהויבען מעסטען קאפעליושען. ביז דאן האבען אלע אינגלאך נאָך געטראגען היטלען מיט דאשעקעס, געמאכט ביי שמעון קירזש-נער, אבער צו דער חתונה, און ווייל די חתונה האָט געזאלט זיין ניט אין סניטקיוו, נאר אין קאלים, וואו דער כלה'ס עלטע-רען האבען געוואוינט, וואס דאס שטעטעל האָט זיך שוין גערע-כענט פאר מעהר אויפגעקלעהרט, ווייל דאס שטעטעל איז שוין געשטאנען נאהענט צו דעם בארטען, וואס מען איז אריבערגע-פאהרען מיט'ן פאראם, איז מען שוין געווען אויף יענער זייט גרעניץ ביי אטיק-מאליוו, אָט דאס שטעטעל אטיק, האָט שוין גע-הייסען בעסאראביע, און מאליוו איז שוין געווען א גרויסע שטאדט. אין מאָליוו און אין אטיק איז מען שוין געווען ארים-טאקראטיש, מען האָט שוין שבת אין א סאך הייזער זיך פארגו-נען צו הייסען דער שיקסע אויפשטעלען דעם סאמאוואר אויף טיי און נאָך אזעלכע זאכען, וואס אין סניטקיוו איז דאס געווען טריף ווי חזיר. דעריבער האָט שוין דאס גאנצע שטעטעל שלמה'ן צו דער חתונה געמאכט פאר אן אריסטאקראט, צוליב דעם קאסטיום מיט דעם קורצען רעקעל.

שלמה'ן אליין איז דאס שטארק געפעלען געוואָרען.

אין עטליכע וואכען ארום איז געפראוועט געווארען די חתונה אין א גרויסען שאלאש, וואס איז אויפגעשטעלט געווארען ביי דער כלה'ס עלטערען אין הויף, און דאס גאנצע שטעטעל איז פאר-בעטען געוואָרען אויף דער חתונה, וואס האָט זיך אָנגעהויבען

מיט אן אויפרופעניש, א שבת פאר דער חתונה, ווען די מחותנים האָבען געפיהרט דעם חתן אין שוהל אריין, און צום לייענען האָט מען דעם חתן אויפגערופען מפטיר, איהם באזונגען מיט א חזן מיט משוררים, און פון דער ווייבערשער שוהל האָט מען דעם חתן פארוואָרפען מיט לעקאך. ראזשענקעס און מאנדלען, א מנהג אזא, אין פאדאל, וואס האָט געדארפט זיין א מין סימבאל אז אלע ווינשעווען דעם חתן, אז זיין לעבען זאָל נאָך דער חתונה איהם זיין זיעס ווי עס איז דער לעקאך, און די ראזשענקעס מיט מאנדלען.

נאָך דעם אויפרופען איז די שטאָדט געקומען צו כלה׳ס צד אויף לעקאך און בראנפען און עס האָט זיך אנגעהויבען א סדרה — א חתונה-וואָך; מען האָט געגעסען און געטרונקען, געהוליעט און געזונגען און געהאלטען אין איין ווינשעווען, אז דער שידוך זאָל עולה יפה זיין, דאס פאָר-פאָלק זאָל זיך עלטערען אין עושר און אין כבוד.

דאס איז נאָך אלץ געווען בלויז דאס פארשפיל. די גרויסע שמחה האָט זיך ערשט אנגעהויבען אין דעם טאג פון דער חופה.

חתן-כלה האָבען געפאסט, ביי זיי איז דער טאג געווען יום-כפור, און זיי האבען געדארפט אויסבעטען ביי דעם וואס לעבט אייביג, עס זאָל זיי פארגיבען ווערען אלע זייערע זינד. פאר דער חופה איז פאָרגעקומען דאס באדעקענס, ווען דער בדחן האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט אָנגעהויבען זאגען מוסר אין גראמען צו דער כלה. דערנאך האָט מען אריינגעפיהרט דעם חתן, איהם דער-לאנגט א זיידענעם דעקטוך, און ער האָט דערמיט צוגעדעקט דער כלה איהר קאָפּ. פון דארטען האָט מען חתן-כלה געפיהרט צו דער חופה. די חופה האָט מען געמאכט אויפ׳ן שוהל-הויף. די מחותנים האָבען געפיהרט חתן-כלה צו דער חופה מיט ליכטלאך פון גרינע און רויטע וואקסענע הבדלות, אונטער די קלאנגען פון כלי זמרים, וואס האָבען געשפילט א טרויעריגס, און מעהר פאר אלע כלי-זמרים האָט זיך געהערט דער קלארנעט, וואָס איז זיך פארגאנגען אין קולי-קולות, און זיך געריסען צו די הימלען אוז דער גראָבער קעסל-פויק האָט אונטער-קאנקורירט מיט זיינע טעמפּע, שווערע קלעפּ אין דעם גראָבען, בייכיגען פויק.

אפילו די חתונה וואָך זיינע איז ביי שלמה׳ן אויך אויסגע-קומען ניט מעהר ווי א ווילדע אוואנטיורע.

דאס בלייבען אליין מיט דער כלה, און דאס אויפכאפּען זיך אויף מארגען און שוין הייסען איהר מאן, דאס אליין איז ביי איהם אויסגעקומען משונה-ווילד.

אבער פּלוצלינג האָט קאזאנסקי זיך אויפגעכאפּט, און ער האָט אָנגעהויבען זיך דערוויסען אין שטעטעל, אז עפּעס מורמעלט מען וועגען איהם און חיה שרה'ן. פּלוצלינג האָט ער דערהערט, אז מען לאכט פון איהם, מען האלט איהם פאר א גרויסען למך, א לעקיש.

ער האָט זיך פּלוצלינג דערוואוסט אז מען לאכט פון איהם צוליב א סאך זאכען: ערשטענס איז זי צוויי מאָל אזוי אלט ווי ער, און „אפשר נאָך עלטער...״ דאס איז איהם שוין ניט אנגע-שטאנען. דאס הייסט, פּשוט, אז מען האָט איהם אויסגענארט.

פון וואס צו רעדען מיט דער ווייב איז ניט געווען. קיין אי-בעריגע חכמה, האָט ער באלד דערפיהלט, איז זי ניט. געלערענט אויך ניט. אויף דער בקשה פון שווער און שוויגער, האָט ער זי אלע פרייטאג פארנאכט געלערענט ליכט בענשען, אבער זי האָט אפילו די ווערטער ריכטיג ניט געקענט נאכזאגען. פון אנדערע זא-כען איז שוין געווען אפּגערעדט. זי האָט פּשוט געהאט א טעמ-פּען מח.

זעהר אומרואיג איז קאזאנסקי געווארען, ווען א חבר האָט איהם איינמאָל אפּגעשטעלט אין בית המדרש און איהם א פרעג געטאָן:

— צי ווייסטו כאטש ווי אלט דיין חיה שרה איז שוין?

— ניין. ווי אלט, דיינקסטו איז חיה שרה? האָט שלמה איהם איבערגעפרעגט.

— צוויי מאל אזוי אלט ווי דו, עס מעג איהר שוין אנשטעהן צו זיין דיין מאמע, האָט דער חבר איהם אריינגעלאכט אין פּנים.

פון דעם מאָמענט אָן האָט קאזאנסקי שוין ניט געקענט רוהען. עס האָט איהם פארדראסען, און ער האָט זיך געכאפּט, פארוואס ער איז די מחותנים אזוי שטארק געפעלען געווארען פון ערשטען קוק אָן.

ער האָט זיך געכאפּט, אז אפשר דערפאר טאקע האָט מען

איהם פריהער, פאר דער חתונה, די כלה אינגאנצען ניט געוויזען... אפשר דערפאר האָט מען איהם איינס און צוויי באקליידעט און חתונה געמאכט, אפגעטאן און פארטיג.

ביז מען האָט איהם ניט אויפמערקזאם געמאכט אויף חיה שרה'ס עלטער, איז ער אויך געוועז גאנץ אומרואיג שוין באלד נאָך דער חתונה.

ווי דער שטייגער איז, צו א יונג ווייבעל נאָך דער חתונה האלטען אין איין קומען געסט, חבר'טעס, און צווישען די חבר'-טעס האבען זיך געפינען אינגערע מיידלאך פאר חיה שרה'ן.

די געסט האבען קאזאנסקי'ן אנגעהויבען מעהר אינטערעסי-רען ווי זיין חיה שרה. צווישען די געסט האָבען זיך געפונען מייד-לאך וואס האבען שוין געלייענט צו ביסלאך, זיינען געוועזן אבי-סעל אויפגעקלעהרט, האבען זיך אינטערעסירט מיט זאכען וואס קומען פאָר אין אנדערע שטעדט.

קאזאנסקי האָט זיך שטארק געערגערט וואס חיה שרה קען ניט עפענען אפילו קיין טאָוועל פון א בוך, אפילו ניט פון א סידור, א טייטש חומש, און נאכדעם ווי מען האָט נאָר איינמאָל געצוייגען זיין אויפמערקזאמקייט צו איהר עלטער, האָט ער דאס שוין ניט געקענט פארגעסען.

און קוים האָט ער זיך נאָר אָנגעהויבען צוקוקען צו איהר, האָט ער אנגעהויבען דערזעהן אזוי פיל זאכען, אז עס האָט איהם אנגעהויבען אויפרייסען די אויגען.

ער האָט דעם ערשטען מאָל דערזעהן ווי חיה שרה טוט זיך אויס, איידער זי געהט שלאָפען. ער האָט דערזעהן חיה שרה'ן אָהן שמינק, אהן פודרע, ווי זי זעהט אויס אין איהר גאנצער נאַ-קעטקייט, קנייטשען ארום מויל, בלויע רינגען ארום די אויגען, דערנאָך האָט ער געכאפט א קוק אויף זיך אליין, געגומען פאר-גלייכען די הויט פון זיין פנים צו חיה שרה'ס. זיין הויט איז גלאַט, ניטא נאָך קיין צייכען פון א קנייטשעלע, איז איהם קלאהר געווארען, אז זיין חבר איז אייגענטליך ניט געוועזן קיין רכילות'-ניק, נאָר דער חבר האָט פשוט ארויסגעבראכט א טיפען אמת, וואָס לאָזט זיך ניט אפשטרייטען. חיה שרה איז צוויי מאָל אזוי אלט ווי ער... האָט ער זיך געפיהלט אפגענארט.

— מען האָט זיך אויסגענוצט מיט מיין ניט-דערפאהרענקייט, מען האָט מיך גענומען פאר אן איידעם אויף קעסט, ווייל מען האָט דעם מיידעל געדארפט חתונה מאכען, זי האָט געהאלטען ביים איבערגעוואקסען ווערען.... — האָט ער שטיל געטראכט לי-גענדיג אויף דעם געלעגער.

ניט נאר האָט זי איהם אויפגעהערט רייצען מיט איהר נאקעטען קערפער, נאָר ער האָט דערפיהלט, ווי עס הויבט איהם אָן אפשטויסען פון איהר.

דערנאָך האָט ער שוין אָנגעהויבען געפינען אין איהר חסרונות אויף שריט און טריט. ער האָט אנגעהויבען זיך אליין מאכען פארוואורף און זיך זידלען:

— דו ביזט אן אוואנטיוריסט, א נארישער בחור. דו ווייסט ניט וואס עס איז גוט פאר דיר. האסט אליין זיך אנגעהאנגען אן הויקער אויף די פלייצעס, א פעקעל פון וועלכען דו וועסט אזוי גיך ניט קענען פטור ווערען, האָט ער צו זיך אליין געטענה'ט. אן אנדערש מאָל האָט קאזאנסקי געטראכט:

— אייגענטליך, וואס האב איך צו איהר? וואס איז זי מיר שולדיג? זי האָט דאך אויך איבער זיך קיין דעה ניט געהאט. מען האָט זי געדארפט חתונה מאכען. מען האָט מיך געבראכט, א שידוך געטאָן, חתונה געמאכט און אויס. אבער זי איז דאך מיט מיר צופרידען. זי איז גוט צו מיר! פארוואס קומט עס איהר, אז איך זאָל זי אזוי באהאנדלען?

דאן איז ביי איהם געבוירען געווארען דער געדאנק — אמע-ריקא.

— אוואנטיורעס האָב איך דאך ליעב, איז וואס קען נאָך זיין א גרעסערע אוואנטיוריע, ווי אריבערצופאהרען אין א ניי לאנד, אמעריקא?

א ניי לאנד, נייע מענשען, דאס מוז זיין אויסערגעוויינטליך אינטערעסאנט, האָט ער ניט אויפגעהערט טראכטען, און אזוי ווי דער אָפמאך איז געווען, אז ווען קאזאנסקי וועט וועלען פאהרען קיין אמעריקא, וועלען זיינע שוועער און שוויגער איהם באזאָרגען מיט שיפסקארטען, מיט רייזע הוצאות וואס די משפחה פון אמע-ריקע וועט צושטעלען, האָט ער אנגעהויבען גיבען אנצוהערעני-

שען, אז ער איז גרייט צו פאהרען קיין אמעריקא, ווייל ער זעהט ניט קיין תכלית אין דעם זיצען אויף קעסט.

די צייט וואס עס האָט גענומען ביז די שיפסקארטען זיינען אָנגעקומען פון אמעריקע, האָט זיך געצויגען פאר איהם ווי א טאג א יאהר. דערפאר אז די שיפסקארטען מיט דעם געלט אויף הוצאות זיינען ענדליך אָנגעקומען, איז ער געווען איבערגליקליך, ער האָט אפילו פארגעסען צו טראכטען, אז חיה שרה איז א סאך עלטער פאר איהם, און אז ער האָט אינגאנצען חרטה אויף דעם שידוך.

ער, מיט חיה שרה'ן זיינען געווארען אין שטעטעל דאס גע-שפרעך פון טאג, מענשען האָבען געהאלטען אין איין קומען, הא-בען געבראכט אדרעסען און בריוולאך צו קינדער, צו משפחה, זיי האָבען זיך ניט געפוילט אפילו צו ברייגגען פעקלעך, פאטא-גראפיעס, און אפילו עסענווארג, אזוי, אז ווען מען זאָל זיך גע-ווען צוהערען צו אלעמען, וואלט זייער באגאזש געווען צען מאָל שווערער ווי דאס אייגענע געפעק.

ערשט ווען קאזאנסקי און חיה שרה האבען זיך ענדליך ארויס-געלאָזט אין וועג אריין און זיינען אָפגעפאהרען ביז דער ערשטער באהן סטאנציע, ווען אויפ'ן וואקזאל האָט זיך גערעשט ווי אין א ביהנשטאָק, מענשען מיט געפעק, זיינען געלאפען אהער און אהין און אין אלע זייטען, אנגעקומען, ארונטערגעשטיגען, זיך איבערגעזעצט, בייטענדיג די ליניע, ערשט דא האָט קאזאנסקי דערפיהלט ווי הילפלאָז ער איז. ווי אפהענגיג פון די אגענטען, וואס דארפען איהם טראנספערירען, ארויסבאגלייטען ביז דער גרעניץ קיין וואלאטשיסק.

מיטאמאל האָט מען אנגעהויבען הערען נעמען פון שטעדט וואס זיינען איהם ביז דאן אינגאנצען פרעמד געווען. ער האָט זיך דערוואוסט, אז מען וועט דארפען גנבענען דעם גרעניץ, כאטש ער האָט ניט אָנגעהויבען האבען דעם מינדעסטען באגריף מיט וואס דאס שמעקט. בלינד האָט ער זיך געלאָזען פיהרען פון די אגענטען, וואס זיינען אנטקעגען געקומען, דאס איינציגע שטיקעל גליק איז געווען, וואס אפפאהרנדיג א שטיקעל וועג, האָבען זיי זיך אנגעטראפען מיט עמיגראנטען פון אנדערע שטעטלאך, וואס זיינען אויך געפאהרען קיין אמעריקא, איז מען באלד געווארען

היימיש; מען האָט זיך צורעדט, באקאנט, זיך באפריינדעט, פונקט ווי מען וואלט געווען איין משפחה.

דאס האָט געמאכט די רייזע א סאך אינטערעסאנטער און לייכטער, בפרט, ווען עס זיינען געווען פאסאזשירען וואס האָבען דערציילט, אז זיי זיינען שוין פריהער איינמאל געווען אין אמע-ריקא. די דאָזיגע פאסאזשירען האבען געהאט צו דערציילען חידושים, אויף וואס גרינע, פאהרענדיג דאס ערשטע מאָל, האָ-בען אויפגעשטעלט מויל און אויערען.

— זיצט רואיג, איהר דארפט ארונטערשטייגען דארט וואו מיר וועלען ארונטערגיין, און אז איהר וועט אונז נאכגיין, וועט איהר שוין פארשפּאָרען צו בלאנדזשען, — האָט א רויטער אידעלע, די גאנצע צייט זיך געוויצעלט אויף דעם חשבון פון די גרינע, וואס האָבען ניט אנגעהויבען צו וויסען „וואו א טיר עפענט זיך.” אזעלכע פאסאזשירען זיינען טאקע געווען פארלוירענע, און האָ-בען זיך געפיהלט ווי א סטאדע שאף.

דערנאָך האָט דאס רויטע אידעלע אָנגעהויבען דערציילען די חידושים וועגען אמעריקא.

— א טייערע מדינה, אמעריקא. יעדערער פאר זיך, — און ער האָט א זאג געטאן אויף אמעריקאניש — העלפּ יורסעלף, — הייסט עס! דאס האָט געהייסען ביי איהם א לעבענס פילאזאפיע פאר אמעריקאנער.

כדי די פאסאזשירען זאָלען פארשטעהן וואס ער האָט דאָ גע-זאגט, האָט דאס אידעלע צוגעלעגט:

— דאס איז ניט מעהר און ניט ווינציגער ווי מען זאָגט אין אוקראינע: ארבייט מיידעלע, וועסטו האָבען א קליידעלע.

ער האָט אויך דערציילט, אז זונטאג איז אין אמעריקא — שבת. זונטאג גייט מען צוגאסט, אבער שבת איז א טאג ווי אלע טאג.. מען גייט, מען ארבייט, מען האנדעלט, מען קויפט און מען פארקויפט.

פאר די פאסאזשירען איז דאס געווען עפּעס ווי א מעשה פון טויזענט און איין נאכט. זיי, אין די קליינע שטעטלאך, האָבען אלע געלעבט ווי גאָט האָט געבאָטען. זיי האָבען געוואוסט, אז

גוים היטען אָפּ זונטאג. אבער אידען, קליינשטעטעלדיגע, זאָלען גאָר שבת ארבייטען, דאָס האָבען זיי זיך ניט געקענט פאָרשטע- לען. דאס האָט זיך זיי ניט געלעגט אויף דעם שכל.

א סאך האָבען זיך שוין באצייטענס מצער געווען און זיך פארזאָרגט וואס זיי וועלען ניט קענען אפּהיטען שבת; דער רוי- טער אידעלע האָט עס באמערקט, און ער האָט זיך ווידער געווי- צעלט אויף זייער חשבון:

— צווינגען איינעם צו ארבייטען שבת, צווינגט מען גראד ניט אין אמעריקא, און די שוהלען זיינען אָפען אלע טאג, ניט נאָר שבת, און ווער עס וויל נאר אָפּהיטען שבת, קען עס אויס- פיהרען ווי ביי זיך אין סניטקיוו. אבער איך קען געגנוג קליינ- שטעטעלדיגע, סניטקיווער און לוטשינעצער, וואס גראד זיי, די „באָזשנע”, די געוועזענע בית המדרש'ניקעס, די קלויזניקעס, גראד זיי זיינען געווארען פארברענטע סאציאליסטלאך און אנארכיסט- לאך, און טאקע באלד, נאָך איידער זייער שיף איז אפּגעפאהרען צוריק.... — דאס האָט דער רויטער א זאג געטאן און ניט ארונ- טערגענומען די אויגען פון קאזאנסקי'ן, וועלכער איז געווען אינ- טערעסירט מעהר פאר אַלע אַנדערע, און האָט איהם פארווארפען מיט אלערליי פראגען וועגען דעם שטייגער לעבען פון די אידען אין אמעריקע.

— אייך, יונגערמאן, קען איך זאגען איין זאך; נעמט א שרייב- פענדעל און פארשרייבט, וועט איהר מיך געדיינקען. — איהר, וועט בייטען דאס סידור'ל, און דאס ווייבעל, און אין א יאהר ארום, וועט איהר שוין ניט נאר אויפהערען דאוונען, און היטען שבת, נאָר איהר וועט אינגאנצען אויפהערע ן צו גלויבען, ווייל איהר קומט טאקע פון אזא קליין שטעטעל וואו אלע דאַוונען... ווייל איהר זייט איצט גאָט די נשמה שולדיג, אבער איך קען איי- ערע סניטקיווער און ווערבאוויצער, אין נויאָרק און אין שיקאגא, זיי, די קליינשטעטעלדיגע, מאכען עס אין אמעריקע די „יומכפור- בעלער,” און די „פסח-בעלער,” זיי, ווילען עס מאכען א גאט א לונג פעהלער, אבער מען לאכט זיך אויס פון זיי. עס גייען אוועק עטליכע יאהר, טומלען זיי זיך איבער, קאכען זיך אויס אין אלע קעסלען, דינען אָפּ אלע עבודה-זרות, דערנאך ערשט כאפּען זיי זיך, אז זיי זיינען אידען. די גוים האבען זיי ניט ליעב, אפילו אין זייערע ראדיקאלע קלייזלעך, ווייל טיף אין הארצען איז גוי

בלייבט גוי, און איד בלייבט איד... איהר פארשטייט? א פרייער גוי איז אלץ א גוי. אבער אזוי זיינען מיר, אידעלאך, מיר כאפען זיך באלד צו צו א פרייער לעהרע, מיר ווארפען נאר ארונטער דאס אידישע פרצוף, כאפען מיר זיך ראטעווען די וועלט, אבער נשקשה, מיר קומען צוריק צו אונזער שורש. מיר בלייבען אידען!

קאזאנסקי האט אויף דעם אידען געעפענט מויל און אויערען. עפעס איז געלעגען אין דעם אידענ׳ס רייד, וואס האט איהם פאר־אינטערעסירט, און קאזאנסקי האט זיך דערנעהענטערט צו איהם.

— קודם, פון וואס דרינגט איהר, אז איך וועל בייטען דאס ווייבעל?—האט קאזאנסקי א זאג געטאן, און איז געווארען ערנסט.

— ווייל ווער עס האט מיט אייך א שידוך געטאן, איז געווען א גרויסער אקס, — האט דער רויטער זיך ניט געשעמט, און גע־ענטפערט. — איהר האט געמעגט זיין איהרער אן איידעם, אדער א זוהן

— וואס זשע, עס איז אנגעשריבען אויף איהר פנים, ווי אלט זי איז? — האט ער זיך פארשעמט און פרובירט חיה שרה׳ן פאר־טיידיגען, אבער ער האט געדאנקט גאט, וואס זי איז איצט ניטא לעבען איהם.

— זי איז זיכער צוויי מאל אזוי אלט, ווי איהר זייט, האט דער רויטער געלאכט, און א פרעג געטאן:

— ווי אלט זייט איהר? זיבעצען, אדער אפשר אכצען, הא? אבער זי איז דאך שוין געווים אריבער שלושים! נאר איהר ווייסט דאך, ווי מען טוט אין די קליינע שטעטלאך, שדכנים דארפען דאך לעבען, און ביי אידען איז ניטא קיין מאנאסטיר, מילא, נו. אט דאס איז דאס, וואס־זשע, איך האב דען ניט געטראפען?

קאזאנסקי האט ארונטערגעלאזט די אויגען, אבער ער האט ניט געענטפערט.

— געשוויגען איז צוגעגעבען, האט דער רויטער ווייטער גע־רעדט. — זיינען מיר פארטיג מיט דער ווייבעל. איצטער, מכח אייער גלויבען. איהר זייט דאך פון דער היים, געווים א טאטענס א קינד, געלערענט אין א חדר, און אפשר שוין אליין געווען א מלמד׳ל ביי אידען אין די דערפער. אויב איך מאך קיין טעות

ניט, האב איך אייך טאקע געטראפען אין פּאָפּעליוך, אָדער אין זשיטניק, און קען זיין אויך אין פּראָקאָרענעץ, ווייל איך אליין בין אויסען געווען אין די אלע דערפער אין אייער מדינה, און איך וואלט געקענט שווערען, אז איך זאג קיין ליגען ניט...

קאזאנסקי האָט איהם מודה געווען, אז ער איז טאקע געווען א לעהרער אין די דערפער, וואס ער האָט ערשט אָנגערופען מיט זייערע נעמען. . .

— נו, זעהט איהר, אז איך בין ניט משוגע, איך וויים וואָס איך רעד. איך קען אייער חברה, איך האָב געטראָפען אייערע לאנדסלייט פון די „גרויסע מדינות". זיי שטעהען אין די רייהען פון די יוניעס און אין דער „באוועגונג," ווי זיי רופען עס, און, נשקשה, מיר וועלען זיך טרעפען מיט גאטס הילף מיט אייך אויך דארטען פון היינט איבער א יאהר, און ווער וויים, אפשר נאך פריהער, אין נויאָרק אדער אין אנאנדער שטאדט.

זיינע ווערטער האָבען אויף קאזאנסקי'ן געמאכט א טיפען איינדרוק.

— מאָדנע, האָט קאזאנסקי געטראכט, — איך אליין האָב נאָך ניט קיין ברעקעל באגריף וועגען דעם וועג וואס איך וועל זיך אויסקלייבען, און ער, איינגאנצען א פרעמדער, און טאמער האָט ער מיך יא אמאל באמערקט דארט אין די דערפער, ווען איך האָב געלערענט מיט די קינדער, ער, האָט מיך תופש געווען, ער האָט שוין אפילו באמערקט דעם שטארקען קאנטראסט צווישען מיר און חיה שרה'ן, ער פיהלט שוין, אז איך בין אביסעל וואקלדיג אין מיין גלויבען, און אז איינגיכען וועל איך זיך דארפען איינגאנ-צען איבערבויען, איז ווי זשע זאָל איך עס אננעמען? זאָל דאָס דינען פאר א סיגנאל און א ווארנונג פאר מיר, אדער זאָל איך דאָס אויפנעמען מיט פרייד?

אבער צומרייסעלט איז קאזאנסקי פון דעם נאכמעהר געוואָ-רען, און ער האָט זיך ארומגעטראגען מיט צופלאנטערטע מחשבות, און האָט ניט אויפגעהערט צו קלעהרען:

— א וועג, אָבער א מענש דארף זיך דאך אויסוועהלען אן איינענעם וועג, און עס איז דאך נאטירליך, אז קומענדיג אין א נייע לאנד צווישען אנדערע מענשען, זאָל ער באאיינפלוסט ווערען

פון דעם לאנד, פון די זיטען און פון דער ארומיגער סביבה.

מיט א טיפען אינטערעס האָט ער זינט דער באגעגניש מיט חנה'ן גענומען לייענען דאָס בוך — „יוחנן."

יוחנן טווערסקי

ווי א פארלוירענער, האָט יוחנן זיך געפיהלט אויף מאָרגען, ווען נאָך א וואנדערען פון א גאנצער נאכט, אין שטורם און אין גוסרעגען, איז ער אָנגעקומען אין א דערבייאיגען דאָרף. וואו ער האָט אפגערוהט, אבער אין א פּאָר שעה ארום האָט עס איהם ניט געלאָזען רוהען, געטריבען פון אן אינערליכען שטורם אין הארצען, האָט ער געשפּאנט ווייטער, און איידער עס איז נאכט געוואָרען איז ער אנגעקומען אין א שטעטעל, איז אריין אין בית המדרש, האָט זיך ארומגעוואשען, אויסגעריבען די בלאָטע פון זיינע קליידער, און פון מיעדיגקייט איז ער איינגעשלאפען לעבען דער הרובע, אויף א באנק.

עס האָט לאנג ניט גענומען, זיין שלאָף איז געשטערט געוואָרען, ער האָט דערהערט ווי עס רודערט זיך ארום איהם, מענשען שושקען זיך, און נעמען זיך האמפּערען, די קולות ווערען העכער, און ווען ער האָט נאָר געעפענט די אויגען, האָט ער דערזעהן ווי ער איז שוין ארומגערינגעלט פון א רעדל חסידים, די פּנים'ער זייענען איהם געווען באקאנט, ער איז געווען זיכער אז ער האָט זיי פריהער געזעהן ביים רבי'ן אין הויף. עס איז איהם גלייך קלאהר געוואָרען, אז אויך דאָ וועט ער שוין קיין מקום מנוחה ניט האָבען.

— דאס איז ער דאָך טאקע, דער תכשיט, האָט איין חסיד זיך געאמפּערט, — דאס איז דאָך ער, דער עוכר ישראל, וואס האָט מורד געווען אין אלטענ'ס רייד, ער איז דאָך צו דער חופּה ניט געגאנגען, האָט פארשטערט זיין אייגענע חתונה אין הויף.

דער חסיד האָט ניט אויפגעהערט צו שטורמען ווייטער:

— איז וואס זשע זאָגט איהר גיט, אידען דערצו? וואס איז ער געקומען אהער? ער מיינט אפּנים, אז דאס אלעס וועט איהם פארשוויגען ווערען?

א צווייטער חסיד, א נידרריגער און גראב בייכיגער, מיט א שיטער, צוזעעט בערדעל, פארשפּיצט ארויף, האָט געשמייכעלט נאריש, און געדרייט מיט די פּלייצעס, און זיך געוויצעלט:

— ווער ווייסט, אפשר האָט ער בדעה צו ווערען א פּרוש, וויל אפּריכטען גלות, ווייל ער האָט חרטה?

— פּרוש,? האָט דער ערשטער חסיד ווידער געטענה׳ט, — א פּרוש׳ס ארט איז ביי דעם אַלטען אין הויף, ניט ביי אונז. דאָר־טען זיצען גענוג פּרושים על התורה ועל העבודה, דער אַלטער, זאָל לעבען, זעהט שוין, אז עס זאָל זיי קיין זאַך ניט פעהלען. אבער דאָ ביי אונז? ווער דאַרף איהם דאָ? וואס איז ער געקומען, זיך אויסבאהאַלטען פון זיידען? מען טאָר עס ניט דערלאָזען, עס טאָר ניט פארשוויגען ווערען, און מען דאַרף איהם גלייך משלח זיין פון דאנען. ער איז אן עוכר ישראל, ניט קיין לייט, א לתרבות־רעה׳ניק איז ער, אָט וואס! האָט דער חסיד זיך נאָך אַלץ געהיצט, און ניט אויפגעהערט צו ווארפען שטעכיגע בליקען אויף יוחנ׳ן.

יוחנן, ווי מיעד ער איז געווען, האָט זיך אויפגעהויבען, און האָט בדעה געהאט ארויסצוגיין פון בית המדרש, אום אויסצו־מיידען די גאנצע ניט אנגענעמע סצענע, אבער דאס רעדעל אנ־געפיהרט פון דעם צוהיצטען חסיד, האָט איהם ארומגערינגעלט, און דער חסיד האָט א זאג געטאָן:

— אידען, מען טאָר איהם ניט ארויסלאָזען גלאט אזוי, מיט „טרוקענעם”. מען דאַרף איהם מכבד זיין, כדבעי, ווי ער האָט פארדינט. לאזט איהם ניט געהן, רבותי. זאל ער גלייך זאגען פאר־וואס ער האָט זיך נעכטען צובונטעוועט, און פארוואס איז ער צו דער חופּה נעכטען ניט געגאנגען, וואס־זשע, עס שטייט איהם ניט אן די כסא הרבנות, א קעיט, וואס ציהט זיך שוין פון דור־דורות, פון בארדיטשעווער רב פון מאמעס צד, און פון דעם אפּטער רב, פון טאטענס צד, איז ניט שעהן גענוג פאר אזא יחסן?

ווי ווילדע האבען אידען זיך געכאפּט צו הענגלייכטער און שטענדערס, יוחנן האָט געזעהן, אז ער וועט דא שלעכט אפּשניי־דען, ער האָט זיך געריסען ארויסצוגיין, אבער זיי האָבען איהם אי־בערגעוועלטיגט, האבען איהם פארדרייט די הענט אויף הינטען. צוויי האבען איהם פארדרייט די הענט, אנדערע האבען איהם אומגעווארפען, און דער צוהיצטער חסיד האָט שאקלענדיג זיך, מיט א רציעה איהם געשניטען אין די זייטען און געטיילט מלקות, מורמלענדיג:

— והוא רחום יכפּר עון, ולא ישחית והרבה להשיב אפּו ולא יעיר כל חמתו.

דערנאָך האָבען אידען געשפּיגען אויף איהם, ווי מען שפּייט אויף אן אומריינער זאך, ערשט ווען יוחנן האָט איינגעקראַמפּט אין זיך דעם ווייטאג, האָט ניט ארויסגעוויזען מעהר קיין ווידער-שטאנד, זיינען זיי אָפּגעטראָטען ווי פון א טמא-זאך, ווי מען לאזט איבער איינעם מחוץ למחנה.

— אָט דאס איז דער שכר פאר וועהלען זיך אן אייגענעם וועג, פאר ניט וועלען זיין קיין גוטער-איד, פאר ניט וועלען זיצען אויף קיין מלוכה-שטוהל, און ניט פּראווען קיין וועלט, — האָט יוחנן גערעדט צו זיך אליין, זיך געדרייט אויף אלע זייטען. ער האָט גע-פיהלט, אז זיין גאנצער גוף איז צובייזלט פון די קלעפּ, און פון די שמיץ מיט דעם לעדערנעם רימען, מיט וועלכען זיי האָבען גע-שניטען אומברחמנות'דיג זיין לייב. עס איז איהם קלאָהר געוואָ-רען, אז אויב ער בלייבט אין די מקומות, וועט זיין וועג זיין פול מיט דערנער און שטיינער, און אז ער וועט קיין בארוהטע מינוט ניט האָבען.

דאס הויף האָט ער פארלאזען אין א מאדנעם חסידישען הולך, אין א לאנגער, שווארצער קאפּאָטע, וואס איז געווען דער חסידי-שער שניט אין יענע צייטען. אבער עס איז איהם קלאָהר געוואָ-רען, אז אין די שטעטלאך וועט ער זיך ניט קענען אויפהאלטען. דאס גלייכסטע וועט זיין, זיך צושלאָגען ערגעץ אין א פארוואר-פען דאָרף, אָננעמען די שטעלע פון מלמדות, א קנעלונג, און אזוי זיך דורכלעבען א שטיקעל צייט, אנקלייבען עטליכע רובעל, און דערנאך זיך אוועקלאָזען אין ווייטע מקומות און קלייבען א לע-בענסוועג.

ער איז ארויס פון שטעטעל, האָט איבערגענעכטיגט אין פעלד אונטער א בוים, און מיט'ן טאג צוגלייך, האָט ער זיך ווידער גע-לאָזט אין וועג אריין.

דער טאג איז געווען זעהר א שיינער. פריהלינג צייט.

ער איז געווארען אנציקט פון די דערפישע הייזלאך, געשמירט מיט געלען לעהם, און ווייסען קאלך, און ארום די הייזלעך גרינע גערטענדלאך, פארזעצט מיט כל-ערליי גרינצייג, גרינע אוגערקעס, מעהרעלאך, שויטען פון פאסאליעס און ארבעס, געצויגען אויף דינע שטעקעלאך און שטענגלאך, ער איז מיט דעם אלעמען גע-ווען גוט באקאנט, ווייל ביים אלטען אין הויף איז געווען זעהר

א שיינער גארטען, און אין יענעם גארטען האָט ער פארבראכט זעהר א סאך פון זיין צייט.. אין גארטען האָט ער ליעב געהאט צו טראכטען און פארטיפען זיך אין געדאנקען, ווען איהם האָט אנגעהויבען קלאהר ווערען, אז ער קען אויף זיך ניט אויפנעמען דעם יאָך פון רבנות, ער קען זיך ניט אונטערנעמען צו פיהרען אזא עדה אידען, וואס קומען צום זיידען מיט בערג צרות, מיט אלערליי בקשות, מיט קראנקהייטען, און אלע ווארפען זיך אָפּ אויפ'ן רבי'ן, און פון דעם אלטען זיינען זיי אפהענדיג, אפילו צו א דאקטאר גייען זיי ניט, סיידען זיי באַראָטען זיך ניט פריהער מיט'ן רבי'ן. צו קיין פרנסה און מסחור ריהרען זיי זיך ניט צו, איידער זיי באראטען זיך ניט מיט'ן רבי'ן, איידער דער רבי זאגט צו, אז מען וועט מצליח זיין.

אפט, ווען ער פלעגט, אלס קליינער אינגעל, זיין ביי דעם זיידען אין פראווע-שטיבל, און אויסהערען די טענות און בקשות פון די דערשלאָגענע אידען, און צוקוקען ווי דער רבי הערט אלעמען אויס, און העלפט, מיט א זיפץ, מיט א קרעכץ, פלעגט זיך איהם אויסוויזען, אז אפשר פארפיהרט גאר דער רבי די מענשען דערמיט, וואס ער נעמט אין זיי אוועק דעם חשק און דעם ווילען זיך אליין צו פרובירען ראטעווען.... אפשר ווען די אידען זאלען ניט דארפען ווארטען אויף דער ישועה, אז זי זאָל קומען דורכ'ן רבינ'ס ברכה, און אין רבינ'ס זכות, אפשר וואלטען די אידען דאן פרובירט און זיך אליין געהאלפען, זיך צו עפּעס דערשלאָגען און זיך דערטראכט א תרופה מיט דעם אייגענעם רצון, און מיט דעם אייגענעם כח.

אין אזעלכע פאלען, פלעגט ער נאָך אלס קליינער אינגעל ארויסלויפען פון פראווע-שטיבעל, און זיך אוועקזעצען אין גארטען, צווישען די בוימער, ארום דעם גרינצייג און די בלומען, פון וועלכע עס פלעגען זיך צוטראגען אזעלכע געשמאקע ריחות, דאן פלעגט ער זיך דערפיהלען אזוי מחיה'דיג, אפּגעפרישט, געקרעפטיגט און באַרואיגט.

פאר איהם איז געווען גענוג זיך צו פארטראכטען וועגען א בוים:

א בוים, איינגעווארצעלט טיף אין דער ערד, ציהט זיין יניקה פון דעם שורש, דער ווארצל איז איינגעגראבען אין דער ערד,

אבער דאס וואס עס איז פארזעעט געווארען, דאס אייגענע וועט ארויסשפראצען פון דעםווארצל, וועט וואקסען. הייסט עס, דאס איז דער דרך-הטבע. חוץ לדרך-הטבע קען קיינער ניט געהן. אבער די פירות פון דעם בוים, די פירות דארפען ברייננען נוצען די מענשען. מען דארף זיך פון זיי קענען דערנעהרען.

דערנאָך האָט יוחנן פרובירט דאָס אייגענע אנווענדען אויף מענשען. יעדער מענש דארף ברייננען נוצען די ארומיגע, יעדער פיהרער אין זיין דור, דארף משפיע זיין אויף זיין דור. ווייל איז צו די יעניגע, וואס זיינען זוכה צו קענען פיהלען ביי זיך, אז זיי זיינען ראוי צו זיין דער מנהיג הדור. אזעלכע זיינען גאנץ מיט זיך און מיט דעם ארומיגען לעבען.

זיינע זיידעס, האבען טאקע אזוי געפיהלט, און האָבען גע־שפונען און געוועבט, א דור נאָך א דור, די אייביגע, די גאלדענע קעיט פון יחוס, פון גוט-אידענשאפט, און זיי האָבען ניט גע־פרעגט, ניט געוואקעלט זיך, נאר מיט פעסטען בטחון פריהער פון גאָט און דערנאָך אין זכות-אבות, האבען זיי אויף זייערע פליי־צעס אנגעלאדען די בערג מיט צרות פון אידישע דורות, און פון אלע גזירות, און אויב אפילו זיי האבען פאר די דערשלאָגענע אידען ניט אויפגעטאן מעהר ווי זיי געטרייסט, געשטארקט, גע־געבען זיי עצות, אין אן עת-צרה, איז אויך געווען גוט.

אבער וואס זאָל ער טאָן? ער, וועלכער איז מיט זיך אליין ניט שוה בשוה, אינוועניג אין זיך, פיהלט ער זיך ניט בכח צו ווערען דער מנהיג הדור, דער פיהרער און דער טרייסטער, ממש, ער פיהלט גאר דעם היפוך דערפון, ער פיהלט אז ער אליין איז דער הילפלאָזער, ער איז אינגאנצען מסופק אין דעם כח פון גוט-אי־דענשאפט, ער זעהט ניט איין, ווי אזוי ער וועט קענען ווייטער שפינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער קעיט, וועלכע איז פאר איהם א שווערע וואג, און ציהט איהם ארונטער, פאלט אויף איהם ווי א שווערע משא, און אין איהם לעבט גאר אן אינערליכער בא־געהר זיך אפצורייסען פון דער דאָזיגער קעיט.

מחמת א קעיט, איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשיידענע קליי־נע טיילען, רינגעלאך, און יעדער רינגעלע פאר זיך, איז אין עצם קליין, און אומבאדייטענד, און דאס מיינט, אז ער אליין, אלס רינגעלע, איז אין עצם גארנישט.

— טו ווי אזוי קען ער האָבען דעם כח, ער, אלס רינגעלע, צו

פארקייטלען אין זיך דעם עול צו טראגען זייערע בערג יסורים און צרות, ווען ער פיהלט זיך ניט בכח?

— מיינט עס דען ניט, צו זיין א פאלשער משיח און צו פאר־פיהרען מענשען אין א בלאטע?

און אזוי שנעל ווי יוחנן האט זיך אנגעשלאגען אין די דאָזיגע ספיקות'דיגע געדאנקען, האט זיך פאר איהם אנטפלעקט דאס גאנצע חסידישע הויף אין אנאנדער ליכט.

עס זיינען איהם אנטקעגען געקומען בילדער און געשעהענישען אין הויף, וואס ער האט זיי פריהער אויך באמערקט, אבער איצטער, האבען זיי איהם ממש אויפגעריסען די אויגען!

ער האט למשל, דערזעהן, ווי אז עס קומט אן דער יום־טוב, און חסידים און מקורבים פון דער גאנצער סביבה, הויבען אָן זיך צונויפצופאהרען צום רבי'ן אויף יום־טוב, האט ער דערזעהן, וואס פאר גרויס כבוד מען גיט אפ די גבירים. דאס הויף לעגט זיך ממש אין דער ליינג און אין דער ברייט פאר די נגידים, עשירים, די רייכע אידען, ווינשיינקערס און פלאנטאטארס, פאַ־סעסאָרס, וואס פאהרען זיך אן פון דער בעסאראביע, און סיי לייזיע, דער לייב־מענש, סיי שבח, דער קוויטעל־שרייבער, און אברהם, דער משרת, טיילען צו גרויס כבוד יעדען פון די גבירים פון איין זייט, און ווי פון דער אנדערער זייט, קוקען די אייגענע גבאים און משרתים אויף די ארימע־לייט, און נדבות־קלייבער, וואס שלעפען זיך ארום מיט די טארבעס, און שטעלען אויס א האנט, בעטען א נדבה, ווי פחיתות־הכבודיג, און ווי גראב מען באגייט זיך מיט די דאָזיגע ארימעלייט.

— שנאָרערס, קבצנים, שלעפערס, אומעטום זיינען זיי פול! זיי פארלייזיגען דאס הויף, ניט פטור צו ווערען פון זיי! האָבען שוין קיין צייט ניט. דריי טעג פאר יום־טוב, זיינען זיי זיך שוין אָנגעלאָפען!"

אָט אין אזא טאָן האט אברהם דער משרת גערעדט, ווען די ארימעלייט האָבען ערב יום־טוב זיך אָנגעהויבען באווייזען ארום הויף.

אינדערוואָכען האָט מען אזעלכע „געסט" געגעבען עסען אין א זייטיג צימער, אז זיי זאָלען זיך ניט ווארפען אין די אויגען,

פונקט ווי זיי וואלטען געווען א שטער אין דעם הויף. עס וואלט זיך צו שטארק געווארפען דער קאנטראסט צווישען ארעם און רייך, וואס דארף אפגעווישט ווערען און זיך ניט מערקען אין א חסידישען הויף, מחמת דער חסידיזם אין זיין ערשטער אויפבלי-הונג האט דאך געזאלט קומען אלס די גרויסע דעמאקראטישע באַ-וועגונג, וואס דארף אפווישען דעם חילוק צווישען ארעם און רייך, — האט יוחנן געטראכט.

— אמת, דער זיידע איז ווייט פון די אלע קליינליכקייטען. דער זיידע פיהרט ניט דאס הויף, פונקט ווי להבדיל, דער קיסר, פיהרט ניט די גאנצע מלוכה. עס זיינען תמיד, אין אלע צייטען, פאראן אין יעדען הויף, און אויך אין א חסידישען הויף, א כנופיה, א געזינדעל, וואס פיהרט און רעגירט, קירעוועט מיט די לייצעס, ציהט די דראטען, און שטעלט אן דעם מלוכה אפאראט אזוי, אז ער זאל ארבייטען ווי עס לוינט זיך פאר די מענשען וואס רינגלען ארום דאס הויף, די מענשען ציהען דערפון די יניקה, די חיונה, און ניט נאר חיונה, נאר זיי דארפען אויך אפלעקען א פעטביינדעל, און שפארען א קערבל. דערפאר האבען שוין די שמשים, די גבאים און משרתים געזארגט, ווייל זיי זיינען די פאק-טישע מושלים איבער דעם הויף, און דער רבי, אויסגעטאן פון דער גאנצער וועלט, האט ניט געהאט קיין שום ידיעה, ניט אין דער פאליטיק, ניט אין די דרכים אין וועלכע דאס הויף איז גע-גאנגען.

עס זיינען געווען זאכען וואס האבען זיך אפגעשפילט אין הויף צווישען די משרתים און די דינסטמיידלאך, וואס ניט נאר האט זיך עס ניט געפאסט אין א חסידישען הויף, נאר אפילו גלאט אין א אידישער הויז, האט עס ניט געטארט פאסירען, אבער ניט עס איז געווען דעם רבינ'ס שולד, און ניט עס האט זיך ווען דערטראגען א קלאנג צו דעם רבינ'ס אויערען, און טאמער האט זיך אמאל יא עפעס דערטראגען א קלאנג צו דעם רבינ'ס אויערען, איז שוין געווען לאחר-המעשה, און מען האט שוין גארניט גע-קענט איבעראנדערשען.

אבער אז יוחנן האט שוין אין דעם הויף אנגעהויבען צו קו-קען מיט אפענע אויגען, האט שוין גארניט געהאלפען, ער האט אנגעהויבען דערזעהן א סאך עוולות, אומגעהויער נידעריגע באַ-שעפענישען, וואס האבען ארומגערינגעלט דאס הויף, ניט צוליב

דער חשיבות פון דעם רבי'ן, נאר צוליב זייערע אייגענע אינטע־רעסען, — דער רבי איז פאר זיי געווען א מקור פאר פרנסה, און הינטער זיינע פּלייצעס, איז איהם אפילו אויסגעקומען צו הערען ווי זיי חוזק'ן פון איהם, פון דעם אייגענעם מענשען וועגען וועמען זיי ריידען איין דער וועלט, אז ער איז א צדיק, א הייליגער, און אליין שעמען זיך ניט די מענשען און רופען איהם „פלאכט," און „יאלד," און נאָך אזעלכע נעמען.

יוחנן האָט זיך אָנגעהויבען פאָרשטעלען, אז אויב ער אליין בלייבט אין הויף, מען וועט איהם חתונה מאכען, און איהם אי־בערגיבען די כסא הרבנות, ער וועט דארפען פיהרען די מלוכה, פּראווען טישען, זיך לאָזען פיהרען און באדינען פון די זעלבע גבאים, משרתים און שמשים, וואס האבען שוין דא אין הויף די חזקה, די שליסלען, צו אלע „אוצרות" פון דער מלוכה, זיי קענען אלעמען, זיי ווייסען וועמען צוצולאָזען, און וועמען צו פארהאל־טען, וועמען מקרב צו זיין און וועמען צו פארשטופּען אין א ווינ־קעל, אין א זייטיגען חדר, און מבזה צו זיין. אלץ מעסטען זיי לויט דעם שכר און די לוין, וואס זיי וועלען באקומען פון דעם נגיד, אדער לויט דער ארימקייט פון דעם אידען, וואס קומט צום רבי'ן, ווייל ער האָט קיין היים ניט, אדער ווייל ער גלויבט אין רבי'ן בלב ונפש.

— צו אזא מלוכה וועל איך קיינמאָל ניט מסכים זיין, האָט יוחנן געפיהלט אין זיך, און עס איז איהם קלאהר געווארען, אז ער וועט לכתחלה זיך ניט ארויפזעצען אויף דער חסידישער רבנות־שטוהל, ער וועט זיך איינגאנצען אפּרייסען פון דער גוט־אידישע קעיט, און אויסמיידען אזא לעבען, איבער וועלכען ער אליין וועט ניט קענען זיין דער בעל הבית.

ווען ער האָט דעם זיידען דעם ערשטען מאָל פארטרויעט די געשיכטע, האָט דער אלטער מרעיש עולם געווען, ער האָט זיך א כאפּ געטאן פאר'ן קאָפּ, פּונקט ווי ער וואָלט דא דערהערט אזעל־כע אפּיקורסישע געדאנקען, וואס מען טאָר מיט'ן מויל ניט ארויס־ברענגען.

— קינד מיינס, אין אונזער משפּחה האָט נאָך קיינער ביז דיר אפילו ניט געטראכט אזעלכע מאדנע געדאנקען, ווי דו טראכסט. דו דארפסט וויסען, אז מיר שטאמען פון א גזע וואס ציהט זיך

נאָך פון רב לוי יצחק בערדיטשעווער, זכרונו לברכה, און פון דעם צדיק קדוש וטהור, הרב ישראל'קעל מעזשיבעזשער, דער בעל שם טוב, זכיתו יגן עלינו, און אז דיין עלטער-זיידע אליין איז געווען דער הייליגער אפטער רב, הרב אברהם יהושע העשל, און היינט, פרעג איך ביי דיר, וואס פאר א מלחמה ווילסטו זיך אונ-טערנעמען צו פיהרען, האָ? נו, זאג, ווען דו האסט הינטער זיך ברוך השם, אזא הייליגען יחוס, אזא גאָלדענע קעיט, דארפסטו נאָך זארגען וועגען פיהרערשאפט, האָ? דו האסט ברוך השם ווער-עס זאָל זיך מיהען פאר דיר, ווער עס זאָל אויף דיר מגין זיין, מיר האָבען ברייטע פלייצעס, קינד מיינס, און מיט גאָט ברוך הוא'ס הילף, ער פיהרט די גאנצע וועלט, און ער וועט דיך אויך פיהרען!

דערווייל זיינען זיינע געדאנקען איבערגעריסען געווארען. ער איז צוגעקומען נעהענטער צו א דאָרף זשיטניק, און ער האָט בא-שלאָסען אז אויב ער וועט דא געפינען אידען, וועט ער זיך אפּ-שטעלען, מעג זיין אן ארענדאר, א קרעמער, א מילנער, ער האָט מעהר ניט געהאט קיין כח זיך צו שלעפּען.

עס איז איהם באלד אנטקעגענגעקומען א לאנגע הויז, א קרעטשמע, ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעאָטעמט, ער איז אריין אינווענייג.

אן אַלטע אידישע פרוי האָט איהם ווארים באגריסט, געהיי-סען אריינקומען און זיך צוזעצען.

פון א צווייטען חדר איז באלד אריינגעקומען א יונגע פרוי, מיט א מיידעלע פון א יאהר ניין, ביידע פרויען האבען זיך מיט איהם צורעדט:

— וואס טוט א יונגערמאן אין דאָרף, אוודאי א סוחר, האָ?

— ניין. דוקא ניט קיין סוחר. ער זוכט עפּעס צו טאן.

— וואס זשע קען א יונגערמאן טאן?

— לערנען מיט קינדער.

— יאָ, אבער אינגאנצען איז דאס דער איינציגער איד אין דאָרף. בסך הכל איז דא אָט דאָס מיידעלע, און א אינגעלע פון א יאהר זעקס. וועט זיך דען לוינען פאר איהם דא צו בלייבען צו-

ליב אָט די צוויי קליינע קינדער? — סיידען, האָט די אַלטע זיך איבערגעקוקט מיט דער אינגערער, — ער זאָל אויך וועלען שטעהן אביסעל אין מיהל, אכטונג גיבען, אז מען זאָל ארונטער-נעמען די ריכטיגע מאס פון די זעקלאך תבואה, וואס די ערלים ברייגגען אויף איבערצומאָלען, מחמת וויפיל דארף דען נעמען אלע טאג אפצולערנען מיט צוויי קינדער? בפרט אז די עלטערע איז דאך גאר א מיידעל!

— אז מען וועט דארפען, וועט ער זיצען אין מיהל אויך, און וועט טאן וואס מען וועט איהם הייסען.״

— ניט קיין קרומע זאך, האָט די אינגערע פרוי געענטפערט, א שמייכעל געטאן, און האָט זיך גענומען גרייטען א ברעג טיש, וואס איז געשטאנען אינמיטען שטוב, און גרייטענדיג צום טיש האָט זי א זאג געטאן:

— דו ביזט דאָך אודאי הונגעריג, געה וואש זיך, וועל איך דיר געבען עסען.

— וואשען זיך? ער האָט דאָך נאָך ניט געדאווענט. געווען פארנומען.

— אָט ליגען די תפלין, — האָט די אלטע אָנגעוויזען אויף א זעקעלע, וואו עס איז געלעגען א טלית און תפלין, אויף א קא-מאָד, און עס איז איהם באלד געוואָרען לייכטער אויפ׳ן הארצען, ער האָט זיך ארומגעוואשען, און זיך אוועקגעשטעלט דאווגען, שטיל, באהארצט, און זיין שטארקסטע תפלה איז געווען אז קיי-נער זאָל איהם דאָ ניט דערקענען, און אז ער זאָל דאָ נושא חן זיין, קענען טהאָן זיין ארבייט, און האָבען א מעגליכקייט דאָ צו קענען בלייבען.

איידער ער איז פארטיג געוואָרען מיט׳ן דאווגען, איז אריי-געקומען דער בעל הבית, קענטיג, דער אינגערער פרוי׳ס מאן, און בעת ער האָט געהאלטען אין שטעהן שמונה עשרה, זיינען זיינע געדאנקען איבערגעמישט געוואָרען, ווען ער האָט דערהערט, ווי די אינגערע פרוי דערצעהלט דאם מאן:

— „זעהט אוים ,אז דער בחור וויל זיך דאָ אָפּשטעלען, לער-נען מיט די קינדער, און ער זאָגט, אז ער וועט אויך קענען אויפ-פאסען אין מיהל, אַז מען זאָל ארונטערנעהמען די ריכטיגע מאָס.״

די עלטערע פרוי האָט צוגעלעגט: — מיין זוהן, עס איז דאָך שוין צייט, אז די קינדער זאָלען אָנהויבען נעהמען אַ אידיש וואָרט אין מויל אריין. איך רעכען, אז גאָט האָט איהם צוגעשיקט. זאָל ער זיך אָפּשטעלען דאָ. עס זעהט אויס צו זיין א וואוילער אינ-גערמאן, אפשר וועט ער זיך האלטען דאָ. מען וועט איהם אויפ-פּאסען, געבען גוט עסען, און טרינקען, און עטליכע רובעל פאר שכר לימוד, כ׳לעבען, די קינדער וואקסען ווי אין א וואלד—און די אלטע האָט פארענדיגט:

— „יאָסעלע, מיין קינד, אז ער וועט אָפּעסען, רעד זיך מיט איהם דורך, פארהער איהם, און מאך מיט איהם אָפּ, ער זאָל דאָ בלייבען.”

— „פארהערען, — האָט דער בעל הבית זיך צושמייכעלט, — מישטיינס געזאגט, וואָס וויים איך, און וואס איז דאָ צו פארהע-רען? אזוי פיל תורה, וויפיל יאָסעל זשיטניקער׳ס קינדער דאר-פען לעת עתה, קען יעדער אידישער בחור, בפרט, אז איך זעה פון זיין דאווענען און שאָקלען זיך, ביי דער שמונה עשרה, אז דאס איז גאָר אן אנטיקעל פון אַ אינגערמאן, איז ניטאָ וואָס צו פארהערען. איך וועל זיך מיט איהם דורכריידען, און אויב ער וויל זיך נאָר אָפּשטעלען, טו זאָל ער פארבלייבען, און אנהויבען לערנען מיט די קינדער.”

נאָך שמונה עשרה, האָט יאָסעל געגעבען איהם שלום, און א זאָג געגעבען:

— „אַ מלמדל ?”

— „איך וועל אייך קיין ליגען ניט זאָגען. — האָט יוחנן גע-ענטפערט, — לערנען קען איך, אבער דאָס וועט זיין מיין ערשטער זמן. איהר וועט מיך לאָזען פּרובירען, און אויב איך וועל זיך אויסטויגען, וועט איהר מיך האלטען, און אויב איהר וועט זעהן, אז איך טויג זיך ניט אויס, וועל איך אויף אייך קיין תרעומות ניט האָבען.”

— לערנען קענסטו דאָך, — האָט יאָסעל געשמייכעלט, און באמערקט: — וואָס זשע איז דאָ די גרויסע תורה? דעם אינגעלע דארף מען ווייזען דעם אלף בית, און זאָגען מיט איהם — מודה אני, — און א ברכה מאכען, לערנען, און דאָס מיידעלע, קען

אביסעל עברי, און דו וועסט זעהן, זי זאל זיך אויסלערנען גוט דאוונען, ראש חודש בענשען, און אפשר א פרשה חומש מיט דער צייט. — האָט יאָסעל געמאכט דעם חשבון פון די למודים, און יוחנן איז געשטאנען, און באוואונדערט דעם דאָרפ'ס אידען, פאר זיין פשוט'קייט, פאר זיינע קליינע השגות, און פאר זיין אמת'-דיגקייט.

ווען בײדע מאנסבלען זיינען שוין געזעסען ביים טיש, און גע-געסען, האָט יאָסעל איהם א זאָג געגעבען:

— און אין מיהל איז געווים ניט קיין גרויסע תורה, — האָט ער איהם געגעבען צו פארשטעהן — עס איז אפילו דאָ א שייגעץ, וואָס דארף נעמען די מאָס, נאָר אויפ'ן שייגעץ קען מען זיך ניט פארלאָזען. ער איז גוט מיט אלע גויים, און אפשר געבען זיי איהם עפּעס אין דער „יד ארייז" נאָר אז ער וועט וויסען, אז דו קענסט באמערקען, וועט ער נעמען די ריכטיגע מאָס און אז מען וועט וויסען א שטיקעל צייט, וויפיל עס דארף ארייגפאלען תבואה פאר'ן מאָלען און דער עיקר, ווען דער שייגעץ וועט וויסען, אז מען האלט אן אויג אויף איהם, וועט ער שוין מוזען זיין געטריי. און ניט זיין צו גוט צו די גויים."

— קיין גוייש רעדען, קען איך כמעט גארניט. — האָט יוחנן זיך פארטרויעט.

— זעהסטו, די תורה, זועסטו גראָד אין דאָרף זעהר שנעל איבערנעמען, — האָט יאָסעל איהם געגעבען צו פארשטעהן. וועסט זיך צוהערען, ווי מען רעדט, און דו וועסט קענען, האָב ניט קיין מורא. א תורה, און א שפּראך וואס יעדער גוי אין פּאָס-טאלעם קען, וועסטו איבערנעהמען איינס און צוויי. — האָט יאָסעל פארענדיגט.

נאָכ'ן בענשען איז יאָסעל אוועק צוריק אין מיהל אריין, און האָט א זאָג געטאן צו דער מיידעלע:

— אסתר'ל, דאָס וועט זיין דיין רבי, ער וועט מיט דיר לער-נען, דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו דעם אינגעל, — און דו זאָלסט ניט זיין ווילד."

ביידע קינדער זיינען געשטאנען פארכמורעטע, קענטיג, אז גאָר צופרידען זיינען די קינדער ניט געווען פון דעם נייעם גאסט.

אָבער זיי האָבען גאָרניט געענטפערט, זיי האבען פארשטאנען, אַז דאָס איז אַ רבי, און אז ער שטעלט זיך אָפּ מיט זיי לערנען, איז צי מען וויל, צי מען וויל ניט, העלפט ניט. דער טאַטע הייסט לער-נען, ווערט מען דארפען זיך לערנען.

קורילאָוועץ

קורילאָוועץ האָט געשמ׳ט איבער דער אוקראינע צוליב דעם הויף פון הרב יחיאלק׳לען — וואָס עס האָט זיך דאָרטען געפינען. איז אַ איד געפאָהרען ערגעץ אויף אַ יאריד, האָט ער זיך אין איין וועגס ארייגעכאַפּט אין הויף אריין צו דעם רבי׳ן זיך פּראווען, אויסרעדען זיין שוועד, ביטער הארץ, און געבעטען דעם רבי׳ן, ער זאָל איהם מבטיח זיין געזונט און פּרנסה.

דאָס שטעטעל אַליין האָט זיך מיט קיין אַנדער זאך ניט אויסגעצייכענט פון אַלע אנדערע ארומיגע שטעדטלאך, נאָר שוין דערפאר אליין, וואָס דעם רבינ׳ס הויף איז דאָ געשטאנען, האָט עס שוין צוגעגעבען צו דעם שטעדטעל אַזאַ חשיבות, אז מען האָט געהאלטען אין איין פאָהרען קיין קורילאָוועץ צום רבי׳ן אויף שבתים און ימים טובים.

אז עס פלעג קומען ערב יום-טוב איז מען זיך אָנגעפאָהרען פון מאָליוו און פון באר, פון לוטשינעץ און יאלטישקאָוו, איז אין שטעדטעל געווען א כסדרדיגע שפע, עס האָט זיך דאָ אלעמאל געדעשט און געקאָכט מיט אורחים, און אידען, סוחרים, גבירים, וואָס זיינען געקומען און געבראכט פדיון צום רבי׳ן. עס זיינען געווען אנדערע, וואָס האָבען געגעבען מעשר פון זייערע רווחים, און פארדינסטען, און צוליב דעם הויף האָט זיך אין קורילאָוועץ אפילו אין א פּראָסטען אין דערוואָכען אויך געפיהלט גאנץ יום-טוב׳דיג עפּעס ווי אַלע אנדערע הייזער וואָלטען געפיהלט, אז דאָ געפינט זיך אַ גוט-אידיש הויף, דאַרף מען אין קורילאָוועץ זיין סטאַטעטשנער, לייטישער, ווי מען וואָלט זיך געשעהמט, אז עס זאָל זיך ניט דערטראָגען אין הויף אריין.

דאָס הויף אַליין איז געווען אַ ברייטער טויער פון געפארבטע ציגעל, מיט א סך ברייטע פענסטער, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט אין גארטען אַריין.

גלייך ביי דעם ארייגקום אין דעם הויף, וואָס איז געשטאנען

שוין כמעט אין עק שטאָדט איז געווען דעם רבינ'ס קלויז, דער־נאָך אז מען איז איבערגעגאנגען אַ לאַנגען קאָרידאָר, איז מען אָנגעקומען צו דעם פּראווע-שטיבעל, וואו עס פלעג זיצען אהרן סופר, און שרייבען די קוויטלאך פאר די חסידים, וואס זיינען זיך געקומען פּראווען.

אין דעם קוויטעל איז געווען אויסגערעכענט דאָס צעטעל מיט בקשות, וואָס דער חסיד האָט צו דעם רבי'ן, די נעמען פון דער גאנצער משפחה, און די שלאָפקייטען, און דאגות, וואָס דער איד האָט געטראָגען אויף זיינע פּליִיצעס, און דער זינען פון דעם פּראווען איז געווען דער: מיר זיינען פּשוטע אידען, מיר קענען ניט צוקומען אזוי גיך צו דעם, וואָס לעבט אייביג, ווייל מיר זיי־נען וואָכעדיגע אידען, מיט דאגות פּרנסות, מיט אלע אנדערע צרות, אבער דער רבי, זאָל לעבען, ער איז אויסגעטאהן פון דער וואָכעדיגער וועלט, דער רבי זיצט על התורה ועל העבודה, מיט קיין מסחרים דאַרף ער זיך ניט באשעפטיגען, איז פריהער גאָט און דערנאָך דער רבי וועט שוין רעכט זיין.

ביי דער טהיר פון דעם פּראווע-שטיבעל איז געשטאנען לייזיע דער גבאי, אַ איד מיט א יונג פּנים, און מיט אַ ווייסען קאָפּ האָר, לייזיע איז געווען דעם רבינ'ס לייב-מענש. ער האָט שוין גע־וואוסט, ווען מען קען דעם רבי'ן ניט שטערען, און ווען מען קען צו איהם צוגעלאזט ווערען.

פון יענער זייט פּראווע-שטיבעל איז געווען דעם רבינ'ס חדר מיוחד. אן אלקער מיט א סך ספרים, דער עיקר מוסר ספרים, וואס האָבען געלערנט ווי אזוי א איד דאַרף זיך אויפפיהרען אויף דער וועלט.

דער רבי אליין, אַ שעהן הדרת-פּנים'דיג געשטאלט, פון וועל־כען עס האָט ארונטערגעשיינט יראה און חכמה, א לויטער פּנים, מיט צוויי ליכטיגע, קלוגע אויגען, מיט א חנ'עוודיגען שמייכעל, וואס ווען דאָס פּנים האָט זיך צולאכט, איז דאָס געווען אמת'דיגע פרייד, וואָס האָט זיך געגאָסען אין הארצען, און געטרייסט, און דערמוטיגט.

און מחמת צו דעם רבי'ן פלעגען די אייגענע אידען פאהרען דריי פיר מאָל א יאהר, האָט ער שוין אלעמען געקענט ביי די נעמען, געוואוסט וועמענס מסחרים, און ווי די געשעפטען געהען,

ווען זיינע חסידים דארפען א שידוך טהאָן, און ווען זייערע זיהן ווערען איין-און צוואנציגערס, און דארפען זיך שטעלען צו דעם פריזיוו.

א איד האָט געקענט אריינגעהן צו דעם רבי'ן, זיך פראווען, ווי מען פארטרויעט זיך פאר א טאטען, און דער רבי האָט פאר אלע-מען געהאט א טרייסט וואָרט, און גלייכווערטעל, און געהאט צו דערצעהלען חדושים. און מענשען זיינען אריינגעקומען אין פרא-ווע-שטיבעל, האָבען זיי פארגעסען, אז זיי האָבען פון יענער זייט טהיר געלאָזט א גרויע, א וואָכעדיגע, מגושם'דיגע וועלט, זיי זיי-נען געווען ביים רבי'ן אין הויף, אין זיין פראווע-שטיבעל, און עס איז זיי דערפון אליין שוין געווארען יום-טוב'דיג אויפ'ן הארצען.

אויפ'ן טישעל, איז געלעגען אנגעלעגט א הויפען אויסטערלישע מטבעות, מעהרסטענס אויסלענדישע און די דאָזיגע מטבעות האָט דער רבי צוטיילט צו די אידען, וואָס זיינען זיך געקומען פראווען, און די מטבעות זיינען געווען א סגולה צו פרנסה, צו אריכת ימים געזונט צו ווערען פון שלאפקייט.

אין א ווייכער לעדערנער שטוהל, מיט הויכע פארענטשעס, איז דער רבי געזעסען איבער א ספר, און אנטקעגען איהם זיינען געלעגען אָנגעווארפען די קוויטלאך מיט בקשות פון די חסידים, וואָס זיינען זיך געקומען פראווען צו דעם רבי'ן.

פון דעם חדר מיוחד האָט א טהיר אריינגעפיהרט צו דעם רבינ'ס באזונדערען חדר, און אהין האָט שוין קיינער ניט אריינ-געטראָטען, חוץ לייזיע.

דערנאָך זיינען זיך צוגאנגען די באזונדערע פליגלען פאר'ן רבינ'ס בני בית, פאר דער רביצין, וועלכע האָט אויך געפיהרט א מלוכה, פאר זיך, א ברייטע פארשוין, אויסגעצירט אין זיידענע טיכער, און באהאנגען מיט ציערונג. גיטעלע די רביצין האָט אויך געקענט די מעהרסטע חסידים, מחמת זי האָט צו יעדער צייט גע-קענט אריינרופען לייזיען, און געוואויר ווערען פון איהם, וויפיל אורחים עס זיינען געקומען אויף יום טוב, ווער זיי זיינען, און ווי לאנג זיי געהען שטעהן אין קורילאָוועץ.

גיטעלע האָט אויך געהאט די זכיה, אז די מעהרסטע חשוב'ע,

אָנגעזעהענע חסידים זאָלען שבת אָדער יום-טוב נאָכ'ן דאווענען אריינקומען צו איהר, צו דער רביצ'ן, אויף קידוש, און אויפגענומען האָט גיטעלע די חסידים מיט דער ברייטקייט פון א מלכות. עס האָט ניט געפעהלט די אמת'ע גוטע וויינען, און די פעטע קוגלען פון מעהל מיט שמאלץ און דער קאָרענער לעקאך, און פיין געשניטענער טאָרט, און שטרודעל, און פלאָדען. און לכבוד גיטעלען האָבען חסידים געטרונקען לחיים, און געזונגען א ניגון, אַזוי, אז עס איז געווען כמעט אַלע שבת אַנאַנדער שעת הכושר צו געהן צו דער רביצין אויף קידוש, אפילו ווען דער רבי איז געווען אויף דער סביבה.

דאָס הויף האָט געפיהרט א אידישע מלוכה, האָט געהאט משרתים און שמשים, און דינסטען אין קיך, וואס האָבען צוגעגרייט די סעודות פאר'ן רבינ'ס הויף, און פאר די אורחים, וואס פלעגען זיך אָנפאָהרען אויף יום טוב.

פון דרויסען איז דאָס הויף געווען ארומגעצוימט מיט א הויכען פארקען, מיט שטאכעטען און גראטעס, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען א מיטעל זיך ניט אויסצומישען מיט דער גאס, מיט דעם יאריד און מיט'ן מארק. ווען מען איז פארבייגעגאנגען דאס הויף אפילו פון דרויסען האָט זיך באקומען דער איינדרוק, ווי דאָס הויף וואלט גערעדט: דרך ארץ, זאָל זיין שטיל. דאָ איז א חסידישער הויף. אינוועניג זיצט א רבי און פיהרט מלוכה, פראוועט מענשען, טיילט זיי ברכות, און בעט פאר זייער געזונט און פרנסה. דעריבער זייט שטיל, טומעלט ניט, מענשען. . ."

כאָטש דאָס הויף איז געשטאנען אין קורילאָווקע איז אָבער דער רבי געבליבען אין דער היים, נאָר אויף די ימים טובים, און די איבעריגע צייט פון יאהר איז ער אומגעפאהרען איבער דער סביבה, איבער דער אוקראאינע און בעסאראביע, געבליבען אין יעדער שטאדט און שטעטעל אמאָל א וואָך, אמאָל לענגער.

ווען דער רבי האָט געדארפט אריינקומען אין א שטעדטעל, האָט מען פריהער אומעטום אויפגעראמט, צוגעפוצט, ווי פאר א קיסר. דער רבי איז געפאהרען מיט זיינער אן אייגענע בריטשקע. אן אָפענער פאיעטאָן, און מיט איהם זיינע גבאים, און ברענגען דעם רבי'ן איז מען ארויסגעפאָהרען איהם אריינגענומען מיט גרויס פאראד, מיט פעסלאך וואסער, פון וועלכע מען האָט ארויס-

געלאָזען די צאפּענס, דאס איז געווען א סמן מזל-ברכה, און די שעהנסטע בעלי בתים זיינען ארויסגעקומען אריינגעהמען דעם רבי'ן אין שטעדטעל אריין, און אפּגעגעבען האָט מען דעם רבי'ן די שעהנסטע דירה פאר אן אכסניה, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אין שטעדטעל רעש'ן מיט'ן רבי'ן. דאס פּראָסטע שטעדטעל, וואָס איז ביז היינט געלעגען פארכמורעט, פאר'דאגה'ט, איז אויפגע-ריכט געווארען פאר דער צייט, וואס דער רבי איז געווען צו גאסט.

פרייטאג צו נאכטס האָט דער רבי געפּראוועט א טיש, אין דעם בית המדרש, און עס איז געדעקט געווארען א טיש, לאנג גע-נוג אויף צו באזעצען א פּאָר הונדערט אידען, און איבער דעם בית המדרש האָבען אלע בליצלאָמפּען געלויכטען מיט אזא רעש, אז די לאָמפּען און די ווענט האָבען ווי דערצעהלט פון דער גדולה, וואס דאָ וועט זיך היינט אפּטאהן, בעת דער רבי וועט נע-מען פראווען טיש.

דער אייגענער „שלום עליכם" וואס אידען זאָגען א גאנץ יאָהר באקומט עפּעס אנאנדער פּנים, און די זמירות זיינען אנדערע, און דאָס שטיקעלע פיש, און אפילו די חלה פון זיין המוציא האָט אנ-אנדער טעם, און עס שטרעקען זיך הענט איבער דער לענג פון דעם טיש צו גריכען א פּיצעל חלה פון דער המוציא, אָדער א ברעקעל שיריים, פון זיין טעלער.

און אז עס קומט צו די זמירות און דער רבי פארציהט א ניגון, אויף זיין דין, זילבערען קול, ווערט דער ניגון באלד אויפ-געכאפּט פון קליין און גרויס, זינגען שוין די קינדער אויף זייערע שעהנע קולכעלעך, און עס פאלען אריין די באַסאָווע קולות פון אידען מיט פעטע בייכער, גבירים, אריסטאקראטען, אלעס זינגט, און עס פארקלינגט די ווענט, עס איז שבת, דער רבי איז דאָ צו-גאסט, און עס איז אלעמענס שמחה.

נאָכ'ן זינגען ווערט שטיל, אלע האלטען איין דעם אָטעם, ווי זיי וואָלטען ניט געוואָלט מעהר איבערשלאָגען דאָס שטילקייט, דער רבי האָט זיך פארדבקה'ט, אויערען זיינען אנגעשפּיצט, צו-געגויגט צו דער זייט וואו דער רבי זיצט אויבענאָן, פארטיפט אין שווייגען, און יעדער קלאנג וואס דער רבי לאָזט דערנאָך ארויס, איז אזוי וואונדערליך, ווי פון ערגעץ אנאנדער וועלט, און דאָס קול גיסט זיך אין הארצען אריין, ניט אלע כאפּען אויף יע-

דעם וואָרט, וואס דער רבי זאָגט איצט, די תורה — אבער דאס קול אַליין, איז גענוג, עם טרייסט, עס גלעט, און גיסט זיך אין הארצען ווי גוטער, שמעקעדיגער בוימעל.

דערנאָך ווען עם ווערט אוים שבת, געהען אידען זיך פּראוועז צו דעם רבי'ן, וואס איז דאָ צוגאסט אין שטעדטעל. מען געהט מיט דעם בני בית, די אינגלאך, אז זיי זאָלען געבען דעם רבי'ן שלום, און אז דער רבי זאָל זיי בענשען.

ציהט זיך דער יום טוב, אַ וואָך און אמאָל לענגער, און ווען דער רבי דארף שוין אפּפאָהרען, קומט זיך דאָס גאנצע שטעדטעל צונויף ארום דעם רבינ'ס אכסניה, און דער רבי, שוין זיצענדיג אין דעם פאיעטאָן, שטעלט זיך אויף, אזוי שטעהענדיג אין דער בריטשקע זעהט ער אוים מיט צוויי קעפּ העכער פון אלעמען, און ער נעהמט זיך געזעגענען מיט'ן שטעדטעל, פליסען פון זיין מויל ברכות וועגען שפע, געזונט און פרנסה. דער רבי בענשט, און די אידען און אידענעס שטעהען מיט פרומע מינעס, שלינגען יעדעס וואָרט, און זיינען זיך מחיה וואס עס איז דאָ א רבי אויף דער וועלט, וואס קען אזוי שעהן בענשען, און וואָס איז אזא גרויסער מליץ יושר פאר דעם פאָלק ישראל.

ערשט נאָכ'ן רבינ'ס אוועקפאָהרען, ווען עס נעמט ביסלאַב-ווייז ארויסגעהן דער רעש פון קאָפּ, ווערט דאָס שטעדטעל צוריק דאָס פריהערדיגע, דאָס וואָכעדיגע שטעדטעל. אָפּגעשטעלט האָט זיך נאָר דער ניגון, וואָס בלאנדזשעט ארום און פאר'גנב'עט זיך אין הארצען אריין.

אין דאָרף

א נייע וועלט האָט זיך געעפענט פאר יוחנן די ערשטע צייט אין זשיטניק. אַ ישוב פון א פּאָר הונדערט קליינע כאטקעס, צוא-ווארפען איבער בערג און טהאָלען, יעדעס שטיבעל איז אוועקגע-שטעלט באזונדער איבער א גרויסען שטח ערד, וואָס איז צואקערט און פארזועט מיט אלערליי גרינסען, און מיט בלומען ארום די פענסטער, וואָס שמעקען אריין אין שטיבעל און גיבען צו דער דירה דעם זיבעטען חן. די הייזלאך, אליין, זיינען איין גאָרענדיגע, געבויעט פון בלאָטע און לעהם, אויסגעפארבט מיט געלען און מיט ווייסען, די פענסטערלאך זיינען ריין, אויסגעפּוצט, און שיי-

נען אנטקעגען דער ליכטיגער זון, אויפ'ן לויטערען הימעל, און ארום יעדער דירה דרעהט זיך ארום די „כאַדאָבע", דאָס דאָרפישע עשירות, א פאָר פערד, אַ קוה, מיט אַ קעלבעלע, הינער און הענער, וואָס ראַיען זיך מיט די שפּאַרען אין דער ערד, אָדער אי- בער א בערגעל מיסט, וואָס איז אָפּגעקערט געוואָרען פון ארום דעם שטיבעל אין א ווינקעל ערגעץ, הינטער דעם הויפעל. שטיל איז ארום, נאָר דאָ און דאָרטען ווערט די שטילקייט איבערגעריי- סען פון דעם קרעהען פון די העהנער, אָדער דאָס הירזשען פון אַ פערד, דאָס בלעקען פון א בהמה. אין דער פריה שפּאַנט דורך דעם דאָרף דער פאסטוך, מיט דעם זאק איבער'ן פּלייצע, מיט אַ גרויסען, דינעם שטעקען אין האנט, און מיט א פעקעל שפּייז פאר- וואָרפען איבער'ן אַקסעל. ערגעץ רוישט דאָס מיהל-ראָד, און דאָס וואסער, וואָס פאַלט כסדר איבער דעם ראָד, און וואָס צומאָהלט די צייט, די טעג און די נעכט אויף שטילע מינוטען. וואָס גליטשען זיך אוועק אין תהום אריין, מיט'ן פאַלען פון וואסער.

אין שטיבעל ביי יאָסעל זשיטניקער זיינען אָפּגעטיילט פיר וועגט, וואָס צושניידען דאָס צימער אויף קלענערע חדרים, א חדר פאר יאָסלען מיט דער ווייב און קינדער. א חדר פאר דער באָ- בען, יאָסעל'ס מאמע, א חדר פאר'ן רבין, אזוי האָט מען גלייך א נאָמען געגעבען יוחנן'ן, און נאָהענט לעבען דער טהיר, וואָס פיהרט ארויס אין גאס אריין, אן איינגעמויערטער לעהמענער הויוועז, וועלכען די באָבע באקט און קאָכט פאר איהרע קינדער און אייניקלאך.

די ערשטע צייט האָט דאָס גאנצע הויזגעזונט דעם נייעם רבין צוגעטיילט גרויס כבוד. די באָבע האָט איהם אָפּגעהיט מיט'ן עסען און טרינקען, איהם צוגעזעהן, און געהאַלטען אין איין איינ- רעדען, אז א יונגערמאן וואס קען אזוי שעהן לערנען און נאָך זינגען אויך, דאַרף עסען מעהר, ווייל ער דאַרף האָבען כח צו קע- נען דינען גאָט, ווייל ער דארף דאָך נאָך וואקסען, איז ער דאָך כמעט אליין א קינד. דאס איידעלקייט פון די דאָפס-מענשען צו א שטאָדטישען אידען, וואס קען נאָך דערצו, דאָס וואָס זיי רופען „די קליינע פינטעלאך", איז איבער אלע גרענעצען, און גלייך פון דעם ערשטען טאָג אָן, האָט די באָבע זיך פארטרויעט פאר'ן רבי'לע":

— „דאָרפס מענשען, מישטיינס געזאָגט, מען זאָל ניט זינ-

דינגען מיט די רייד. מען איז אידען, אבער וואָס ווייסט מען אין דאָרף פון אידישקייט? מען צינדט אָן ליכט פרייטאג פאר נאכט, וואָס נאָך? א שוחט באווייזט זיך יעדען דאָנערשטאג, און שחט אָפּ די פּאָר עופות, אָדער דאָס קעלבעלע, אז עס זאָל זיין א שטי-קעל כשר פלייש אין הויז. וואס נאָך? אָט, שטאָדטישע מענשען האָבען א שוהל, א בית המדרש, מען הערט א אידיש וואָרט, מען זעהט זיך מיט מענשען, מען רעדט זיך אמאָל אָפּ פון הארצען, נאָר מען טאָר ניט זינדיגען מיט די רייד, ווייל וואָס אמת איז אמת, קיין פרנסה פעהלט ניט ברוך השם און א דירה איז אויך דאָ, און די מיהל געהט איבער אין ארענדע בירושה פון דור צו דור. זי געדענקט נאָך אפילו אז איהר באָבע מיט'ן זיידען האָבען געהאלטען די אייגענע מיהל, נאָך מיט פופציג יאהר צוריק. דער-נאָך איז זי איבערגעגאנגען אין ארענדע צו איהרע טאטע-מאמע, און ווען יאָסעלע איז אויסגעוואקסען, האָט ער זיך אויסגעלע-רענט האלטען די מיהל, און אזוי דרעהען זיך די רעדער אין וואַ-סער, גאָט זאָל העלפען, אז עס זאָל נאָר זיין א גערעטעניש. עס זאָל זיין תבואה צו מאָהלען, וועט מען מיט גאָטס הילף פאר קיין הונגער ניט שטארבען."

אזוי האָט די אלטע געקענט אָפּזיצען מיט א זאָק אין האנט, אָדער אפילו שטעהן ארום דעם הויוועז, רוקען איין טעפּעל אריין, דאָס אַנדערע ארויס פון הויוועז, און ניט מיעד ווערען צו רעדען, צו יוחנן. ער האָט אפילו גאָרניט געדארפט ענטפערען. עס איז געווען גענוג, אז זי זאָל רעדען, און ער זאָל אויסהערען, און נאָר אַלעמאָל אַ שאָקעל טהאָן מיט'ן קאָפּ, פאר א סימן, אז ער האָט געהערט, און פארשטאנען, וואָס זי רעדט.

זיין טאג האָט יוחנן צוטיילט אויף דריי חלקים. גלייך אין דערפריה האָט ער מיט די קינדער אָפּגעזאָגט די ברכות, ער האָט געזאָגט א וואָרט פריהער, און די קינדער האָבען איהם געקוקט אין די אויגען אריין, און נאָכגעזאגט וואָרט פאר וואָרט.

די ערשטע צייט זיינען די ווערטער. איבערהויפּט ביי דעם אינ-געלע ארויסגעקומען מאָדנע צודרעהטע, און האָבען גאָר-ניט געקלונגען ווי קיין אידישע ווערטער פון די ברכות. ווייל ווען יוחנן האָט דעם קליינעם יאנקעלען געהייסען זאגען, צום ביי-שפּיעל — שהחזרתה בי נשמתי, איז ביי דעם דאָרפ'ס אינגעלע ארויסגעקומען — שיכינזאָקובייניש מוצי, — און ווייל בעת ער

האָט נאָכגעזאָגט די מודה־אני, האָט ער מיט א פּיסעל געשטורכעט דאָס קעצעל. אָדער זיך פּארקוקט דורכ'ן פענסטערעל, אין דרויסען ארײַן, נאָכגעקוקט דעם פּאסטוך, וואָס איז געקומען גאנץ פריה פארנעמען די קוה אין טשערעדע.

— אז דער קאָפּ ליגט איהם ביי דעם קעצעל, און ביי די קעלבלאך, ווי קען ער הערען, וואס מען זאָגט איהם? — האָט יאָסעל, יאנקל'ס טאטע געטרונקען די צעקאָריע מיט מילך, און איז געווען בייזלאך, אויפ'ן אינגעלע וואָס האָט ניט ארויסגעוויזען קיין צו שטארקען חשק עפּעס אויסצולערנען זיך פון רעם רבי'ן.

נאָר יוחנן פלעגט דאָס אינגעלע אליין פארענטפערען, און באמערקען:

— נשקשה, ער וועט נאָך איבערנעמען די תורה. . . אַ קינד, אלע קינדער האָבען אַ טבע צו שפּילען זיך.

— רבי, דו ביזט צו גוט צו איהם. אנשמייסען, מען דארף אָנשמייסען א אינגעל. אריבערלעגען אויף די קניה, און ארייגצימבלען אזוי ריכטיג, איינמאל און נאָכאמאָל, וועט ער וויסען, ווי צו שפּילען זיך מיט דער קעצעל, ווען מען זאגט — מודה־אני.. פלעג יאָסעל מאכען א שטרייננגען אָנשטעל, אָנצושרעקען דאָס אינגעלע.

יוחנן איז אָבער פון דער נאטור געווען זעהר מילד, און האָט זיך קיינמאל ניט צוגעהערט צו יאָסעל'ס ווערטער.

נאָך דער ברכה האָבען די קינדער איבערגעביסען, און יוחנן האָט זיי ביידען אוועקגעזעצט אויף דער לאנגער באנק איבער אַ סידור, געלערענט אסתר'ן ווי אזוי מען דארף זאָגען עברי. אסתר'ל האָט זיך געלערענט זעהר גוט, און האָט באלד געקענט זאָגען „עברי, ווי א וואסער", און ער האָט מיט איהר אָנגעהויבען פארטייטשען א פּרשה חומש, און איהר אויך געוויזען, ווי אזוי צו לייענען די תחינות פון ראש חודש־בענשען, און אנדערע ווייבערשע געבעטען.

מיט יאנקלען איז עס ניט געגאנגען אזוי גלאַט, און וואָכען נאָכאנאנד האָט מען איהם ניט געקענט ארייגקלאפּען אין קעפּעל אריין דעם חילוק פון א „גימל", ביז א „נון", פון א „בית", ביז א „כאָף."

נאָכ'ן אָפּלערנען מיט די קינדער, האָט די אלטע געגרייט אַ ברעג טיש פאר'ן „רבי'ן" און איהם א זאָג געגעבען:

— נו, רבי, געה וואש זיך וועל איך דיר געבען עסען. און דאס עסען איז כמעט אלע טאג באשטאנען פון די אייגענע מאכלים, א שיסעל סמעטענע, מיט פוטער און צוויי לויזע הייער, און א טעפּעל ציקאָריע, האלב אויף האלב איבערגעזאָטען מיט מילך.

דאָס דאָרף, די רוהיגקייט, האָט אויף יוחנן די ערשטע צייט געווירקט אזוי שטארק אז ער האָט זיך אנגעהויבען צו בארוהיגען, און אפילו געגעבען יאָסלען א באשטעלונג, ער זאָל איהם איינקויפען אין שטאָדט די נויטיגע ספרים פאר די קינדער און אויך פאר זיך, ער זאָל קענען אריינקוקען אין א ספר. יוחנן האָט שלום געמאכט מיט זיך, אז עס איז גוט אזוי.

איז ער אָפּגעזעסען א שטיקעל צייט אין דאָרף, געלערנט די קינדער, און אויף עטליכע שעה אין טאג איז ער געזעסען אין מיהל, מיט א ספר אין האנט, זיך צוגעהערט צו דעם רוישען פון די וואסערען, וואָס זיינען געפאלען אן אן אויפהער, אריינגעקוקט אין א ספר, און נאָר געכאפּט א שטילען קוק אויף דעם שייגעץ, וואָס איז אומגעגאנגען ארום דער מיהל, געזעהן, אז די רעדער זאָלען זיך ניט פארטשעפּען אין אָפּגעפאלענע שטיקער צווייגען פון בוימער, וואס פלעגען זיך אָנטראגען אויף די מיהל-רעדער נאָך א רעגען, געריבען און גערייניגט די מיהל-שטיינער, גענומען די מאָס פאר'ן צומאָהלען די זעקלאך קאָרן און ווייץ, געלע פּאַפּשוייע מעהל, און אנדערע תבואות.

אז דער שוחט חיים דוד, א יונגערמאן, מיט א שפּיציג בערדעלע, א קלוג פּנים, און גרויסע קלוגע אויגען, פלעג זיך דאָנערשטאג אין דער פריה באווייזען ביי יאָסעל זשיטניקער, איז דאס געווען א גרויסע געשעהעניש.

חיים דוד האָט געבראכט נייעס און פּאָטשטען פון די ארומיגע דערפער, און דערצעהלט אלערליי מעשיות, ווי עס לעבט זיך אידען אויף דער סביבה, אז זיי איז נאָך אלץ א סאך בעסער פון די אידען אין די שטעדטלאך, וואָס דארפען אייביג ארומוואָגלען אויף די יארידען, אויסדינגען איינער ביי דעם אנדערען די מציאות, וואָס גאָט שיקט צו, אין גוס-רעגענס און אין קעלטען, אין שטורמס און אין היצען, און ערשט דערנאָך איז ניטאָ קיין פּרנסה.

פאר חיים דוד'ן האָט יוחנן געהאלטען א סוד זיין יחוס פינקט ווי ער האָט אויך זיינע זשיטניקער בעלי בתים ניט אויסגעזאָגט ווער ער איז, אין וואָס האָט איהם געטריבען צו ווערען א מלמד אין א פארווארפען דאָרף, וואו עס איז ניטאָ מעהר ווי עטליכע גע-צעהלטע אידישע נפשות, צוליב א שטיקעל ברויט מיט עטליכע רובעל, וואָס ער האָפט צו באקומען נאָכ'ן זמן.

אין דאָרף, אין יענעם ערשטען זמן האָט יוחנן זיך דערפיהלט גאַנץ מיט זיך, און מיט דער ארומיגער נאטור, און ער פלעג קע-נען, געהענדיג פון מיהל צו דער קרעטשמע זיך פארקוקען אויף די סעדער און גערטנער פון דאָרף, און די צובליהטע בוימער, אָנ-געלאָדען מיט פרישע זאנפטיגע פרוכטען, וואָס האָבען געזעטיגט דאָס אויג, און אויסגעזעהן ווי אַ שעהנער, אויסגעַחלומ'טער סוד, פון א באשאפער. יעדער בוים האָט געהאט פאר איהם אַ באזונ-דער פנים און ער איז שוין אזוי געווען צוגעבונדען צו דעם דאָרף, און צו דער גאנצער ארומיגער סביבה, אז ער האָט שוין געקענט די מעהרסטע גויים וואָס פלעגען קומען איינמאָל א וואָך אין מיהל אריין מיט די פּאָר זעקלעך תבואה. ער האָט שוין געקענט זייערע קינדער, און איז געוואָרען זעהר היימיש מיט זיי אלע.

אין פארלויף פון דעם זומער האָט ער זיך אויסגעלערנט די מאלאָרוסישע שפּראַך, זיך שוין געקענט צונויפרעדען, און פיהרען א געשפּרעך מיט די ערלים אין דאָרף. עס האָבען איהם פאראינ-טערעסירט זייערע מנהגים ווי זיי קלייבען זיך צונויף ניט ווייט פון דער מיהל, זונטאג ביי טאג, ווען די שטיינער פון דער מיהל רוהען. ביז מאָנטאג אין דער פריה, און ווי די קריסטליכע שקצים און שיקסעס קומען ארוים מיט צימבלען, שלעכטע, ניט אָנגע-שטעלטע פידלען און באסען, שפּילען, זינגען און לאָזען זיך אוועק אין ווילדע טענץ, אָט ווי שלעכט די קריסטליכע כלי-זמרים האָ-בען געשפּילט, זיינען אבער די קליידער זייערע, די ווייסע אין רויטע הויזען, און פון די יונגע מענער, די רויטע גארטלען ארום זייערע דיכען, שטייף איינגעקראמפּט, און די שיקסעס, מיט די אויסגענעהטע העמדער מיט פּאָלאקעס. די בליאסקענדיגע אוירינג-לאך, פון געלען מעש אין די אויערען, די רויטע און בלויע סטענ-געס ארום זייערע קעפּ געווען אזוי קאָליר רייך, אז אפילו די פּראָסטקייט איז פארשוואונדען. עס האָט געהאט אין זיך א סך רייץ, און אפטמאָל פלעגט ער אפילו אויפכאפּען אין זייערע ניט-

אידישע מעלאָדיעס עפּעס אין אָפּגלאַנץ פון אַ ניגון, וואָס האָט ווי פארבלאָנדזשעט. אמאָל פלעג זיך איהם אויסווייזען, אַז די נגונים, ווי די גוי'אישע כלי-זמר שפּילען זיי, זיינען פריהער געווען גאָר אידישע, חסידישע נגונים, נאָר זיי האָבען ווי פארבלאָנדזשעט. עפּעס אַ גויאישער כלי-זמר האָט געמוזט זיין אין שטאדט, דער-הערט אַ אידישען ניגון, איהם לייכט אויפגעכאפּט, און אזוי איז דער אידישער ניגון מגולגל געוואָרען אויף אַ גויאישער חתונה, און ווערט אַלץ מעהר פארגרייזט יעדען זונטאג. אמאָל האָט זיך איהם אויך אויסגעוויזען פארקעהרט: דער ניגון איז פריהער געווען אַ גויאיש פרעהלאכס, איז אפשר אַ גוטער איד אמאָל פארביינגעפאָה-רען מיט זיין פאיעטאָן דורכ'ן דאָרף, ווען אין דאָרף איז געווען אַ חתונה, האָט דער רבי מיט זיינע גבאים דערהערט דעם ניט אי-דישען ניגון, האָט ער איהם אויסגעהערט, געבראכט אין חסידישען הויף אריין, איז דער ניגון געוואָרען איבערגעלייטערט, אויסגעריי-ניגט פון דעם פארשייטען פּסולת, האָט דער ניגון באקומען תיקון, זיך דערהויבען צו אַ העכערער מדרגה, און אזוי איז געוואָרען פון דעם גויאישען פרעהלאכס, להבדל, אַ חסידישער ניגון.

דער גאנצער ענין האָט איהם טיף פאראינטערעסירט און ער האָט געשעפּט אין זיך יעדען זונטאג די גויאישע נגונים שלעכט גע-שפּיעלט, און דאָס האָט איהם געבראכט דערצו, אַז ער זאָל אַליין אָנהויבען איבערקלייבען די פארשיידענע מאַלאָרוסישע מעלאָדיעס, און זיך גריבלען אין זיי, און וועלען אויסגעפינען זייער אמת'ן שורש.

צייט איז געווען אַ סך, האָט ער זיך אויך געקענט פארטראכ-טען וועגען דאָס אלעס, וואס ער האָט געלאָזען הינטער זיך.

ווער ווייסט, ווי לאנג יוחנן וואָלט געווען פארבליבען אין דאָרף, ווען ניט די אומרוהיגע צייט, וואָס האָט זיך אָנגעטראָגען, ווי אויף פליגעל פון אַ שטורם-ווינט. די נייעס וועגען פּאָגראָמען אויף אידען אין בעסאראביע.

די נייעס צו איהם איז געקומען דורך דעם דאָרפ'ס לעהרער, אַ פּוילישער שייגעץ, מיט אַ דין, אויסגעמאָגערט פּנים, הויך און דאר, מיט איינגעפאלענע באקען. דער פּאָליאַק איז אויך דאָ גע-ווען אַ פרעמדער, און איז אָנגעקומען אין דער אייגענער צייט, ווי יוחנן. גלייך נאָך זייער באקאנטשאפט האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אויסבייטען מיט למודים.

דער לעהרער האט געהאט שטארק חשק צו קענען אידיש, און ער פלעג זיך באגייסטערען פאר אידישע שעהנקייטען, פאר די חייקעס, ווי ער פלעג זיי רופען, און האט אויסגעדריקט א וואונש צו קענען זיך אויסלערנען רעדען אידיש. דערפאר האט ער זיך אנגעבאטען יוחנן צו לערנען רוסיש און פויליש.

פלעג דער לעהרער מיט'ן מלמד זיך טרעפען א דריי פיער מאל א וואך, אין קרעטשמע, אדער לעבען דער מיהל, און דארטען האבען זיי זיך איינע די אנדערע געגעבען „אוראקען."

נאך די ערשטע עטליכע וואכען, אזוי שנעל, ווי יוחנן האט באוויזען צו קענען גענוג ווערטער, אויף דורכצורעדען זיך, און אליין קענען לעזען עפעס אויף רוסיש, האט ער זיך דערוואוסט, אז דער דארפס לעהרער קריגט אריין א רוסישע צייטונג, און יוחנן האט ביסלעכווייז אויך אנגעהויבען צו געפינען א טיפען אינטערעס אין דער רוסישער צייטונג און דורך דער צייטונג האט ער זיך דערוואוסט פון מאדנע זאכען, וואס זיינען פאר איהם ביז דאן געוועו אין גאנצען פרעמד.

ער האט מיטאמאל אויסגעפינען, אז אויך אין רוסישען פאלק זיינען פאראן עלעמענטען, וואס זיינען אומצופרידען, וואס רייסען זיך צו פרייהייט, און ווילען ניט זיין קיין קנעכט צו דעם צא-ריזם, צו דער „נאטשאלסטווא", און אז עפעס קומט פאר אן אונטערערדישע באוועגונג, צו באפרייען דאס רוסישע פאלק. ער האט זיך אפילו דערוואוסט, אז אין דער דאזיגער באוועגונג זיינען אויך פארמישט אידען, וואס שפילען א ראלע, און זיינען פיהרער פון אזעלכע באוועגונגען, און ער האט מיט גרויס אינטערעס נאכ-געפאלגט יעדע בלאט צייטונג.

עס איז איהם אפילו געווארען אויפפאלענד, פארוואס מען ווארפט די שולד אויף די אידען, און ער האט צו זיין איבעררא-שונג געלעזען, אז אין דער נאהענטער בעסאראביע געפינט זיך א פיהרער פון א בלאט, וואס איז אפען אויסגעשפראכען געגען אידען, און העצט מיט גיפטיגע ווערטער, אז מען דארף אויסרא-טען די אידען, ווייל זיי זיינען די גאנצע צרה, און אז זיי זיינען שעדליך פאר דעם רוסישען פאלק.

די דאזיגע נייעסען האבען איהם שטארק באאומרוהיגט. ער האט ניט אנגעהויבען צו פארשטעהן, ווי אזוי קען א פאלק פון

הונדערט און פערציג מיליאָן מענשען ווארפען די גאנצע שולד פאר זיין אָרעמקייט און פארקנעכטונג אויף אַ קליין נישטיג פאָלק, ווי דאָס אידישע איז, אין פארגלייך מיט די אלע ניט אידישע פעל-קער אין רוסלאנד, פוילען און ליטע, ווען בסך הכל איז דאָס אי-דישע פאָלק בארויבט פון אלע רעכטע, אין א סך ערטער האָט עס אינגאנצען קיין וואוין-רעכט, און מיט גאָר א סך פרנסות טאָר זיך עס אינגאנצען ניט באשעפטיגען, איז צו וואס ווארפט מען נאָך ארויף אויף דעם אידישען פאָלק אזא אומזיסטע שולד?

גאָר א סך זאכען זיינען איהם ניט אינגאנצען קלאהר געווען. און אויך ניט אויף אלץ האָט אפילו די רעגירונגס צייטונג, די „בירזשעוויע וויעדאָמאָסטיע״, געגעבען אַ קלאָהרען ענטפער.

נאָר אָט איז אָנגעקומען א כוואליע אין אָנהויב פון די אכצי-גער יאהרען. א כוואליע פון בלוט-בעדער אויף אידען, און די צייטונג איז געקומען מיט בלוטיגע נייעסען וועגען פאָגראָמען אין יעקאטערינאסלאוו און אין אנדערע מקומות.

דער רוסישער לעהרער האָט מבלומרשט גערעדט מיט רחמנות וועגען די אידען, וואס זיינען ווי לעמער געשאָכטען געווארען און וועמענס האָב און גוטס איז צוראבירט געוואָרען פון די פויערים, און פון די רוסישע כוליגאנעס.

זיין לעבען אין דאָרף איז געשטערט געוואָרען. דער גלח אין קלויסטער האָט גערעדט וועגען די פאָגראָמען, און וועגען דעם, אַז מען שמועסט אז די אידען האָבען די שטראָף כשר פארדינט, ווייל זיי זיינען די בונטאָוושטשיקעס און זיי העצען קעגען דער רוסישער רעגירונג, און קעגען דעם הייליגען „פאָטערל״ צאר-באטיושקא.

און אז גויים פלעגען זיך אָנשיכור׳ען נאָך א יאריד, האָבען זיי זיך ניט געשעהמט און אָפען גערעדט אז מען וועט דאָס איי-גענע טהאָן אין אלע דערפער, ארויסטרייבען די אידען, ווייל זיי פארכאפען אלע מיהלען, זיי, די אידען זיינען די קרעמער, זיי האָ-בען אלצדינג צו פארקויפען, און דער אָרעמער פויער האָט גאָר-ניט, א שטיקעל פעלד, וואָס גיט איהם ניט גענוג חיונה פאר זיין אייגענער פאמיליע, און ער דאָרף דאָס איי, און די הוהן פאר-קויפען און אלץ צו דעם אידען. . .

אַט אזעלכע גיפטיגע רייד, האָט יוחנן אָנגעהויבען צו הערען פון די פויערים ארום דער קרעטשמע, און אין מיהל.

רעדען מיט די פויערים, און געבען זיי צו פארשטעהן, איז געווען אונמעגליך. א פויער אָדער ער באנעמט זאכען, מיט זיין פשוט'ן שכל, און פארשטעהט, אָדער ער בלייבט אזוי דום און איינגעעקשנ'ט, אז וואָס מען זאָל איהם ניט געבען צו פארשטעהן, און ווי אזוי מען זאָל איהם אויפקלעהרען, האָט ער דיר איין נא-רישען ענטפער:

— „טאשטשאָ!" — איז וואס!

ער קען ניט אויפכאפּען קיין געדאנק, אזוי לייכט, דער עיקר, ווען דער „באַטיושקא", זיין גלח האָט אזוי געזאגט אין קלויסטער. דער גלח איז דער באגלויבטער פאסטוך, דער פיהרער, און דער פויער געהט נאָך, ווי אַ בלינדע שאָף.

עס האָט אָנגעהויבען ווערען אומזיכער אין דאָרף. די רעדעס וועגען שלאָגען אידען, טרייבען זיי פון די דערפער, אוועקנעהמען ביי זיי די מיהלען און די קראָמען, אזעלכע רייד זיינען געוואָרען דאָס אָפטע געשפרעך, ארום דעם קלויסטער, און אפילו אין קרעטש-מע. פויערים זיינען געקומען צו דעם אידישען ארענדאר, טרינקען בראָנפען, האָבען זיך אָנגעשיכור'ט, און זיינען געוואָרען ווילד און פרעך, חוזק געמאכט פון די אידען, און געגעבען אָנצוהערעניש, אז מען וועט דאָ אויך ניט פארשווייגען. מען דאַרף אָנלערנען די קריסטוס-קוילער, די מאשעניקעס, די פּראָצענטניקעס, די מילנער און רענדארעס".

דורך די צייטונגען האָבען זיך אָנגעהויבען דערטראָגען קלאַנ-גען, אז אידען ציהען פון די דערפער, ווייל זיי פיהלען זיך ניט זיכער. פון אנדערע דערפער טרייבט מען זיי, אין פלעצער, וואו אידען זיינען אָפּגעזעסען דריי און פיער דורות, זיך איינגעבירגערט, איינגעוואורצעלט טיעף און ברייט, געהאט פרנסה מיט'ן פולען מויל, זיך צונויפגעלעבט גוט מיט'ן פויער, און מיט זיינע קינדער און קינד'ס קינדער, אפילו פון אזעלכע דערפער האָט מען אָנגע-הויבען צו טרייבען אידען.

יוחנ'ן האָט אָנגעהויבען קלאָהר ווערען, אז דער אמת'ער שונא פון פאָלק, איז די רוסישע רעגירונג, מיט איהרע פינסטערע באדי-

נער, און גיפטיגע אנטיסעמיטישע העצער, און ער האָט גענומען פארשטעהן, פארוואָס אויך געוויסע אידישע אינטעליגענטען רייסען זיך אריין אין דער אונטערערדישער באוועגונג, ווייל זיי פיהלען, אז אידען קענען אין אזא פינסטערע רוסלאנד ניט האָבען קיין קיום. אידען דארפען העלפען באפרייען דאָס רוסישע פאָלק און אויך זיך אליין פון דער צאריסטישער קנעכטשאפט.

א פאָר מאָל דורכ׳ן יאָהר איז ער זיך דורכגעפאָהרען קיין מאָליוו, אין דער גרויסער שטאָדט, זיך פארשאפט די נויטיגע ביכער אין דער רוסישער שפראך, וועלכע ער האָט שוין איצט געקענט אליין לעזען, ניט דארפענדיג אָנקומען צו דעם דאָרפ׳ס לעהרער, ווייל ער האָט באמערקט, אז אויך דער לעהרער איז אינגאנצען איבערגעביטען געוואָרען, און אויך ער איז אָנגעשטעקט געוואָרען, פון דעם גלח׳ס אנטיסעמיטישען גיפט.

איין טאָג איז אסתר׳ל אהיימגעקומען פון דער „שקאָלע״ מיט פארוויינטע אויגען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי פארשוואָלען פון צופיל וויינען. מיט טרעהרען אין די אויגען האָט אסתר׳ל דערצעהלט, אז דער „אוטשיטעל״, (לעהרער) האָט געלאכט פון אידען, און האָט געזאָגט, אז אין דערפער טאָרען זיי אינגאנצען ניט וואוינען, און פון א סך לייטישע דערפער האָט מען שוין אידען אינגאנצען אַרויסגעטריבען, און אז אין זשיטניק וועט מען נאָך אויך אַזוי טהאָן מיט די אידען, ווי מען טהוט שוין אין די בעסאראַביער דערפער.״

— „די קינדער האָבען פון איהר געלאכט, און זי גערופען — זשידאָווקא, — און זי וויל מעהר ניט געהן אין דער „שקאָלא.״

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע איז יאָסלען געוואָרען גאנץ טרויעריג אויפ׳ן הארצען.

— דאָ בין איך געבוירען, מיט זיי אינאיינעם אויפגעוואקסען, — האָט יאָסעל גערעדט מיט א וועהטאג אין הארצען. מיין מאמע און באָבע האָבען דאָ אויסגעלעבט וועלטען, און יעדען איינעם פון זיי, קענען מיר ביי די ערשטע נעמען, און וואָס מיר האָבען געקענט, האָבען מיר אלעמאָל געטהאָן, אבי צו לעבען מיט זיי, בשלום, ווי מענשען, ווי גוטע פריינט, — און פארענדיגט האָט יאָסעל:

— נאָר א גוי איז א דבר-אחר. אָנגעשיכור׳ט זיך, ווייסט ער

איין זאך: שלאָגען זיך, און אז ער האָט ניט וועמען צו שלאָגען, לאָזט ער אויס דאָס האַרץ צו אידען, כאטש פרעג איהם, וואָס האָט מען איהם געטהאָן?

יאָסעל האָט אָנגעהויבען פּלאנעווען ארויסצוציהען פון דאָרף.

— אָפשניידען אין צייט, איידער עס ווערט שפּעט. עס האָט אָנגעהויבען ווערען זעהר ניט היימלאך. די פּאָגראָם-כוואַליע האָט גענומען אלץ מעהר בושעווען ביי דער בעסאראביער גרענעץ, און געשלעגען פון פויערים מיט אידען האָבען אָנגעהויבען אלץ מעהר פאָרקומען, ניט נאָר אין דערפער, נאָר אפילו אויף די שטאָדטישע יארידים. און עס איז געוואָרען דאָס לעבען ניט זיכער.

יוחנן'ן האָט יאָסעל אָפּגעצאָהלט פאר'ן יאָהר, און ווען יאָסעל האָט אויפגעגעבען די מיהל, און אַרויסגעצויגען פון דאָרף, האָט יוחנן איבערגעצויגען אין מאָליוו, אין דער גרויסער שטאָדט.

אין דער גרויסער שטאָדט.

ערשט אריינקומענדיג אין דער גרויסער שטאָדט האָט יוחנן זיך דערפיהלט פארלוירען. דורך דעם יאהר וואָס ער איז אָפּגעזעסען ביי יאָסעל זשיטניקער האָט איהם קיין זאך ניט געפעהלט. ער האָט באקומען זיין עסען און טרינקען, און סוף זמן האָט איהם יאָסעל אונטערגעטראָגען צוויי פאפירענע צענערלאך, און איהם געזאגט:

— דאָס קומט דיר, פאר דיין לערנען מיט די קינדער, און פאר דינען מיר געטריי, אויך אין דער מיהל. נאָך דעם צווייטען זמן, האָט ער איהם מוסיף געווען פינף רובעל, און נאָך אלע הוצאות פון דעם יאָהר אין דאָרף, האָט ער פארמאָגט א „קאפּיטאל" פון פופצעהן רובעל.

אריינקומענדיג אין מאָליוו האָט ער דעם ערשטען מאָל דערזעהן דעם גרויסען קאנטראסט פון דעם דאָרף ביז דער גרויסער שטאָדט: דער הולך פון די מענשען, אינגאנצען אנדערש און אויך די הנהגות. ער איז געווען אויסגעהונגערט נאָך מענשען, ווייל דורך דער צייט, וואָס ער איז אָפּגעזעסען אין זשיטניק האָט ער מעהר ווי דעם שוחט, און אמאל א דורכגעהענדיגען אָרעמאן קיין אידען ניט אָנגעזעהן, און נאָכאלעמען איז ער דערצויגען געוואָרען אין א חסידישען הויף, וואו עס פלעגט אלעמאל שווימלען

מיט מענשען פון אלערליי קלאסען, סוחרים, וועלט-מענשען פון דער חסידישער וועלט, וואָס פלעגען קומען צום זיידען זיך באראַטען און האלטען עצות, מיט'ן רבין, וועגען זייערע מסחרים, אָדער משפטים, וואָס זיי האָבען געהאט מיט די פּריצים, ביי וועמען זיי פלעגען האלטען די מיהלען, און די אימעניעס (גיטער אויף ארענדא).

ער האָט זיך שוין אויך געהאט פארבענקט נאָך א שוהל, א בית המדרש, ווייל נאָכאלעמען האָט ער דאָך ניט איבערגעריסען מיט אידישקייט, ער האָט נאָר זיך אָפּגעטרייסעלט פון דער גוט-אידענשאפט. אָבער געבליבען איז ער דאָך א איד און האָט געגלויבט באמונה שלימה אין א גאָט. און א השגחה, וואס פיהרט מיט דער וועלט, און מיט די מענשען על פי דרך-הטבע.

זיינע קליידער, וואס זיינען שוין געווען א היפש ביסעל אָפּגעטראָגען, האָט ער איבערגעביטען אויף אנדערע, וואס ער האָט זיך איינגעקויפט אויף'ן מאָהיליוּוער מאַלטשאַק, א געגענט, וואו מען קויפט צווייט-האנטיגע קליידער, אביסעל שוין געטראָגענע, אזוי אז ער איז ענדליך פּטור געוואָרען פון יענער הלבשה, וואס האָט איהם תמיד דערמאָנט, אז ער איז אַרוים פון דעם הויף אין גרוים איילעניש, און הינטער שרעקליכע באדינגונגען. איצטער האָט ער אויסגעזעהן אינגאנצען אנאנדערער, ווי אָנגעקומען פון אנאנדער געגענט.

פרייטאָג צו נאכטס האָט ער אויסגעזוכט א שוהל, און איז אריין דארטען דאווענען. דאָ איז ער ווידער איבערראשט געוואָרען דערפון, וואָס אין אזא גרויסער שטאָדט ווי מאָליוו פון וועלכער ער האָט געהערט אזוי פיל, זיינען אין שוהל געווען נאָר א פּאָר געצעהלטע מנינים, און מקבל שבת געווען האָט דער בעל תפלה אין גרוים איילעניש, ווי עמיצער וואָלט איהם געיאָגט, און דאָס ביסעל עולם האָט אין איילעניש זיך גענומען צולויפען, נאָר איין איד איז צוגעקומען צו איהם, געגעבען איהם שלום, זיך ביי איהם צופרעגט אויב ער האָט אָן אכסניה, און ווען ער האָט איהם דערצעהלט, אז ער איז ערשט היינט אין דער פריה אָנגעקומען פון א דאָרף, וואו ער איז געווען דער מלמד, האָט איהם דער איד פארבעטען צו זיך אויף שבת פאר אן אורח.

יוחנן האָט געזעהן, אז דאָס איז א כלי קודש, ווייל אויף דעם

אידענס פנים, און אין זיין גאנצען הולך, איז געלעגען אויסגע-שפרייט א סך לייטישקייט, ער איז מיטגעגאנגען מיט'ן אידען אהיים, און ווען ער איז אריינגעקומען צו איהם אין הויז, האט ער אין דער סביבה באלד דערפיהלט, אז ער איז ביי דעם מאליווער רב, פון וועמען ער האט אין דער היים נאך געהערט אזוי פיל, ווייל עס האבען זיך שוין אין יענע יאהרען ארומגעטראגען די קלאנגען וועגען א שיבת ציון באוועגונג, וואס האט געזוכט ביי אידען צו פארשפרייטען דעם געדאנק, אז אידען דארפען ניט דוקא אלע בלייבען אין די פארשיידענע לענדער אין גלות, און זיין צוזעעט און צושפרייט איבער אלע פיער עקען פון דער וועלט, נאר, אז זיי מוזען זעהן זיך אומקעהרען צוריק קיין ארץ ישראל.

דער מאליווער רב איז שוין געווען פאראינטערעסירט אין דער דאזיגער באוועגונג, און ביי דעם שבת'דיגען טיש, איז ער געוואויר געווארען אז די איינציגע לייזונג פאר די פארוואגעלטע אידען, וואס ווערען איצט געטריבען פון די רוסישע דערפער, און גערודפט פון אנטיסעמיטען, און פאגראמטשיקעס אין דער בע-סאראביע איז ארץ ישראל.

ער איז געזעסען און האט זיך צוגעהערט מיט טיפען אינ-טערעס צו די שמועסען, וואס האבען זיך אלץ געקייטעלט ארום דער אידישער פראגע, ארום דער לאגע פון די אידען וואס האבען דורות לאנג אפגעלעבט אין די פארשיידענע דערפער, געלעבט אין דער בעסטער פריינשאפט מיט זייערע ניט-אידישע שכנים, און וועמען די דארפס מוזשיקעס האבען איצטער גענומען אפצאהלען מיט שטיינער, אנשטאט ברויט.

דעם רב'ס בני-בית וואס איז באשטאנען פון א רבי'צין א חנ'עוודיגע ווייבעל, אבער שוין אן א פארוק, ווי ער איז געווען געוואוינט צו זעהן אויף אלע רביצינס, וואס ער האט אין זיין לע-בען באגעגענט, די מאליווער רבי'צין האט שוין געטראגען איהרע אייגענע האר, און איז געווען געקליידעט מאדיש.

די צוויי אינגעלאך פון פערצען און צוועלף, זיינען אויך גע-ווען שוין געקליידעט גרויס שטאדטיש, קורצע גארניטערלאך, אנ-שטאט לאנגע זשיפעצעס, וואס אלע אינגלאך האבען נאך געטרא-גען אין קורילאוועץ און אין אנדערע קליינע שטעדטלאך. זיי האבען שוין אויך געטראגען העמדער מיט געקראכמאליעטע מא-

נישקעס, און האָבען שוין געגעבען אן אָנצוהערעניש, אז זיי וועלען שוין אודאי קיין רבנים ניט זיין. זיי וועלען שוין אפילו ניט זיין אַזוי ווי זייער טאטע דער מאָליוועער רב, וואס האָט א פּאָר מאָלביים טיש געגעבען אָנצוהערעניש, אז ער קען ניט פארשטעהן, פארוואס די גוטע אידען זיינען געגען שיבת ציון, און ווילען דוקא אז אידען זאָלען ווארטען אויף משיח׳ן.

יוחנן איז געווען שטאַרק צופרידען צו געפינען זיך אין אזא הויז, און נאָך ביי אַ רב דערצו, וואס איז ניט קיין בלינדער נאָכפאָלגער פון חסידיזם.

בתיה, דעם רב׳ס בת יחידה איז שוין גאָר געווען א גאנצע אַריסטאָקראטקע, זי האָט ביי דעם טיש דערצעהלט דעם רב, אז זי האָט פארענדיגט דריי קלאסען גימנאזיע, און אז זי דענקט נאָך יום טוב איבערצופאָהרען אין קאמענעצער גימנאזיע, ווייל זי האָט געהערט אז דאָרטען זיינען פאראנען בעסערע לעהרער, און דאָרטען קען מען פיעל מעהר רערגרייכען.

בתיה האָט מיט׳ן רב, איהר טאטען, געפיהרט א שמועס וועגען טאָלסטאָיען, און גאָרקין, און זי האָט איהם פארטרויעט, אז די דאָזיגע ביכער האָט מען איהר חלילה ניט געגעבען אין די קלאסען, אדרבה, ווען מען זאָל אין די קלאסען געוואויר ווערען, אַז זי לעזט אַזעלכע „טריפה-פסול׳דיגע”, רוסישע ביכער, וואָלט מען זי אָנגענומען פאר א ניהיליסטקע, נאָר א חבר׳טע, איהרע, א שוחט׳ס אַ טאָכטער פון דערבאַזשנע, האָט איהר אונטערגעטראָגען די דאָזיגע ביכער, און געהייסען איהר זיין פאָרזיכטיג, זיי דורכלעזען אין דער היים, אַז קיינער אין דער גימנאזיע זאָל דערפון ניט וויסען.

די רביצ׳ען און די קינדער אין רב׳ס הויז זיינען אלע געוואָרען צוגעלאָזען צו איהם דעם ערשטען אויף דער נאכט, און אַזוי־דער מען איז אוועקגעגאנגען פון טיש, האָבען זיי שוין אלע געוואונען זיין צוטרויען, און ווען דער מאָליוועער רב האָט איהם דערצעהלט, אז ער פלאָנעוועט דאָ ניט צו פארבלייבען נאָר אז ער קלייבט זיך קיין אמעריקע, וואוהין עס נעהמען איהם ארויס זיינע לאנדסלייט און זיי שרייבען איהם אוים פאר רב צו זיי אין נויאָרק, האָט ער זיך אָנגעכאפּט אין דעם דאָזיגען געדאנק, און זיך ביסלעכווייז פארטרויעט פאר׳ן רב, אז אויך ער קלייבט זיך איבערצוואוואנדערען פון די דאָזיגע מקומות.

אפשר דערפאר, ווייל זיין פארגאנגענהייט האָט איהם געדריקט אויפ'ן הארצען, ווייל זינט ער האָט פערלאָזען יענע רעגענדיגע נאכט דאָס הויף, איז ער אלץ געווען נע ונד, און דאָ ביי דעם רב אין הויז, האָט מען איהם דעם ערשטען אויפדערנאכט ארויסגע-וויזען אזוי פיל התקרבות, און אפשר, ווייל דער אינסטינקט האָט איהם אונטערגעזאָגט, אז ער וועט מיט'ן מאָליוועריר רב'ס משפחה ווערען זעהר נאָהענט, האָט ער ניט געוואָלט פאר זיי קיין זאך באהאלטען, סאי ווי סאי ווען די רביצען און די קלענערע קינדער זיינען אוועק צו זיך אין די חדרים, און בתיה מיט'ן רב זיינען נאָך געבליבען און האָבען מיט איהם געשמועסט זעהר פריינדליך וועגען דער אידישער לאגע, ווי שלעכט עס לעבט זיך איצטער די אידען אין די דערפער, און ווי אפילו אין די שטעדטלאך, ווען די פויערים קומען אויפ'ן יאריד שיכור'ן זיי זיך אָן, און זיינען גרייט צו ראבירען און צו שלאָגען אידען, איז יוחנן ארויף אויף דעם שמועס פון די הויפען פון די חסידים, וואָס זיינען אויך גרייט בלינדערהייט אָנצופאלען אויף יעדען איינעם, וואָס איז ניט אזאַ שטארקער חסיד ווי זיי, זיינען אויך גרייט יענעם צו רודפ'ן, שלאָגען, און ווען דער מאָליוועריר רב האָט איהם זיך פארטרויעט אז בלויז דערפאר, איז ער טאַקע קיין חסיד ניט, האָט איהם שטארק הנאה געטהאָן, וואָס גאָט האָט איהם צונויפגעפיהרט מיט מענשען הינטער וועמענס דאך ער פיהלט זיך אזוי זיכער, און ער האָט פריי אויפגעאָטעמט.

— וואס דארפט איהר מעהר, — האָט דער רב אַ זאָג גע-טהאָן — דרייסיג ווערסט פון דאנען האָט זיך אין אַ חסידישען הויף אָפגעשפּיעלט אַ סצענע, וואָס ווען איך בין געוואויר געוואָ-רען, האָב איך געהאט גרויס צער. מען האָט גענומען אַ וואוילען יונגענמאן, וואָס איז טאקע געוואקסען פון גוטע אידען, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָפנארען די וועלט, ער וועלכער איז קיין מאמין ניט געווען, האָט ניט געוואָלט בלייבען קיין גוטער איד. האָט מען איהם געוואָלט צווינגען. און דער סוף איז געווען, אז ער איז אנטלאָפען אין דער וועלט אריין. און ווער ווייסט, וואו זיין געביין איז אהינגעקומען".

יוחנן איז געזעסען מיט אויפגעשפּיצטע אויערען, אויסגעהערט, און געשלונגען יעדעס וואָרט, זיך קוים איינגעהאלטען, אז ער זאָל ניט צוזאמענברעכען. דער רב האָט ווייטער גערעדט:

— דער יונגערמאַן איז אין אַ רעגענדיגער נאַכט פאַרשוואונ־דען פון הויף. אויף מאָרגען איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ קליין שטעטעל צווישען פאַנאַטישע חסידים, וואס האָבען איהם דער־קענט, זיינען זיי אויף איהם אָנגעפאַלען ווי ווילדע ברואים, האָ־בען איהם געשלאָגען מכת רצח, און זינט דאַן איז ער ערגעץ אַוועק, און ווער ווייסט, וואס עס האָט מיט איהם פּאַסירט. — און דער רב האָט פאַרענדיגט:

— די מעשה איז געווען באַשריבען אין די גאַזעטען, מיט אַלע קליינינקייטען, און דאָס האָט נאָך די מתנגדים געגעבען אַ גרע־סערע בייטש אויף די חסידים, און דאָס האָט דעם הויף קיין גרוי־סע טובה ניט געטהאָן. דער אַלטער האָט פאַרלוירען אַ סך חסידים, איז קראַנק געוואָרען פון ערגערניש, און ווער ווייסט, קען זיין, אַז אידען האָבען פאַרטריבען פון זייער מחנה אַ ליטישען יונ־גענמאַן, וואס ווען אפילו ניט קיין גוטער איד, האָט דאָך יענער יונגערמאַן געקענט אויסוואַקסען סתם אַ ליטישער מענש, אפשר אַ רב, אַ אידישער פיהרער, ביי די ציונים, ווער ווייסט?

ווען יוחנן האָט דערהערט די דאָזיגע רייד, האָט ער דער־פיהלט, אַז לענגער קען ער אין זיך זיין סוד ניט האַלטען, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט ניט צוזאַמענצוברעכען, ווייל ער איז איינגאַנ־צען געריהרט געוואָרען פון דער ליעבשאַפט מיט וועלכער דער רב האָט וועגען איהם גערעדט, איז ער אויפגעשטאַנען, זיך אָנ־געהאַלטען אין דער פאַרענטשע פון דעם בענקעל, אויף וועלכען ער איז געזעסען אַנטקעגען דעם רב, און ער האָט שטילערהייט אַ זאָג געטהאָן:

— רבי, איהר וועט מיר דערלויבען וועל איך אייך עפּעס זאָ־גען. דער יונגערמאַן, וועמען מען האָט אָנגעטהאָן אַזעלכע יסורים, וועמען די חסידים האָבען אויף מאָרגען געפייניגט און אָנגעטהאָן אַזעלכע נגישות, דער דאָזיגער יונגערמאַן איז יעצט ביי אייך אין הויז, מיט איהם האָט עס פּאַסירט די גאַנצע מעשה, וואָס איז גע־ווען באַשריבען אין די גאַזעטען, כאָטש איך האָב אפילו דאָס אויך ניט געוואוסט". ער האָט זיך אַליין איבערגעהאַקט.

דער רב, און בתיה זיינען ביידע אויפגעשפּרונגען פון זייערע פּלעצער, האָבען זיך דורכגעקוקט, דערנאָך האָט בתיה אַ זאָג גע־טהאָן צום פאָטער:

— טאטע, דו האָסט געהערט? טאטע, וואָס זאָגסטו ניט, וואס אויף דער וועלט קען פּאסירען — איהר פּנים האָט זיך געריטעלט, און די אויגען זיינען איהר געווען ווי אָנגעלאָדען מיט טרערען צום ארויספּלאצען אין א געוויין.

דער רב האָט ארויפגעלעגט זיין האנט אויף יוחנן'ס אקסעל, ווי ער וואָלט איהם געזוכט צו בארוהיגען, און ער האָט א זאָג געגעבען:

— פּארפאלען. נו, עס איז דאָך שוין מן הסתם אזוי באשערט, אז מיר זאָלען דיך קענען נו, שא, בארוהיג זיך, גאָט פיהרט די וועלט. געוויס דארף אזוי זיין. נעם זיך, און שא. דיין סוד דארף קיינער ניט וויסען. מיר וועלען זעהן בלי נדר שבת, וואס מען קען טהאָן אין דעם ענין, אז דו זאלסט מעהר ניט דארפען זיין נע-ונד. דו ביזט שוין גענוג אָפּגעקומען פאר חטאים, וואָס דו ביזט ניט באגאנגען, ווייל נאָכאלעמען האָט מען דאָך דעם מענשען געגעבען א בחירה, ער זאָל זיך אליין מעגען אויסוועהלען אן אייגענעם שטייגער אין לעבען. קיין חטא איז עס געוויס ניט."

יענעם פרייטאג צו נאכטס אין מאָליוועד רב'ס הויז, איז יוחנן געגאנגען שלאָפען א רוהיגער, א צופרידענער. עס איז איהם גע-ווען גוט אויפ'ן הארצען, ווייל ער האָט געפיהלט אז אין דעם מאָליוועד רב האָט ער געפינען אן אמת'ן פריינט, און פונקט אזוי גליקליך האָט ער זיך געפיהלט, וואָס בתיה האָט איהם ארויסגע-וויזען אזוי פיעל ווארעמע פריינטשאפט.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט ער דערפיהלט דעם באגעהר צו זיין נאָהענט צו א פרוי, א געפיהל, וואס איז איהם ביז היינט אינגאנצען פרעמד געווען. שוין ליגענדיג אויפ'ן געלע-גער, אין דעם פיינעם, אויפגעראממטען צימער, וואָס מען האָט איהם אָפּגעגעבען נאָכדעם, ווי בתיה האָט פאר איהם געמאכט דאָס געלעגער, און איהם ליעבליך א זאָג געטאָן:

— א גוטע נאכט, מאָרגען וועלען מיר זיך זעהן, — האָט זיך א זיסע ווארעמקייט צוגאָסען איבער זיין גאנצען גוף, און ער האָט געטראכט:

— עס איז דאָך דער שטייגער פון דער וועלט צו באגעהרען א

פרוי. דערויף איז דאָך די וועלט באַשאַפן געוואָרען פון מאַן און פרוי. פאַרוואָס זשע האַלטען עס מענשען פאַר א חטא? ער האָט זיך פונדעסטוועגען געזוכט צו באַרוהיגען, און געטראַכט ווייטער:

— אויב איך וועל געפינען חן אין בתיה'ס אויגען, און אויב איהרע עלטערען וועלען מסכים זיין, וועל איך זעהן, אַז בתיה און איך זאָלען זיך דערנעהנטערען, און וועל ניט דאַרפען מעהר טראַכטען אַזעלכע געדאַנקען.

אין זיין פאַרשטעלונג האָט איהם די פאַנטאַזיע שוין געמאָה-לען, ווי עס געהט אַריבער אַ שטיקעל צייט, ער איבערצייגט זיך, אַז בתיה איז צו איהם טאַקע איבערגעבען, און איז אמת פאַראינ-טערעסירט אין איהם. ער רעדט זיך מיט איהר דורך, זי הערט אויס, און איז צופרידען פון זיינע געפיהלען צו איהר, און זיי רעדען זיך דורך, ביז עס ווערט פאַר זיי קלאָהר, אַז זיי זיינען אַ זיווג, און דערנאָך פאַרטרויען זיי זיך אין איהר טאַטען, און אַלע זיינען מסכים, און עס ווערט אַ שידוך.

מיט דעם דאָזיגען גליקליכען געדאַנק, איז ער איינגעשלאָפען, רוהיג און צופרידען. אויף מאָרגען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ווען די זון האָט שוין אַריינגעשיינט דורך דעם אָפענעם פענסטער, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין ניט פריה. ער האָט אויך גיך זיך אָנגעטהאָן, און איז אַרונטערגעקומען. בתיה איז איהם אַנט-קעגען געגאַנגען, איהם דערלאַנגט קאַווע מיט פּוטער-קוכען צום איבערבייסען, און איהם דערקלעהרט, אַז די עלטערען מיט די אינגלאַך זיינען אַוועק אין שוהל, נאָר איהם האָבען זיי ניט גע-לאָזען אויפוועקען און זיי האָבען געזאָגט, אַז ער וועט גאָרניט אָנוועהרען. סאַי ווי סאַי קומט ניט קיין גרויסער עולם אין שוהל אַריין, אין אַ געוועהנליכען שבת.

עס איז איהם אפילו געווען אַ וואונדער, וואָס אין אַזאַ גרוי-סער אידישער שטאָדט, זיינען נעכטען געווען ווינציג מענשען צו קבלת שבת, און פאַרוואָס זאָל היינט שבת אין דער פריה ניט זיין קיין גרויסער עולם אין שוהל?

בתיה האָט איהם ווייטער דערקלעהרט:

— וואָס מיינט ער, דאָ איז קורילאָוועץ, אָדער וואַרכיווקע? דאָס איז מאָליוו. מאָליוו איז שוין היינט ניט דאָס וואָס מיט יאָה-

רען צוריק. אידען שטעלען אום. שבת דעם סאמאוואר, און מען שעהמט זיך אפילו ניט דעם סאמאָוואר ארויסצושטעלען אין דרויסען אויפ'ן הויף, ביז ער וועט זיך אויסרויכערען, און אויפקאָכען. דערנאָך נעמט מען איהם אריין גאנץ ברייט אין עס-צימער, און מען שטעלט איהם אוועק אויבענאָן, אויפ'ן טיש, און ניט נאָר דאָס, נאָר מען האלט אָפען א סך קלייטען, מען קויפט און מען פארקויפט אום שבת, ווי אין א פּראָסטען וואָכעדיגען טאג, און אז מען פיהרט זיך שוין אזוי אויף אין דער עפענטליכקייט פארבויגט מען שוין די שוהל, און נאָך אזעלכע זאכען, — האָט בתיה געשמייכעלט.

— און וואָס זאָגט דער מאָליווער רב אויף דעם, — האָט יוחנן א פרעג געגעבען, און ניט ארונטערגענומען די אויגען פון איהר.

— „דער מאָליווער רב האָט די ערשטע צייט געזאָגט, אז דאָס איז בפירוש א גרויסע עולה, נאָר אז עס איז אוועק א פּאָר יאָהר, און ער האָט געזעהן, אז דאָס זאָגען העלפט ניט, האָט ער אויפגעהערט צו זאָגען, ווייל די אלטע בעלי-בתים, וואס האָבען איהם אויפגענומען פאר רב, קיין מאָליוו, זיינען ביסלעכווייז אויסגעשטאָרבען, און אייניגע זיינען זיך צופאהרען, ווער קיין ענגלאנד, ווער קיין אמעריקע, און דער איצטיגער יונגער דור, — האָט בתיה זיך צושמייכעלט ליבליך, — דער איצטיגער דור איז שוין ניט קיין דור פון קיין דאוונער. די יוגענט האָט שוין באזוכט א גימנאַזיע, אביסעל געלעזען, און אפילו דאָ און דאָרטען געוואָרען אָנגעשמעקט מיט די דרויסענדיגע קולטורען, און מיט דעם איינפלוס, פון דער אונטערערדישער באוועגונג, וואָס זוכט אויסצושפרייטען איהר איינפלוס אויף דעער אינטעליגענץ, און דורך דער אינטעליגענץ צו דערגרייכען דעם פּויער, און איהם אויפקלעהרעןי, אז זיין אמת'ער שונא, איז ניט דער איד, ווי מען וויל איהם איינרעדען, נאָר דער שונא, דאס איז די איצטיגע מלוכה, וואס האלט דעם פּויער אין פינסטערניש, אין קלעם, און מען לאָזט איהם דעם קאָפּ ניט אויפהויבען".

— אינטערעסאנט, זעהר אינטערעסאנט, — האָט יוחנן צוגעגעבען, אז עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז עס איז אזוי, אבער ער האָט מודה געווען, אז דאָס איז פאר איהם אינגאנצען ניי. ער הערט דעם דאָזיגען געדאנק אפשר צום ערשטען מאָל. ביז איצט

האָט ער נאָר געלייענט יענע שריפטען און צייטונגען, וואס ווערען געדרוקט מיט'ן הסכם און מיט דער צענזור פון דער רעגירונג, און אז עס געהט אָן א באוועגונג הינטער דער ערד, אין געהיים, אויפצואוועקען אן אינטערעס ביי דעם פּויער, אז ער זאָל זיך דערהויבען קעגען זיינע אמת'ע שונאים, און דעריבער האָט ער א זאָג געגעבען:

— איך בין זיך פאר אייך מודה, אז איך האָב פון נעכטען אָן ביי אייך א סך געלערנט, און איך בין זעהר צופרידען, וואָס מיר איז באשערט געווען זיך צו טרעפען מיט אייער פאָטער."

בתיה האָט זיך גערויטעלט, איז געשטאנען אנטקעגען איהם, מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען, און זי האָט געענטפערט:

דער טאטע איז א מערקווירדיגער מענש. איהר קענט איהם נאָך ניט. דאס איז א דימענטענער מענש, מיט א פרייען קוק אויפ'ן לעבען. נאטירליך, ער איז דאָך פאָרט א רב, און ער דארף האלטען שטאט. אָבער וואָס עס איז שייך מקרב צו זיין מענשען, זיי דערהאלטען און דערמוטיגען, איז ער באמת א גרויסער מענש. דערנאָך האָט זי אויפגעהויבען עטוואס דעם קאָפּ, זיך אויסגע־גלייכט און א זאָג געגעבען:

— מיר זיינען אויך זעהר צופרידען, וואס מיר קענען אייך, און האָפען, אז מיר וועלען זיך נאָך לאנג קענען, און מיר וועלען אייך העלפען ארויסצוקומען פון דער לאגע, אין וועלכער איהר זייט אריינגעוואָרפען געוואָרען, ניט דורך אייער אייגענער שולד, נאָר צוליב דער אומגעבונג, און דער סביבה, וואו איהר זייט גע־בוירען געווארען, און פון וועלכער איהר האָט געמאכט א פאר־זוך ארויסצוקומען."

דערהערענדיג פון בתיה'ן אזעלכע רייד, איז איהם געוואָרען אזוי גוט אויפ'ן הארצען, אז עס האָט זיך פון פרייד אזש ביי איהם צושטראָמט טרערען פון די אויגען, און א פארשעהמטער איז ער אוועקגעלאָפען אין א זייט, זיך געשטעלט ביי דעם פענס־טער, ארויסקוקענדיג אין גאס אריין.

— אָ מאנסביל דארף ניט זיין אזוי סענטימענטאל, — האָט בתיה געשמייכעלט, אבער זי האָט דאס ניט געזאגט אין קיין טאָן פון פאָרוואורף, אדער איהם צו מאכען קלענער דערפאר, און דע־

ריבער איז זי צוגעגאנגען צו איהם, האָט זיך אויך געשטעלט לע-בען פענסטער, און ווייטער גערעדט:

— דער טאטע האָט אונז היינט אין דער פריה געזאָגט, אז איהר זייט איהם געפעלען, און אז ער האָט פאר אייך פלענער, אז איהר זאָלט פאָרטזעצען אייער שטודיום, לערנען דאָ אין מאָ-ליוו, זיין מיט אונז, ביז מיר וועלען זיין גרייט צו פאהרען קיין אמעריקע, און אז איהר וועט וועלען, וועט איהר קענען צוגעשרי-בען ווערען צו אונזער משפחה, און אויך מיטפאָהרען."

פון איהרע ווערטער איז איהם געוואָרען אזוי גרינג אויפ'ן הארצען, און ער האָט זיך בארוהיגט. און א זאג געגעבען:

— מערקווירדיג, אז איך אליין, האָב טאקע געהאָפט, אז איך וועל דאָס מיט דער צייט ביי אייך פארדינען ,און לאָמיר האָפען, אז איך וועל אויך קענען אפדאנקען דערפאר."

— „צו וואס דאנקען? — האָט בתיה געענטפערט: — מענ-שען דארפען טאָן איינער פאר'ן אנדערען, דאָס וואס זיי קענען, און דאָס טהאָן אליין, איז שוין דער דאנק."

דערנאָך האָבען זיי זיך צורעדט וועגען דער שטאָדט, וועגען דער יונגענט, ווי אזוי זי לעכצט נאָך בילדונג, און ווי באגרענעצט די אידישע רעכט זיינען, און וואס פאר א שוועריגקייטען די אי-דישע יוגענט ביי דעם אריינגענומען ווערען אין די אוניווערזי-טעטען, וואס פאר א קליינער פראָצענט עס ווערט אידען דער-לויבט, און זי האָט א זאָג געטהאָן:

— „פארוואס מיינט איהר ריים איך זיך קיין קאמענעץ? איך רעכען, אז אפשר וועל איך דאָרטען האָבען בעסערע מעגליכקיי-טען אָנצוקומען אין דער גימנאַזיע, פאָרטצוזעצען מיין שטודיום. מאָליוו איז צו נאָהענט צו בעסאראביע, און אין בעסאראביע שטארק זיך דער אידען-האס פון טאג צו טאג, און איך קען די בעסאראביער קאצאָפעס, באאיינפלוסט פון דער גיפטיגער פרע-סע, ניט פארליידען. איך פיהל, אז אויב איך וועל דאָ פארבלייבען לענגער, וועל איך זיך דארפען אריינוואָרפען טהאָן ארבייט, וואס וועט מיין פרייהייט שטעלען אין געפאהר, און וועט דעם טאטען מיט דער מאמען ניט טהאָן קיין גוטעס."

— איהר מיינט, אז — ער האָט ניט געענדיגט.

— „יאָ. איך מיין, אז איינגאנצען בלייבען גלייכגילטיג צו דעם דאָזיגען גיפט, וואָס ווערט דאָ פארשפרייט, קען איך ניט, און דער־צו וויל איך טאַקע טהאָן נויטיגע ארבייט, אַז עס זאָל ווערט זיין צוליב וואָס צו לעבען. איך האלט אז דאָס איז דער אמת׳ער זינען פון לעבען: קעמפען פאר עפּעס בעסערעס, ווי מיר האבען איצט.״

— מאכט דאָך אייגענליך ניט אויס, פארוואס איינער קעמפט, אבי ער פיהלט, אז עס איז געגען זיין ווילען, און ער דארף קעמ־פען געגען דעם, — האָט יוחנן א זאָג געגעבען צו בתיה׳ן, און האָט געוואָרט צו הערען וואס זי וועט ענטפערען אויף זיינע רייד.

— געוויס מאכט ניט אויס. — האָט בתיה געענטפערט, און זי האָט גוט פארשטאַנען וואוהין ער צילעוועט. אין א געוויסען זינען, איז יוחנן געוועזן ניט שטארק געגוג אין זיך, און האָט אָפּט געטראכט, אז ער האָט אפשר ניט געהאנדעלט ריכטיג, מיט דעם וואָס ער האָט דעם זיידען זיינעם מצער געוועזן, און איהם אָנ־געטהאָן אזא בזיון, דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאגט פון גוט־אידענשאפט, פון דער כסא הרבנות, און זיך אָפּגעריסען פון דער קייט. וואָס האָט זיך געצויגען פון דורי דורות, אָהן אן אי־בעררייס, אָהן א פּגום, און ער, יוחנן, האָט עס געמאכט דעם ערשטען ריס, און וואָס וועט זיך שוין אפשר איצטער האלטען אין איין רייסען, ביז די קייט וועט איבערגעהאקט ווערען, און יעדעס מאָל, ווען עמיצער וועט זיך אָפּרייסען, וועט מען איהם דערמאָנען צום שלעכטען, און מען וועט זאָגען:

— דער ערשטער, וואָס האָט געמאכט דעם גוואלד־ריס, איז געוועזן יוחנן. ווען ער זאָל ניט געוועזן וואגען זיך שטעלען אנט־קעגען, וואָלטען די ווייטערדיגע דורות ניט געוועזן געוואגט צו רעוואָלטירען. — פאר דעם דאָזיגען געדאנק האָט ער זיך אָפּט שטאַרק געשראָקען, און דאָס האָט איהם געדריקט אויף זיין גע־וויסען, און עס האָט זיך אויך אָפּגעשפיגעלט אויף זיין פּנים, און אין זיין האלטונג. ער האָט זיך דעריבער געגויטיגט, אז עמיצער זאָל איהם דערמוטיגען און צוגעבען קוראזש און איהם איינגאנ־צען בארוהיגען.

בתיה האָט דאָס דערפיהלט נעכטען אויף דער נאַכט, ווען ער האָט נאָכ׳ן עסען ביי דעם טיש זיי דערצעהלט דעם גאנצען עפּי־זאָד, ווייל זיינע רייד האָבען געהאט אין זיך אן אפּאלאָגעטישען

טאָן, אזוי ווי ער וואָלט געוואָרט אויף אַ תשובה, פּונקט ווי ער וואָלט כמעט חרטה געהאט אויף דעם וואָס ער האָט געטהאָן. דע-ריבער האָט זי ווייטער גערעדט:

— קעמפען פאר א פּרינציפּ איז א גרויסע זאך. דאָס איז דאָס אייגענע ווי מקדש השם זיין פאר א גלויבען. וואָס האָבען די אידען אין שפּאניען געטהאָן? זיי האָבען מקדש השם געווען, און וואס האָבען די אידען געטהאָן אין די טעג פון טיטוס הרשע? דאָס אייגענע, וואָס עס האָבען געטהאָן די עשרה הרוגי מלכות, רבי עקיבה און רבי ישמעאל, און אזוי אַלע אַנדערע.

ווען א מענש איז ביי זיך איבערצייגט, אז ער איז גערעכט, האָט ער דאָס רעכט צו האנדלען לויט זיינע איבערצייגונגען, און קיינער אין דער וועלט טאָר איהם ניט מאכען ענדערען זיין מיי-נונג, און ווער עס טהוט דאָס, פאַרברעכט געגען דעם פּרינציפּ פון דעם פרייען געדאנק. מעג אפילו דער מענש מאכען א טעות, אין זיין איבערצייגונג, אבער קוים פיהלט ער ביי זיך, אז ער איז גע-רעכט, און מיינט עהרליך, איז ער אין פּרינציפּ גערעכט.

יוחנן האָט פריי אויפגעאָטעמט, און ער האָט איהר אַ זאָג גע-געבען:

— איך דאנק אייך, פון טיעפען הארצען, פאַר אייערע טייע-רע ווערטער, דאָס איז פאר מיר ווערטה זעהר א סך. איך האָב פון אייך א סך געלערענט. אייערע ווערטער קרעפטיגען און דערמו-טיגען, צו קענען זיך שטעלען פעסט אויף די אייגענע פיס, און צו קענען זיך ווערלען אן אייגענעם וועג אין לעבען. מיר וועט דאָס זעהר שטאַרק צונוץ קומען, ווייל, בתיה, איך מוז זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז די לעצטע צייט האָב איך שטאַרק געליטען דערפון, וואס איך האָב דערפיהלט, אז איך בין זעהר שוואַך. עס האָבען זיך אָנגעהויבען פאַרקלייבען גרויסע ספיקות אין מיר. און איך האָב געצעגערט, זיך געשראָקען טאָמער וועל איך ניט קענען דורכפיהרען די גאנצע זאך."

— „מוט. אַ מענש דאַרף האָבען אין זיך א סך מוט, און ער דאַרף זאָגען: איך האָב זיך אונטערגענומען, און איך וועל פון מיין באשלוס ניט אָפּטרעטען." — האָט בתיה ווייטער גערעדט.

דערנאָך האָבען זיך געצויגען שעהנע שטילע, אידילישע טעג

פאר יוחנן, און ער האָט צום ערשטען מאָל אין לעבען דערפיהלט, אז עס איז ווערטה געווען דער גאנצער קאמף, ווייל סאי בתיה'ס טאטע-מאמע, און סאי בתיה אַליין, האָבען געטהאָן אלץ אין דער וועלט איהם צו מאכען פיהלען, אז ער איז וויכטיג, און אז ער דארף זיך בארוהיגען, און אָנהויבען א ניי לעבען, מיט א ציעל, מיט א זינען.

דער מאַליווער רב האָט איהם אויפגעגעבען א פּלאַן, אז ער זאָל אָנהויבען שטודירען. אין די לעקציעס האָט איהם בתיה ארויסגעהאָלפען און ארויפגעפיהרט אויף א וועג, אז דאס לערנען זאָל אים ניט פאלען שווער. אין די שפּעטע שטונדען פון דער נאַכט, איז בתיה מיט איהם געזעסען און איהם געוויזען, ווי אַזוי אָנצו-געהן מיט די למודים, און אין אידישע ענינים, האָט דער מאַלי-ווער רב זיך מיט איהם אָפט פארטיעפט, אזוי, אז ער האָט דער-פיהלט א גאנץ אנדערען טעם אין לערנען.

אלס דאנקבארקייט צו דער גאנצער פאמילע, פאר זייער וואַ-רעמען באציה צו איהם, האָט ער זיך דערפיהלט, ווי אַן אייגענער מיטגליעד אין דער משפחה, און ער האָט אָנגעהויבען פיהלען, אז בתיה איז געווארען א טהייל פון זיין לעבען. זי האָט אויסגעפולט אין איהם זיין גאנצען וועזען, פונקט ווי ער וואָלט איהר שוין גע-קענט א לעבען לאנג.

אין די זומערדיגע פארנאכטען, האָבען זיי שפּאצירט איבער די מאַליווער בולווארדען, ווי צוויי גלייכע מענשען, זיי האָבען גע-רעדט וועגען די למודים, וועגען די ביכער, וואס זיי האָבען צוזאַ-מען געלעזען, און וועגען די פארשיידענע באוועגונגען, וואָס זיי-נען אָנגעגאנגען, און אין וועלכע בתיה איז געווען שטארק פאַר-אינטערעסירט און אין וואָס זי האָט איהם אויך געזוכט אריינ-צוציהען.

— באפרייען דעם מוזשיק, דעם פּויער. עפּענען איהם די אוי-גען, און איהם אָנווייזען דעם אמת'ן שונא. — האָט בתיה איהם געגעבען צו פארשטעהן, — דאָס איז די וויכטיגסטע ארבייט אין דעם איצטיגען מאָמענט. דער פּויער איז בלינד, און די רעגירונג, דורך איהרע אינטריגאנטען באגרייפט, אז מען דארף דעם פּויער האַלטען אין דער בלינדיגקייט, כדי, אז ער זאָל זיך ניט כאפּען, ווער זיין אמת'ער שונא איז. דעריבער רייצט מען איהם אָן אויף

די אידען, און מען פראוואצירט איהם צו פאגראמען און צו אי-דען-האס. איינמאל וועט דער פויער דערפיהלען, אז זיין אמת'ער שונא, איז די רעגירונג, וועט ער צוזאמען מיט די אידען העל-פען, אז די רעגירונג זאל ארונטערגעווארפען ווערען. און אז רוס-לאנד וועט פריי ווערען, וועלען שוין אויך די אידען ווערען פרייע בירגער אין דער רוסישער מלוכה. — האט בתיה מיט באגייסטע-רונג גערעדט, און ער האט געשלונגען יעדעס ווארט איהרעס. ער איז נאך אין גארניט געווען אריענטירט, ער האט אין דארף דער-פיהלט אז דער פויער דערהויבט זיך, אז ער בונטעוועט זיך, און אז ער טראגט א שנאה צו אידען, אבער איצטער, האט ער דורך בתיה'ס ארגומענטען דערפיהלט, אז א גרויסער אמת איז דא אין איהרע רייד.

— מיר דארפען טהאן דאס אייגענע, וואס עס טהוען די רו-סישע ניהיליסטען, — האט איהם בתיה געגעבען צו פארשטעהן — מיר דארפען אנהויבען צו גיין אין פאלק. מען דארף דעם פויער לערנען. איהם באפריינדען, געווינען זיין צוטרויען ,איהם העלפען זיך אנטוויקלען. דערנאך האט זי איהם גענומען באקענען מיט דער אונטערערדישער באוועגונג אין וועלכער עס זיינען שוין פאר אינטערעסירט א סך פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וואס קומען ארויס פון אריסטאקראטישע קלאסען נאר וועלכע האבען זיך אויסגעקליבען דעם בעסערען, וועג.

— נא'ט, גיט א קוק, — האט זי א זאג געטהאן: — נעמט אזא מאן ווי דער רוסישער פרינץ פעטער קראפאטקין, אליין פון דעם רוסישען אדעל, פון דער קייזערליכער פאמיליע. — א פאזש אין צארישען הויף, נאך אלס קליינער אינגעל. איהם האט דאך זיכער דערווארט א גלאררייכע צוקונפט, אלס אפיצער אין קיסר'ליכען קארפוס, אבער פונדעסטוועגען האט ער גאר יונג, זיך אפגעטריי-סעלט פון די אלע גאלדענע גליקען, און זיך גענומען פאר דעם שטודיום, און שטודירענדיג, האט ער געהאט די גרעסטע מעג-ליכקייטען, אלס געאגראף, און ער האט געקענט דערגרייכען וועל-טען, אויף דעם וויסענשאפטליכען געביט, ביי דער בורזשוא. נו, פונדעסטוועגען, האט דער יונגער קראפאטקין צוריקגעוויזען די טיטולען, און געזאגט:

— „מוחל! איך וועל מיר וועהלען אן אייגען לעבען. דאס לע-בען פון די פראסטע פאלקס-מאסען, און מיט זיי, וועל איך פאר-בינדען מיין שיקזאל אויף אייביג.“

— דארפט איהר ניט דענקען, אז איהר זייט דער איינציגער, וועלכער האָט איבערגעבראָכען מיט יחוס, און מיט א גאָלדענער קייט. עס זיינען שוין דאָ אזעלכע ביי אנדערע פעלקער און איהר האָט זיך טאקע דערשלאָגען צו אייער שטיקעל געדאנק דורך אייגענעם כח, אמת. אָבער איך וויל, אז איהר זאָלט וויסען, אז איהר זייט ניט דער איינציגער, און אז קיין נייעס האָט איהר שוין מיט אייער האנדלונג ניט באוויזען. עס זיינען שוין געווען אין די פריהערדיגע דורות מענשען, וואָס האָבען אָנגעפיהרט א קאמף פאר נייאיגקייטען, און אז איהר וועט נעמען לעזען טורגעניעוו'ן — וועט איהר אויסגעפינען, אז דער „האָבות והבנים", אָדער ווי עס הייסט ביי זיי: „אָטצי אי דיעטי" איז שוין ניט קיין נייע זאך אונטער דער זון. . . דאָס מיינט אָבער ניט, אז אייער קאמף איז ניט ווערטה די מיה. — האָט בתיה באמערקט, — אָבער מען דארף ברייננגען רעזולטאטען, און מען דארף ניט בלייבען שטעהן אויף האלב וועג. — האָט בתיה באטאָנט.

יוחנן האָט דערפיהלט, אז בתיה האָט איהם פארקויפט אן אידייע, פאר וועלכער עס לוינט זיך צו ארבייטען.

— איז וואָס זשע דארף מען ווייטער טהאָן? — האָט ער א פרעג געגעבען ביי איהר, און אין דעם מאָמענט, האָט יוחנן דערפיהלט, אז זי איז פאר איהם א לויכטענדיגער פאקעל וואָס באלייכט און באשטראהלט זיין לעבענס וועג.

— מיר וועלען נעמען קראָפּאָטקינ'ס „צו דער יוגענט" מיר וועלען צוזאמען דורכלעזען, און זעהן, ווי אזוי ער פיהלט וועגען דער רעגירונג, וועגען דער קללה, מיליטאריזם, און ווי אזוי ער קוקט בכלל אויף דער איצטיגער אָרדנונג, און ביסלעכווייז, וועלען מיר אָרויסקומען אויף אַ וועג. — האָט זי איהם געענטפערט.

עס איז איהם געוואָרען אינטערעסאנט צו לעבען אויף דער וועלט. ער האָט דערפיהלט, אז בתיה איז פאר איהם אן אָנלעהן, און אז מיט איהר איז ער שטארק גענוג צו אונטערנעהמען א סך זאכען.

כדי אז ער זאָל זיך ניט פיהלען, אז ער איז אָנגעוואָרפען אויף דעם מאָליוּוער רב, האָט דער רב איהם באזאָרגט אַ גרופּע אידישע קינדער, וועלכע ער האָט אונטערריכט אין אידישע ענינים, און פארדינט גענוג, אויף דורכצולעבען זיך, כאטש דער רב האָט ביי

איהם ניט געוואָלט נעהמען קיין געלט פאר דער קווארטיר מיט עסען, האָט ער אבער דער רביצין אלע חודש אפגעגעבען דעם גרעסטען טהייל פון זיינע פארדינסטען, און גע'טענה'ט, אז מען איז ניט מחויב צו דערלעגען צו איהם, ווייל וויפיל איז דער שיעור צו זיין א גאסט?

ווען דער רב איז דערפון געוואויר געווארען, האָט ער באַמערקט צו דער רביצין :

— נו, מאכט ניט אוים. זאָל עס הייסען, אז ער צאָהלט. עס וועט קומען א צייט, ווען מיר וועלען דארפען פאָהרען אין אמעריקע, עס וועט דאָך איהם פעהלען געלט אויף דער הוצאה, וועט זיך אָנקלייבען פון דעם וואָס ער צאָהלט אלע חודש, און מיר וועלען דאן וויסען, וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

אין די קינדער, די יוגענט, וואָס יוחנן האָט געלערענט, איז מאָליוו איז ער פאראינטערעסירט געוואָרען, ניט נאָר, ווייל זייערע עלטערען האָבען איהם געצאָהלט, נאָר ווייל ער האָט שוין אליין אָנגעהויבען צו ווערען באוואוסטזיניג, און ער האָט געפיהלט, אז מען דארף די אידייען אָנהויבען איבערפלאנצען אין דער אידישער יוגענט, און זי צוגרייטען פאר א קאמף, אויב עס זאָל דארפען אויסברעכען.

די שנאה ביי די רוסישע פויערים, צו אידען אין די שטעדט און דערפער האָט אָנגעהויבען וואקסען. און די פּאָגראָם-כוואליע האָט זיך געטראָגען איבער דעם לאנד, און מען האָט ניט געקענט וויסען, וואו זי וועט פארכאפּען איבער נאכט, און בתיה האָט, זינט ער איז געקומען אין מאָליוו געביטען איהרע פלענער. פריהער האָט זי געפּלאנעוועט איבערצופאהרען אין קאמענעץ, נאָר נאָכדעם, ווי ער האָט זיך ביסלעכווייז איינגעאָרדענט, האָט זי, ווען זיי זיינען שוין געוואָרען היימיש, איהם א זאָג געגעבען:

— איך האָב געביטען מיינע פלענער, ווייל איך קען אייך דאָ ניט איבערלאָזען, און טאקע, ווייל צוזאמען קענען מיר שוין דאָ טהאָן א סך ארבייט. נאכאלעמען קען מען אין קאמענעץ אָהן מיר זיך אויך באגעהן, אבער, דאָ, אין מאָליוו, זיינען מיר די ערשטע שוואלבען. מיר מוזען אָנזאָגען דעם קומענדיגען שטורם, און מיט אייער הילף, וועלען מיר דערגרייכען די יוגענט. איהר וועט אָנהויבען חוץ די לעקציע אין תנ"ך געבען די קינדער צוביסלעכ-

ווייז ידיעות וועגען דעם, וואָס עס געהט פאָר אין דער דרויסענ-דיגער וועלט. . ."

— זיי אגיטירען, מיינט איהר? — האָט יוחנן איבערגעפרעגט, און זי האָט צוגעשטימט:

— נו, געוויס אגיטירען. געבען זיי צו פארשטעהן, אז אלץ איז אָפּהענגיג פון דער יוגענט, און אז עס קען קומען א מאָמענט, ווען די יוגענט וועט דארפען זיך שטעלען אויף דער וואך, פאר-טהיידיגען דעם אידישען כבוד, אידישע עהרע. אין ליטע און אין פוילען הויבט זיך שוין אָן צו אָרגאניזירען אידישע קרייזלאך. ווער עס געהט אריין אין די ציוניסטישע קרייזלאך, און ווער עס איז ראדיקאלער, פאראינטערעסירט זיך מיט דער אונטער-ערדי-שער באוועגונג, און מען געהט אין פאָלק. מיר דארפען אליין אָנ-הויבען צו געהן אין פאָלק. איהר האָט די בעסטע געלעגענהייט, ווייל איהר האָט דאָך די גרופע יוגענטליכע, וועמען איהר לערענט. די יוגענט האָט דאָך אויך פריינט, משפחה. דארף מען ביסלעכ-ווייז, נאטירליך, פאָרזיכטיג, אָנהויבען צו געוויינען דעם צוטרויען פון דער יוגענט, און אזוי ביסלעכווייז, וועלען מיר גרינדען דאס ערשטע אידישע קרייזעל. די באוועגונג, וועט זיך ביסלעכווייז צו-וואקסען, און מיט דער צייט, וועלען מיר צוגרייטען א זעלבסט-פארטהיידיגונג, ווייל איך פיהל, אז דאָס וואָס עס פאסירט אין דער בעסאראביע און אין ווייס רוסלאנד, קען אויך פאסירען אין מאָליוו און אין אלע אנדערע שטעדט און שטעדטלאך האָט בתיה באמערקט.

— איך באוואונדער אייער בראווקייט, — האָט יוחנן א זאָג געגעבען, און ער האָט צוגעשטימט, אז ער וועט אָנהויבען פלא-נעווען, ווי אזוי צו פארפיהרען מיט זיינע תלמידים דעם ערשטען געשפרעך, אום ארויפצוקומען אויף דעם ענין, און זעהן, אויב עס איז מעגליך, אז מען זאָל זיי פאראינטערעסירען.

אזוי איז בתיה געוואָרען א שטאַרקע זייל אין זיין לעבען. ער האָט געפיהלט, אז זי הויבט אָן צו געבען זיין לעבען אן אינהאלט, און אן אָנהאלט. עס איז געוואָרען אינטערעסאַנט.

דערצו האָט זיך אין זיין הארצען שוין געטוליעט און געוואַ-רעמט א שעהן געפיהל צו איהר, און ער האָט געגלויבט אין איהר, אין איהרע וועגען, וואס זי האָט פאר זייביידען אָנגעצייכענט,

און ער האָט אָנגעהויבען באַטראַכטען פּלענער ווי אַזוי אַריינצוּ-נעהמען זיינע תּלמידים אין דעם סוד אריין וועגען די נייע למודים און די אויפקלערונגס ארבעט וואס מען דאַרף אָנהויבען צוגריי-טען די יוגענט פאר די קומענדיגע געפאהרען.

די לעקציעס פלעגט ער מעהרסטענס געבען זיינע שילער אין די הייזער פון זייערע עלטערען, איז איהם איינגעפאלען, אַז עס וועט זיין פיל גלייכער אַז ער זאָל עפענען אַ קלאַס ביי זיך אין צימער. ערשטענס איז עס אין הויז פון דעם מאָליווער רב. דעם רב וועט קיינער ניט חושד זיין, אַז הינטער זיין דאַך קען פאַר-קומען עפּעס מיט וואס די רעגירונג וועט ניט מסכים זיין. און חוץ דעם וועט איהם בתיה קענען באהילפיג זיין אין דער ארבייט, און אויך זי וועט געוואונען דעם צוטרויען פון דער יוגענט. דאס וועט שטאַרק צונוץ קומען אין פאַל מען וועט דאַרפען די יוגענט אָרגאַ-ניזירען פאר פארטהיידיגונגס צוועקען.

איין אויף דער נאַכט, ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפען, האָט ער מיט בתיה'ן פארפיהרט אַ געשפּרעך וועגען דעם:

— איך האָב בדעה צו עפענען אַ קלאַס ביי זיך אין צימער, — האָט ער זיך פאר איהר פארטרויעט, — און ער האָט איהר געגע-בען צו פארשטעהן, — ביי זיך אין צימער, וועל איך מיט די קינ-דער אַלע מאָל זיין פריוואט, איך וועל קענען ווערען מיט זיי אינ-טימער, און דערצו האָב איך בדעה צו עפענען אַ קלאַס פאר אָרע-מע קינדער, וועמענס עלטערען קענען אינגאנצען ניט צאָהלען.

בתיה'ן איז דער דאָזיגער געדאנק שטאַרק געפעלען, און צו ווייזען איהם, אויף וויפיעל זי איז גרייט איהם צו העלפען דורכ-פיהרען די גאנצע זאַך, האָט זי איהם אַ זאָג געגעבען:

— איך וועל זיך דורכרעדען מיט'ן טאַטען און איך בין זי-כער, אַז אויך ער וועט זיין צופרידען דערפון, וואס איהר ווילט עפענען אַ קלאַס אין הויז, דער עיקר טאַקע, פאר אָרעמע קינדער, און אַזוי שנעל ווי דער טאַטע וועט געבען זיין צושטימונג, וועט איהר קענען אנהויבען צוגרייטען די דאָזיגע ארבעט.

אויף מאָרגען ווען ער איז אויפגעשטאַנען און ארונטערגע-קומען צום איבערבייסען, האָט ער דערקענט, אַז בתיה האָט שוין גערעדט מיט'ן רב, מחמת דער רב האָט שוין מיט איהם גלייך גע-מאַכט אַ רעדע וועגען דעם גאנצען ענין.

— בתיה האָט מיר שוין איבערגעגעבען, וואָס דו האָסט בדעה צו טהאָן, — האָט דער רב א זאָג געגעבען, עס איז קענטיג געווען אויף זיין פנים, אז ניט נאָר איז ער ניט דאגעגען, אדרבה, ער האָט הנאָה פון דעם גאנצען עסק.

— איך האָב אלעמאָל געפיהלט, אז קינדער פון די אָרעמערע אידען ווערען ניט ריכטיג באהאנדעלט אפילו אין שטאָדטישע תלמוד תורות, וואָס מען האָט אייגענטליך געגרינדעט טאקע פון זייערט וועגען, און איצטער, ווען דיר איז איינגעפאלען דורכצו־פיהרען אזא זאך, קענסטו זיין זיכער, אז איך בין מעהר ווי צו־פרידען, און מיין הויז וועט זיין אָפען פאר די קינדער אין די קלאסען, און טאָמער אפילו וועט זיך צווישען זיי געפינען איינער אָדער מעהרערע קינדער, וואָס וועלען זיין פאראינטערעסירט אין העברעע אידישע למודים, קענסטו אויך בויען אויף מיר. ווען עס וועט נויטיג זיין, וועל איך שוין געפינען צייט, און איך וועל זיי געבען א שטונדע, — האָט דער רב געענדיגט.

אין א פּאָר וואָכען ארום האָט יוחנן איבערגעפיהרט די קינ־דער, וועלכע ער פלעגט לערנען ביי זיי אין דער היים, צו דעם רב אין הויז אריין, און דער גאנצער לימוד איז אויך פאר די קינדער געוואָרען א סך אינטערעסאנטער, מחמת זיי זיינען מעהרסטענס געווען קינדער פון דעם זעלבען עלטער, און אין קלאס איז דאָס לערנען אוועק מיט מעהר חשק, מעהר אימפעט, און טיפערען אינ־טערעס.

דאָס עפענען פון א קלאַס פאר אָרעמערע קינדער, האָט גאָר ארויסגערופען א טיפערען אינטערעס סאי ביי די רייכע און אויך ביי די אָרעמערע, ווייל ביז איצט האָבען די רייכע קינדער זיך זעלטען געטראָפען מיט די אָרעמערע, נאָר איצטער, צוליב די קלאסען, האָבען זיך אלע אָנגעהויבען צו באגעגענען ביי דעם רב אין הויז, און עס איז אויסגעקומען זיך צו באגריסען, און ווייל די קינדער האָבען געהאט דעם אייגענעם לעהרער, איז ביסלעכ־ווייז צואווארפען געוואָרען די אייזערנע וואנט, און דאָס אליין, האָט שוין אוועקגעלעגט א יסוד פאר א באוועגונג, צוליב וועל־כער די קלאסען זיינען איבערגעטראָגען געוואָרען צו דעם רב אין הויז אריין.

דערנאָך, ווען אלץ איז געווען איינגעשטעלט, און יוחנן האָט

געהאט איןביידע קלאסען און ערך פון זעכציג יונגע בחורים און מיידלאך, האט בתיה איהם פארטרויעט א סוד:

— איך גרייט צו פאר דער יוגענט א פארוויילונגס אווענט, אויף קומענדיגען שבת-נאכטס, און איך וועל עס איינארדנען אזוי, אז איך וועל דיך ארויסרופען צו רעדען צו זיי, ניט וועגען די למודים, נאר וועגען דער אלגעמיינער לאגע אין דער וועלט. און אויך וועגען דעם, וואס עס קומט איצט פאר אין יענע מקומות, וואו אידען ווערען גע׳רודפ׳ט. דו וועסט רעדען, לעזען אויסשניטען פון צייטונגען, און מיר וועלען זעהן, ווי אזוי דאס וועט זיך אפרופען אויף די קינדער. אויף די רייכע, ווי אויף די ארעמע. מיר וועלען זעהן, אויב זיי זיינען געמאכט פון דעם מא-טעריאל, מיט וועלכען מען דארף בויען א קרייזעל. — האט בתיה געענדיגט.

יוחנן איז געווען זעהר צופרידען, און זיין פנים האט גע-שטראהלט פון גליק.

דעם שבת נאכטס, ווען דער פארוויילונגס אווענט איז געגע-בען געווארען ביי דעם רב אין הויז, איז עס געווען דעם ערשטען מאל, ווען יוחנן האט דערפיהלט, אז זיין ארבייט איז באלוינט און אפגעשעצט, און אז ער האט שוין א סך דערגרייכט דורכדעם, וואס דער שיקזאל האט איהם אריינגעבראכט צו דעם מאליווער רב אין שטוב אריין.

ניט נאר בתיה האט געשטראהלט פון גרויס גליק, נאר אויך די רביצין האט זיך שטארק אפגעגעבען מיט דער יוגענט, וואס מען האט אויפגענומען ניט ביי יוחנן אין צימער, ווי זיי פלעגען הא-בען זייער קלאס, נאר טאקע ביי דעם רב אין אויפנאהמס-צימער, וואו מען נעמט אויף דערוואקסענע געסט. מען האט זיי געשטעלט ביינקלאך. און גערעדט צו זיי, ווי מען רעדט צו דערוואקסענע.

דער רב אליין, איז אויך אריינגעקומען און געכאפט א שמועס מיט די קינדער, איינע פון זיי אויסגעפרעגט וועגען זייערע על-טערען און די מסחרים, עס איז געווען א פיינער צוזאמענקונפט פון וועמען סיי די קינדער, און סיי דעם רב׳ס פאמיליע איז געווען זעהר צופרידען.

די רביצין האט געשטעלט צום טיש א קרעדענץ פון פרוכט,

טאָרט, און טיי, און די יוגענט האָט זיך ניט געלאָזט בעטען, האָט נעגעסען און געטרונקען, און מען איז באַלד היימיש געוואָרען ווי אויף אַ שמחה.

בתיה האָט דערנאָך גענומען אַ וואָרט, און האָט זיך גע-וועגדעט צו די קינדער:

— קינדער, אַזוי ווי היינט זיינען מיר דאָך דאָ ניט אין קיין קלאַסען, נאָר צום פאַרברייינגען, וואָלט איך געבעטען דעם לעה-רער, ער זאָל אונז עפּעס לייענען, אָדער דערצעהלען וועגען זאַכען, ניט נאָר ווי פאַר קינדער אין אַ קלאַס, וואָס מען גרייט צו פון פאַרטיגע טעקסט ביכער, נאָר ער זאָל צו אונז רעדען, ווי מען רעדט צו גרויסע.

די קינדער איז דאָס שטאַרק געפעלען געוואָרען, און זיי האָ-בען בתיה'ן אַפּלאָדירט, וואָס זי האָט זיי אָנגערופען גרויסע.

בתיה האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב דערפאַר היינט איינגערופען די פאַרווייַלונג, ווייל איך האַלט, אַז אַ סך פון אייך זיינען שוין דערוואַקסענע קינדער. יונגע לייט און יונגע מיידלאַך. איהר דאַרפט זיך פאַראינטערע-סירען ניט נאָר מיט אייערע קלאַסען און שוהל-ביכער, נאָר אויך מיט דער דרויסענדיגער וועלט. עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט, חוץ מאַליווו. און מיר זעהען זי ניט. עס וואוינען אידען איבער דער גאַנצער וועלט, און מיר ווייסען פון זיי גאַרניט. אונזער לעהרער, יוחנן, האָט געווים אַ סך זאַכען, וואָס ער קען אונז דערצעהלען, און עס איז זעהר נויטיג, אַז מיר זאָלען איהם אויסהערען. עס וועט אונז טהון אַ סך גוטעס.

ווידער האָבען די קינדער זיך דערפרעהט מיט בתיה'ס ווער-טער, און זיי האָבען אַלע אין איין קול אויסגערופען:

— יוחנן, מיר ווילען, אַז יוחנן זאָל צו אונז רעדען!

מיט שטראַהלענדיגע בליקען, ווי פאַר'חלומ'ט, און פאַרטראַ-גען ערגעץ אין אַ ווייטער וועלט, איז יוחנן געשטאַנען און האָט געשוויגען אַ קורצע ווייַלע, דערנאָך איז איהם איינגעפאַלען, אַז אייגענטליך האָט ער דאָך געזעהן אַ סך ענליכעס ביי זיין זיידען אין הויף. קומען זיך צוזאַמען אַן עדה אידען, מעהר אין צאָהל, אָדער ווינציגער.קיין חילוק ניט. זיי דורשטען נאָך עפּעס. זיי ווי-

לען עפּעס הערען. שטעהען זיי אלע מיט פארגאפטע בליקען, מיט אויפגעשפּיצטע אויערען, גרייט צו שלינגען דעם רבינ׳ס רייד און זיי געפינען אין זיינע רייד א טרייסט און דערלייזונג. דאס איי-גענע איז דאך אויך מיט די קינדער. זיי האבען נאך גאר קיין וועג ניט אין לעבען. זיי זיינען גרייט אויפצונעמען א נייע תורה און אפילו פאר דעם, וועלכער פרעדיגט צו זיי די נייע תורה, זיי-נען זיי גרייט זיך מוסר נפש צו זיין.

איז איהם דעריבער איינגעפאלען צו רעדען צו זיי וועגען זא-כען, וואס ער האט געזעהען אין דעם חסידישען הויף, און ציהען א פארגלייך צווישען יענע אידען און זיי, צווישען די אידייען ווי זיין זיידע האט געפרעדיגט צו די מענשען, די חסידים, און צווי-שען איהם און זיינע תלמידים. אין זאל איז שטיל געווארען. אלע זיינען געזעסען מיט איינגעהאלטענעם אטעם, און זיינען געווען גרייט צו הערען, וואס יוחנן האט זיי איצטער אלע צו זאגען.

— מיינע טייערע תלמידים האט ער אנגעהויבען, און עס האט זיך געפיהלט א הייליגער ציטער אין זיין ערנסטען קול. — איך זעה, אז איהר זייט אלע צופרידען צו הערען, וואס איך האב אייך צו זאגען, און געוויס וויל איך גערען אייך זאגען עפּעס אזוינס, וואס עס זאל דערפרעהען אייערע הערצער און עס זאל אייך הנאה טהאן. נון. איך וועל פּרובירען.

נאך די דאזיגע רייד, האט יוחנן זיך דערפיהלט אביסעל בא-רוהיגט. די אויפרעגונג אין איהם איז פארשוואונדען, און ער האט אין א לאנגען, מישוב׳דיגען טאן פארטגעזעצט:

— ווער פון אייך עס איז ווען געווען ביי א חסידישען רבי׳ן ווייסט ער, אז ביי דעם רבי׳ן אליין, זיינען אלע מענשען גלייך. דער רבי אליין, מאכט ניט קיין חילוק צווישען ארעם און רייך. אלע זיינען זיינע חסידים, אלע זיינען גאט׳ס קינדער. ביי מיר איז אויך אזוי, אין מיין באציהה מיט מיינע תלמידים. מיר געהט ניט אן, אויב עמיצענס טאטע איז א גרעסערער עושר, אדער א ניט פארמעגליכער בעל הבית. די אייגענע תורה, וואס איך האב, איז פאר אלע קינדער גלייך. מיר לערנען די אייגענע למודים, א סמן האט איהר, אז אויך אויף דער פארוויילונג מאכען מיר ניט קיין אונטערשייד אין די גראדען פון די תלמידים. וויל איך הא-פען, אז אויך איהר, מיינע טייערע תלמידים, פיהלט דאס אייגענע וועגען זיך אליין.

— עס דאַרף ניט זיין קיין חילוק ביי אייך, און איהר טאָרט ניט טראַכטען, אַז איינער איז חשוב׳ער פאַר׳ן אַנדערען, ווייל דאָס חשיבות פון אַ מענשען ליגט ניט אין דעם וויפיל ער פאַרמאָגט, נאָר וואָס ער פאַרמאָגט אין וויסען, אין לערנען, אין כאַראַקטער און אין זיך באַציהען מיט די מענשען מיט וועמען עס קומט איהם אויס צו באַגעגענען זיך אין לעבען.

די קינדער זיינען געזעסען רוהיג, האָבען זיך איינגעהערט און געשוויגען.

יוחנן האָט ווייטער גערעדט:

— מיר זיינען תלמידים פון איין שוהלע. מיר זיינען קינדער פון איין פאָלק. מיר לעבען אַלע אין איין שטאָדט. זיינען פאַראַנען אַ סך זאַכען, וואָס מיר דאַרפען אַלע וויסען. אין די קלאַסען לערנען מיר עלעמענטאַרע זאַכען, אָבער חוץ די קלאַסען זיינען פאַראַן אַ סך זאַכען, מיט וועלכע מיר קענען זיך אין די קלאַסען ניט אָפּגעבען. אַזעלכע זאַכען קענען מיר אויפנעהמען, ווען מיר טרעפען זיך ביי אַזעלכע געלעגענהייטען, ווי היינט.

— עס וואָלט ניט געשאַדעט, אַז מיר זאָלען וויסען אַביסעל מעהרער וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט, און ווי אַזוי לעבען די אידען איבער דער וועלט. געוויס איז דאָ וועגען דעם זעהר אַ סך צו רעדען, און מען וואָלט געדאַרפט זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון פעלקער, און מיט אַלץ וואָס עס פּאַסירט מיט זיי, און אויך וואָלטען מיר געדאַרפט זיין באַקאַנט מיט דער לאַגע פון דעם אידישען פאָלק צווישען די פעלקער. כדי דאָס צו וויסען, וועלען מיר דאַרפען חוץ אונזערע געוועהנטליכע למודים, מיט וועלכע מיר גיבען זיך אָפּ אין אונזערע קלאַסען אין דער וואָכען, אויפנעהמען אַ קורס אין דער געשיכטע פון ציוויליזאַציע, און דאָרטען וועלען מיר זעהן, ווי אַזוי פעלקער זיינען אַנשטאַנען און האָבען זיך אַנטוויקעלט, דאָרטען וועלען מיר שוין אויך פאַרשטעהן פאַרוואָס דאָס אידישע פאָלק איז אַזוי פיעל אַנדערש ווי אַנדערע פעלקער, און פאַרוואָס ווערט דאָס אידישע פאָלק אויך באַהאַנדעלט אין דער וועלט ווי אַ שטיף-קינד, און עס ווערט גערודפ׳ט ווי אַ שאָף צווישען וועלף.

— צו די אַלע זאַכען איז ניט מעגליך צוגעהן אַזוי איינפאַך, ווי איך האָב עס פאַרגעשטעלט. אמת, עס זיינען דאָ אַלערליי

סברות, און עס קענען געבען אלערליי רפואות. עס קען דער איד, וואס גלויבט באמונה שלימה זאגען, למשל:

— עס איז דא א גרויסער גאט אויף דער וועלט, און דאס אידישע פאלק איז אן אויסדערוועהלט פאלק, דארף זיך דאס פאלק פארלאזען אויף זיין גאט, און גאט, וועלכער פיהרט די וועלט, ער וועט זארגען פאר זיין פאלק, און זעהן ארויסצונעהמען פון אלע צרות, פונקט ווי ער האט זיי ארויסגעפיהרט פון מצרים.

— אבער ווער עס איז באקאנט מיט דער אידישער געשיכטע, ווייסט, אז אפילו אין דער אידישער געשיכטע, געשעהען ניט קיין נסים. משה רבינו, גאט'ס באגלויבטער קנעכט, האט פונדעסטוועגען עפעס געטאהן, ווען ער האט דערפיהלט די גרויסע צרות פון זיינע ברידער אין מצרים. משה האט זיך שוין אנגענומען די אידישע קריוודעס, ווען ער איז געווען גאר א יונגער אינגעל, און זיך דערצויגען אין פרעה'ס הויף. הייסט עס, אז משה'ס העלדישקייט הויבט זיך ניט אן מיט דער צייט, ווען ער איז שוין געשיקט געווארן צו פרעה'ן, ער זאל זיך אננעמען פאר זיינע ברידער, נאר אין א מאמענט, ווען ער האט געזעהן, ווי א מצרי שלאגט און פייניגט א אידען, האט ער איהם שוין דאן געזאגט: פארוואס שלאגסטו דיין ברודער?

— מיינט עס, — האט יוחנן ווייטער געצויגען א שלום, — אז ווען איינער דערפיהלט, אז עפעס אן אומגערעכטיגקייט פאסירט אין דער וועלט, דארף ער אליין אין זיך דערפיהלען, די נויטיגקייט אלס מענש, זיך אנצונעהמען די קריוודע פון דעם דערשלאגענעם, און זיך שטעלען אויף זיין צד.

היינט שטעלט אייך פאר, טייערע ווען מיר זאלען דערפיהלען, אז אין דער וועלט איז פאראן אזוי פיל שלעכטס, וועלכעס מוז אפגעשאפט ווערען, וואלטען מיר זיך זיכער געדארפט שטעלען אויף דער יושר'דיגער זייט, און פארטיידיגען יענע, וועלכע ווערען געיאגט און געפלאגט. ווער רעדט נאך, אז אונזערע אידען אליין, זיינען די געיאגטע, זאגט דאך אונטער דער יושר, אז וואס מיר דארפען טהון, איז זיך שטעלען אויף אונזערע אייגענע פיס, און זיי פארטהיידיגען.

דעריבער האבען מיר אין דער געשיכטע געהאט אזעלכע העלדען ווי משה מיט אהרנ'ען. שפעטער האבען מיר געהאט א פיהרער,

יהושע. דערנאָך האָבען מיר געהאט שופטים, וואָס האבען גע׳-משפּט דאָס אידישע פאָלק, און עס אויך פארטיידיגט פון די אָנ-גריפען וואס אנדערע פעלקער האָבען אויף איהם געמאכט. דער-פאר האָבען מיר אזא גלאָרייכען יום-טוב, ווי חנוכה, צום אנדענ-קונג פון מתיתיהו און זיינע זיהן״.

יוחנן איז שטיל געוואָרען. ער האָט געכאפּט א קוק אויף די פּנים׳ער פון זיינע תלמידים, און ער איז איבערראשט געוואָרען פון דעם טיפען ערנסט, וואָס איז געלעגען אויסגעשפּרייט אויף יעדערען פון זיי.

— אויב איהר וועט מיר דערלויבען, האָט יוחנן ווייטער גע-רעדט, וועל איך אייך עפּעס פאָרשלאָגען. חוץ די קלאסען, וואָס איך פיהר אָן מיט אייך ביז איצט, וועלען מיר היינט עפענען א קרייזעל צום לייענען. איך וועל צוגרייטען פאר אייך א געוויסען בוך. איהר וועט עס איבערלייענען, דערנאָך וועלען מיר דיסקוטי-רען דעם אינהאלט פון דעם בוך. מיר וועלען זעהן, וואס האָט דער שרייבער באצוועקט מיט זיין בוך, און וואס דארפען מיר דערפון לערנען.

נאָך יוחנ׳ן, האָט בתיה ווייטער גערעדט, און האָט זיך אָנ-געבאָטען צו זיין די סעקרעטארין פאר דעם לייען-קרייז, און בא-הילפיג זיין מיט צושטעלען די נויטיגע ביכער, און זי האָט אויך באקומען זעהר א ווארעמע אויפנאהמע פון אלע אנוועזענדע.

דערמיט האָט זיך געענדיגט יוחנן׳ס ערשטע איינלייטונג ווע-גען דעם קרייזעל. אלע קינדער זיינען געוועזן זעהר צופרידען. זיי האָבען זיך מיטאמאל דערפיהלט, ווי אויסגעוואקסענע, ווי איבער נאכט האָט יעדער איינער זיך דערפיהלט ניט נאָר א תלמיד, נאָר אַ מיטגליד אין א וויכטיגער געזעלשאפט, און עס איז באשטימט געוואָרען, אז דאָס קרייזעל וועט זיך צוזאמענקומען שבת בייטאָג, ביי דעם מאָליווער רב אין הויז.

ווען די יוגענט איז זיך צוזאמענגעקומען אויף מאָרגען אין די קלאסען — האָט זיך דערפיהלט אנאנדער גייסט. עס האָט זיך דערפיהלט אַז די מיידלאך זיינען געוואָרען היימישער מיט די אינגלאך, און זיי האָבען ניט אויפגעהערט צו רעדען ווע-גען יוחנן און אויך וועגען בתיה׳ן, וועלכע האָבען זיי אויפגענו-

מען אזוי שעהן, און זיך באציִגען צו זיי ניט ווי צו אינגערע קינ-
דער, נאָר ווי צו זייער גלייכען.

יוחנן אַליין האָט איידער ער האָט געעפענט דעם קלאס אַ
פרעג געגעבען ביי די תלמידים:

— נו, ווי איז אייך געפעלען געווען נעכטען אונזער פאר-
ווײלונג?

— עס איז געווען זעהר שעהן, — איז געקומען כמעט׳איין
ענטפער פון אלע קינדער מיטאמאל.

די אומרוהען צווישען די פויערים האָבען אָנגעהויבען ווערען
שטאַרקער מיט יעדען טאָג, און דאס האָט געגעבען יוחנן׳ן אַ גע-
לעגענהייט, אז ער זאָל אָנהויבען געבען צו פארשטעהן די סיבות
פאר די דאָזיגע אומרוהען. און וואס עס קען געטהאָן ווערען, כדי
צו באוואָרענען זיך אַז אין פאַל פון אַן אָנפאל אויף א דאָרף אין
דעם געגענט, זאָל די אידישע יוגענט זיין צוגעגרייט צו זעלבסט
שוץ.

און מיט יעדען מאָל וואָס דאָס לייען קרייזעל איז זיך צוזאַ-
מענגעקומען, איז די יוגענט פון איין זייט געווארען דרייסטער און
בראווער. קינדער פון רייכע עלטערען האָבען אָנגעהויבען צו ווע-
רען באוואוסטזיניגער פאר זיך אַליין, און אויך וועגען דער לאַגע
פון די ארומיגע. די אָרעמערע קינדער, מיט וועמען זיי האָבען זיך
צוזאמענגעטראָפען.

איינמאָל אין חודש האָבען די קינדער צונויפגעבראכט קליי-
נע סומען, פאר וועלכע זיי האָבען איינגעקויפט זאכען צו מאכען
אַ סעודה. ביי אזעלכע סעודות זיינען די קינדער דערמוטהיגט גע-
וואָרען, אז זיי זאָלען אויפנעהמען די געסט, האלטען קורצע רע-
דעס וועגען פארשיידענע פראגען: אידישע און וועלטליכע, און
פון די דאָזיגע רעדעס, איז קלאָהר געוואָרען פאר יוחנ׳ן און פאר
בתיה׳ן, אז די קינדער באגרייפען די לאַגע אין איהר פולען
ערענסט, און אז זיי וואקסען אין דעם גייסט פון דער צייט, און
זיינען גרייט פאר דעם מאָמענט, אַז ווען ער וועט ניט קומען, וועלען
זיי באגעגענען דעם שונא מיט אַ ווידערשטאנד, און וועלען זיך
אויסצייכענען מיט טיפען ערענסט.

דערנאָך איז געקומען אַן ערנסטער מאָמענט, וואָס האָט אי-
בערגעלאָזען אויף די קינדער אַ שרעקליכען איינדרוק:

אין בעסאראביע, פון יענער זייט מאָליווער דניעסטער, איז פּאָרגעקומען א געשלעג צווישען די קאצאפּעס, וועלכע האָבען זיך אָנגעשיכור׳ט — איינמאָל ווען זיי זיינען ארויסגעקומען אויף א יאריד, און שיכור׳ע האָבען די קאצאפּעס זיך ארויסגעלאָזט אי-בער דער גאס, צווישען די אידישע קראָמען מיט א ווילדען געשריי:

— „שלאָגט אידען!״

צו די קאצאפּעס זיינען צוגעשטאנען אנדערע פּויערים, פון די בעסאראבישע דערפער, און זיי האָבען אין איין קראָם, וואו מען האָט זיי ניט געלאָזען צוראבירען די סחורה, גענומען אויס-שלאָגען די שויבען, און ברעכען די לאָדען. אידישע מאמעס האָ-בען גענומען באהאלטען די קינדער, און האָבען אויך פארשפּארט די מיידלאך — מורא האָבענדיג פאר א גרויס אומגליק, און עס איז געווען א גליק, וואס קאָפּעל, דער קאָוואל איז אָנגעלאָפען צו-זאמען מיט זיינע א פּאָר אידישע העלפערס, און האָט א כאפּ גע-טהאָן איין שיכור׳ען קאצאפּ ביי דער גרויסער פּאטלע האָר, און איהם אויפגעהויבען אין דער לופטען, אזוי ווי ער וואָלט געווען א שפּענדעל האָלץ. דער קאצאפּ האָט דאָס ניט דערוואַרטעט, איז ער אזוי צוטומעלט געוואָרען, אז ער האָט זיך ניט געקאנט א ריהר טהאָן.

ווען די אנדערע קאצאפּעס האָבען דאָס דערזעהן, האָבען זיי זיך א לאָז געטהאָן צו קאפּלען, אבער די צוויי קאָוואלישע ארויס-העלפערס זיינען די קאצאפּעס פארפאָהרען מיט א שטיק אייזען איבער די זייטען, אז זיי זיינען אוועקגעפאלען ווי די פליגען.

דאָס איז געווען גענוג, אָנצושרעקען די איבעריגע קאצאפּעס, און צוצוטרייבען די פּויערים, וועלכע האָבען געזעהן, מיט וועמען זיי האָבען צו טהאָן. דער סוף איז געווען, אז אנשטאָט, וואָס די קאצאפּעס האָבען זיך גערוכט צו שלאָגען אידען און דערנאָך זיי בארויבען, זיינען זיי גאָר געשלאָגען געוואָרען, און זיי זיינען געלאָפען איבער דעם מארק מיט ווילדע צווישעטע קולות, ווי פון א פייער, ביז עס איז אָנגעלאָפען דער אוראדניק מיט א דעסיאטניק, און האָט געמאכט אן אויספאָרשונג. א סך קריסטען האָבען זיך געמעלדעט פאר עדות. זיי האָבען זיך געצלמ׳ט און געשוואוירען, אז די קאצאפּעס זיינען גאָט די נשמה שולדיג, און אז די אמת׳ע שולדיגע זיינען גאָר די אידען.

דער אוראדניק אליין. כאטש ער האט געקענט יעדען אידעןביים נאמען, און פלעג אלע אידישע און קריסטליכע ימים טובים באקומען פון די אידען מתנות, פלעג ארייגפאלען צו זיי אין הויז אריין, שבת און יום טוב, ווען מען איז געזעסען ביי דער סעודה, און מען פלעג איהם מכבד זיין פון דאס שעהנסטע און דאס בעסטע. דער אייגענער אוראדניק איז געווארען ווי איבערגעביטען, און אין די פאפירען פון דעם אקט, וואס ער האט דענצמאלט געמאכט, האט ער דאן פארשריבען:

— די שולדיגע זיינען געווען די אידען. קאפעל דער קאוואל, מיט זיינע צוויי ארויסהעלפער זיינען באפאלען אומשולדיגע קריסטליכע פויערים, און האבען זיי געשלאגען מיט שטיקער אייזען.„

אויף מארגען איז ארונטערגעקומען דער סליעדראוואטעל, נאכאמאל גערופען די אייגענע פויערים פאר עדות, ווידער איבערגעפרעגט צעהן מאל די אייגענע קלאץ קשיות, ווידער געמאכט א „דיעלא”, און אוועקגעשיקט אן אקט צו דעם גובערנאטאר.

אלע אידען אין בעסאראביע האבען געפיהלט, אז א גרויסע צרה שפרייט זיך איבער זייערע קעפ, און די אומרוהיגקייט איז געוואקסען אין דעם גאנצען ארומיגען געגענט.

די בעסאראבישע, אידען-העצערישע צייטונג איז אלע טאג ארויסגעקומען מיט גרויסע קעפ. און האט געזוכט צו באווייזען, אז די אידען אין בעסאראביע זיינען געווארען צו שטארק, זיי האבען פארכאפט די גיטער אין ארענדע, און זיי בארויבען דעם ארעמען פויער, און ווען ער לאזט זיך מעהר ניט בארויבען, ווען ער קומט ארויס אויפ'ן יאריד צו פארקויפען פראצע, פאלען די אידישע קאוואליעס אן אויף די אומשולדיגע קריסטען און שלאגען און מערדערען זיי פונקט ווי דאס האט פאסירט אויפ'ן יאריד מיט א פאר טעג צוריק.”

די דאזיגע ארטיקלען האבען געהאט איין ציעל, און דאס איז, צו העצען די קריסטען אנטקעגען דער אידישער באפעלקערונג אין די דערפער און אין די שטעדטלאך.

ווען די נייעס איז דורך דער צייטונג ווי אויך דורך די אידישע יארידניקעס אנגעקומען קיין מאליוו, האט אלעמען אנגעכאפט א מורא און א שרעק.

געוואוסט האָבען די מאָליווער אידען, אַז די בעסאראביער אי-דישע שכנים זיינען באקאנט פאר שטאַרקע, העלדישע יונגען, ווייל אין דער בעסאראביע צווישען די וואָלאכען האָבען זיי זיך איינ-געבירגערט, זיינען געוואָרען האַרעפּאשניקעס, געארבייט שווער, אין די וועלדער, און זיי האָבען גוט געגעסען — זיך געשפּייזט מיט דער פּאפּעשויענער מאמעליגע, געטרונקען א גלאָז וויין מיט יעדען מאָהלצייט, און פארביסען מיט וויינטרויבען און מיט וועלשענע ניס, א בעסאראביער אידען האָט מען געקענט דערקע-נען אין דעם אויסזעהען, אין דעם הויכען ברייטביינערדיגען וואוקס, און אין דעם בלוט רויטען פּנים, וואָס האָט דערצעהלט פון איי-זערנער גבורה, און פון קרעפטיגקייט.

— היינט אַז די קריסטען וואגען שוין זיך אָנצוהויבען מיט די בעסאראביער אידען, מיט די העלדישע אידישע יונגען, וואָס זשע האָבען שוין די מאָליווער אידען צו דערווארטען, ווען אזא זאך זאָל פּאסירען אין מאָליוו? — האָבען די אידען אין בית המדרש נאָכ׳ן דאווענען געזיפצט און געזאָרגט זיך.

פון בית המדרש האָט זיך די נייעס צוטראגען איבער די מאָ-ליווער גאַסען. עס האָבען גערעדט צווישען זיך די קרעמער ארום די געשעפטען, פון גאס איז די נייעס פארשפּרייט געוואָרען אין די הייזער, און ווען דער מאָליווער רב האָט די נייעס אהיימגעבראכט פון דעם בית המדרש, האָט זיך יוחנן דורכגעווארפען מיט בליקען מיט בתיה׳ן. עס איז קענטיג געווען, אַז זיי האָבען דערפיהלט, אַז דאָס וואָס עס האָט פּאסירט אין דער בעסאראביע פון יענער זייט, איז א סיגנאַל, און אַ ווארנונג צו צוגרייטען זיך, און צו קענען באגעגענען די געשעהעניש, ווען זי וועט דאָ פּאסירען.

יענעם טאג, אנשטאט אָנצוגעהן מיט די רעגולארע קלאסען אין דער שוהלע, האָט יוחנן, אנשטאט צו לערנען די געשיכטע פון די פעלקער, געלעזען פאר דער יוגענט אין די קלאסען די פּאסירונגען און די אויסטייטשונגען פון דער בעסאראבישער אנטיסעמיטי-שער צייטונג.

— דאָס וואָס עס האָט פּאסירט מיט אונזערע אידישע שכנים אויף יענער זייט דניעסטער, איז א זאך, וואָס עס איז ניט נאָר נוגע יענע אידען, דאָרטען, נאָר אויך אַלע אנדערע אידען, וואו זיי זאָלען זיך איצטער ניט געפינען. עס איז א גיפטיגע כוואליע

פון האס צו אידען, וואָס טראָגט זיך אויף די פליגעל פון א שטורם ווינט, און פאר אונז, דאָ, דארף עס זיין א סיגנאַל אז אויף אונז לויערט אַ גרויסע געפאהר, און אז מיר דארפען זיין צוגעגרייט צו קענען באגעגענען א שונא, און זיין גרייט אויף פארטיידיגונג. — האָט יוחנן פארענדיגט.

איינינגע יונגע בחורים האָבען גענומען א וואָרט און האָבען אָנגעהויבען ארומריידען די זאַך.

— ביי אונז וועט עס ניט פאסירען, האָט איינער גע'טענה'ט: — מיר לעבען דאָ גוט מיט די קריסטען. זיי האנדלען מיט אונז, און ווען זיי האָבען קיין געלט ניט, גיט מען זיי אַלעס אויף באָרג. קען עס מעגליך זיין, אז זיי זאָלען מיט אמאָל ווערען אונזערע שונאים? — האָט ער ניט געקענט פארשטעהן.

אנדערע האָבען די זאַך פארשטאַנען אביסעל טיפער, און האָבען אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז אויך אין בעסאראביע זיינען די אידען די סוחרים, די קרעמער, דאָך האָט עס שוין דארטען פאסירט, און אויב עס האָט דאָרטען געקענט פאסירען, זיינען מיר אין מאָליוו אויך ניט זיכער, אז עס וועט ניט פאסירען.

— ווי וואָלט געווען — האָט יוחנן א פרעג געטהאָן דעם קלאַס. — ווען מיר זאָלען זיך דערוויסען, אז אין מאָליוו זיינען זיך אָנגעפאָהרען קאצאפעס און אנדערע מוזשיקעס פון די דערפער און זיי קלייבען זיך אָנצופאלען אויף אידען?

קענען מיר דען זיך פארלאָזען דערויף? עס וועט ארויסשפרינגען איין איד אָדער צוויי, און וועט זיך צושלאָגען מיט די פויערים, ווי דאס האָט געטראָפען אין דער בעסאראביע? אָדער דיינקט איהר ניט, אז מיר דארפען צוטראכטען עפּעס אַ מיטעל און זיך דורכרעדען און האנדלען מיט איבערלעגונג, לויט אן אָנגעצייכענטען באשטימטען פּלאן?

דער קלאַס איז געבליבען זיצען שטיל, קיינער האָט ניט געהאט וואָס צו ענטפערען. אין דער לופטען האָט זיך געפיהלט, אז די יוגענט איז זעהר שטארק פאראינטערעסירט אין דעם.

מיר ווילען הערען, וואָס דער לעהרער דיינקט וועגען דעם. — האָט איינער פון די תלמידים זיך אָנגערופען.

— איך וועל מיין מיינונג זאָגען אייך צום סוף, — האָט יוחנן

געגענטפערט, — פריהער וויל איך הערען וואָס איהר אליין, דיינקט וועגען דעם.

— מען דאַרף זיך צוגרייטען צו קענען ווייזען ווידערשטאַנד.

— האָט א צווייטער בחור באַמערקט. און איז רויט געוואָרען, ווי ער וואָלט שוין איצטער געזעהן פאַר זיך דעם שונא, און מוז איהם זיך שוין שטעלען אנטקעגען.

— ווי אזוי וועלען מיר זיך קענען שטעלען אנטקעגען גרויסע, רוסישע קאצאַפּעס, אז מיר האָבען אין אונזער לעבען זיך ניט געשלאָגען, און ווייסען גאָרניט, ווי אזוי מען באַגעגענט א שונא! — האָט נאָך איינער באַמערקט.

— דעריבער טאַקע. — האָט יוחנן באַמערקט, — דעריבער האָב איך מיט אייך געעפענט די פראַגע. לאָמיר זיך פאַר איין מאָמענט פאָרשטעלען, אז ניט קומען זאָל די שעה, אָבער זי איז פאָרט! געקומען, און אין שטאָדט ווערט א בהלה. איהר האָט טאַטע-מאַמע. זיי זיינען אייך טייער. איהר האָט אויך שוועסטער און ברידער, עס זיינען דאָ קליינע קינדער און אַלטע ליט, וועלכע מען מוז פאַרטהיידיגען, ווייל זיי אַליין, זיינען הילפלאָז, און זייער לעבען איז אין גרויסער געפאהר, און איהר זייט די יוגענט. די אויגען פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג זיינען געווענדעט צו אייך. מען דערוואַרטעט, אז איהר זאָלט אָנפיהרען מיט דער רעטונגס ארבייט.

עס האַנדעלט זיך וועגען דעם, צו ראַטעווען דעם אידישען נאָמען, דעם אידישען כבוד, און וואָס פרעג איך אייך, וועט איהר דאַן טהאָן?

— וואָס דערוואַרטעט איהר זאָלען מיר טהאָן? — האָט ווידער איינער א פרעג געגעבען, און איז אנטשוויגען געוואָרען.

— איך דערוואַרטע פון יעדען איינעם דאָס אייגענע, וואָס פון זיך אַליין, — האָט יוחנן געענטפערט, און צוגעלעגט — איך אַליין וואָלט מקדש השם געווען. איך וואָלט געשטאָרבען פאַר מיין גאָט און פאַר מיין פאָלק. אויב מען וואָלט געשענדעט מיין פאָלק, וואָלט איך פאַרטהיידיגט מיט אַלע מיינע לעצטע כוחות, און אפילו מיט מיין לעבען באַצאהלט, — האָט יוחנן פאַרענדיגט.

— דאַרפען מיר אַלע זיין גרייט צו טהאָן דאָס אייגענע, —

האָט איינער פון די תּלמידים אויסגערופן און עס האָבן זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען.

— איצט וועל איך זעהן וויפיל פון אייך זיינען גרייט אויף דער אייגענער זאך, — האָט יוחנן ווייטער גערעדט, און ער האָט פאָרגעשלאָגען:

— איך וועל אייך אויסטיילען שטיקלאך פאפיר, און איהר זאָלט ניט אָנשרייבען קיינער אייערע נעמען. שרייבט בלויז אריין: פארטיידיגען, אויב איהר זייט גרייט צו געהן פארטהיידיגען, ווען דאָס וועט נויטיג זיין. אויב איהר זייט אָבער ניט זיכער, אז איהר זייט גרייט דערויף, זאָלט איהר לאָזען לעדיג דאָס שטיקעל פאפיר.

די צעטעלאך זיינען צוטהיילט געוואָרען, און יוחנן איז אויף א ווייל אַרויס פון דעם קלאַס, ער האָט ניט געוואָלט קיינעם פון די תּלמידים שטעלען אין א פארלעגענהייט. איז איידער ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער א זאָג געגעבען:

— איהר געדיינקט דאָך געוויס, ווי עס לערנען אונז די הייליגע שריפטען, אַז ווען עס קומט אין א צייט פון א מלחמה, איז דער מענש מיט א ווייך האַרץ — דאַרף ניט געהן אין דער מלחמה, דער וואָס ציטערט און צעגערט, זאָל בעסער בלייבען אין דער היים, ווייל דער ציטעריגער קען ניט האָבען דאָס האַרץ אָנצופאַלען אויף קיינעם און איז אויך ניט בראוו גענוג. אבער אין א מלחמה מוז יעדער איינער זיין בראַוו, די צעטעלאך אייערע, וועלען ווייזען, ווער עס איז בראַוו, ווער עס איז גרייט, ווער עס וויל, און ווער עס קען פארטהיידיגען דעם אידישען נאָמען, דעם אידישען כבוד, און ווער עס איז גרייט צו געהן אויף קידוש השם. ניט יעדער מענש איז געבוירען א העלד. ניט יעדער פון אונז, איז געמאכט געוואָרען פון דעם דאָזיגען מאַטעריאַל, פון וועלכען עס ווערען געשאַפען העלדען.

נאָך די דאָזיגע רייד, איז ער שטיל אַרויסגעגאַנגען פון קלאַס, האָט זיך אָפּגעזאמט עטליכע מינוט, און ער איז צוריק אריינגעקומען.

ווען ער איז אריינגעקומען, האָט אין קלאַס געהערשט א טויטע שטילקייט. אלע צעטעלאך זיינען געלעגען אויף זיין טישעל פאַרקאַטשעטע, צונויפגעלעגטע, און ער האָט מיט ציטערדיגע הענט, גענומען זיי עפענען.

ווען ער האָט איבערגעצעהלט אַלע צעטעלאַך, איז ער איבער־ראשט געוואָרען, און אויף זיין פּנים האָט זיך צושטראַהלט אַן אמת׳ע פרייד, מחמת אַלע צעטעלאַך זיינען אָריינגעקומען מיט אַ פּאָזיטיווען ענטפער: פּאַרטהיידיגען. קיין איינער האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט מיט לעדיגען, און ער איז געווען גליקליך, וואס די יו־גענט האָט גוט אָפּגעשעצט און עהרליך באַגריפען דעם דאָזיגען נסיון, און האָט געענטפערט אויף זיין רוף, וועלכען ער האָט פאַר זיי אזוי קלאָהר און אָפען אַרויסגעשטעלט.

— איך בין באמת שטאָלץ אויף אייך, מיינע טייערע תלמידים, — האָט יוחנן אויסגערופען, און ער האָט זיך געשטאַרקט צו אונ־טערדריקען די טרעהרען, וועלכע האָבען זיך געשפּאַרט פון זיינע אויגען. עס איז פאַר איהם געווען אַ קריטישער מאָמענט. צו נע־מען די יוגענט. די זאָרגלאָזע, די לוסטיגע און פרעהליכע, און באַ־אומרוהיגען, און זי צוגרייטען צו גרויסע געפאַהרען, וואס עס איז געווען צו דערוואַרטען, און עס האָט געקענט מעגליך זיין, אַז אַ סך פון די קינדער זאָלען זיך אַרויסווייזען פאַר ניט בראַוו גענוג, אָדער פאַר ניט רייף גענוג. דאָך האָט ער געמוזט וואגען, מען האָט געמוזט מאַכען פון דעם אַן אָפענע פראַגע, כדי צו קענען באַקו־מען אַ ריינע, קלאָהרע תשובה. און איצט האָט ער געהערט די תשובה.

— אויב אַזוי, — האָט יוחנן אַ זאָג געגעבען, — זייט זשע ווייסען, אַז איצטער נעמט איהר אַלע אויף זיך אַ שבועה, ערשטענס, אַז דאָס אַלעס, וואס מיר האָבען דאָ אָפּגערעדט, און אָפּגעמאַכט, בלייבט אַ סוד. איהר פאַרשטעהט. קיינער, חוץ אונז, ווייסט ניט, און טאָר איצטער ניט ווייסען פון דעם, וואס מיר האָבען דאָ באַ־שלאָסען. איך וועל אייך געבען צו פאַרשטעהן פאַרוואָס דאָס דאַרף בלייבען אַ סוד. ערשטענס זיינען דאָ פאַראַן קינדער, וואָס זיינען ביי זייערע עלטערען זעהר ציטערדיג און די עלטערען, ניט פאַר־שטעהענדיג די אמת׳ע לאַגע, קענען אַמאָל זייער קינד פאַרווע־רען פון צו באַטהייליגען זיך אין דער דאָזיגער ארבייט. מען האָט אונז אָבער אָנגעזאָגט, אַז עלטערען דאַרף מען נאָר פאָלגען, ווען זיי רעדען צו צו טהאָן גוטעס. ווען זיי רעדען אבער אָפּ פון צו טהאָן גוטעס, דאַרף מען זיי מעהר ניט פאָלגען, נאָר נאָך גלייכער איז, אַז די עלטערען זאָלען אינגאַנצען ניט ווייסען, ווייל אנגע־שראָקען זיינען זיי שוין גענוג. מיר וועלען ביסלעכווייז צוטראַכ־

טען די נויטיגע פּלענער, מיר װעלען זעהן, װאָס מיר האָבען צו טהאָן, און אויב מיר װעלען דאָס האלטען בסוד, װעלען מיר קענען בעסער דורכפיהרען אונזערע פּלענער, אויב אָבער מיר װעלען ארויסטראָגען זאכען, װאָס דאָ װערט בשלאָסען, װעלען מיר ניט קענען דורכזעצען אונזערע פּלענער.

דערנאָך האָט ער אָנגענומען א שטרענגען טאָן, און באמערקט:

— איידער מיר האָבען זיך אלע אונטערגעשריבען, אז מיר געהן פארטהיידיגען, האָב איך צו קיינעם גארניט געהאט, נאָר איצטער, איז יעדער איינער אזוי װי א סאָלדאט אין א אידישער ארמיי צו פארטהיידיגען די מאָליװער אידען, און אפילו אידען אויך אין אנדערע ערטער, װען עס װעט נויטיג זיין. דעריבער זייט װיסען, אז אויב עפּעס װעט ארויסגעטראָגען װערען פון דאנען, און מיר װעלען געװאויר װערען, אז עמיצער האָט ארויסגעטראָגען דעם סוד פון דאנעט, װעט ער אויסגעשלאָסען װערען פון קלאס. ער װעט דאָ מעהר קיינמאָל ניט קענען לערנען צוזאמען מיט די איבעריגע קינדער, ער װעט זיך מעהר ניט קענען באטהייליגען אין אונזערע פארװיילונגען. דאָס איז אבער נאָך ניט אלעס. קיינער װעט זיך מיט איהם ניט טאָרען חבר'ן, זיך ניט קענען באגריסען מיט איהם אין גאס, און װען ער װעט איהם באגעגענען, װעט ער ניט טאָרען שטעהן אין זיינע פיר איילען. אזעלכען רופט מען א פאררעטער. דאָס זאָל יעדער איינער פון אייך געדיינקען, איידער ער פארלאָזט דעם קלאס, — האָט יוחנן אלעמען געװאָרענט.

װען ער האָט געענדיגט, זיינען אלע געזעסען מיט בלאסע פּנים'ער, פּונקט, װי זיי װאָלטען ערשט איצט ריכטיג באגריפען װי ערנסט די זאך װערט.

— װעט איהר אלע געדיינקען, װאָס איך האָב אייך געװאָרענט?

— האָט יוחנן װידער איבערגעפרעגט, און דער ענטפער איז געקומען װי פון איין מויל:

— מיר װעלען געדיינקען!"

— װעט איהר שװערען? — האָט יוחנן איבערגעפרעגט צום לעצטען מאָל, און װידער איז געקומען דער ענטפער פון אלעמען גלייך:

— „מיר שװערען!"

— איצט, געהט אהיים. היינט וועלען מיר מעהר גאָרניט טהאָן. מאָרגען קומט אין דער אייגענער צייט. איהר קענט הערען וואָס מען רעדט אין אייערע היימען. אָבער דערצעהלען טאָרט איהר פון קיין זאך ניט, — האָט ער זיי געוואָרענט צום לעצטען מאָל.

און אזוי זיינען יוחנן׳ם קלאסען ביסלעכוויין פארוואנדעלט געוואָרען אין א לייען קרייז, וואו זעכציג יונגע מענשען זיינען צוגעגרייט געוואָרען, אז אין פאל פון אן אָנפאל פון די פּויערים, זאָל די אידישע יוגענט זיין גרייט צו פארטהיידיגען די שטאָדט, און אויך די אידען אין די ארומיגע געגענטען.

אין די דערפער אַרום האָט זיך גערודערט. די מוזשיקעס זיי־נען געוואָרען אלץ דרייסטער דורך דער ערמוטיגונג פון די גלחים, וועלכע האָבען ניט אויפגעהערט צו העצען קעגען די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין די דערפער, און מען האָט שוין אויך אָנ־געהויבען טרייבען אידען פון די דערפער לויט די פארבאָטען, וואָס זיינען ארויסגעגעבען געוואָרען אין נאָמען פון דער רוסישער רעגירונג, און די אלע נייעסען זיינען אלע וואָך געווען געדרוקט אין די רוסישע צייטונגען, וועלכע זיינען אָנגעקומען צו דעם מאָ־ליוזער רב, און וועלכע יוחנן און בתיה האָבען פריהער אליין דורכ־געלייענט, און דערנאָך די נייעסען פאָרגעלייענט פאר דעם קרייז.

פון אלע נייעסען האָבען די אידישע יוגענטליכע באקומען איין איינדרוק, און דאָס איז געווען — זייט גרייט אידישע יוגענט, עס קומען שווערע, ביטערע צייטען פאר אידען, און מען וועט מוזען עפּעס טהאָן, ווען דער מאָמענט וועט אָנקומען. . .״

א יאָהר איז אריבער, און די מאָליוזער יוגענט איז אין דעם יאָהר אויסגעוואקסען מיט צעהן קעפּ העכער, ווי זי וואָלט דער־צויגען געוואָרען אין נאָרמאלע אומשטענדען. עס איז געוואָרען א באוואוסטזיניגע גרופּע, וואָס האָט זיך שוין אליין געקענט פאנאַנ־דערקלייבען אין אידישע און אין וועלטליכע פראגען, א סך פון די שילער האָבען אויך באזוכט די קלאסען אין דער גימנאזיע, האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט דער רוסישער פארבאָטענער ליטערא־טור און מיט דער געשיכטע פון פעלקער.

דער מאָליוזער רב, האָט שטילערהייט צוגעקוקט, וואָס ביי איהם אין הויז איז פאָרגעקומען. פון איין זייט האָט עס איהם שטארק געפרעהט, וואָס זיין אייגענע טאָכטער האָט געהאט אויף

יוחנן אזא ווירקונג צום גוטען, וואָס האָט איהם ווידער אויפגע-הויבען צו דער מדרגה פון אַ פיהרער, וועהרענד ווען ער איז אָנ-געקומען מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק קיין מאָליוו, איז יוחנן געווען אַ פארלוירענע שאָף, און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך.

פון דער אנדערער זייט, אָבער, האָט דער מאָליווער רב זיך געשראָקען, טאָמער וועט יוחנן איצטער אוועקגעהן אין דעם צווייטען עקסטרעם, און איינגאנצען זיך אויסטהאָן פון אידישקייט, און דעריבער האָט ער איינמאָל, נאָכדעם, ווי ער איז שוין געווען איבערציינגט אז יוחנן און בתיה זיינען שטארק איבערגעגעבען איי-נע צו די אנדערע, געמאכט אַ רעדע מיט איהם, און געטהאָן האָט ער דאָס אזוי שעהן און הארציג, פונקט ווי יוחנן וואָלט געווען זיין אייגענער זוהן.

— פאר דער צייט, וואָס דו געפינסט זיך דאָ אין הויז, יוחנן — האָט דער מאָליווער רב אָנגעהויבען, האָב איך זיך צוגעוואוינט צו באטראכטען דיך ווי מיינעם אן אייגענעם זוהן. עס איז אַ נחת צו זעהן מיט וויפיל ליבע און איבערגעבענקייט דו לערנסט מיט די מאָליווער אינגלאך און מיידלאך. עס וואקסט פאר מיינע אוי-גען אַ שעהנער, אידישער שטאָלצער דור, פון וועמען מען קען אין דער צוקונפט פיל דערווארטען. עס זיינען שוין דאָ קינדער, וואָס וואָלטען שוין איצטער אליין געקענט זיין פיינע לעהרער אין אָנפאנגער-קלאסען. אייניגע קינדער פארפולקאָמענען זיך און גריי-טען זיך צו נעהמען עקזאמענס אין די גימנאזיעס, כאָטש איך בין זיכער אז די פראָצענטען-גזרה וועט זיי אנטוישען, ווייל עס וועט זיי ניט געגעבען ווערען די מעגליכקייט דורכצוגעהן, און דאָס וועט זיי זיכער אנטוישען, אבער אזוי איז שוין דער אידישער מזל, און דאָס זיינען זאכען, וואָס ניט איך, און אויך דו, קענען דאָס ענדערען.

יוחנן איז געזעסען און געטראַכט:

— ווען אַ רב אין מאָליוו קען אזוי רעדען אָפען וועגען דער אידישער לאַגע, און וועגען דער אלגעמיינער לאַגע אין דער וועלט און אין דער רוסישער מלוכה, איז גאָרניט אויסגעשלאָסען, אז ער זעהט ניט אַלעס, וואָס דו קומט פאָר די לעצטע צייט אין די קלאַסען, און ער האָט אַ זאָג געגעבען:

— די יוגענט דאָ, איז שוין א באוואוסטזיניגע, און זי באַגרייפט וואָס עס טהוט זיך אין דער וועלט. זי איז גרייט צו ענטפערען אויף דעם רוף, ווען עס זאָל נויטיג זיין.״

— דאָס איז געווען איבעריג מיר צו דערקלעהרען, — האָט דער רב געענטפערט, — ווייל ווען דו זיצסט מיט די קינדער אין דיין קלאַס, זיץ איך פון דער אנדערער זייט וואנט, פון איין זייט, אַלס שומר, כדי צו פאַרהיטען, אז עמיצער פון דרויסען זאָל זיך ניט אַנשטויסען, וואָס עס קומט דאָ פאָר הינטער מיין דאַך, ווייל נאָכאַלעמען, איז דאָך דאָס פארבאָטענע ארבייט. די רעגירונג וואָלט קיינמאָל צו אזא מין שוהלע ניט מסכים געווען, ווייל דו האָדעוועסט אוים א ביטערען שונא אנטקעגען דער מלוכה, און פון דער אנדערער זייט קלייב איך נחת רוח, ווייל ביז איצט, ביזטו געגאַנגען אויף דעם ריכטיגען וועג. — האָט דער רב מיט צופריידענקייט מודה געווען.

יוחנן איז געווען זעהר צופרידען צו הערען פון דעם רב׳ס מויל אזעלכע דבורים.

— אָבער, איך האָב מיט דיר געוואָלט רעדען וועגען נאָך אַן ענין — האָט דער רב צוגעלעגט:

— וועגען בתיה׳ן. זי איז מיין בת יחידה, די איינציגע טאָכטער. פאר די אינגלאַך זאָרג איך זיך ניט, ווייל זיי זיינען קודם אונטער מיין אייגענער השגחה, און אויך אונטער דיין איינפלוס. זיי פאָלגען נאָך די למודים מיט גרוים התמדה, און זיי טוהען אויך גוטע ארבייט זעלבסשטענדיג, און מיט זיי בין איך שוין זיכער, אז זיי וועלען געהן אין מיינע דרכים. נאָר וועגען בתיה׳ן האָב איך היינט יאָ געוואָלט מיט דיר רעדען. בתיה איז מיין אויג אין קאָפּ, און מען דארף ניט זיין בלינד צו פיהלען, אז זי איז דיר זעהר איבערגעבען, זי איז פארגלויבט אין דיר, אין דיין כח, און אודאי טהוט עס מיר שטארק הנאה, אבער איך האָב געוואָלט וויסען, ווי אזוי דו אליין, פיהלסט וועגען דעם. — האָט דער רב געענדיגט, און איז געבליבען ווארטען אויף יוחננ׳ס ענטפער.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, — האָט יוחנן א זאָג געגעבען, און האָט זיך געראויטעלט, — בתיה איז מיר זעהר טייער, און הלואי וואָלט איך נאָר געוואוסט, אז זי פיהלט וועגען מיר ניט אַנדערש, אָבער די צייט איז אזא ערנסטע, און עס בלייבט

אונזביידען ניט קיין צייט, אפילו אַ טראַכט צו טהאָן וועגען פּער-זענליכע ענינים. דערצו בין איך נאָך ניט גרייט צו נעהמען אויף זיך אַזאַ עול, און איך רעכען, אַז לעת עתה, כל זמן די כוואליע פון שרעק און אומרוה וועט ניט איבערגעהן ביי אידען, איז גליי-כער, וואָס בתיה און איך האָבען זיך נאָך ניט פארבונדען און אפילו קיין תנאים ניט געשריבען. די צייט וועט קומען, וועלען מיר מן הסתם דערפיהלען אז מיר זיינען א זיווג, — האָט יוחנן גע-ענטפערט.

— סאי ווי סאי, — האָט דער רב געענטפערט, — וואָס איך וויל אָבער, איז, אז דו אליין זאָלסט זיך קודם צוגרייטען צו רבנות. עס קען מעגליך זיין, אַז מיר זאָלען אין גיכען הערען פון מיינע לאנדסלייט אין ניויאָרק, אז זיי גרייטען זיך אונז אַרויסצונעהמען קיין אמעריקא, איז גלייכער, אז דו זאָלסט זיין צוגעגרייט צו א כסא הרבנות.״

— איך בין ביי זיך נאָך ניט זיכער, אויב איך וויל אָננעהמען א רבנות-שטעלע, — האָט יוחנן געענטפערט.

— רבנות אין אמעריקע, ווי מען שרייבט מיר, — האָט איהם דער מאָליווער רב גענעבען צו פרשטעהן, — איז ניט דאָס, וואָס אין קורילאָוועץ, אָדער אין זינקאָוו. לערנען קענסטו, און אז דו ביסט א פעהיגער פיהרער האָב איך אויך באמערקט, און איך זעה ניט איין, פארוואָס דו זאָלסט ניט זיין קיין רב. איך קען פאר-שטעהן, אז דו האסט ניט געוואָלט זיין קיין גוטער איד צוליב אַ סך טעמים, אָבער א רב, אַ מנהיג, דאָס ביזטו זיכער, און עס איז צייט, דו זאלסט אָנהויבען צו גלויבען אין דיין אייגענעם כח.״ — האָט איהם דער רב געגעבען צו פארשטעהן.

— אויב איהר האָט ניט דאגעגען, — האָט יוחנן א זאָג גע-טהאָן, — וועל איך זיך פריהער אליין דורכרעדען מיט אייער בתיה'ן. נאָכאלעמען האָב איך איהר צו פארדאנקען פאר א סך זאכען. זי איז פאר מיר ביז איצט, נאָך אייך געווען אַ גרויסער מאָראלישער כח, און איך בין פון איהר שטארק באווירקט געוואָ-רען פאר מיין ארבייט און פאר די למודים. איך האָב פון איהר אליין זעהר פיעל געלערענט. פריהער וועל איך הערען, וואָס זי דענקט וועגען דעם ענין, וועגען מיין מיטפאהרען מיט אייך, ווען די צייט וועט קומען, און וועגען מיין ווייטערדיגען שטודיום, וואוהין איך זאָל זיך קירעווען. אויב איך וועל פיהלען, אז דאס

איז בתיה׳ס וואונש, ווי עס איז אייערער דאן וועל איך אנהויבען זיך צוגרייטען צו פוסקים, צו רבנות. — האט ער געענדיגט.

— מיין קינד, — האט דער מאליווער רב איהם א זאג געגעבען, — קיין גרעסערען גליק האב איך זיך אין מיין לעבען ניט געקענט פארשטעלען, ווי נאר אזא איידעם, ווי דיך, פאר מיין בתיה׳לען פאר א מאן, און זאל גאט זיין מיט דיר, אז דו זאלסט אלעמאל קענען זיין אזוי עהרליך און אויפריכטיג — ווי ביזט געווען אין דיין לעבען ביז איצט.״

יוחנן האט דערנאך א סך נאכגעטראכט וועגען דעם, — און געפיהלט האט ער, אז וואס עס איז שייך איהם אליין, וואלט ער געוועזן א סך מעהר צופרידען, אז ער זאל אפילו קיין רב אויך ניט דארפען זיין. עס האט איהם געצויגען צו די פשוטע אידישע פאלקסמאסען, צו די קינדער פון פאלק, עס האט זיך איהם פארגלוסט צו זיין איינער פון פאלק. אבער ער האט אין דער אייגענער צייט געפיהלט, אז זיין לעבען איז אנגעקניפט אין בתיה׳ס לעבען, און כדי זי צו דערגרייכען, איז ער געוועזן אנטשלאסען זיך אונטערצואווארפען אונטער איהר באשלוס, און אז ער וועט אויספאלגען, דאס, וואס איהר וועט זיין צום הארצען.

קורילאווער יאריד

קיין מאליוו האט זיך דערטראגען א ידיעה וועגען אן אומרוהיגען טאג אין קורילאוועץ.

דארטען פלעג פארקומען א וועבענטליכער יאריד. די גויים פון די דערפער ארום קורילאוועץ, פלעגען ארויסקומען איינמאל א וואך, צונויפברייינגען זייערע סחורות, וואס איז באשטאנען מעהרסטענס פון גרינסען, וואס די דארפישע גערטנער האבען ארויסגעגעבען, פון די אייער וואס די היהנער האבען אנגעלעגט אין פארלויף פון עטליכע טעג, פון די קעלבלעך, און לעמלעך, און פון די פערד און אקסען, וואס די פויערים האבען געבראכט צו פארקויפען.

אויף אזא יאריד פלעגען די גויים פון קוראשאוועץ, און פון פראקארענעץ, פון דאלעניאן און פון אלטשעדאיעוו זיך אנפאהרען מיט ווייב און קינד, אויף בוידען געפיהרט פון אקסען און פון פערד און וואגען, אנדערע פויערים פלעגען זיך שלעפען צופוס,

מיט זעקלאך אויף די פּלייצעס. אין די זעקלאך איז געלעגען א מעסטעל קארטאָפעל, אָדער תבואה, א קרענצעל ציבעלעס אָדער א קוישעל אייער, געוויקעלט אין פּאלאָווע, און אין דעם טאָג פון דעם יאריד האָבען די גויים און גוי'טעס אָפּגענומען דעם מארק, אָדער די טאראָוועצע, ווי מען פלעגט דעם לעדיגען פּלאץ רופען אין דעם אוקראאינער שטעדטעל, און צוליב די פּויערים פון די דערפער פלעגען שוין אויך אַרויסקומען, חוץ די קורילאָוועצער אידען, אויך די סוחרים פון די אַרומיגע שטעדטלאך, פון סניט-קאָוו, און לוטשינעץ, ווערבאָוועץ, און פּאפּאָוועץ, זינקאָוו און ווינקאָוועץ, די סוחרים זיינען געוועזן מעהרסטענס אידען, וועלכע האָבען געהאנדעלט מיט שטשעטינא, די חזיר-האָר, פון וועלכע מען פלעגט דאָס מאכען די פיינע בערשטלאך פאר הלבשה, און מיט פעל פון געקוילעטע בהמות, און פערד, וואָס פלעגען אויס-געקויפט ווערען פון די קירזשנערעס, און גריבארניקעס.

עס פלעגען אויך ארויסקומען די אידישע קרעמער מיט פארטיגע אָנצוגען, מיט היטלען און מיט שיך, שטיוועל מיט לאנ-גע כאָליאוועס, מיט פוטערנע פּעלצען, און שניט-קרעמער, מיט שטיקער צייג פון וואל און ביינוועל מאטעריע, און דאָס אלעס איז אויסגעשטעלט געוואָרען אויף דער טאראָוועצע, פאר אַן אויס-שטעלונג ,אוןביידע צוזאמען, די פארטיגע סחורה, אויסגעאר-בייט און צוגעגרייט פון די אידישע סוחרים קרעמער און בעלי-מלאָכות צוזאמען מיט די רויהע מאטעריאלען, און דאָס גרינ-צייג און אנדערע עסענווארג, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די אינדוסטריע, די פּראָדוקציע, וואָס האָט געדארפט אויספארקויפט ווערען פון די אידען און די גויים און אויסגעביטען ווערען פון די אידישע סוחרים, פאר זייערע אויסגעארבייטע ארטיקלען און סחורות צו די גויים פאר בארעס געלט, און די גויים פון די אַרו-רומיגע דערפער פלעגען פריהער אין דעם ערשטען האלבען טאָג פון דעם יאריד אויספארקויפען זייערע אייער און היהנער, קאטש-קעס און גענז, לעמלעך און יונגע „לאשעקעס" ציבעלעס און קנאָ-בעל, ווייץ און פּאלאָווע, אויספארקויפען און דערנאָך דאס געלט אויסטוישען אויף אַנדערע סחורות, און לעבענס מיטלען.

דער גוי פלעג דערנאָך זיך איינקויפען אביסעל קאלך אויף אויסצואווייסען זיין דאָרפּישע כאטע, א זעקעל מעהל, א טוצענד געזאלצענע הערינג, א פּאָר פארטיגע שטיוועל, אָדער פּאָסטאלעס,

אַ העמד מיט אַן אויסגעניייטער מאנישקע, מיט פּאָלאקעס אויף די אַקסלען, אַ טכוירען פּעלצעל, אַז עס זאָל איהם זיין ווארעם דורך די ווינטער חדשים אין דאָרף.

עס איז געווען אַ טאָג פון רעש און פון טומעל, פון האנדעל און פון וואנדעל, פון דינגען זיך מיט די גויים, פון אָפּדינגען און פון אויסכאַפּען די כשר'ע מציאה, איין סוחר ביי דעם אנדערען. אַ יאריד אין אַ קליין שטעדטעל, וואו יעדער איינער ווארט אויף דעם יאריד א גאנצע וואָך, און איז דער יאריד אַ גערעטענער, דאנקט מען גאָט דערפאַר, און טאמער איז אַ גוס רעגען, אָדער אַ זאַווערוכע, ווערט דאָס גאנצע שטעדטעל פּאַראומערט און פאַר-ביטערט, און מען האָט איין תירוץ: אַ שלעכטער, ניט איינגעגע-בענער יאריד.

אויף איינעם פון אַזעלכע יארידים האָבען זיך גויים אָנגעשי-כורט, זיך צושלאָגען איינער דעם אנדערען אריינגעפאהרען אין די טשופּרינעס האָר, און אין מיטען איז אונטערגעלאָפען אַ דריי-טער גוי, האָט ארויסגעכאַפּט אַ פלעשעל בראָנפען, האָט זיי אי-בערגעריסען דאָס געשלעג, און זיי אויסגערעדט, געבענדיג יעדען פון זיי אַ פּריש גלעזעל בראָנפען. ער האָט מיט זיי איינגע'טענה'ט:

— צווישען זיך אַליין, זאָלען זיך פעטערלאַך, קריסטליכע, זיך שלאָגען, ניט שעהן, זעהר ניט שעהן. נעהמט שוין, בעט זיך אי-בער. דערנאָך וועל איך אייך ווייזען וועמען מען דאַרף שלאָגען...
— האָט דער דריטער מיט זיי ביידען איינגע'טענה'ט, און זיי גע-שטופּט דאָס גלעזעל אין מויל אריין.

די צוויי שיכורים, וועלכע האָבען זיך מיט פינף מינוט פריהער געריסען פאַר די האָר, האָבען זיך ארומגעכאַפּט, זיך צוקושט, ווי גאָרניט געווען, האָבען געטרונקען אַלע דריי, און דער דריטער האָט אָנגעהויבען פּראָוואָצירען:

— שלאָגען דאַרף מען די „זשידעס" אָט די מאשעניקעס, וואס האָבען אַלע גוטע זאכען און עסען ווייסע בולקע, אָט וועמען מען דאַרף שלאָגען. מען דאַרף זיי ברעכען אַ ביינער, איהר פאַרשטעהט פעטערלאַך? — האָט ער זיי אויפגעקלעהרט, און זיי געררייצט אויף אַ אידישען געשלעג.

מעהר האָבען די צוויי שיכורים ניט געדאַרפט, און זיי האָבען

זיךביידע ארויסגעלאָזט צו דעם עק גאַס, וואו עס זיינען געשטאַ־נען די אידישע יארידניקעס, און האָבען גערופען צו זיך די קריסט־ליכע קונים.

איינער פון די שיכור'ע גויים איז צוגעגאנגען צו אַ אידישען קירזשנער, האָט אָנגעמאָסטען אַ היטעל, און זיך געלאָזט אַוועק־געהן, ניט באַצאָהלענדיג דערפאַר. דער קירזשנער האָט געוואָלט ארונטערנעהמען פון איהם דאָס היטעל, איז איהם דער צווייטער שיכור באפאלען און האָט איהם גענומען שלאָגען.

עס זיינען זיך אָנגעלאָפען די אידישע יארידניקעס, און האָ־בען דעם שיכור אוועקגעלעגט און געריסען פון איהם דאָס היטעל, וואָס ער האָט שוין געהאלטען שטייף איינגעקראמפט אין ביידע הענט, דערווייל זיינען זיך אָנגעלאָפען אַ כאפטע גויים, און האָ־בען זיך געכאפט שלאָגען, און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, האָט מען שוין ניט געוואוסט, ווער עס שלאָגט וועמען. אַ סך אי־דען האָבען פאר א ווילדע געלאָזען זייערע שטעלעכלאך מיט סחורות, זיינען יונגע קריסטליכע שקצים זיך אָנגעלאָפען, און האָ־בען דערווייל צושלעפט שטיקער סחורה, ברויט, פישלאך, עס איז געוואָרען א ווילדע סומאטאָכע, ביז דער אוריאדניק איז אָנגעקו־מען, און האָט זיך אָנגעהויבען צו זידלען, גערופען די אידען מאַ־שעניקעס, און זיי באַשולדיגט, אַז זיי מאַכען עס אָן די גאַנצע סומאטאָכע.

דער יאריד איז צושטערט געוואָרען. אידישע קרעמער האָבען פארמאכט זייערע שטעלעכלאך, האָבען אריינגענומען די סחורה אין די קראָמען אריין, און זיי זיינען אומגעגאנגען פארזאָרגט, פיה־לענדיג אז אויך אויף קורילאָוועץ קומען שוין אָן אומרוהיגע טעג, אז די פויערים אין די דערפער אַרום, לערנען זיך שוין אָפּ די שעהנע דרכים פון זייערע שכנים אין דער בעסאראביע.

נאָכ'ן יאריד האָבען קרעמער געפיהלט, אז אין דער סומאַ־טאָכע, ווען אַלעס האָט זיך איבערגעמישט, זיינען פאָרגעקומען גנבות, די זייטיגע פויערים האָבען געגנב'עט און צושלעפט, וואָס עס איז זיי געקומען צו דער האנט, און דאָס שטעדטעל האָט גע־האט א גרויסען שאָדען.

אין א פאָר טעג ארום, איז דורך די יארידניקעס די נייעס אָנ־געקומען קיין מאָליוו, און ווען יוחנן האָט זיך דערוואוסט, אז

אויך אין קורילאָוועץ קומען שוין פּאָר אומרוהען, אז די גויים שלאָגען זיך מיט אידען אויף די יארידים, איז ער געוואָרען זעהר אומרוהיג, און ער האָט זיך דורכגערעדט מיט בתיה'ן:

— ווי קען מען איינזיצען רוהיג, ווען אין קורילאָוועץ קומען שוין פּאָר אומרוהען?

ערשטענס איז דאָך דאָס מיין משפחה, און דאָס הויף וועט זיך ניט קענען פארטהיידיגען, און צווייטענס דארף מען אויסגעפינען, ווי עס האלט דאָרטען מיט דער יוגענט. קען זיין, אז מען וואָלט דאָרטען געדארפט אָנהויבען אָרגאניזירען א קרייזעל, אויפקלעהרען די דאָרטיגע אידישע יונגעלייט, אז זיי דארפען זיין גרייט, פּונקט ווי מיר גרייטען זיך דאָ, — האָט יוחנן בתיה'ן געגעבען צו פארשטעהן.

— וואָס זשע האָסטו בדעה צו טהון, — האָט בתיה איהם איבערגעפרעגט, און האָט באוואונדערט זיין קוראזש.

— איך וועל פריהער אליין שטילערהייט צופאָהרען, — האָט ער זיך איהר פארטרויעט, — איך וועל עס מאכען אין דער שטילקייט, ווייטער וועט ניט וויסען, ווער איך בין. . .

— יוחנן, וואס רעדסטו? דו האָסט פארגעסען, וואָס מיט דיר האָט פּאסירט דאָרטען מיט א פּאָר יאָהר צוריק? — האָט בתיה איהם דערמאָנט אויף דעם, וואס מיט איהם איז געשעהן אין קורילאָוועץ.

מען וועט מיך ניט דערקענען, זיי רוהיג. פארגעס ניט, דאן האָב איך נאָך קיין באָרד ניט געהאט, און איצט טראָג איך א באָרד. דאן ווייסטו אז מיינע קליידער זיינען שוין ניט פון קורילאָוויצער שניט. דאָס האָט א סאך צו טאָן. דערצו וועל איך אָנטהון בלויע ברילען, און וועל אריינפאלען אין קורילאָוועץ אין א פארנאכט, וועל אויסגעפינען צווישען די בעלי מלאָכות, ווי אזוי דאָס האָט פּאסירט. וועלכע גויים עס האָבען זיך געבונטעוועט, און ווי ערנסט עס ווערט שוין דארטען די לאגע. איך וועל אָנשמעקען וואָס עס טהוט זיך דארטען, און דערנאָך וועלען מיר זעהן, וואס מען דארף טהאָן. — האָט יוחנן איהר געגעבען צו פארשטעהן.

— פונדעסטוועגען רעד זיך זורך מיט'ן טאטען, וועסטו הערען, וואָס ער וועט זאָגען. — האָט בתיה איהם געראטען.

— גלייכער, אז דער טאטע זאָל דערוויל ניט וויסען, ווייל ער וועט האָבען יסורים דערפון. איך וועל מאָרגען ארויספאהרען, און וועל זיין צוריק אין עטליכע טעג ארום.

— טהו ווי דו פארשטעהסט, יוחנן, נאָר איך בעט דיך, זיי זעהר פאָרזיכטיג, ווייל איך וועל זיין זעהר אומרוהיג, ביז איך וועל דיך זעהן צוריק. — האָט זי איהם געוואָרענט, און אין איהר טאָן איז געווען אזוי פיעל איבערגעבענהייט, ווי ער וואָלט געווען דאָס גאנצע לעבען.

— זיי רוהיג, קינד. דארפסט ניט איבערטראכטען .איך וועל פאָהרען פארקליידעט, וועל אויסגעפינען, וואס דאָרטען טהוט זיך, און וועל זיין צוריק.״

אין א פּאָר טעג ארום האָט יוחנן, אַ פארקליידעטער, מעשה דייטשעל, מיט א קאפעליוש און מיט בלויע ברילען, וואָס האָבען איהם געעענדערט זיין גאנצען אויסזעהן שפּאצירט אין א פאר-נאכט איבער קורילאָוועצער זייטיגע געסלאך, און באטראכט דאָס שטעדטעל, וואו ער איז ביז מיט א יאהר צוריק געווען אַ תושב, אָבער דאמאָלס איז ער קיינמאָל פון דעם הויף ניט ארויסגעגאנגען, חוץ אין דער קלויז אריין.

איצטער האָט ער שפאצירט פראנק און פריי, איז אלעמען גע-ווען א פרעמדער, און אלע זיינען איהם אויסגעקומען זעהר נאָהענט און באקאנט.

ער האָט זיך אָנגעהויבען דערמאָנען אין די יונגעלייט פון זיי-נע יאהרען, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אלעמאָל מיט איהם חבר׳ן, נאָר ווייל ער איז געווען פון דער גוט-אידישער משפחה, האָט עס ניט געפּאסט, כאָטש עס פלעג איהם ציהען צו רעדען מיט די אינג-לאך, זיך מיט זיי נעהענטער באקענען.

ער האָט זיך דערמאָנט איבערהויפט אין צוויי בחורים׳לאך, וואָס האָבען געקענט זעהר גוט לערנען, נאָר מען האָט גערעדט אויף זיי, אַז זיי זיינען מתנגדים. . . זיי גלויבען ניט אין רבי׳ן, און מען האָט זיי איינמאָל ארויסגעטריבען פון הויף, ווייל אברהם דער שמש האָט דערציהלט, אז בערעלע איינבינדער, און משה דער שווארצער האָבען אָפּגעשפּעט פון דעם רבי׳ן.

בערעלע איז געווען א קליין-וואוקסיגער, מיט א ליכטיג פּנים.

זעהר שעהנע געטאָקטע איברים, זיין טאַטע האָט איינגעבינדען ספרים, און בערעלע האָט זיך זעהר גוט געלערענט, און האָט שוין געהאט אַפילו ביי זיך אויסגעשריבען א בלאט-צייטונג, אויף העברע-איש, און ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט ער צונויפגענומען די בעלי-בתי'שע קינדער, און זיי געלערענט העבראיש, זיי דער-צעהלט וועגען דער באוועגונג פאר דעם ציוניזם, און בערעלע איז געווען זעהר באליבט ביי די קורילאָוועצער תלמידים זיינע.

משה דער שווארצער איז געווען א אינגעל פון רייכע עלטע-רען, און זיין טאַטע דאָדיע דער איציכעס, איז געווען אַ מתנגד, אַ איד, וואָס האָט אלעמאָל געקריגט אויפ'ן רבי'ן, תמיד געפונען חסרונות אויף דעם רבינ'ס הנהגות, און דאָדיע האָט געמאכט אַ מתנגדישע שוהלעכעל און אָפּגעריסען פון דעם רבי'ן עטליכע חסידים, וואָס האָבען שוין אויך אָנגעהויבען קריגען אויפ'ן רבי'ן.

דערמאָנענדיג זיך אין בערלען, איז יוחנן, אריינגעגאַנגען צו דעם איינבינדער אין אַ פארנאַכט, און פאַרפיהרט מיט איהם אַ געשפּרעך.

— איך בין א פארבייפאהרער, — האָט יוחנן איהם זיך אליין פאָרגעשטעלט. — איך קום פון מאָליוו. איך זוך א שטעלע אלס לעהרער.”

— פרעהט מיך זעהר אייך צו קענען, האָט בערעל זיך מיט איהם ארומגעכאפּט, זיך שטארק דערפרעהט, אָבער אין דער איי-גענער צייט האָט ער זיך פאר איהם פערטרויעט, אז אין שטעדטעל הערשט אַ גרויסע אָרעמקייט. די מעהרסטע קינדער געהען נאָך צו די מלמדים פון דעם אלטען שניט, און אפילו ער, בערעל אליין, האָט אויך ניט מיט וואָס דורכצולעבען זיך, ווייל בלויז עטליכע געצעהלטע בעלי-בתים געבען איהם די קינדער, און מיט די מעהרסטע תלמידים לערענט ער אינגאנצען אומזיסט, מחמת עס איז ביי איהם אָנגעלעגט צו לערנען מיט גוטע קינדער, זיי מדריך זיין, אפילו ווען זייערע עלטערען קענען פאר זיי ניט צאָהלען, — האָט בערעל פארענדיגט.

יוחנן האָט זיך שטארק דערפרעהט, ווען ער האָט דערהערט פון בערעלען אַזעלכע רייד. ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט צו טהון מיט אַן אמת'ן איבערגעבענעם לעהרער, וועלכער איז שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער דערציהונג פון דעם נייעם דור.

— מעג איך וויסען וואָס איהר לערענט מיט די קינדער? — האָט יוחנן אַ פרעג געגעבען, און בערעל האָט איהם דערקלעהרט:

— מיר לערנען לויט דעם גייסט פון דער צייט. מיר געבען דער אידישער יוגענט דאָס, וואס ביי די מלמדים, וואָלטען זיי אין זייער לעבען ניט אויסגעלערענט, ווייל די מלמדים זיינען הינטערשטעליג, זיי לערנען נאָך לויט די מעטאָדען און פון די סידורים און חומשים, ווי מען האָט מיט זיי געלערענט, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך, ווייסען די מלמדים ניט. היינט אַז זיי אַליין ווייסען ניט ווי אַזוי זשע קענען די תלמידים פון זיי עפּעס אויסלערנען?

— וואָס איז מכח דעם הויף? — האָט יוחנן אַ פרעג געטהון, און צוגעלעגט — איז אייך דאָס הויף ניט קיין שטערונג צו די למודים?"

בערעל האָט געלאַכט, — דאָס הויף האָט איין יאָהר שטאַרק ניט געוואָלט ליידען, און עס איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער אַלטער האָט געשיקט נאָך מיר, געזאָגט מוסר, געשטראָפט, געסטראַשעט, אָבער איך האָב דעם אַלטען זעהר ליעב, און איך האָב איהם ביסלעכווייז בארוהיגט, און האָב איהם געגעבען צו פארשטעהן, אַז אַזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט. ער פיהרט זיין מלוכה אין הויף, און איך וועל זעהן, אַז אפילו די קינדער פון די מתנגדים זאָלען ניט קריגען אויף איהם, זאָלען זיך אויפפיהרען בכבודיג, און ער דאַרף איינזעהן, אַז איך מעג טהון מיין ארבייט, ווייל מען דאַרף צוגרייטען די אידישע יוגענט, זי זאָל האָבען אין זיך דעם כח און פארשטעהען, אַז עס קען קומען אַ טאָג, וואָס אפילו דאָס הויף זאָל מען דארפען פארטהיידיגען פון די שיכור'ע בויאַנעס, וואס האַלטען זיך אין איין פארמעהרען, און וועלכע פארגינען זיך שוין צו קומען און צושטערען די ירידים, באַ'גנב'ענען די אידישע קרעמער, פרעגט ניט, עס טהוט זיך ביי אונז אַזוינס, אַז אפילו דאָס הויף הויבט אָן צו פיהלען, אַז מען איז מעהר ניט זיכער מיט קיינעם, און אַז עס קומען שווערע צייטען אויף אידען.

— וואָס האָט דער אַלטער געענטפערט ? — האָט יוחנן שטיל געביסען די ליפען אין זיך, רעדענדיג אין אַ שטילערען טאָן, ווייל ער האָט שוין פון בערעל'ס רייד פארשטאַנען, אַז דאָס גאַנצע הויף מאַכט דורך אַ ירידה ווען עס קען שוין שיקען נאָך בערעלע איינבינדער און מיט איהם ארומרעדען אַזעלכע ענינים.

— דער אַלטער איז זעהר קלוג, — האָט בערעלע געענטפערט, און ער האָט גענומען דערצעהלען זאַכען, וואָס יוחנן האָט זיך גע-דארפט שטאַרק אָנשטרענגען צו קענען זיך ווייזען רוהיג. — זיינט זייערס אַן אייניקעל האָט זיך אָפּגעריסען, און איז פאַרשוואונדען, איז דאָס הויף מעהר ניט אַזוי שטרענג. מיט זיין אָפּרייסען זיך האָט יוחנן אויפגעריסען די פאַרמאַכטע לאָדענס, עס האָבען אַנגע-הויבען אַריינברעכען זיך איינציגע ליכט-שטראַהלען. דער אַלטער האָט זיך אַליין שוין געענדערט. מען מעג זאָגען, ער איז געוואָרען אַ סך פּשוטער, און פיהלט זיך באמת זעהר נאָהענט צו אַלע אָרע-מע לייט. ער קלייבט אויף אַלערליי צדקות, און מען שמועסט אפילו, אַז ער לייענט שוין אַליין אויך אַ בלאַט, און אינטערע-סירט זיך מיט וועלטליכע זאַכען.

— דאָס איז פאַר מיר זעהר אינטערעסאַנט, — האָט יוחנן אויסגערופען, און איז אויפגעשפּרונגען אַן אויפגערעגטער.

— איך וואָלט אייך געראַטען, אַז איהר זאָלט פונדעסטוועגען זיין אין הויף, — האָט בערעל צוגעלעגט און איהם געגעבען צו פאַרשטעהן, — איהר דאַרפט ניט זיין קיין מאמין, ער איז אָבער אַ גרויסע פּערזענליכקייט. אַ יחסן, אַ בעל תורה, און אַזוי ווי איך זאָג אייך, ער איז לעצטענס געוואָרען זעהר מענשליך. אַ שאָד וואָס ער איז שוין אַלט. איך בין זיכער, אַז ווען ער זאָל זיין אין אונזערע יאָהרען, וואָלט ער אפשר אַליין שוין אויך ניט געוואָלט נעהמען קיין קוויטלאַך, און פאַראוועֶן חסידות. . . — האָט בערעל באַמערקט.

— פון וואָס דרינגט איהר דאָס אַזוי? — האָט יוחנן איבער-געפרעגט, און איז געבליבען זיצען מיט אַן אָפען מויל. וואַרטענ-דיג אויף אַן ענטפער.

— וואָס מיר רעדען, דאַרף בלייבען אַ סוד, — האָט בערעל באַמערקט — איך האָב צו אייך צוטרויען, און איך פאַרשטעה, אַז איהר זייט ניט געקומען אַהער טאַקע זוכען אַ שטעלע, ווייל אַ מאָליוווער לעהרער דאַרף ניט וועלען וואוינען אין קורילאָוועץ. וועל איך אייך פאַרטרויען אַ סוד: דער אַלטער האָט מיך געשיקט רופען נאָך דעם לעצטען אומרוהיגען טאָג, אייערנעכטען, און ער האָט געהאַט מיט מיר אַ לאַנגען שמועס ,און ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך דענק וועגען די אומרוהען, אין דער בעסאַראַביע, און ווי האַלט עס מיט קורילאָוועץ, וואָס דענק איך, דאַרף מען טהון?״

— וואונדער, איבער וואונדער! — האָט יוחנן אויסגערופען, און ער האָט צוגעלעגט: — עס איז משיח'ס צייטען! אויב דער קורילאָוועצער קען שוין דערהערען וואָס אין דער וועלט טהוט זיך, ווי שלעכט די אידישע לאגע איז, און אויב ער זוכט שוין מיטלען עפּעס צו טהון האָבען מיר שוין עפּעס דערגרייכט."

— יאָ, דער אַלטער איז געזעסען שטאַרק באזאָרגט, און גע-פרעגט: וואָס וועט זיין, ווען די ערלים וועלען אריבערטראגען זייער שנאה פון דער בעסאראביע, און זיי וועלען דאָ אויך זוכען צו פארגיסען בלוט, וואָס וועט מען טהאָן?

— וואָס האָט איהר איהם געענטפערט? — האָט יוחנן איבער-געפרעגט.

— איך האָב איהם געפרעגט, וואָס ער דענקט, דארף געטהאָן ווערען?"

— מען דארף זיך דורכפאָהרען אין אַנדערע שטעדט, — האָט ער מיר געענטפערט, און זיך אַן עצה געבען מיט אנדערע אידישע פיהרער וואס האָבען די השפּעה אויף דער יוגענט. — האָט ער מיר געענטפערט, און שטאַרק אָפּגעזיפצט.

— אזוי ווייט, האלט עס שוין אין הויף?

— יאָ, דער אלטער האָט מיר געגעבען אויף הוצאות, און גע-הייסען זיך דורכפאָהרען קיין מאָליוו. — האָט בערעל דערצעהלט, קוקענדיג יוחנן אין פּנים אריין, און ער האָט באמערקט, ווי יוחנן איז געוואָרען שטארק איבערראשט, ווען ער האָט אַ זאָג געטהאָן אַז דער אַלטער האָט איהם געהייסען פאהרען קיין מאָליוו.

— וואָס עפּעס קיין מאָליוו? — האָט יוחנן איבערגעפרעגט, און זיך געמאכט ניט ווי סענדיג.

— מאָליוו איז ערשטענס די גרויסע שטאָדט אין דעם גאנצען געגענד, און ווידער איז דאָך מאָליוו ביי דעם גרענעץ פון דער בעסאראביע, און אויב די אומרוהען וועלען זיך אָנהויבען, ווע-לען זיי זיך מוזען אָנהויבען ביי דעם בעסאראביער גרענעץ. דארף מען זעהן ערשטענס וואָרנען די מאָליווער אידען, זיי זאָלען זיין צוגעגרייט, און צווייטענס אין אַ גרויסער שטאָדט קען מען ווי עס איז באוויזען צו באקומען געוועהר. — האָט בערעל איהם געגע-בען צו פארשטעהן.

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט יוחנן פארשטאַנען, אז בערעל איז גאנץ ערנסט אין דעם ענין. ער איז אויפגעשטאנען און האָט איהם געדריקט ביידע הענט.

— גוט, וואָס איהר האָט מיר אלצדינג דערצעהלט, בערעל, — האָט יוחנן א זאָג געגעבען: איך קום פון מאַליוו. טרחה קען איך אייך פארשפּאָרען, וויל איצטער מעג איך אייך שוין אויסזאָגען, כאָטש עס זאָל בלייבען א סוד צווישען אונז. איך אַליין, בין גע- קומען צוליב דעם אייגענעם ענין, און מיך פרעהט, וואָס איך האָב קיין טעות ניט געמאכט, און געטראָפען צו דעם פּערזאָן, וועלכער טהוט די אייגענע ארבייט דאָ אין קורילאָוועץ, וואס איך טהו אין מאַליוו.

—ווער זשע זייט איהר? — איהר האָט דאָך מיר נאָך קיין נאָמען ניט אָנגעגעבען. — האָט בערעל פריינדליך געשמייכעלט, און נאָך אַלץ געהאלטען אין איין דריקען איהם די האנט.

יוחנן האָט דערפיהלט, אז ער האָט צו טהון מיט א פּאר- טרויענסווערטען פּערזאָן. האָט ער זיך פריהער ארומגעקוקט צו זעהן, אויב קיינער זעהט ניט און הערט ניט. דערנאָך האָט ער ארונטערגענומען די בלויע אויגענגלעזער, און איז געבליבען שטעהן אנטקעגען איהם אויג אויף אויג.

— יוחנן! „האָט בערעל אויסגערופען, און זיך געכאַפּט איהם קושען. דו, יוחנן! איך האָב אלעמאָל געטראכט וועגען דיר, און האָב אפילו ניט גע'חלומ'ט, אז דו וועסט זיך נעהמען צו אזא מסירת נפש'דיגער ארבייט.״

— צו זיין א איד איז שוין דאָס אליין מסירת נפש, און איצ- טער אין אזעלכע טרויעריגע צייטען, אויב ניט טהון אזא ארבייט, איז וואָס זשע האָט עס פאר א זינען איינגאנצען צו לעבען.

בערעל איז נאָך לאַנג געשטאַנען, ניט געקענט ארונטערנעמען די אויגען פון יוחנן, וועלכער איז ביי איהם אויסגעוואקסען מיט צעהן קעפּ העכער, זינט ער האָט ארונטערגענומען די אויגענגלע- זער.

— איך האָב ניט גערעכענט אז עמיצער אין קורילאָוועץ וועט איבערהויפּט וויסען, וועגען מיין באזוך דאָ, נאָר איצטער, ווען איך זעה, ווי דו ביזט פארינטערעסירט אין דער אייגענער ארבייט,

וואָס מיר זיינען פאראינטערעסירט דאָרטען אין מאָליוו, דארף איך פאר דיר קיין סודות ניט האלטען, אָבער דו זאָלסט געדענ־קען, אז מען דארף פריהער אויספּרובירען די תלמידים, כדי מען זאָל ניט ארייננפאלען.

— מיינע תלמידים זיינען אויסגעפּרובירטע, — האָט בערעל א זאָג געגעבען, און ער האָט גענומען דערצעהלען:

— אויף מאָרגען, נאָך דעם געשלעג אין מאָרק, אויפ׳ן יאריד, האָב איך מיט מיינע תלמידים געהאט א לענגערען שמועס, און איך האָב אויסגעפרעגט א יעדערען פון זיי, וואָס זיי דענקען, מיר דארפען טהאָן, און איהר וועט זיין איבערראשט, אז אפילו די זי־בעצען יעהריגע אינגלאך, האָבען זיך אלע ארויסגעזאָגט גרייט צו שטעלען זיך אנטקעגען, ווען נויטיג, און וואָס דארפט איהר מעהר, זיי האָבען שוין אָנגעהויבען זאמלען א פאָנד, און זיי האָבען בדעה צו לערנען זיך שיסען.״

— דאָס איז מערקווירדיג, — האָט יוחנן באמערקט אין גרויס איבערראשונג, און דערנאָך האָט ער צוגעלעגט:

— אויב אזוי, טו זאָגט מיר: וויפיל האָט איהר אזעלכע תלמידים?

— צוויי און צוואנציג, — האָט בערעל געענטפערט, און איהם געגעבען צו פארשטעהן:

— פאר א קליין שטעדטעל ווי קורילאָוועץ איז דאָס ניט שלעכט פאר אן אָנהויב. מיט דער צייט וועלען מיר עפענען נאָך א קלאַס, און ווען עס וועט זיך איינגעבען, וועלען מיר די צאָהל פארטאָפּלען.״

„וועט איהר זיין אזוי גוט, און מיך צוזאמענברענגען מיט אייער קלאַס, אָבער אזוי, אז קיינער פון זיי זאָל ניט וויסען מיין נאָמען, און אויך ניט וועגען מיין ארבייט, און מיר וועלען זעהן רעדען מיט דעם קלאַס, און אויסגעפינען ווי וויט זייער באַוואוסטזיניגקייט געהט, און אויב זיי זיינען טאַקע גרייט אויף די קרבנות, וואָס וועט פיליייכט נויטיג זיין, אז זיי זאָלען ברענגען.״ — האָט יוחנן א פרעג געגעבען ביי בערלען.

— מיט דעם גרעסטען פארגעניגען, — האָט בערעל געענט־

פערט, — אָבער, דאָס וועל איך ניט קענען טהון פריהער ווי מאָר-גען אויף דער נאכט, — האָט בערעל איהם דערקלעהרט, — ווייל דער קלאַס בייט זיך. איין טאָג לערנט א קלענערע גרופּע, און דער עלטסטער קלאַס לערנט יעדען צווייטען טאָג, ווייל זיי באַזוכען אויך א פאַך-שולע, וואו מען לערענט זיי א מלאָכה."

— דאָס איז גאָר וואונדערבאר, — האָט יוחנן באמערקט. אז קורילאָוועצער אינגלאך זאָלען שוין פארשטעהן די נויטיגקייט פון צו לערנען א פאַך, דאָס איז גאָר גרויסארטיג."

— אויך דאָס האָב איך געטאָן מיט'ן אלטענ'ס הסכם. אין אָנהויב האָט ער ניט געוואָלט דערלאָזען דערצו, און ער האָט גע'טענה'ט, אז עס וועלען זיך פארמעהרען די בעלי-מלאָכות, וועט מען אָנהויבען מחלל שבת זיין בפרסיה, און עס וועט ווערען אן אויסגעלאַסענע שטאָדט, אָבער איך האָב איהם געגעבען צו פאר-שטעהן, אז אָהן א מלאָכה ווערט די יוגענד איינגאנצען דעגרא-דירט און פויל. זי זיצט ביי דעם טאַטען אויפ'ן קארק, געהט אַרום לעדיג, און צו קיין גוטעם פיהרט עס ניט, און איהר וועט זיין איבערראשט, אז ער שטיצט מיין פּראָיעקט, און ער העלפט אַרוים די אָרעמע אינגלאך, זיי זאָלען קענען זיך קויפען א שטיקעל גע-צייג, און נאָכמעהר, די יוגענט קוקט טאַקע ניט אויף איהם, ווי אויף א גוטען אידען, אָבער, זי רעספּעקטירט איהם, און היט זיך אָפּ פון טהון זאכען, וואָס זאָלען איהם וועה טהון." — האָט בע-רעל איהם דערצעהלט.

— א היפּש ביסעל זאכען איז שוין אין קורילאָוועץ דער-גרייכט געוואָרען, — האָט יוחנן באמערקט: מען מעג שוין באלד מאכען שהחינו. . . נייע צייטען דערלעבט. אמאָל וואָלט א בעל מלאָכה באטראכט געוואָרען פאר א נידעריגען גראד. היינט איז דער זיידע אַליין שוין מסכים, אז אידען דארפען זיך לערנען א מלאָכה. ביי מיר איז רעכט, אז מיט דער צייט, וועט ער מסכים זיין צו שיבת ציון אויך, און וועט נאָך געבען געלט אויף ישוב ארץ ישראל. — האָט יוחנן געלאַכט, און ער האָט זיך שטאַרק געפרעהט פון די ענדערונגען, וואָס עס זיינען שוין פאָרגעקומען אין דעם שטעדטעל פון וואנעט ער איז ערשט מיט צוויי יאָהר צו-ריק געוועזען געצוואונגען צו אנטלויפען אין דער וועלט אריין.

— איך וואָלט דיך געראָטען נאָך א זאך, — האָט בערעל א

זאָג געגעבען, — איצטער, אז דו ביזט שוין דאָ, און דו ווייסט שוין, וועגען די אלע ענדערונגען אין שטעדטעל, און אין הויף, זאָלסטו אויך זיין ביי דעם זיידען. נאָכאַלעמען, איז ער אן אלטער און אַ קראַנקער מענש. האָסט איהם שטאַרק מצער געווען, דאַן, און עס האָט אויף איהם געמאַכט אַ גרויסען רושם, אָבער דאָס איז שוין אריבער. זיי ביי איהם, רעד זיך מיט איהם דורך. ער איז דאָך אַלעמאָל געווען זעהר קלוג, און איצטער, די אידישע צרות האָבען איהם שטאַרקע יסורים פארשאַפט. רעד זיך מיט איהם דורך וועגען דער אידישער לאגע, און זאָל ער זעהן, אז זיין אייניקעל איז ניט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט. זאָל ער זעהן, אַז דו ברענגסט טאַקע גרויסע נוצען די אידען אין מאָליוו. ער וועט דאָס קענען פארשטעהן. ער וועט דאָס אָפּשעצען אין דיר יוחנן, — האָט בערעל פארענדיגט.

נאָר יוחנן האָט דערפון ניט געוואָלט הערען, און ער האָט אַ זאָג געגעבען:

— אַז ער ווייסט ניט וואו איך בין, האָט ער זיך מייאש געווען פון מיר. אָבער ווען ער וועט זעהן, אַז איך בין צוריקגעקומען צו איהם, קען ער ווידער פאָדערען פון מיר, אז איך זאָל בלייבען אין הויף, און דאָס וועל איך שוין קיינמאָל מעהר ניט קענען פועל'ן ביי זיך. וועט עס אויסקומען נאָר אומזיסט איהם יסורים פאר־שאפען. בעסער איז, אז ער זאָל ניט וויסען וועגען מיר.

משה דער שווארצער איז אָנגעקומען, און זיי האָבען איבער־געהאַקט דאָס געשפּרעך.

— דאָס איז אַ חבר פון מאָליוו. ער זוכט אַ שטעלע אלס לעה־רער, משה, — האָט בערעל יוחנ'ן פאָרגעשטעלט פאר זיין חבר.

— אַ לעהרער אין מאָליוו, — האָט משה באמערקט: מאָליוו, דארף דאָך האָבען בעסערע מעגליכקייטען פאר אידישע לעהרער ווי קורילאָוועץ, — דאָס ווייסטו דאָך בעסער ווי איך, בערעל, — האָט משה איהם באמערקט, און זיך צולאַכט.

— איך ווייס טאַקע, האָט בערעל געשפּאַסט, אָבער דאָס שליסט דאָך ניט אויס דעם פאַקט, וואָס דער חבר זוכט אַ שטעלע. ער מעג דאָך זוכען!"

— איך האָב ניט דאגעגען, — האָט משה געענטפערט, — זאָל ער זוכען, אפשר וועט ער געפינען בעלנים."

דאָס געשפּרעך איז דערנאָך געוואָרען אַן אַלגעמיינעס. מען האָט גערעדט וועגען די אידען וואָס מען טרייבט פון די דערפער, און ווי אידען אין די שטעדטלאך זיינען אויך שוין מעהר ניט זיכער פון קיין אָנפאַלען, און פון קריסטליכע אומרוהען.

— וואָס הערט זיך אין מאָליוו? — האָט משה איבערגעפרעגט, און דער ענטפער איז געקומען אַז ווען דער האָהן קרעהעט, קרעהעט ער אומעטום גלייך. מאָליוו איז פונקט אַזוי אומרוהיג, ווי אַלע אנדערע אידישע ישובים.

— נו, וואָס זשע טהוט איהר דאָרטען כדי די לאַגע זאָל ניט ווערען ערגער? אויף וואָס וואַרט איהר? — האָט משה געפרעגט. נאָר בערעל איז איהם פאַרלאָפען דעם וועג:

— זיי רוהיג. הלואי האַלטען מיר שוין מיט קורילאָוועץ ווי מיט מאָליוו, — האָט בערעל זיך געפרעהט, און צוגעלעגט:

— איך האָב שוין פאַר דיר אַ פולען באַריכט וועגען דער לאַגע אין מאָליוו. עס וועט דיר שטאַרק הנאה טהאָן, ווען דו וועסט הע-רען, וואָס עס טהוט זיך דאָרטען."

שפּעט אין דער נאַכט זיינען אַלע דריי אַרויס פאַר אַ שפּאַציר איבער׳ן שטעדטעל, און בערעל האָט דערצעהלט, אַז דער גלח, וועלכער פלעגט זיך תמיד האַלטען זעהר פריינדליך מיט די מעהרס-טע אידען און דער עיקר, מיט׳ן הויף, האָט די לעצטע צייט אָנגעהויבען ארויסווייזען אָפענע שנאה צו די אידען, און אַז ער לעזט די אנטיסעמיטישע צייטונג, און אַז ער רעדט צו די פויערים זונטאָג אין קלויסטער וועגען די אידען. אַלס די קריסטוס-מער-דער, און אַז זיין מויל איז לעצטענס פול מיט גיפט. די אידען זיי-נען שטאַרק באַזאָרגט וועגען דעם.

בערעל האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל זיך זעהן מיט די בעלי מלאָכות פון קורילאָוועץ און זיי געבען צו פאַרשטעהן, אַז אין צייט פון אַ יאַריד זאָלען זיי זיין פאָרזיכטיג מיט די גויים זיך ניט פאַרטשעפּען, ניט געבען זיי קיין געלעגענהייט אָנצופאַלען, אָבער אין דער איינענער צייט, זאָל מען די בעלי מלאָכות געדענ-קען אַז דאָס צעך איז אַלעמאָל דער עלעמענט וואָס היט אָפּ דעם אידישען נאָמען און דעם אידישען כבוד, און אַז מען דאַרף אַמאָל אַ גוי אָנשרעקען, און אַמאָל טאַקע אפּרייסען פון אַ געשלעג, און

איהם געבען צו פיהלען, אַז אידען זיינען ניט הפקר, און אז מען קען געבען צוריק א קלאַפּ. . ."

— ווענען דעם דאַרף מען זיך ניט זאָרגען, — האָט משה גע-ענטפערט. — דאָס איז שוין געטהאָן געוואָרען. צו דעם קומענ-דיגען יאריד וועלען מיר זעהן, אז די קאָוואַליעס און די סטאָליא-רעס זאָלען אוועקשטעלען אן אייגענע וואַך, ארום אַלע פיר זיי-טען פון דער טאַראַוועצע, וואו דער יאריד קומט פאָר, און זיי וועלען שוין האלטען אַן אָפען אויג, אויף אַלעמען."

משה דער שווארצער האָט זיך אנטשולדיגט, ער דאַרף נאָך היינט אָפּטהאָן וויכטיגע ארבעט. ער האָט זיך צוזעגענט מיט יוחנן, ניט וויסענדיג ווער ער איז, נאָר ער האָט פארשטאַנען אז אויב בערעלע ווייזט יענעם ארוים אזוי פיל צוטרויען, איז דאָס אן

אייגענער מענש פון אנאנדער שטאָדט.

ווען בערעל איז געבליבען מיט יוחנן אליין, האָט יוחנן זיך איהם פארטרויעט, און אַ זאָג געגעבען:

— אויב איהר האָט ניט דאגעגען, זייט אזוי גוט, לאָמיר פאר-ביישפּאַצירען לעבען דעם זיידענ'ס הויף, איך וויל אַ קוק טהון כאָטש פון דערווייטענס אויף דעם מויער, וואו איך האָב פאר-בראַכט אזוי פיעל צייט, די גאַנצע יוגענד מיינע ליגט דאָך דאָר-טען פארמויערט אינעווייניג.

בערעל האָט איהם אָנגענומען פאר דער האַנט, זיך פארקירע-וועט צו דער אנדערער זייט רעכטס, וואו די מויער איז געלעגען.

עס איז געווען א טונקעלע נאַכט, סוף חודש, אָנהויב אָסיען. ארום דער מויער איז געלעגען אָנגעשאַרט א באַרג מיט געפאַלענע בלעטער, פון דעם סאָד און פון דעם גאַנעק ארום דעם הויף, זיי-נען געלעגען אָפּגעבראָכענע צווייגעלאַך, פון די דינע בוימלאַך, וואָס וואַקסען לעבען וואסער, און וועלכע ווערען באַנוצט אויף הושענות.

— אָפּגעשלאָגענע הושענה'ס. — האָט יוחנן פילאָזאָפירט. דאָס גאַנצע הויף, איצטער, קומט מיר אויך פאָר, אז עס האָט שוין אָפּגעלעבט זיין צייט. און אז איצטער, איז עס שוין אינגאַנצען אַן איבעריגע זאַך. דער זיידע אַליין, איז שוין, ווי איך פארשטעה ניט דער וואָס אמאָל. האָט זיך שוין פון א סך זאַכען מיאש געווען.

האָט שוין שלום געמאַכט מיט דער צייט, האָט צוטהיילט זיין מלוכה צווישען זיך מיט אנדערע, מעהר אויפגעקלעהרטע, און גיט שוין הסכמות, אז מען זאָל אידען לאָזען בילדען, לעהרנען זיי אַ מלאָכה.

ווער ווייסט, אפשר האָט מיין אַרויסטרעטען געגען דער קייט, געגען דעם יחוס עפּעס געהאָט צו טהון דערמיט. קען זיין, אַז איך האָב געגעבען דעם ערשטען שטויס אז עס זאָל זיך אָנהויבען צו רודערען, און דערנאָך איז שוין אַלעס געגאַנגען בארג ארונטער מיט דעם אימפּעט פון דעם ערשטען שטויס.

— אין הויף איז נאָך ליכטיג, — האָט יוחנן אַ זאָג געגעבען און אָנגעוויזען צו דעם פענסטערעל פון יענער זייט גאָרטען, אין דער רעכטער זייט, אָבער מעהר ווי אז עס איז ליכטיג, האָבען זיי ניט געקענט זעהן.

— יוחנן, איך רעכען, אַז דו זאָלסט אַריינגעהן און זעהן דיין זיידען. איך בין זיכער, אַז דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען. — האָט בערעל איהם א זאָג געגעבען.

— וואָס וועל איך איהם האָבען צו זאָגען? — האָט יוחנן אי-בערגעפרעגט, און בערעלען געגעבען צו פארשטעהן, — ווי געענ-דערט דער זיידע זאָל שוין היינט ניט זיין, איז ער נאָך אַלץ דער גוטער-איד, און פיהרט א מלוכה. ער איז געוואוינט, אז מען זאָל איהם פאָלגען, וואס וועל איך טהון, ווען ער וועט וועלען, אַז איך זאָל פארבלייבען אין הויף? עס קען איהם נאָך איינפאַלען, אַז איך בין צוריקגעקומען אויף צו פארבלייבען.“

— וועסטו איהם גלייך אין אָנהויב געבען צו פארשטעהן, אַז דו ביזט געקומען איהם נאָר געוואויר ווערען, זעהן, וואס ער מאַכט, ווי ער פיהלט, און וועסט איהם זאָגען, אז דו ביזט געקו-מען אַ שליח פון מאָליוו, טאקע וועגען די אידישע צרות, און אַז דו וועסט איהם געבען די זאַך צו פארשטעהן, אז דו טהוסט די איינענע ארבייט, ווי איך, דאָ אין קורילאָוויץ, וועט ער ווייסען, אז עס איז אן אָפּגעטהונענע זאַך, און וועט מיט דיר וועגען דעם הויף ניט רעדען — האָט בערעל מיט איהם איינגע׳טענה׳ט.

— און ווען יאָ? האָט יוחנן נאָך אַלץ אזוי גיך ניט געקענט ביי זיך באַשליסען, כאָטש טיף אין הארצען האָט איהם שטארק

ווּעה געטהון פאר דעם אלטען זיידען, זיינעם, וועלכער איז ארונ־טערגעפאלען פון דער גדולה, און האָט ביסלאכוויז געדארפט צו־זעהן אזוי פיעל ענדערונגען אין דעם אידישען לעבען, און אין דעם חסידישען הויף.

— אז איך זאָג דיר, אז דער אלטער וועט שוין מיט דיר ווע־גען הויף איינגאנצען ניט רעדען, — האָט בערעל איהם פארזיכערט, דערנאָך האָט ער צוגעלעגט:

— זיי ניט קיין עקשן, נאָכאלעמען האָבען אפילו רעוואָלוציאָ־נערען אין דער געשיכטע אויך פארקוקט א סך זאכען צוליב על־טערען און צוליב משפחה. פארוואָס זאָלסטו אוועקפאהרען פון קורילאָוועץ און ניט זעהן דעם זיידען? חוץ דעם, וואס ער איז א גוטער איד, איז ער דאָך דיר אַ זיידע! אויב דו קענסט איהם צו־טהיילען כבוד, פארוואס זאָלסטו דאס ניט טהון?

— ווייל איך וויים ניט, אויב ער וועט דאס באטראכטען פאַר אַ כבוד. קען גאר זיין, אז דאָס זאָל איהם פארשאפען נאָך מעהר עגמת נפש, און דאָס וויל איך זיכער ניט". — האָט יוחנן גע׳־טענה׳ט.

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, יוחנן, — האָט בערעל א זאָג געגעבען, — איך וועל אריינגעהן צו דעם רבי׳ן, איך בין ביי איהם א בן בית, און איך קום זעהר אָפט צו איהם אין די שפעטע שטונדען פון דער נאכט, ווייל איך וויל אויך ניט, אז מען זאָל מיך דאָ צו אָפט זעהן, —וועל איך איהם דערצעהלען, אז דו קומסט, און וועל איהם אפילו זאגען וועגען וואס דו קומסט, און איך וועל שוין אלצדינג איינאָרדנען, אזוי, אז דו זאָלסט קענען זיין רוהיג.

— גוט, — האָט יוחנן א צופרידענער געענטפערט, — געה אריין, און איך וועל דאָ אויסוואַרטען אויף דיר, אָבער זיי פאָרזיכ־טיג, ווי דו רעדסט מיט איהם.

— האָסט ניט וואָס צו שרעקען זיך. איך בין מיט איהם גוטע פריינד. ער רעדט מיט מיר זעהר גערן, און איך וויים ווי אָנצו־געהן מיט איהם, — האָט בערעל איהם דערקלעהרט.

אין עטליכע מינוטען ארום איז שוין בערעל געווען ביי דעם קורילאָוועצער אין הויף. דער אלטער איז געזעסען, אונטערגע־

שפּארט מיט אן עלענבויגען אויפ׳ן טיש און מיט דער האנט זיך געקרייזעלט די באָרד, וועלכע איז נאָך געווען זעהר גלאַט און שעהן, אָבער שוין איננאנצען א געזילבערטע. דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט גרויס צער און יסורים, און בערעל איז געשטאַנען לעבען טיש, אביסעל אָנגעבויגען צו איהם אבער מיט גרויס דרך ארץ, און האָט געשוויגען.

— אַז דו, בערעלע, ביזט געקומען אין הויף אריין, אין אזא שפּעטער שעה, איז מן הסתם ניט אומזיסט. וואס זשע האָט דיך געבראכט צו מיר, בערעלע, דערצעהל. איך האָף, אַז חלילה ניט קיין פריש אומגליק אויף אידען?, — האָט דער רבי גערעדט צו איהם אין א פארטרויענס ווערטען טאָן, ווי מען רעדט מיט זעהר א נאָהענטען מענשען.

— ניין, רבי, — האָט בערעל געענטפערט — קיין פריש אומגליק ניט, נאָר די אלטע צרות.

— דהיינו? — האָט דער רבי אויפגעשטעלט מויל און אויערען, און אַרויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס, און איז שטיל געבליבען.

— דער רבי האָט מיר געגעבען געלט צו פאָהרען קיין מאָליוו און אויסגעפינען, וואָס עס קומט פאָר לעבען דער בעסאראביער גרענעץ, אָבער היינט האָב איך געהאט א גאסט. דאָ איז געקומען איינער פון זייערע שלוחים, וואָס מאָליוו האָט צו אונז געשיקט ער זאָל אויסגעפינען, ווי עס האלט מיט די אידען דאָ, און אויב מיר דארפען אן עצה, אָדער מענשען, וואס זאָלען אונז באשיצען אין אן אומגליקספאל, זיינען זיי גרייט.״

— זעהר שעהן פון מאָליווער יונגעליט, — האָט דער רבי א שמייכעל געטהון, און צוגעלעגט: — גאָט צו דאנקען, וואָס כאָטש אין אן עת צרה, פאראייניגען זיך אידען, און זיינען מוכן ומזומן צו העלפען איינער דעם אנדערען. — האָט דער רבי ווייטער גערעדט — מאָליוו, געווען אמאָל א צייט, וואָס גאנץ מאָליוו פלעג זיך קומען פראווען צו מיר, נאָר דאָס איז געווען שוין לאנג צוריק, נאָך איידער דער מאָליווער רב איז אנגעקומען אהין. זינט דאן האב איך ביסלעכוויז פארלוירען מיינע חסידים דארטען. מאָליוו איז א כרך מיט א סך אידען, כן ירבו, אבער זעהר ווינציג חסידים, — האָט דער רבי אָפּגעזיפצט.

— רבי ,איהר וועט מיר מוחל זיין, — האָט בערעלע זיך איינגעשטעלט און האָט א זאָג געגעבען צו דעם אלטען — בעסער זאָלען זיין א סך אידען, און ווינציג חסידים, איידער חס ושלום, א סך חסידים, און זעהר ווינציג אידען.

— גערעכט, ביי מיין וואָרט, — האָט דער רבי זיך א קנייטש געטהון, עס איז קענטיג, אז עס טהוט איהם וועה צו הערען אזעלכע ווערטער, אבער ער האָט זיך געשטאַרקט, און צוגעגעבען:

—יאָ, לאָמיר צוקומען צו דעם ענין, בערעלע. עס ווערט דאָך שפּעט.

— עס איז געקומען צו מיר דער יונגערמאַן, וועלכער פיהרט אָן מיט דער גאנצער ארבייט אין מאָליוו. ער טהוט דאָרטען דאָס אייגענע, וואָס איך טהו אין אייער שטאָדט. ער לערנט מיט דער אידישער יוגענט, און ער גרייט זיי צו, אז טאָמער חלילה די שעה זאָל ניט זיין, און דער שונא וועט אָנפאלען, זאָל מען זיין גרייט, דעם שונא צו פארטרייבען.

— קענסטו דעם יונגענמאַן, בערעלע, ווייסטו כאָטש, אויב מען קען זיך פאַרלאָזען אויף איהם, — האָט דער רבי איבערגעפרעגט, און ניט ארונטערגענומען די אויגען פון בערעלען.

— יאָ, רבי, איהר מעגט זיין זיכער, אז מיר קענען דעם יונגענמאַן, און אז מען מעג זיך אויף איהם פארלאָזען. ער איז אַן אמת׳ער, וואוילער, ערליכער איד.

— קען איך דעם יונגענמאַן ? — האָט דער רבי איבערגעפרעגט, און ער האָט ווייטער גערעדט — איך האָב אמאָל געקענט גאַנץ מאָליוו. זיינע עלטערען האָב איך אוודאי געקענט, ווייל אמאָל פלעגען אפילו די אידישע אַריסטאָקראַטען פון מאָליוו אויך קומען צו מיר.

— יאָ, איהר קענט איהם רבי, זעהר גוט. יעדענפאלס, האָט איהר איהם אמאָל זעהר גוט געקענט. — האָט בערעלע פערענדיגט.

— וואַרוואָס זשע האָסטו איהם ניט געבראַכט צו מיר? און אז מען גלויבט ניט אין א גוטען אידען, מעג מען דאָך אויך אריינקומען זיך באַקענען ? — האָט דער רבי א געערגערטער באמערקט.

— דעריבער, רבי, בין איך טאַקע אייך געקומען זעהן איצ־טער. — האָט בערעל איהם אַ זאָג געגעבען. — דער יונגערמאַן וויל זעהר שטארק אייך קומען זעהן. בין איך אייך געקומען צו־גרייטען וועגען איהם.

— וואָס דאַרפסטו מיך עפּעס צוגרייטען? דו ווייסט אַז מיין טהיר איז אָן אָפענע פאַר אָרעם און רייך גלייך. צו מיר קען מען אריינקומען, ווען עס איז נויטיג, און מען דאַרף ניט זיין אָנגע־צויגען. איך האָב עס קיינמאָל ניט ליב געהאַט.

בערעל איז געבליבען זיצען אין אַ פאַרלעגענהייט, ער האָט ניט געהאַט די נויטיגע ווערטער ווי אַזוי אָנצוזאָגען דעם אַלטען די נייעס. אַז זיין אייניקעל, יוחנן, איז דאָ אין קורילאָוועץ, און וויל אריינקומען זיך זעהן מיט איהם.

— איך ווייס שוין, בערעלע, איך פאַרשטעה. — ער האָט פאַרביסען אַ ליפּ, זיין פּנים האָט זיך פאַרקרומט, דערנאָך האָט ער אַ זאָג געגעבען.

— מן הסתם איז עס גאָט'ס רצון, — קען זיין, אַז דאָס אַלעס איז געווען מן השמים. ער האָט זיך געדאַרפט אָפּרייסען, כדי ער זאָל פאַרהיטען אידען פון אַ גרויס אומגליק. גוט. זאָג יוחנ'ן, אַז איך וואַרט אויף איהם, ער זאָל גלייך אריינקומען. — האָט דער אַלטער כמעט מיט טרעהרען פאַרענדיגט.

— רבי, איך האָב דאָך אייך ניט געזאָגט, ווער דאָס איז, — איז בערעל איבערראַשט געוואָרען וואָס דער אַלטער האָט זיך אַליין געכאַפּט ווער עס קען זיין דער מאַליוועך שליח וועגען די אידישע צרות.

— וואָס איז דער חילוק, בערעלע, — האָט דער רבי זיך באַ־מיהעט צו בלייבען קאַלט און רוהיג.

— געה ברייננ איהם אריין, און זעה, אַז קיינער זאָל אייך ניט באַמערקען.

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, און האָט גענומען שפּאַנען איבער דעם צימער מיט גרויס צער.

אין עטליכע מינוט שפּעטער, איז יוחנן געפאַלען דעם אַלטען אויפ'ן האַלדז, און געוויינט ווי אַ קליין קינד:

— „איך ווייס, איך האָב דיך מצער געווען, זיידעניו, נאָר עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין."

— דו ביזט דאָך ניט געקומען צו מיר זיך פארענטפערען. כאָטש חרטה איז קיינמאָל ניט שפעט. איצטער איז אָבער ניט די צייט צו רעדען וועגען דעם. אַלע אידען זיינען אין א צרה, און הלוואי וואָלט איך נאָר געוואוסט וואָס איך אליין קען טהון צו פארהיטען אידען פון א צרה, אן אומגליק, וואָלט איך אליין אויך געלאָפען אין דער וועלט אריין. — האָט דער רבי גערעדט, און מען האָט געפיהלט אז דאָס אומגליק פון אלע אידען אין רוס־לאנד ליגט אויף איהם ווי א שווערע משא.

אַ שטיקעל צייט זיינען אַלע דריי געזעסען און געשוויגען, ביז דער רבי האָט איבערגעבראָכען די שטילקייט.

— וואָס הערט זיך מיט מאָליוו? — האָט דער רבי אַ פרעג געגעבען ביי יוחנן, און איז געבליבען זיצען מיט אן אָפען מויל, ווי ער וואָלט געווארט אויף אן ענטפער.

— מאָליוו גרייט זיך צו אַ פאַרטהיידיגונג. מיר זיינען אין גרויס געפאהר, ווייל מיר זיינען אַ פּאָר שפּאַן פון דער בעסאראביער גרענעץ, און דער שונא דאָרטען, איז א גיפטיגער. ווי א בייזע שלאנג. מען וועט סוף כל סוף מוזען דערלאנגען דער שלאנג אי־בער'ן קאָפּ. — האָט יוחנן דערצעהלט, און איז געזעסען און בא־וואונדערט דעם אלטען, וואָס האָט לכתחלה ניט געזוכט צו פאר־ציהען אויף זייטיגע שמועסען, נאָר איז באלד צוגעגאנגען גלייך צו דעם דאָזיגען ענין, וואס איז געווען באמת אַ גרויס אומגליק איבער דעם אידישען קאָפּ.

— ווער פיהרט אָן מיט דער ארבייט, — האָט דער רבי אַ פרעג געטהון, און געגעבען איהם צו פארשטעהן — דאָס איז דאָך אן ארבייט פון טכסיסי מלחמה, אַ קליינינקייט, זיך פארטשעפּען מיט די בעסאראביער וואלאכען, איך קען זיי. איך בין געווען אין דער וואָלאַכיי. זיי זיינען ביטערע יונגען.

— יאָ, — האָט יוחנן גע'טענה'ט, — אָבער, אז אַ אידישער בחור ווייסט, אַז זיינע טאַטע מאַמע זיינען אין געפאהר, מסירת נפש, סכנת נפשות, וועט ער ניט ווארטען, ביז דער וואָלאַך וועט שוין אפּטהון זיין מיאוסע רציחה'דיגע ארבייט. מען וועט שטעהן

ביי דעם גרענעץ און פארהיטען. מען וועט זעהן, ווער עס געהט אריבער דעם פאראם, וואוהין ער געהט, און מיט וועמען ער טרעפט זיך. מען דארף היטען. עס איז א וואך! — האט איהם יוחנן געגעבען צו פארשטעהן, אז ער איז אנטשוויגען געווארען.

— גוט, מיין קינד, איך פארשטעה. עס איז גאט'ס רצון. טהו, און זאל גאט זיין מיט דיר. דו ווייסט דאך ווי מען זאגט, פונקט ווי מען דארף דאנקען גאט פאר גוטעס, אזוי דארף מען דאס שלעכטע אויך אננעהמען פאר ליעב. מן הסתם וויל גאט אזוי. קיין זאך טהוט זיך דאך ניט אהן זיין השגחה.

דער אלטער האט זיך גענומען צו דער קאסע:

— איך וועל דיר מיטגעבען אביסעל געלט. דו וועסט זיך צוזאמען רעדען מיט בערעלען .ער איז א ליטישער יונגערמאן, און איך גלויב איהם. און האב צו איהם צוטרויען. — האט דער אלטער באמערקט, און בערעלען א גלעט געטהון איבער דער פלייצע, און דערמיט ארויסגעוויזען זיין ליבשאפט פאר איהם. — וואס בערעלע וועט דיר הייסען, זאלסטו איינקויפען, און דו זאלסט אריבערשיקען צו מיר אין הויף אריין. פארשטעהסט. יוחנן, קינד מיינס. אין הויף וועט אלץ זיין זיכער. מען זאל ניט באדארפען.

יוחנן און בערעל האבען זיך איבערגעקוקט מיט דעם אלטען אויף שטום-לשון, און עס איז מעהר ניט נויטיג געווען צו רעדען וועגען דער גאנצער זאך. אלץ איז געווען קלאהר און פארשטענדליך.

דערנאך האט דער רבי א זאג געגעבען צו יוחנן:

— אין מאליוו איז דא א רב. מען רופט איהם טאקע דער מאליווער רב. קיין חסיד מיינער איז ער ניט, נאר איהם מעגסטו זאגען, ווער דו ביזט. ער איז אן איידעלער מענש, און מען קען זיך פארלאזען אויף איהם. — האט דער רבי געגעבען יוחנן די זאך צו פארשטעהן.

— זיידע. דארטען איז מיין אכסניה פון דעם ערשטען טאג, וואס איך בין אנגעקומען קיין מאליוו. — האט יוחנן איהם זיך פארטרויעט.

— גאט פיהרט די וועלט. זעה נאר אן השגחה. מיר איז איינ-

געפאלען שוין היינט צוויי זאכען, וואָס איך האָב זיי ריכטיג גע-זעהן און געטראָפען. א פּנים, אז איך ווער שוין טאקע ריכטיג אלט. איך ווער א זעהער. קינדער — האָט דער אלטער גערעדט צו זיי ווי זיי וואלטען געווען זיין גלייכען. די ראיה ווערט מיר טונקעלער. דערפאר אָבער, האָט דער מח, אויף דער עלטער אָנ-געהויבען ארבייטען ביי מיר און איך זעה זאכען, און אפשר ווייזט מען מיר זאכען, פון הימעל. קינדער. דער הימעל איז ניט פּוסט.

— מיר ווילען איצטער ניט רעדען וועגען דעם, רבי — האָט בערעלע א זאָג געגעבען, און האָט געוואָלט אוועקפיהרען פון דעם שמועס.

— ניט אלעם ווייסט א מענש וואָס ער זעהט. אמאָל ווייזט מען איינעם מן השמים, נאָר ער ווייסט ניט וואָס מען ווייזט איהם, פארלירט ער די געלעגענהייט צו זעהן, און מענשען קענען דורך איהם ניט געהאָלפען ווערען. דאנקען גאָט, פאר די חסדים, וואס ער טהוט מיט מיר אויף דער עלטער. — דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו יוחנן, און איהם א זאָג געגעבען:

— מיין קינד, דו האָסט א גרויסע זכיה, וואָס גאנץ מאָליוו האָט זיך דיר אָנפארטרויעט, און גלויבט אין דיר. זיי זשע וויסען, אז עס איז ניט ווינציגער אחריות צו זיין א פיהרער צווישען זעכ-ציג יוגענטליכע ווי צו פּראווען א גאנצע וועלט, אדרבה, אמאָל איז גרינגער צו פיהר׳ען טויזענטער ווי צעהנדליגע. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, געדענק, דו ביזט א טווערסקי. דו קומסט פון גדולי הדור, איז אויב עס איז שוין באשערט געווען, אַז דו זאָלסט זיך יאָ אָפּרייסען פון דער גאָלדענע קייט. וואָלט איך כאָטש גע-וואָלט, אַז אין די קומענדיגע דורות זאָלען אידען דערמאָנען דיין נאָמען מיט אַ ברכה אויף די ליפּען.״

— זיידע. איך גיב דיר מיין עהר׳ענוואָרט, אז איך וועל פיה-ר׳ען אידען נאָר אין יענע דרכים, וואָס זאָל זיי בריינגען טרייסט און האָפנונג אין זייער פינסטער לעבען אין גלות, ווען אבער, איך וועל זעהן, אז דער וועג איז ניט קיין ריכטיגער, וועל איך אליין אָפּנויגען פון איהם, און איך וועל ניט דערלאָזען, אַז מיינע אי-דישע ברידער זאָלען געשטרויכעלט ווערען. — האָט יוחנן איהם פארזיכערט.

— וועסט בלייבען מיט מיר אין הויף, — האָט דער אלטער איהם אַ זאָג געגעבען, און בערעל האָט פארשטאַנען דעם וואונק, האָט ער אויסגעשטרעקט צו יוחנן זיין האנט און אַ זאָג געגעבען:

— איך בין זעהר צופרידען ,וואָס איך האָב דיך איבערגערעדט — און דו ביזט געקומען זעהן דיין זיידען. איצטער וועל איך געהן אהיים, און מיר וועלען זיך זעהן מאָרגען, יוחנן.״

— זאָלסט זיין געבענשט, בערעלע, — האָט דער רבי זיך גע-וועגדעט צו בערעלען, און האָט איהם געפּענט די טיר אין גאָר-טען אריין, איהם אַרויסגעלאָזט דורך אַ וועג, וואָס איז געווען אָפען, נאָר פאר אייגענע מענשען, אַז מען זאָל זיי אין הויף ניט באַמערקען.

ווען יוחנן און דער רבי זיינען געבליבען אליין, איז דער רבי צוגעגאַנגען צו איהם אַרויפגעלעגט זיין האנט אויף יוחנן׳ם אקסעל און האָט אָפּגעזיפצט:

— יוחנן, איך בין אויף דיר מעהר ניט ברוגז. דורך דער צייט ,וואָס דו ביזט ניט געווען, דורך די צוויי יאָהר זיינען דאָ פאָרגעקומען אַזעלכע ענדערונגען, וואָס אפילו איך האָב געמוזט מסכים זיין, אַז עס איז גאָט׳ס רצון. דאָס אידישע לעבען איז ניט מעהר דאָס וואָס עס איז געווען אין די צייטען פון מיינע אָבות אבותינו, מען קען מעהר ניט צוזעהן וועלכע צרות און פרעניות׳ן עס גיסען זיך איבער אידישע קעפּ. עס איז מעהר ניט קיין צייט פון שווייגען. עס איז צייט עפּעס צו טהון. און יוחנן, גיב אַ טראַכט, אפשר האָט דיר גאָט צוריקגעשיקט אַהער, כדי דו זאָלסט ווערען דאָ דער פיהרער אין דער אייגענער שטאָדט, וואו עס האָ-בען פריהער דאָ געקעניגט דיינע עלטערען און עלטער-עלטער-עלטערען אויף דער מלוכה-שטוהל פון דער גוט אידענשאַפט? און איצטער, ווען עס קומט די ענדערונג, מען טרייבט אידען פון די דערפער, מען רודפט אידען אומעטום, אין רוסלאַנד, ווי אין דער בעסאַראביע, און אין אויסלאַנד איז אויך ניט פרעהליכער, ווייל דאָס בייזע פייער פון שנאה צו אידען, צושפרייט זיך אויף די פליגעל פון שטורם ווינט, און אידען האָבען ניט קיין גואל און קיין פריינד. זיי דארפען אליין זעהן וואָס זיי האָבען צו טהון. יוחנן, גיב אַ טראַכט, אפשר טאָרסטו איצטער פון דאנעט מעהר ניט אוועקפאהרען, ווייל נאכדעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען אויף

די לעצטע פּאָר יארידים זיינען מיר אידען דאָ מעהר ניט זיכער, אַז ביי דעם קומענדיגען יאריד זאָל דאָ ניט פּאַרקומען א פרישע בלוט-באָד? וואָס זאָגסטו, יוחנן?

מיט אן ארונטערגעבויגענעם קאָפּ, איז יוחנן געזעסען, עס האָט אין איהם געציטערט יעדעס אבר, ווייל אין די ווערטער פון דעם אלטען, צווישען די טונקעלע שאָטענס פון דער נאכט אין אזא שפּעטער שעה, האָט ער געפיהלט א מין רעזיגנאציע פון דעם אל-טען.

עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, ווי דער אלטער וואָלט ממש איהם געגעבען צו פארשטעהען, אַז ער פיהלט, אַז זיין שעה האָט געשלאָגען. דאָס הויף האָט פארלוירען די ממשלה, עס קען מעהר ניט טאָן פאר אידען, דאָס וואס עס איז געווען בכח צו טהון מיט יאָהרען צוריק.

— זיידע, — האָט יוחנן אויסגערופען, און איז אויפגעשפּרונ-גען פון אָרט, — צו באגרייפסטו, וואָס דו פּאָדערסט איצט פון מיר? — און ער האָט איהם געגעבען צו פארשטעהן:

— דאָרטען אין מאָליוו האָב איך צוגעגרייט אַ אידישע יו-גענט. זעכציג אידישע יונגעלייט און יונגע פרויען, וועלכע האָבען שוין אין זיך דאָס באוואוסטזיין, אַז עס קומען שווערע, ביטערע צייטען פאר אידען, און מען דארף זיך גרייטען, אַז אין פאַל דער שונא וועט אויף זיי אָנפאַלען, זאָלען זיי וויזען ווידערשטאנד, זיך שטעלען אנטקעגען, פארטהיידיגען דעם אידישען נאָמען. זיי, די זעכציג, וואַרטען אויף מיר און ווען איך זאָל זיך ניט אומקעה-רען, דאן זיינען זיי ווי פארלוירען, זיי נויטיגען זיך אין אַ פיה-רער. היינט ווי קען איך זיך דערלויבען, איצט, אין אזא קריטישען מאָמענט, זיי איבערלאָזען, און בלייבען דאָ צוריק אין דיין הויף?״

— עס האנדעלט זיך מעהר ניט אין דעם הויף, יוחנן, — האָט דער רבי שמערציליך אויסגערופען: — עס האנדעלט זיך וועגען אַלע אידען אין דעם שטעדטעל, וועלכע שלאָפען ניט דורך די נעכט, זיינען באַזאָרגט וועגען דעם קומענדיגען טאָג, ווייל זיי ווייסען ניט וואָס ער וועט ברייננגען. דו פארשטעהסט, יוחנן?

— הער אויס, זיידע — האָט יוחנן א זאָג געגעבען, — איצ-טער בלייבען, איז מיר ניט מעגליך, איך מוז מאָרגען פאָהרען צו-

ריק, אָבער איך זאָג דיר צו, אַז גאָר אינגיכען וועל איך צוריק-קומען, וועל מיט זיך מיטברייינגען אייניגע פון מיינע תלמידים, קינדער פון די פארמעגליכע, וועלכע איך וועל איבער טראַנספּע-רירען, צו אייך אין קורילאָוועץ, זיי וועלען שטעהן הינטער בע-רעלע׳ם אויפזיכט. זיי וועלען שטעהן אויף דער וואך, וועלען טהון די נויטיגע ארבייט.״

— טו זאָג זשע מיר, וואָס דו האָסט בדעה צו טהון, יוחנן, — האָט דער אלטער געענטפערט, און עס איז קענטיג געווען, אז ער איז גרייט איינצוזוגעהן אויף אלע פשרות, אבי צו פארהיטען דאָס שטעדטעל פון די דראָהענדיגע געפאהרען.

— איך וועל באַזאָרגען די נויטיגע מכשירים, וואָס מען דאַרף האָבען אין פאַל פון אַן אומגליק, דאָס איז די ערשטע זאך. דאן וועל איך אויסקלייבען מיינע פארטרויענסווערטע תלמידים, און זיי וועלען זיך באקענען מיט דער לאַגע, וועלען ארומקוקען דאָס שטעדטעל, און אויפ׳ן יאריד. וועלען זיי זיך צושטעלען אויף די נויטיגע ערטער. זיי וועלען זיין די שומרים, און וועלען אלעמאָל זיין גרייט צו גיבען די סיגנאַלען, און די היגע יוגענט, בערעלע׳ם תלמידים, וועלען שוין מיט זיי זיך קענען פארשטענדיגען אויפ׳ן וואונק. — דערנאָך האָט יוחנן צוגעלעגט:

— זיי רוהיג, זיידע, דו וועסט זעהן, אז מיט דיין שטילער הסכמה, — דער אלטער האָט איהם איבערגעשלאָגען — און מיט גאָט׳ס הילף, יוחנן.

— און מיט גאָט׳ס הילף, ווי דו זאָגסט, וועלען מיר ראטעווען די אידען פון דער געפאהר. אבער איין זאך, זיידע, וויל איך ביי דיר פועל׳ן: דאָס שטעדטעל קורילאָוועץ ווייסט ניט, אז איך בין דאָ געווען, און דאָס הויף אפילו, ווייסט ניט. דאן וועלען מיר האָ-בען אַ מעגליכקייט ניט צו זיין געשטערט.

— איין מענש וועט מוזען וויסען, — האָט דער אלטער איהם פארטרויעט, און איז שטיל געבליבען, און ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ, געבויגען צו דער ערד.

— איך ווייס ווער דו מיינסט, זיידע. געוויס מיינסטו ניט קיין אַנדערען ווי סידאָר, דער שבת-גוי.״

— זיין נאָמען איז ניט סידאָר, יוחנן, — האָט דער רבי באַ-

מערקט, און יוחנן איז ווידער איבערראשט געוואָרען. ער איז געזעסען און געקוקט אויף דעם אלטען ניט געוואוסט וואָס ער האָט דאָ צו דערוואַרטען.

— איך וועל דיר מגלה זיין א סוד. — האָט דער אלטער א זאָג געטהון: סידאָר אָט דער פּשוטער גוי, איז געוועזן פון די חסידי אומות העולם, ווער ווייסט, אויב אין זיינע אָדערען, האָט נאָך מיט דורות פריהער ניט געפליסט קיין אידיש בלוט און אפשר אין אַ פריהערדיגען דור, האָט די אָרעמע, עלענדע נשמה ניט אומגעבלאָנדזשעט אויפ׳ן עולם התוהו, אָבער, איך האָב איהם איינמאָל באמערקט, ווי דער ערל איז אריין אין השתפכות הנפש פאר מיר, דוקא דאן, ווען איך האָב געמיינט, אז ער ווייסט גאָרניט, האָב איך זיך דאן אָנגעהויבען צוקוקען צו איהם. דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך, — האָט דער אלטער אַ זאָג געגעבען, און יוחנן, איז אויפגעשטאנען פון זיין אָרט, איז צוגעלאָפען צו דער רבנות-שטוהל, אויף וועלכער דער אלטער איז איצט געזעסען, און ער האָט אויסגערופען:

— דערצעהל, זיידע, טייערער, דאָס איז עפּעס אויסערגעוועהנליך, נו, דערצעהל! און דער אלטער האָט אָנגעהויבען:

— פריהער וויל איך דיר דערצעהלען, אַז עס איז אין חסידות קיין נייעס ניט, אַז פארבלאנדזעטע נשמות פון די חסידי אומות העולם זאלען האבען תיקון אין א גוט-אידישען הויף.

ביי דעם בעל שם, ווי עס איז באוואוסט, איז געוועזן אן אלעקסע. האָסטו דאָך מן הסתם געהערט פון אלעקסען, הא, יוחנן !״

— יאָ, זיידע, געוויס ווייס איך פון אלעקסען. . . — האָט יוחנן געענטפערט, און איבער דעם אלטענ׳ס פנים האָט זיך פארצויגען א מיסטעריעזער וואָלקען, ווי ער וואָלט איצטער געווען איינגעוויקעלט אין א זייל פון רויך.

דער אלטער האָט זיך געהייסען דערלאנגען זיין ליולקע, אַ זאַך, וואָס ער האָט נאָר געטהון אין יענעם מאָמענט, ווען ער איז אריינגעפאלען אין התגלות, ווען ער האָט געהאט צו אנטפּלעקען און צו דערקלעהרען עפּעס אן אויסטערלישע זאך פאר יחידי סגולה.. . .

די ליולקע האָט יוחנן געפונען אויף דעם אייגענעם אָרט, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזען דאָס לעצטע מאָל א טאָג איידער ער האָט פארלאָזען דאָס הויף.

— איצט, הער, וועל איך דיר דערציילען פארוואָס אויף סידאָר'ן קען מען זיך פארלאָזען אפילו ביז מסירת נפש. — האָט דער אַלטער אָנגעהויבען דערציילען:

— איך בין איינמאָל ווינטער געוועז אויף צו חצות. סידאָר איז אויף זיין שטייגער געקומען איינהייצען אין דער הרובע, בלייבענדיג אין מיין חדר עטליכע מינוט האָב איך דערהערט, אז עפּעס רודערט זיך אין דעם ווינקעל, וואו ער איז געזעסען, און איך האָב זיך גענומען צוקוקען, און האָב געזעהן, ווי ער זיצט איבער א תהלים'ל. און פרעפּעלט מיט די ליפען, אומפארשטענדליכע ווערטער, איז מיר עפּעס אויפגעפאלען אז עס איז ניט גלאט.

אַז ער רעדט אידיש, ווייסטו דאָך, האָב איך איהם אַ פרעג געגעבען:

— סידאָר, וואָס טהוסטו?

— איך דאַווען, — ענטפערט ער מיר, איך וויל ווערען א איד, ווי אלע אידען.

— אָבער סידאָר, פארוואס עפּעס פּלוצלינג? דו האָסט דיין גלויבען, זאָל יעדער איינער געהן מיט זיין גאָט און זיין גלויבען. — האָב איך איהם געגעבען צו פארשטעהן, נאָר דאָ האָט זיך סידאָר גענומען צו זיינע קעשענעס און האָט מיר באַוויזען אַ בריעף אין וועלכען עס איז געווען געשריבען דאָס פאָלגענדע:

— זיי וויסען, מיין קינד, אַז דו שטאַמסט פון אידען. דיין מאמע איז געווען אַ כשר'ע אידישע טאָכטער, נאָר איינמאָל ווען היידאמאקעס זיינען באפאלען דאָס שטעדטעל, איז זי פארגוואלטיגט געוואָרען פון איינעם פון די קאָזאקען, און זי איז געשטאָרבען אין קימפּעט, און דו ביזט אויפגעצויגען געוואָרען אלס א קריסט, אין אַ גואישען דאָרף. אָבער עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט אויפגעריכט ווערען. דו וועסט ארבייטען צווישען אידען, און מען וועט דיר העלפען אז דיין נשמה זאָל געלייטערט ווערען, וועסטו דאן דינען דעם אידישען גאָט און דו וועסט הייליגען זיין נאָמען.

אונטערגעשריבען אויף דעם דאָזיגען כתב איז געווען דער רב פון דעם אָרט, וואו די מעשה איז געשעהן.

איך האָב ביי סידאָר'ן צוגענומען דאן דאָס בריוועל, און האָב איהם געהייסען קומען צו מיר אַלע נאַכט נאָך חצות, ווען אַלע שלאָפען, און איך האָב איהם אליין גענומען לערנען אידישע דינים, און האָב איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל פון היינט אָן און ווייטער מעהר ניט מחלל שבת זיין, נאָר אז ער זאָל אריינגעהמען א שייגע-צעל, וואָס זאָל זיין דער שבת גוי, און סידאָר האָט מיט מיר דורכ-געמאַכט די טבילה. ער האָט זיך שוין מיט אַ צייט צוריק מגייר געווען אין מאַליוו, אָבער עס איז א סוד. דער מאַליוווער רב ווייסט אז עס איז אַ סוד, און אַ סמן אַז ער איז עס קיינעם ניט מגלה, איז, וואָס כאָטש דו ביזט ביי איהם א בן-בית, האָט ער עס אפילו דיר ניט געזאגט, אבער זינט סידאָר האָט זיך מגייר געווען, איז ער תמיד גרייט אויף סכנת נפשות און אויף מסירת נפש. ער איז מיין מתן-בסתר'ניק. אויב איך דאַרף ערגעץ אַ וויכטיגע שליחות, קען איך זיך אָפּט אויף מיינע אייגענע גבאים ניט פאַר-לאָזען, ווען איך וויל אַז דאָס זאָל בלייבען אַ סוד, אָבער אויף סידאָר'ן מעג מען זיך פארלאָזען, ער איז מיין באַגלויבטער קנעכט.

צייטענווייז טראַכט איך, אז ער האָט אין זיך דעם כח פון דעם מה"רל'ס גולם, און גאָט האָט איהם צוגעשיקט צו מיר, כדי, אז אין די איצטיגע שווערע, ביטערע צייטען ווען אויף אידען לויערט א גרויסע געפאהר, זאָל ער אונז קומען צו הילף.

קומט זונטאג, פוצט ער זיך אויס אין זיינע אמאָליגע גויאישע מלבושים, הענגט זיך אָן דאָס צלמ'ל אויפ'ן האלז, גארטעלט ארום די סמעריעגנע מיט א רויטען גארטעל, און ער געהט אַוועק אין קלויסטער, נאָר ווען עס קומט זונטאג נאָך האלבע נאַכט קומט ער צוגעהן, און הייצט איין מיין הרובע, און דאָס האַלץ צופּלאַ-קערט זיך, ווען איך האָב שוין אָפּגעזאָגט חצות, טהוט ער אויס די שיך, בלייבט אין טלית-קטן, און הויבט אָן ריכטען חצות, און ווען איך הער איהם קלאָגען אויפ'ן אידישען ביטער מזל, דערפיהל איך, אז דאָס קלאָגט א פארוואָגעלטע נשמה, וואָס מיינט, אז זי איז נאָך אַלץ ניט גענוג אָפּגעקומען פאַר איהרע עלטערנ'ס זינד.

פון איהם, דורך זיין מויל ווער איך געוואויר וואָס די אידישע שונאים, די גלחים, און די לעהרער רעדען אין קלויסטער, וואָס זיי פּלאַנעווען אין זייערע פינסטערע מוחות, און פאר'ן לעצטען

יאריד איז ער געפאלען אויף אַ נייעם איינפאַל, וואָס דו וועסט גאָרניט גלויבען — האָט דער רבי זיך צושטראַהלט מיט אַ פרייד, און ער האָט ווייטער דערצעהלט, און יוחנן איז געזעסען און האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, און ער האָט זיך זיינע אויערען ניט געגלויבט:

— עס איז געוואָרען אַ סומאַטאָכע, יארידניקעס זיינען באַ־פאלען געוואָרען פון אַ מחנה רוסישע קאַצאַפּעס, און מען האָט זיי געשלאָגען מכת-רצח. מיטאַמאָל איך זעה ,סידאָר פיהרט מיר אריין דעם אוריאדניק, צו מיר אין מיין פּראַווע-שטיבעל אין מיט'ן יאריד, און זאָגט מיר אויף זיין לשון, געמישט גויאיש מיט אידיש:

— הייליגער ראבין, דאָס איז מיין אוריאַדניק, הייס גלייך שטעלען וויין, און בענשט איהם. . . שנעל, די מינוט."

— בין איך צוגעלאָפען צו מיין שאַפע, און האָב גראָד געפו־נען אַ פּאָר-פלעשער וויין מן המבחר, און האָב אליין זיך גענומען אַ קליין גלעזעלע, כדי דער ערל זאָל מיך ניט חושד זיין, אַז איך וויל איהם עפּעס חלילה אָפּטהאָן, וויל זיי ווייסען דאָך, אז ווען זיי ריהרען אָן דעם וויין, איז ער שוין נסך, און מיר טאָרען איהם ניט טרינקען און דערנאָך, האָט סידאָר אויסגעטרונקען אַ פולע גלאָז וויין, איידער דער אוריאדניק האָט עס אָנגעריהרט, דאָ האָב איך געזעהן, ווי סידאָר, דער גר-צדק פארלירט זיך ניט. . .

— איצט טרינק דו מיט אונז, גרויסער האר, — האָט סידאָר ארומגענומען דעם אוריאדניק, און איהם אָנגעגאָסען אַ פולע גלאָז פון דעם אייגענעם ווימעראָזיג, וויין איבערגעפּרויען אין דעם וויג־טערדיגען פראָסט, און וואָס ווען מען טרינקט אוים נאָר איין גלאָז קען מען איינשלאָפען און פארשיכורט ווערען כאָטש אויף צוועלף שעה. . .

— דער אוריאדניק, אַ מענשעלע מיט אַ שווער קעפּעל, איז גע־וואָרען באגייסטערט פון דער שעהנער אויפנאמע, וואָס איך האָב איהם געגעבען אין הויף, אויף דער אימפּראָוויזאיצע פון סידאָר'ן, און איידער מיר האָבען אויסגעטרונקען אונזער ביסעל וויין, האָט דער אוריאדניק זיך צוגעכאַפּט צו דעם וויין, אז ער האָט ניט אויפגעהערט צו גיסען אין זיך, ביז ער איז געפאלען פון די פים.

— איצטער האָב איך דערזעהן סידאָר'ס כח און איינפלוס, וואָס ער האָט געהאט אויף דעם אוריאדניק:

— טייערער פריצ'ל, — האָט איהם סידאָר אַ זאָג געטהאָן, און איהם ארומגענומען, נאָכדעם, ווי ער האָט פארענדיגט זיין אייגענעם וויין, ווייל ער האָט געפיהלט, אז ער געהט דאָ מאכען אַ פארצווייפעלטען שריט, און ווען סידאָר האָט אויסגעליידיגט זיין אייגענעם וויין, האָט ער אַ זאָג געגעבען צו דעם אוריאדניק:

— און איצט וועלען מיר ביידע אויסטרינקען — לחיים — פאר דעם הייליגען ראבין, — דער אוריאדניק האָט געכאפט זיין גלאָז וויין, נאָר ער איז שוין געווען טויט שיכור.

און ווען דער אוריאדניק איז אוועקגעפאלען שיכור, האָט סי-דאָר צו מיר אַ וואונק געטוהן און אַ זאָג געגעבען:

— זאָל דער ראַבין ארויסגעהן. . .

— איך האָב איהם געפאָלגט, און בין אַרויס אין אַ צווייטען חדר. . .

— אין פינף מינוטען ארום איז דער אוריאדניק געלעגען בא-זויפען און געשלאָפען אין מיין חדר מיוחד. און סידאָר האָט זיך אָנגעטהאָן אין דעם אוריאדניק'ס יוגיפאָרם, איז ארומגעגאנגען אויפ'ן יאריד, און וואו ער האָט געטראָפען אַ שיכור'ן קאצאפ האָט ער איהם געהייסען איינשפארען, און די סאָצקעס און דע-סיאטניקעס האָבען געפאָלגט דעם אוריאדניק, און אלע שלעגער זיינען בארוהיגט געוואָרען, ער האָט זיי געשלאָגען, גע'ממית'ט. ער האָט מקדש השם געווען, און אזוי שעהן, ווי אפילו דעם מה"רל'ס גולם וואָלט עס בעסער ניט געקענט מאכען — און ער האָט אָפּגעראטעוועט דאָס שטעדטעל פון אַ פאָגראָם, און קורילאָ-וועץ האָט זיך געפרעהט:

— „מיר האָבען אונזער אוריאדניק צו פארדאנקען, ווייל ער האָט געראטעוועט דאָס שטעדטעל און אונז אלעמען פארהיט פון אַ בלוט-באָד."

ווען דער רבי האָט פארענדיגט, איז יוחנן אויפגעשטאנען, און האָט אַ זאָג געגעבען צו זיין זיידען:

— אויב אזוי, וועסטו זיין אזוי גוט, און אריינרופען סידאָר'ן

צו מיר, איך מוז זיך זעהן מיט איהם איצטער, איידער איך פאָהר צוריק קיין מאָליוו. . .

— מען דארף איהם ניט רופען, — האָט דער רבי זיך צו-שטראהלט, און צוגעלעגט: — עס איז שוין באלד חצות, און ער וועט אליין קומען ווייל ער לאָזט מיך קיינמאָל ניט אליין. ער קומט אפילו אין די זומער-נעכט, ווען מען דארף קיין פייער ניט מאכען, אָבער דאָס פייער אין דער הרובע, איז ביי איהם דער קרבן תודה, און אזוי לאנג, ווי איך לעב און ריכט אָפּ חצות, קומט ער און צינט אָן א פייערעל, ווייל דאָס איז זיין וועג, צוליב ליבען גאָט אינאיינעם מיט מיר אין איין געצעלט — האָט דער אלטער פארענדיגט.

אויף די ווערטער איז אריינגעקומען סידאָר.

יוחנן האָט זיך געוויזען אזוי רוהיג, ווי ווייט עס איז איהם נאָר מעגליך געווען, און ער האָט איהם אויסגעשטרעקט א האנט, און איהם א זאָג געגעבען:

— שלום עליכם, רב, סענדער, וואָס מאכט איהר, וואָס הערט זיך אין קורילאָוועץ?

סידאָר האָט זיך צושמייכעלט, ווי אן אמת'ער חסיד, און האָט זיך צוזינגען:

— מען טרינקט בראָנפען און מען הוליעט, — און מען געהט א קאראהאָד.

— מען טרינקט בראָנפען ,און מען הוליעט.

— און מען געהט א קאראהאָד! ! !

יוחנן האָט פארשטאָנען דעם וואונק וועגען דעם בראָנפען און ער האָט זיך אָנגערופען:

— און וואָס נאָך, רב, סענדער?״

פונקט ווי סידאָר וואָלט געווען זיכער, אז דער אלטער האָט

יוחנ'ן איבערגעגעבען אלץ וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זיך צע-זונגען.

מען שיכור'ט אָן
דעם אוריאדניק,
און אידען זיינען
גערעטעוועט . . ."

„זיידע, דו וועסט זאָגען סענדער'ן, אז ער פאָהרט מיט מיר קיין מאָליוו, וויל ער דארף צוריקברייינגען א נייעם אוריאדניק..." — האָט יוחנן א זאָג געגעבען צו דעם אלטען.

דער אלטער האָט גאָרניט געענטפערט, ער האָט נאָר אַ קוק געגעבען אויף סידאָר'ן, און ער האָט א שמייכעל געטהאָן און גע-ענטפערט אויף ריינעם העברעאיש:

— שמעתי!"

יוחנן האָט דערפיהלט, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אן אמת'ער דינאמישער קראפט, א פארבאָרגענער כח, וועלכער לאָזט זיך ניט דערקלעהרען, אָבער וועלכער איז גרייט אז אין יעדער עת-צרה אויף אידען, זאָל ער, סענדער, אויסשטעלען און אונטער-שטעלען א פלייצע, און ראטעווען אידען פון אן אומגליק.

דערנאָך האָט זיך סידאָר צוזונגען:

— הנני מוכן ומזומן,
— הנני מוכן ומזומן,
— הנני מוכן ומזומן,
— הנני מוכן ומזומן ! ! !"

— כמה שכתוב בתורה,
— הנני מוכן ומזומן ! ! !"

סידאָר איז אריין אין אזא געטליכער התלהבות, און יוחנן

און דער רבי האָבען זיך דורכגעוואָרפען מיט בליקען, און זיינען ביידע איבערראַשט געוואָרען, און האָבען ניט געהאַט קיין ווער-טער מיט וואָס צו דערקלעהרען, וואָס דאָ איז איצטער פאָרגע-קומען, און דערנאָך האָט דער אַלטער אַ זאָג געגעבען:

— יוחנן, עס קען זיין, אז ער האָט דערפיהלט, אַז איצטער איז די צייט, און אז ער איז מוכן ומזומן. מקדש השם צו זיין. נאָכאַלעמען לעבט דער מענש שוין באַלד איבער אַ יאָהר אַ באַ-וואוסטזיניג לעבען, און ער איז גרייט יעדע מינוט צו באַצאָהלען מיט זיין לעבען.״

סידאָר איז געשטאַנען, ניט גערעדט מעהר קיין וואָרט, ביז דער רבי האָט איהם אַ וואונק געגעבען, אַז ער מעג שוין געהן, איז ער ארויסגעגאַנגען שטיל ווי אַ שאָטען מעהר ניט אפילו קיין פינטעל געטהאָן מיט קיין אויג.

אויף מאָרגען איז יוחנן אריבערגעגאַנגען צו בערלען און זיי האָבען זיך פאַרשפאַרט אין אַ באַזונדער צימער, האָבען ארומגע-רעדט און אויסגעפּלאַנעוועט די גאַנצע זאַך.

עס איז געבליבען אז יוחנן קעהרט זיך צוריק אום קיין מאָ-ליוו, און אז פון דאָרטען וועט ער פאר קורילאָוועץ באזאָרגען אַלץ וואָס ער וועט געפינען פאר נויטיג, און אז ער וועט עס צוריק-שיקען מיט סידאָר׳ן, ווען עס איז אָנפאַרטרויעט געוואָרען דער גאַנצער סוד, און וועלכער וועט אויף זיך ניט ציהען דעם מינדעס-טען פאַרדאַכט.

פאַרנאַכט ווען דער קלאַס איז זיך צוזאַמענגעקומען צו בערע-לען האָט בערעל פאָרגעשטעלט יוחנן אַלס דער מאָליווער לעהרער, וועלכער פיהרט אויך אָן אַזאַ שולע אין זיין שטאָדט. און די קינ-דער אין דעם קלאַס האָבען איהם אויפגענומען זעהר וואַרעם, און יוחנן האָט זיי דערצעהלט, אז ער האָט פון זייער לעהרער, פון בערלען שוין געהערט וועגען זיי, און אַז ער איז איבערגעבליבען, ווייל ער האָט זיי געבראַכט אַ גערוס פון זיין אייגענעם קלאַס אין מאָליוו.

דערנאָך האָט ער זיי דערצעהלט, אַז מאָליוו געפינט זיך לעבען דער גרענעץ פון דער בעסאַראַביע פון וואַנעט עס צושפּרייט זיך די נעץ פון גיפט און האַס צו אידען דורך דער אנטיסעמיטישער

פרעסע, וועלכע דרוקט זיך אין בעסאראביע, און אז אויך מאָליוו פיהלט, אז עס דערוואַרטעט זי א גרויסע געפאהר, און דעריבער גרייט זיך די אידישע יוגענט אין זיינע קלאסען צו דער פארטהיידיגונג און אַז זיי זיינען אַלע גרייט אויף יעדען נויטיגען קרבן.

דערנאָך האָט יוחנן אויסגערופען צו דעם קלאַס:

— „איך מוז זיך אומקעהרען צוריק קיין מאָליוו, און איידער איך פאָהר אַוועק, וויל איך צוריק ברייגנען צו מיין קלאַס א גערוס פון אייך און איך וויל וויסען, אויב אייער שטעדטעל קען זיך אויף אייך פארלאָזען, אז אין פאַל פון אַן איבערפאַל פון די פּויערים, זייט איהר אויך גרייט ווי מיר, אין אונזער שטאָדט זיך צו שטעלען אנטקעגען און זיך פארטהיידיגען.״

דער גאנצער קלאַס ווי איינער, האָט אויסגעשריען:

— מיר זיינען גרייט!״

— זייט איהר גרייט צו געבען אַ שבועה? — האָט יוחנן אי־בערגעפרעגט, און עס איז ווידער געקומען אַן אנטשלאָסענער ענט־פער:

— מיר זיינען גרייט צו שווערען!״

— „אויב אַזוי קען איך אַוועקפאָהרען רוהיג און צופרידען!״ האָט יוחנן א זאָג געגעבען — מיין מיסיע ביי אייך איז איצטער פאַרענדיגט. אייער לעהרער וועט האָבען אַלע נויטיגע אינסטרוק־ציעס, און ער וועט אייך צוגרייטען צו דער נויטיגער ארבייט. איין זאַך מוזט איהר אַלע געדיינקען: די זאַך טאָר ניט אַרויסגעטראָגען ווערען פון דאנעט. עס מוז בלייבען אַ הייליגער סוד.״

דערנאָך האָט ער יעדען תלמיד אויסגעשטרעקט זיין האנט, זי ווארעם געדריקט, און בערעל איז אַרויסגעגאנגען איהם באַגליי־טען, ביז אַרוים פון שטאָדט.

חוץ משה דעם שווארצען, און זיין זיידע אין הויף, און דעם זיידענס פארטרויענסווערטער באַדינער, סידאָר, האָט קיינער אין קורילאָוועץ ניט געוואוסט, ווען יוחנן איז געקומען און ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען צוריק קיין מאָליוו.

ביי דעם מאָליווער רב אין הויז איז געווען אַ גרויסע שמחה, ווען יוחנן איז צוריקגעקומען. דער רב מיט דער רביצין האָבען

געשטראהלט פאר גרויס פרייד, ווען יוחנן איז אריינגעקומען. ער איז געווען אינגאנצען א פארענדערטער צום בעסערען. פריהער איז ער ארומגעגאנגען אַ פארוואָלקענטער ווי מיט א נעבעל איינ-געהילט, קענטיג אַז עס פלעגט איהם באַאומרוהיגען דער געדאַנק, אַז ער דרעהט זיך דאָ ארום און ווייסט ניט, וואָס עס קומט פאָר אין זיין געבורטס שטעדטעל, וואו עס זיינען פאָרגעקומען אַ פּאָר אומ-רוהיגע יארידים מיט אָנפאַלען אויף אידען. און גלייך ביי זיין צו-ריקקומען, האָט ער זיך געוויזען א סך רוהיגער. עס איז קענטיג געווען אויף זיין פנים, אַז ער האָט מיט זיין באַזוך אין קורילאָ-וועץ אויפגעטהאָן זעהר אַ סך.

ווען בתיה האָט איהם דערזעהן, האָט זי אויסגעשריען פאר פרייד, און איז צוגעפאלען צו איהם און איהם געדריקט ביידע הענט, און איהר פנים האָט זיך גערויטעלט, אויף אַ שטילען באַ-שיידענעם אופן האָט זי אויסגעדריקט איהר גרויס צופרידענהייט, וואָס ער איז שוין דאָ צוריק.

— מיר האָבען שוין אַלע געביינקט נאָך דיר. — האָט דער מאַליוועער רב איהם דערצעהלט, און איז ניט אָפּגעטראָטען פון איהם ווי פון אן אייגענעם זוהן, וועמען ער האָט שוין עטליכע טעג ניט געזעהן.

איבערפולט פון פרייד פון אלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין קורילאָוועץ אויף זיין באזוך האָט יוחנן אַ באַגייסטערטער דערצעהלט פון די ענדערונגען, וועלכע זיינען אין פארלויף פון די פּאָר יאָהר פאָרגעקומען אין דעם קורילאָוועצער הויף.

— דער זיידע האָט זיך אזוי שטאַרק געענדערט. — האָט יוחנן אָנגעהויבען, ווען ער איז געבליבען מיט דעם רב און מיט בתיה'ן אַליין, אויף דער נאַכט נאָך וועטשערע — און ער האָט זיי אי-בערגעגעבען דעם איינדרוק פון די ענדערונגען אין דעם הויף און אין דעם קליינעם שטעדטעל קורילאָוועץ:

— איידער איך בין אוועקגעפאָהרען פון קורילאָוועץ האָב איך מעהר ווי אַ הויף ניט געזעהן. דאָס הויף איז געווען ארומגעמוי-ערט און פאַרצאַמט מיט אייזערנע גראַטעס, און ווען צו מיר האָ-בען זיך שוין געהאט פארקליבען ספיקות וועגען בלייבען אין הויף, און איבערנעהמען די שטוהל פון דער גוט-אידענשאַפט, פלעגט מיר דאָס הויף דערשיינען ווי אַ געפענגעניש פון וועלכען עס איז

שווער זיך אַרויסצורייסען. דעריבער האָב איך דאַן אזוי שטאַרק רעוואָלטירט, און האָב זיך אָפּגעריסען.

— „ביי מיר איז דאַן אויך געווען זיכער, אַז איבער דעם גאַנ־צען שטעדטעל רעגירט דאָס הויף, און אַז חוץ דעם זיידען האָט קיינער גאָרניט וואָס צו זאָגען, וועגען די הנהגות, די אויפפיה־רונגען פון די מענשען אין דעם שטעדטעל, און דאָס האָט מיך שטאַרק באאומרוהיגט. דעריבער האָב איך ניט געזעהן קיין אנדער וועג פאַר זיך ווי נאָר צו אנטלויפען פון קורילאָוועץ, כדי ניט דאַרפען אייביג ווערען פאַרפאָלגט און געטאַדעלט פאַר מיינע נייע וועגען, וועלכע זיי זיינען אפילו מיר אליין, דאַן נאָך ניט געווען קלאָהר. איך זעה איצטער, אז איך אַליין, האָב דאַן אויך געבלאָנ־דזשעט. איך בין געשטאַנען דאָרטען וואו די וועגען צושיידען זיך, ניט געוואוסט וואוהין זיך צו קעהרען, אבער איין זאך האָב איך געוואוסט, און דאָס איז, אז פון קורילאָוועץ מוז איך זיך אָפּ־רייסען, איך מוז אַוועק פון דאָרטען, כדי איך זאָל זיך קענען אָפּ־געבען אַ חשבון הנפש, זיך צוזאמענגעהמען און זעהן, וואָס פאַר אַ וועג איך קען זיך אויסקלייבען.“

— איצטער זעה איך, אז עס איז דאָ אַן השגחה, אַ באַשטימ־טע, פאַרבאָרגענע העכערע קראַפט, וועלכע פיהרט דעם מענשען, אויף די וועגען, וועלכע זיינען פאַר איהם באשטימט פון יענער פאַרבאָרגענער קראַפט. — האָט יוחנן פאַרטגעזעצט. — זאכען האָ־בען זיך זינט יענער צייט געביטען אַזוי ראַשיג, מיט אַזאַ אימפעט, אַז קיין מענשליכע האַנט, ווי קלוג ער זאָל ניט זיין, וואָלט עס אַזוי ניט געקענט קירעווען, אָבער זיי זיינען געענדערט געוואָרען אַזוי ווי די צייט פאָדערט.“

בתיה און דער רב זיינען געזעסען און האָבען זיך איינגע־הערט מיט גרויס נייגעריגקייט צו יוחנן׳ס רייד און ער האָט ווייט־טער געערדט:

— זינט איך האָב געמאַכט דעם ערשטען ריס מיט דעם הויף האָט זיך דאָרט אַלצדינג געביטען און מיין זיידע האָט שוין שלום געמאַכט מיט אַ סך זאכען. עס איז ניט דאָס הויף, ניטאָ מעהר יענע שטרענגע וואַך. אפילו דער מויער זעהט אויס, האָט זיך צועפענט און ארונטערגעוואָרפען פון זיך דאָס אויסזעהן פון אַ תפיסה. די מענשען אין שטעדטעל זיינען שוין אַזוי ניט

אַנגעווייזען מיט זייער לאַנגע נאָר אויף דעם הויף. אויך אין קו-רילאָוועץ בלאָזען שוין נייע ווינטען. מענשען דיינקען מיט דעם אייגענעם מח. זיי פארלאָזען זיך ניט מעהר נאָר אויף דעם בטחון אין גאָט און אין דעם רבי׳ן. זיי נעמען שוין זייער שיקזאל אין די אייגענע הענט.״

— „ווי וואונדערליך!״ האָט דער רב אויסגערופען, און ער האָט צוגעלעגט:

— נאָכאלעמען איז דער אַלטער אַלע מאָל געווען אַ גרויסער חכם. ער פאַרשטעהט זעהר גוט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. דעריבער פארשטעה איך, אַז ער ווייסט וואָס עס קומט פאָר.

— ער לעזט די צייטונגען, און ער איז שטאַרק געוואָרען פאַר-אינטערעסירט אין דער אידישער נויט, און ער זעהט שוין איין, אַז מען מוז צולאָזען דעם דרויסענדיגען איינפלוס פון דער השכלה און איהר וועט זיין איבערראשט צו הערען, אַז ער איז ארומגע-רינגעלט מיט אַ נייעם מין חסידים. דאָס זיינען מעהרסטענס יונגע לייט, וועלכע זיינען מעהר גענייגט צום פאָלקס מענש וועלכער שטעלט זיך אנטקעגען יעדער צוואנג און גוואלד, וועלכע האָבען אַ לייען קרייז, פונקט ווי מיר דאָ. דער נאָהענטער מענש צו דעם הויף, איז אַ יונגערמאַן, אַן איינבינדער׳ס אַ זוהן, אַ, לעהרער וועלכער איז אַ זעלטענער מענש, ניט קיין חסיד, נאָר איינער, וועלכער שעצט אָפּ דעם רבינ׳ס שטאנד. ער ווייסט אז עס איז צו שפּעט איבערצוענדערען דעם רבי׳ן אליין, אָבער ער נוצט זיין איינפלוס, ארויסצוקריגען פון דעם רבי׳ן הסכמות אויף אַזעלכע זאכען, וואָס אָהן דעם רבינ׳ס צושטימען דערצו, וואָלט אין שטעדטעל גענדראפט אָנגעפיהרט ווערען אייביגע מחלוקת, און שטענדיגע מלחמות צווישען די בעלי בתים.

— „אַ סמן פון דער צייט. — האָט דער רב אויסגערופען. — ווען דיין זיידע, אַ גוטער איד, קען זיך שוין צוהערען צו די דרוי-סענדיגע איינפלוסען פון דער וועלט, איז שוין טאקע משיח׳ס ציי-טען.״

יוחנן האָט ווייטער דערצעהלט:

— דער דאָזיגער יונגערמאַן איז געווען דער ערשטער צו ווע-מען איך בין אריינגעפאַלען, כאָטש איך האָב ניט געהאט קיין

מינדעסטען באַגריף וואָס מיט איהם טהוט זיך, און וואָס איך קען פון איהם אויסגעפונען און איצט וועט איהר פארשטעהן, פארוואָס איך זאָג, אַז איך גלויב, אַז עס מוז זיין עפּעס אַן השגחה, וועלכע קירעוועט אונזערע וועגען.

— „דער יונגערמאַן איז דער יעניגער, וועלכער קירעוועט דאָס גאַנצע רעדעל, רודערט דאָס שטעדטעל, פיהרט אָן מיט די קלאַסען מיט דעם לייען קרייז, און ער איז דער יעניגער וועלכער האָט באַוואויגען דעם רבי'ן צו געבען זיין הסכמה אויף אַלע נויטיגע אַרבייטען פאר דער יוגענט און ער האָט באאיינפלוסט דעם רבי'ן, אַז ער זאָל געבען הסכמה און אויך די פאָנדען פאר געציייג פון די שילער אין דער פאַך-שולע, אַז אידישע יונגע לייט זאָלען האָבען אַ פאַך און קענען פאַרדינען זייערע לעבענס מיטלען.״

— און ווי אזוי האָט דער זיידע דיך אויפגענומען? — האָט דער רב אַ פרעג געגעבען נייגעריג.

— ווי קיין זאַך וואָלט ניט פאסירט. — האָט יוחנן געענטפערט, און צוגעלעגט:

— נאַטירליך, האָט עס איהם געקאָסט געגוג געזונט. דאָס דאַרף מען אליין זיך משער זיין, אָבער ער האָט ניט גערעדט וועגען יענער פאסירונג. ער האָט אָנגעהויבען פון די נייע געשעהעגישען ניט די פערזענליכע, נאָר וועגען צרות רבים האָט ער גערעדט, און ער האָט זיך שטאַרק מצער געווען, וואָס עס קומען אַזעלכע ביטערע צייטען פאר אַלע אידען אין רוסלאַנד.״

— אויב אַזוי, יוחנן. — האָט דער רב אַ זאָג געגעבען, — האָסטו מיט דיין אַוועקרייסען זיך פון דער קייט אַ סך אויפגעטהאָן, און עס דאַרף דיר ניט באַנג טהאָן. און איך וועל דיר זאָגען דעם אמת. — האָט דער רב צוגעלעגט: אין מיינע יונגע יאָהרען בין איך געווען זיינער אַ כנגד, און איך האָב עס איהם געמאכט פיהלען, ווען ער פלעג קומען קיין מאָליוו. — יוחנן האָט איהם איבערגעשלאָגען, און געענטפערט:

— יאָ. איך וויים עס, ווייל ער האָט גערעדט וועגען דעם.״

— אַזאַ זכרון האָט דער אַלטער! — האָט דער רב אויסגערופען, — דאָס איז דאָך געוועזען נאָך אין מיין יוגענט!״

— יאָ. ער האָט עס אַליין דערצעהלט, מיט אַ פּאָר טעג צוריק.״

— „וואָס עפּעס פּלוצלינג?״ — האָט דער רב זיך געוואונ-דערט, און האָט איבערגעפרעגט.

— ער האָט מיר דערצעהלט אז אין מאָליוו איז דאָ א רב, וואָס ער דיינקט, אַז איך האָב זיך גערארפּט מיט איהם באַקענען, האָב איך איהם דערצעהלט, אַז איך שטעה איין ביי דעם מאָליווער רב, איז ער געוועזן שטאַרק צופרידען, און מיר דערצעהלט, אַז גראָד קענען איהם איז דער מאָליווער רב געוועזן אַ כנגד, אבער דערפאר האָט ער צו איהם גארניט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער מאָליווער רב איז אַן עהרליכער און לייטישער מענש, און עס מעג פּאַסירען, אַז א איד זאָל ניט גלויבען אין אַ רבי׳ן, און זאָל פּאָרט זיין אַן עהרליכער און אַ לייטישער מענש.״

— „דאָס אַליין באַווייזט, אַז דו האָסט זעהר אַ לייטישען מענשען פאַר אַ זיידען, און איך רעכען, אַז מען דאַרף זיך פּאָה-רען ריכטיג באַקענען מיט איהם. — האָט דער מאָליווער רב צו-געלעגט:

— „איך וועל זיין זעהר צופרידען. — האָט יוחנן זיך דער-פרעהט. — איהר וועט איהם אמת מחיה זיין.״

— זאָל זיין, אַז ער איז ניט דער געטליכער מענש, וואָס זיינע געשוואוירענע חסידים דענקען, אַז ער איז, — האָט דער מאָליווער רב א זאָג געגעבען, — אָבער אַ העכערער און שעהנערער מענש פון דעם געוועהנטליכען שטערבליכען איז ער געווים. ער איז קודם אַ מענש מיט אַ סך דערפאַהרונג, ווייל עס קומט דאָך צו איהם אַ וועלט מיט איהרע פּודען מיט משאות, בערג מיט צרות, און גיסען פאַר איהם אוים זייער שווער, ביטער האַרץ, און פּאַר-טרויען זיך פאַר איהם און האַלטען זיך מיט איהם עצות. איז ווי זאָגט דאָס ווערטעל ביי אידען: אין חכם כבעל הנסיון. ניטאָ קיין קלוגערער ווי דער געפּרואווטער. ער איז אויסגעפּרובירט געוואָ-רען.

קודם האָט ער צער גידול בנים. עס איז איהם קיין נחת אין זיינע קינדער ניט באַשערט געווען. זיי זיינען ניט געגאַנגען אין די דרכים, ווי ער האָט געוואָלט. דערצו קומט איהם אוים צו לע-בען אין אַן אויסערגעוועהנטליכער צייט. איצט איז אַ צייט, ווען אַלע אַלטע יסודות ווערען צוטרייסעלט. עס קומט אָן אַ נייע צייט אויף דער וועלט. דאָס אַלטע האַלט ביי דעם פארשווינדען, און

עס מוז געמאכט ווערען פלאַץ פאַר דאס נייע. אמאָל איז געווען געווען צו קעמפען מיט דעם כח פון א קמעה, אָבער היינט העלפט ניט דאָס אָפּשפּרעכען פון א גוט אויג. היינט אַז אַ מענש ווערט קראַנק, רופט מען אַ דאָקטאָר, און ווען דער דאָקטאָר העלפט ניט, רופט מען אַ פּראָפעסאָר, און גוטע אידען זיינען גע־ווען גוט פאר דער צייט, ווען מענשען האָבען געגלויבט אין נסים, אָבער אז קיין נסים פּאַסירען ניט, און פּאַר מענשען וואָס גלויבען ניט אין נסים, איז היינט שווער צו זיין אַ גוטער איד — ווי צו גלויבען אין א גוטען אידען. — האָט דער מאָליווער פאַרענדיגט.

— דער זיידע פאַרשטעהט דאָס זעהר גוט, פונקט ווי איהר און איך — האָט יוחנן באמערקט, — ווייל ער האָט מיט מיר אליין גערעדט וועגען דעם.

— זעהר בראוו. וואונדערליך — האָט דער רב איבערראַשט, צוגעלעגט. — איך זאָג דיר, אַז ער מוז באמת זיין אַ גרויסער מענש. —

— ער איז אַ טראַגישע פיגור אין אידישען לעבען, — האָט יוחנן געענטפערט, און עס איז מיר פאר איהם אַ גרויסער צער, און איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך פיהל, אַז עס וואָלט גע־ווען אַ יושר, ווען איך קעהר זיך אום צוריק אין קורילאָוועץ, און בין לעבען איהם, ווייל ער אַליין איז ניט בכח מעהר אָנצופיהרען מיט דער גאַנצער מלוכה אין הויף.״

— וואָס זשע האָסטו בדעה צו טהאָן? — האָט דער רב אי־בערראשט ווערענדיג אַ פרעג געגעבען.

— איך וואָלט ליקווידירט דאָס הויף און דעם זיידען אוועק־געשיקט אין אויסלאַנד. — האָט יוחנן געענטפערט.

— ביזטו זיכער, אַז ער וואָלט געפאָהרען? — האָט דער רב איבערגעפרעגט.

— מיר ווייזט זיך אוים, אַז איך און בערעלע וואָלטען ביי איהם געפועלט. — האָט יוחנ׳ן געענטפערט, און ער האָט איהם באוויזען א פּלאַן:

— דער זיידע איז צו אַלט, צו פיהרען אַ מלוכה. עס זיינען אָבער דאָ קינדער פון אַ ברודער זיינעם, און אַן אײדעם, וואָס

וואָלטען זיך מעהר צוגעפּאסט צו דעם גייסט פון דער צייט. ווען דער זיידע זאָל איבער פאָהרען פון קורילאָוועץ, וואָלט ער אינגאַנצען פריי געוואָרען פון דעם שווערען יאָך וואָס עס ליגט אויף איהם. די קינדער און אייניקלאך פון דעם ברודער זיינעם וואָלטען זיך מעהר צוגעפּאסט צו דער איצטיגער צייט. און מיט דעם כח פון זכות אבות, ווייל זיי זיינען גוטע אידען, און גלויבען אין דעם, און ווילען אַז אידען זאָלען אין זיי גלויבען. שוין דערפאר אַליין, וואָלט געווען גלייכער פאר זיי און פאר די אידען אין די ארומיגע שטעטלאך. . . אָבער מען דאַרף דאָס איינאָרדנען פאר זיי, ווייל זיי אַליין וועלען דאָס ניט טהאָן, כל זמן דער זיידע וועט בלייבען אין קורילאָוועץ.״

— און וואָס וועט ווערען מיט בתיה׳ן״ האָט דער רב איבערגעפרעגט, און באלד באמערקט: — פארשטעה מיך, יוחנן. קודם בין איך אַ טאטע, — נאָר יוחנן האָט איהם ניט געלאָזען רעדען, און ער האָט אָנגעהויבען: —

— דאָס איז געווען פון אייער זייט אינגאנצען איבעריג צו פרעגען, ווייל בתיה ווייסט, וואס זי איז צו מיר. בתיה׳ס לעבען איז אָנגעקנופּט אין מיין לעבען. און איך האָב זיך געהייליגט צו איהר. עס איז נאָר אַ פראַגע, אויב מיר זאָלען זיך פארבינדען גלייך. ניט קוקענדיג אויף די אלע טרויעריגע פאסירונגען אין אידישען לעבען, וואָס קענען אונז צושיידען אָהן אַ ווארנונג, ווייל ווען מען וועט געוואוירע ווערען, ווער עס פיהרט אָן די ארבייט דאָ אין מאָליוו, וועל איך מוזען עוקר זיין, און אָפּטרעטען פונדאַנען. און דאַן קען בתיה בלייבען אַן עגונה. און דערצו וועל איך קיינמאָל נישט צושטימען.״

— דערפאר דארפסטו זיך ניט זאָרגען, — האָט דער רב באַמערקט. קודם וועלען מיר פרעגען ביי בתיה׳ן, און הערען, וואָס זי אַליין האָט צו זאָגען.״

עס איז געבליבען אַזוי, און פּונקט אויף די רייד איז בתיה אריינגעקומען, און געבראַכט טיי.

— איהר זיצט שוין דאָ ביידע אַזוי לאַנג, און איהר סוד׳ט זיך, אַז מיר איז שוין אומעטיג געוואָרען ביי זיך אין צימער, האָב איך אַ טראַכט געטהאָן, אַז איך וועל האָבען אַ גוטען אויסרייד, און וועל אריינברייגען טיי, וועל איך איבערשלאָגען,

און אַליין קענען אויך אַריינקומען, און הערען, ווען איהר פּלאַ-נעוועט דאָ צו פאַרקויפען אין אייער פאַרשווערונג.

— שעהנע פאַרשווערער. די אמת'ע אידישע גזלנים, — האָט דער מאַליוועד רב זיך געוואָרטעלט. — דער מאַליוועד רב, און דאָס קורילאָוועצער איינקעל".

— ווער, ווער — האָט בתיה אַ זאָג געטהאָן, און זיך צושמיי-כעלט מיט אַזוי פיל חן, אַז איהר פּנים האָט זיך צושטראַהלט ווי אַ ליכטיגע זון אין אַ העלען זומער-טאָג — איך קען אייך, אידישע גזלנים. הלואי וואָלטען ביי אידען געווען אַ סך אַזעלכע גזלנים, ווי איהר זייט, וואָלט שוין קיין דאגה ניט געווען, ווער עס וועט זיך אָננעמען די אידישע קריוודעס און דער וועלט'ס קריוודעס. אָבער לאָמיר שוין הערען, ווען זייט איהר דאָס היינט געגאַנגען פאַרקויפען, וואָס איך האָב זיך אַזוי געשראָקען דערפאַר, און בין געקומען אייך איבערשלאָגען. —

— מיר זיינען געגאַנגען דיך, בתיה'לע פאַרקויפען, און דו ביזט אָנגעקומען אויף די רייד, — האָט דער פאָטער אַ זאָג געגע-בען אין אַן ערנסטען טאָן.

— צו שפּעט, טאַטע, — האָט בתיה געשמייכעלט, און איז צוגעקומען נעהענטער, און גענומען אריינוואַרפען דעם צוקער אין יוחנן'ס טיי. און האָט אָנגעוויזען אויף איהם. —

— איך בין שוין פאַרקויפט אויף אייביג — זי האָט זיך אַליין איבערגעהאַקט, און מעהר ניט געקענט אַרויסריידען קיין איין וואָרט.

דער מאַליוועד רב האָט געקוקט, דאָ אויף זיין שעהנער טאָכ-טער, און דאָ אויף יוחנן, און ער האָט אַ זאָג געגעבען: —

— דערויף האָב איך געוואַרט, און געהאָפט. קיין שעהנערען שידוך, און קיין בעסערען זיווג האָב איך זיך קיינמאָל ניט געוואונ-שען, און אויב איהר,ביידע געפעלט זיך, בין איך זיכער אַז עס איז פון גאָט, איך וועל אַריינרופען די מאַמע, און וועל איהר אָנזאָ-גען די גוטע בשורה, ווייל קיין גרעסערע פרייד אין איהר לעבען איז גאָר פאַר איהר ניטאָ.

ער האָט זיי איבערגעלאָזען אַליין, און איז געגאַנגען צו דער רביצין, זי אַריינרופען.

ווען יוחנן איז געבליבען אליין מיט בתיה'ן ,האט ער זי צו-גערופען, און ער האט איהר א זאג געגעבען: —

— איך וויל אז דו זאלסט פארשטעהן, אז איך קום ניט נאהענט צו דיר, ווייל דו ביזט דאס הייליגסטע אין מיין לעבען, און אין בית המקדש קומט אפילו א כהן גדול ניט אריין, ווי נאר איינמאל אין יאהר, יום כפור, צו דער עבודה. —

בתיה האט ארויפגעלעגט איהר האנט אויף זיין מויל, און אין א שטילען טאן געמורמעלט:

— יוחנן, לעבען מיינס. רעד ניט. דו דארפסט זיך ניט פאר-ענטפערען. גלויב מיר, אז איך וויים און פארשטעה."

— הלואי וואלט איך געווען זיכער, אז דו פארשטעהסט. וואלט מיר מיין לעבען ניט געפאלען אזוי שווער. — האט יוחנן שטיל געפליסטערט,, און זיין גאנצער גוף האט געציטערט פון אויפרעגונג.

סידאר איז אריינגעקומען. יוחנן האט איהם א זאג געטאן:

— דעם קאסטיום פון דעם אוריאדניק קענסטו, סידאר דאר-פען באנוצען, ווען מען וועט דיר הייסען, אין דער לעצטער שעה, אויב עס וועט קומען צו געשלעגען אויפ'ן מארק, אין די טעג פון די יארידים, — האט יוחנן איהם געגעבען צו פארשטעהן. — די אנדערע זאכען זיינען פאר די תלמידים אין בערעל'ס קלאס, ער וועט עס שוין אוועקנעהמען עס זאל געהאלטען ווערען אין געהיים, ביז מען וועט עס באדארפען, — האט ער איהם אנגע-זאגט, און סידאר האט עס אלץ פארפאקעוועט און מיט דעם פע-קעל אויף די פלייצעס, האט ער ארויסגעשפאנט פון שטאדט. און ווען יוחנן האט איהם באמערקט, אז עס איז צו שווער, האט ער געענטפערט:

— צו זיין א איד איז נאך שווערער, און פונדעסטוועגען זא-גען זיך אידען ניט אפ פון צו טראגען אזא שווערען יאך. שוין טויזענטער יאהרען. . .

— אידען דערוואַרטען ניט קיין לויזן דערפאר, ווייל זיי טרא-גען א שווערען יאך. זיי טראגען דעם יאך, ווי א קרוין אויפ'ן קאפ — האט יוחנן באמערקט, און איז אנטשוויגען געווארען.

— דאן זאָל דאָס פּעקעל אויך צוגעשריבען ווערען צו דעם אידישען יאָך, און זאָל עס מאַכען די אידישע קרוין נאָך שעה-נער, — האָט סידאָר געענטפּערט.

יוחנן איז איבערראשט געוואָרען פון דער דאָזיגער באמער-קונג.

— סידאָר, — האָט ער איהם אַ זאָג געגעבען, ווען זיי זיינען שוין ביידע געווען אַרויס פון שטאָדט, און זיי האָבען זיך גע-דארפט צושיידען. — זאָג מיר, פון וואנעט קומען צו דיר די דאָ-זיגע געדאנקען?

— דער רבי, זאָל געזונט זיין, לערענט מיט מיר פון צייט צו צייט פּארטאָג, און איך הער פון איהם אזעלכע זאַכען, וואָס קרי-צען זיך איין אין מיין הארצען, אז עס געהט מיר אויס דאָס חיות צו זיין אַן אמת'ער כשר'ער איד. דערצו הער איך זיך איין אין זיין זאָגען זוהר, ווען עס פלאַקערט דאָס פייער אין דער הרובע, די ווינטער-ביינאַכטען, און דאַן דערפיהל איך זאַכען, וואָס קיינער לערענט מיך ניט. איך קען עס ניט דערקלעהרען, אָבער איך פיהל עס. צייטענווייז הער איך אויך מאָדנע זאַכען. שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפען. און זעץ זיך אוועק אין מיין חדר זאָגען תהלים. אין דעם תהלים ווערט מיין הארץ אויסגע-גאָסען. און איך ווער דערהויבען ווי אויף פליגעל, און דאַן פיהל איך, אַז איך זעה גאָט, אָנגעקליידעט אין קרוינען פון דערנער, וואָס זיינען געשפּונען פון אידישע צרות, באשיינט פון אידישע טרערען, און באלויכטען פון אידישע פריידען, פון שבת יום-טוב, און זינט דער רבי האָט מיך ארונטערגענומען הינטער זיינע פלי-געל, איז פאר מיר קיין משא ניט צו שווער. איך לעב מיט דעם כח פון דעם אימפּעט, מיט וועלכען איך טהו עפּעס פאר אידען. אין אַלץ וואָס איך טהו, זעה איך קידוש השם. — האָט סידאָר געענטפערט, און איז אנטשוויגען געוואָרען.

— זאָלסטו געדענקען, סידאָר, וואָס איך זאָג דיר איצטער אָן, — אויב עס וועט קומען אַ צייט און דו וועסט דאַרפען מקדש השם זיין, און טאָמער וועסטו דערנאָך מוזען אנטרונען ווערען, זאָלסטו ניט פארלירען קיין צייט און גלייך אָפּטרעטען, דו זאָלסט קומען צו דעם מאָליוועד רב וואו איך געפין זיך, און מיר וועלען דיך באהאלטען, אויב עס וועט נויטיג זיין.״

— איך בין ניט באַזאָרגט וועגען דעם.״ האָט ער געענטפערט, און אַ זאָג געטהאָן:

— יוחנן, דו געה צוריק. עס פאַלט צו די נאַכט, איך וועל שוין ווי עס איז זיך פאַרשלעפּען אַהיים.״

— יוחנן, האָט זיך געזעגענט מיט איהם. האָט זיך אומגעקעהרט, און אַלע ווײַלע אַ קוק געטהאָן אויף הינטער זיך, איהם נאָכגעפאָלגט ווי ער איז געגאַנגען מיט ריזיגע טריט, און אין דער לופטען האָבען זיך דערהערט קולות פון האַרציגע געזאַנגען, מיט די ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט פון איהם אין הויף, יענע נאַכט, ווען דער רבי האָט סידאָר׳ן אַריינגערופען, און איהם געוויזען יוחנן.

די אייגענע ווערטער האָט סידאָר איצטער געזונגען, און זיי האָבען זיך דערטראָגען צו יוחנן׳ס אויערען:

— הנני מוכן ומזומן,

— הנני מוכן ומזומן,

— הנני מוכן ומזומן,

— הנני מוכן ומזומן.

— כמה שכתוב בתורה,

— הנני מוכן ומזומן.

אין דעם געזאַנג האָט זיך געפיהלט אַזוי פיעל נשמה-אויסגוס, אַזוי פיעל ציטערדיג געבעט, און געלייטערטע באַגייסטערונג פון דער טיפעניש פון דער נשמה, אַז יוחנן אַליין, איז אָנגעשטעקט געוואָרען מיט דעם געזאַנג, און אויף זיין וועג צוריק, האָט ער ניט אויפגעהערט צו זינגען, ביז ער איז אַריינגעקומען צוריק אין שטאָדט אַריין.

ווען יוחנן איז אַריין אין הויז פון דעם מאָליוווער רב, האָט ער דאָס הויז ניט דערקענט. דאָס הויז איז געווען יום-טוב׳דיג פאַרפּוצט. דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ שניי-ווייס טישטוך, אויפ׳ן טיש האָבען געעברענט לײַכטער, סטערינאָווע, גרויסע ליכט, און דער טיש איז שוין געווען באַשטעלט מיט כיבוד.

אַרום דעם טיש זיינען שוין געזעסען איינִיגע חשוב'ע מאָליווער אידען, די שעהנסטע בעלי-בתים, משכילים פון דעם רב'ס גע-מיינדע. און עס זיינען אויך געווען פארזאמעלט א גרופּע עלטערע תלמידים און תלמידות פון יוחננ'ס און בתיה'ס לייען-קרייזען.

בתיה איז יוחנ'ן געלאָפען אנטקעגען, און האָט איהם גע-זאָגט:

— ליבסטער מיינער, היינט ווער איך דיין כלה. לאָמיר זיך ווינשען, אַז דאָס זאָל זיין אין אַ מזל'דיגער שעה, ניט נאָר פאַר אונז אַליין, נאָר פאַר אַלע אידען.

— דו זאָלסט אויף אייביג מיר באשיינען מיין לעבען, ווי אַ נר תמיד, אַזוי ווי דו ביזט עס געוועזען צו מיר, זינט איך קען דיך, — האָט יוחנן געענטפערט אַ גליקליכער, און ער איז אריינ-געגאַנגען צו זיך אין חדר, זיך איבערטהאָן, צוליב דעם יום טוב.

— איך האָב דיר שוין אָנגעגרייט אויף דיין בעט אַלע דיינע מלבושים, און אַ הויבערשט העמד האָב איך דיר מיט מיינע הענט אַליין היינט אויסגעפּרעסט. דו ביזט דאָך היינט אַ חתן, און אַ חתן איז דאָך געגליכען צו אַ מלך, — האָט בתיה באמערקט, און פארענדיגט:

— מלך שלמה מיינער.

— שלמה — באַטייט אייביגער וועלט-פרידען. — האָט יוחנן געענטפערט — אין שלמה'ס צייטען האָט געהערשט פרידען אין ישראל. איך האָף, אַז אין אונזערע צייטען, זאָל שוין אויך קומען שלום און רוה פאַר די אידען אומעטום." און נאָך די ווערטער איז ער ארויף צו זיך אין צימער.

ווען ער איז געשטאַנען ביי זיך אין צימער, און געהאַלטען זיך אין איבערטהון, איז איהם ארויפגעקומען נאַכאמאָל אין גע-דאַנק דער טאָג פון צוויי און אַ האַלב יאָהר צוריק, וואָס האָט געזאָלט זיין דער יום החופה מיט דער כלה, וואָס דער זיידע האָט איהם אויסגעקליבען, נאָך איידער ער איז געקומען צו זיין באַ-וואוסטזיין, און געגען וועלכער ער האָט דאַן רעוואָלטירט, און אָפּ-געבראָכען מיט'ן הויף, צוריסען די גאָלדענע קייט, און ווען ער האָט דאָס בילד פארגליכען מיט דעם איצטיגען מאָמענט, ווי ער גרייט זיך צו ווערען א חתן פאַר בתיה'ן, כאָטש עס איז ניט גע-

ווען קיין שדכן, און קיינער האָט צו דעם ניט געהאָלפען, קיינעם פון זיי ניט צוגערעדט. און דאך זיינען אַלע פון דעם שידוך אזוי צופרידען, און איבערגליקליך. אַ קוק צו טהון אויף בתיה'ס מאמע, וועלכע האָט געהאט א טבע תמיד צו בלייבען אין הינ-טערגרונט, ניט באמערקט, ווייל דער מאָליווער רב איז איהר שפּי-געל. און פאר איהר איז געגוג צו שיינען אין זיין שאָטען. זי וויל אפילו ניט באמערקט ווערען. און ביי יעדער געלעגענהייט, וואָס זי זעהט, אַז בתיה וויל רעדען צו יוחנ'ן, איז די רביצין אַלעמאָל גרייט זיך ארויסצושארען אונבאמערקט און איז איבערגליקליך, וואָס בתיה האָט אַ געלעגענהייט צו בלייבען מיט יוחנ'ן, אונטער פיער אויגען, אויב ניט צוליב קיין אַנדער זאַך, ווי כּאָטש צו רע-דען צו איהם, צו זיין מיט איהם אַליין.

ער האָט אַ טראַכט געטהאָן וועגען נאָך אַ זאַך:

די ערשטע נאַכט אויף זיין געלעגער, האָבען אין איהם גע-ברענט פארלאנגען צו בתיה'ן, ער האָט געהאט אַ שווערען נסיון. עס האָט זיך איהם געוואָלט זיין מיט איהר, רעדען צו איהר, און איהר זאָגען וויפיל זי מיינט פאַר איהם אין זיין עלענד לעבען. נאָר מיט יעדען פארבייגעהענדיגען טאָג, וואָס ער איז פארבליבען אין מאָליווער רב'ס הויז, און מיט דער ארבייט, וואָס ער און בתיה זיינען אריינגעטהון געוואָרען צוליב דער דערציהונג פון דעם נייעם אידישען דור. אין אויפברייגגען זיי צו דער פארטיי-דיגונג פון די אידען אין מאָליוו קעגען די דראָהענדיגע געפאהרען, זיינען אי ער, און אי בתיה געוואָרען אזוי באשעפטיגט מיט ערנסטער ארבייט, אז עס איז ניט געבליבען קיין איין פרייע שטונדע פאַר איהם און בתיה'ן, ווען א טראכט צו טהון וועגען פערזענליכען לעבען, וועגען גליק און גענוס.

און ווייל בתיה איז געווען די יעניגע, וועלכע האָט איהם גע-לערענט די רוסישע שפּראַך, און איהם אגיטירט פאַר דער נייער, אידישער געהיימער אויפקלעהרונג'ס ארבייט, האָט ער אַלעמאָל גע-פיהלט:

— ווי אזוי קען איך זיך פיזיש דערנעהענטערען צו א פרוי, וועלכער איך בין אזוי פיעל שולדיג, דערפאר, ווייל זי האָט מיך ארויסגעהויבען פון שטויב. איך בין אָנגעקומען אין מאָליוו, יע-נעם פרייטאג, און האָב אפילו ניט געהאט וואוהין אהיימצוגעהן

איבערנעכטיגען, און דאָ האָט מיך איהר טאטע, אריינגעבראכט אונטער זיין דאַך, מיר געגעבען אַ געצעלט, און אזוי גיך, ווי בתיה האָט מיך באמערקט, איז זי אַזוי פאראינטערעסירט געוואָרען, און זינט דאן איז זי איינפאך דאָס ליכט פון מיינע אויגען, דער עמוד האש אין מיין לעבענס וועג.

עס געבען מאָמענטען אין מיין לעבען, — האָט יוחנן ווייטער געטראכט.—ווען איך בין געווען גרייט אויפצוגעבען אלץ אין דער וועלט, כדי צו דערגרייכען בתיה'ן, זי זאָל בלייבען מיט מיר אַ לעבענסבאגלייטערין, און צייטענווייז האָב איך געטראכט: אפשר איז גלייכער, אַז מיר זאָלען זיך ניט פאראייניגען, ווייל דאס קען אמאָל איבערפיהרען די ארבייט צו וועלכער איך האָב זיך גע-היילינגט. אָבער ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז אויך בתיה איז שטארק פאראינטערעסירט אין מיין ארבייט, פיהל איך, אַז די איינציגע גאראנטיע פאר דעם דערפאָלג פון דער ארבייט פאר'ן פאָלק, איז דוקא דאָס, וואָס זי און איך וועלען זיך פארבינדען אויפ'ן גאנ-צען לעבען. דאן וועלען מיר ביידע אויפנעהמען די גאַנצע ארבייט מיט פייער אין אונזערע נשמות, און וועלען געהן האנט און האנט אויף אונזער לעבענס וועג.

ביי דעם דאָזיגען געדאנק, איז איהם געוואָרען ווארעמער אויפ'ן הארצען, און ער האָט מיט פרייד פארענדיגט דאָס אָנטהון זיך, און ער איז ארונטערגעקומען צו די געסט, וועלכע זיינען שוין אלע געווען פארזאמעלט, און ארומגעזעצט ארום דעם יום-טוב'דיגען געדעקטען טיש.

ווען יוחנן איז ארונטערגעקומען אויסגעפוצט אין דעם שוואר-צען יום-טוב'דיגען אָנצוג, וואָס איז געווען אָנגעגרייט פאר איהם, ניי פון דעם שניידער, כאָטש ער האָט זיך געוואונדערט, ווי אזוי איז דאָס מעגליך, וואָס כאָטש דער שניידער האָט איהם קיין מאָס ניט גענומען, איז דער אָנצוג אזוי געפאסט אויף איהם, אַ זאַך, וואָס איז איהם ערשט שפּעטער דערקלעהרט געוואָרען.

דערווייל ווען ער איז ארונטערגעקומען, האָבען זיך אלע פער-זאמעלטע אויפגעשטעלט אויף זייערע פיס, און האָבען איהם צו-געטהיילט דעם כבוד, וואָס ווערט צוגעטהיילט צו א מלך, אָדער אַ גוטען אידען.

עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז פון זיך האָט זיך די נייעס

שטילערהייט פאַרשפּרייט, אַז דער חתן איז אַ גרויסער יחסן, שטאַמט פון גוטע אידען, נאָר אַז ער איז אַ משכיל, און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו בלייבען אַ גוטער איד, אָבער איז ראוי צו זיין אַ רב, לויט דעם שניט פון זייער אייגענעם מאָליוועער רב. דאָס האָט דעם חתן צוגעגעבען אַ גרויסע ווירדע אין די אויגען פון דעם רב'ס גוטע פריינד, פאַר וועמענס טאָכטער ער האָט דאָס איצטער געדאַרפט ווערען אַ חתן.

דאָס פאַרזאַמלען זיך פון בתיה'ס און זיינע אייגענע תלמידים, האָט צוגעגעבען צו דער געלעגענהייט אַ גרויסע וויכטיגקייט, און אַרום און אַרום האָט זיך געפיהלט אַ גרויסע הייליגקייט אין דער געשעהעניש.

דער מאָליוועער רב האָט אַליין צוגעגרייט די תנאים, אריינגע-שריבען די נעמען פון זיין טאָכטער און דעם חתן, און נאָכדעם ווי די עדות האָבען זיך אונטערגעשריבען, זיינען געבראָכען גע-וואָרען די טראַדיציאָנעלע טעלער, ווי עס איז דער מנהג פון אי-דען אין אוקראַינע, און עס האָט זיך דערהערט ווי פון איין מאַן:

— מזל טוב, מזל טוב, מזל טוב!"

די געסט, די מיידלאַך האָבען זיך האַרציג געקושט מיט בתיה'ן, און די תלמידים זיינען צוגעפאַלען צו יוחנ'ן, האָבען איהם געקושט און אַרומגערינגעלט, ווי אַן אַרמיי רינגעלט אַרום זייערען אַ גענעראַל, אָדער ווי חסידים רינגלען אַרום זייערען אַ רבי'ן, וועמען זיי פאַרעהרליכען און דערנאָך האָט דער עולם גע-נומען טרינקען — לחיים, צו די מחותנים. צו דעם חתן און צו דער כלה., און עס איז געוואָרען רעש'דיג, פריילאַך, און די קולות האָבען זיך איבערגעמישט, אַלע זיינען געוואָרען לעבעדיג, מונ-טער, זיי האָבען פאַר אַן אויגענבליק פאַרגעסען די אומרוהיגע צייטען און די געפאַהרען, וואָס עס האָט אידען געדראָהעט. אי-דען זיינען געזעסען און האָבען זיך געפרעהט מיט דעם נחת פון זייער רב, וואָס איז ביי דער גאַנצער שטאָדט געווען זעהר געאַכ-טעט און געשעצט.

יוחנן, קומענדיג פון חסידישער משפחה, האָט אין דעם קרייז אָפּט אריינגעפיהרט נגינה, ווייל ער פלעגט אַלע מאָל באַטאָנען, אַז דער זיידע, דער רבי, האָט מיט דעם כח פון נגינה אויפגעטהון

א סך מעהר, ווי מיט זיין תורה. דעריבער האָט ער אלעמאל גע־לערענט זיינע תלמידים, און זיי געזאגט:

— תלמידים, מיינע, לערענט זיך זינגען. געוועהנט זיך צו געזאנג, ווייל דער כח הנגינה האָט ניט צו זיך קיין גלייכען אין דער וועלט. מען קען דורך איין ציטערדיגען טאָן מעהר מתקן זיין, ווי אפילו מיט'ן כח התורה.״

נגינה דערהויבט און באגייסטערט, דאָס ברייננט צו השתפכות הנפש. נגינה קען א מענשען דערהויבען ווי מיט פליגעל, און איהם אריינברייננען אין דעם עולם האצילות. נגינה איז דער מקור פון עבודת הבורא.״

דעריבער איז ער נישט איבערראשט געוואָרען, ווען זיינע תלמידים, נאָכדעם, ווי זיי זיינען שוין געוואָרען אביסעל פרעהליך, און זיינען געזעסען אויסגעזעצט אנטקעגנען זייערע חברות, די תלמידות פון דעם לייען־קרייז, אלע אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג, פארגעסענדיג פאר אַן אויגענבליק די ערנסטקייט פון דער צייט, האָבען א סך פון זיי אָנגעהויבען ארויסשטעלען אַ פאָדערונג, אַז זיי ווילען זינגען, און דער רב האָט זיי דערמונטערט, אַז זיי זאָ־לען זיך ניט שטערען, האָט זיך דער גאנצער לייען־קרייז, צוזונ־גען זייער באליבט חסידיש לידעל, וואָס כאָטש עס איז זעהר קורץ אין ווערטער, איז עס אָבער זעהר אָנרעגענדיג, צוליב דער הארציגקייט פון די גענצעהלטע ווערטער, און אין דער ביינקשאפט פון דער מעלאָדיע, און דער גאנצער קרייז האָט זיך צוזינגען און זיך באגייסטערט מיט די ווערטער פון דעם לידעלע:

— אונזער ריביניו, ריביניו, רביניו,

— אונזער ריביניו, ריביניו, רביניו,

— אונזער רבי, ריביניו,

— אונזער, אונזער ריביניו

— אונזער ריביניו!״

דאָס דאָזיגע לידעלע האָבען געזונגען פריהער די יונגעלייט, דערנאָך זיינען אריינגעפאלען אין דעם געזאנג, אויך די מיידלאך, די קולות האָבען זיך איבערגעמישט אין א שעהנעם כאָהר, און דערנאָך האָבען זיך שוין דעם רב'ס חברים אויך אויסגעלערענט און זיך באגייסטערט פאר'ן לידעלע.

יוחנ'ן האָט אָבער נאָך אַלץ געקלונגען אין די אויערען דאס געזאַנג מיט וועלכען סידאָר האָט מאַרשירט צוריק אהיים, און ער האָט אָנגעהויבען ברומען פאַר זיך שטילערהייט ביז דער גאַנצער עולם האָט אויפגעכאַפּט די ווערטער און דערנאָך אויך די מעלאָ-דיע פון:

— הנני מוכן ומזומן,

— הנני מוכן ומזומן,

— הנני מוכן ומזומן,

— הנני מוכן ומזומן.

— כמה שכתוב בתורה,

— הנני מוכן ומזומן.

דאָס דאָזיגע ליד האָט געקלונגען ווי א סימבאָל צו דער צו-גרייטונג, פּונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט זיי געזאָגט, אַז עס לויערט אַ גרויסע געפאַהר אויף דער שטאָדט, און אז אלע מוזען זיין צו-געגרייט.

דערנאָך איז סערווירט געוואָרען אַ פיינער מאָלצייט, און צווי-שען איין געריכט און דעם צווייטען זיינען געהאַלטען געוואָרען קורצע באַגריסונגען צו דעם רב און דער רביצין, און די תלמידים און תלמידות האָבען באַגריסט דעם חתן און די כלה, זייערע לע-רער, און אַלס ענטפער אויף די באַגריסונגען, האָט דער רב גע-ענטפערט זיינע בעלי-בתים, און זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אז עס פרעהט איהם, וואָס ער איז זיך משדך מיט איינעם פון די גרעסטע יחסנים פון דער צייט, וועלכער איז ניט נאָר אַ יחסן, ווייל ער שטאַמט אַרויס פון יחסנישער גזע נאָר וועלכער איז טאַקע אַ יחוס עצמו. . . אליין אַ גרויסער יחסן צוליב דער ליבע צו זיין אידיש פאָלק. דער בעסטער באַווייז זיינען זיינע קלאַסען פאַר די דער-וואַקסענע, ווי אויך פאַר די אָרעמע אידישע קינדער אין מאָליוו, וועלכע האָבען די לעצטע צייט אַן אמת'ן מורה דרך, וועלכער פיהרט די קינדער אויף דעם אמת'ן וועג, און ער, דער רב אליין, איז אַן עדות אויף דער גוטער, נוצליכער ארבייט וועלכע יוחנן, דער חתן, טהוט יעדען טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר.

דער עולם איז געווען שטאַרק באַגייסטערט, און אפּלאָדירט

דעם רב׳ס ווערטער. דערנאָך האָבען די געסט אַרויסגערופען יוחנ׳ן צום רעדען, און ווען ער האָט זיך אויפגעשטעלט האָט אין זאַל געהערשט אַ פייערליכע שטימונג, און אַלע האָבען זיך איינגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטען אָטעם צו זיינע ווערטער:

— וואויל איז דיר, מאַליוו, גרויסע אידישע שטאָדט, וואָס די פּאַרמאַגסט אַזאַ שעהנע, באַוואוסטזיניגע, אידישע יוגענד. — האָט יוחנן אָנגעהויבען זיין רעדע. ער האָט פאַרגליכען די שטאָדט צו אַ וואַלד, פול מיט יונגע בוימער, וועלכע זייגען צוצווייגט און פאַרשפּרייט איבער דער לענג און איבער דער ברייט. יעדער יונגער צווייג וועט מיט דער צייט ווערען אַ שטאַרקער בוים, און יעדער בוים וועט באַשיצען פון היץ און פון קעלט. יעדער בוים וועט וואַרעמען און דערפרעהען די קומענדיגע דורות, און ווען אַ שטאָדט פאַרמאָגט אַזאַ שעהנע, איבערגעבענע יוגענט איז די שטאָדט באַזאָרגט און באַוואָרענט פאַר אָנקומענדיגע געפאַהרען. ער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט דעם גרעסטען צוטרויען צו דער מאַליווער אידישער יוגענט, וואָס טאָמער איז זי ניט זעהר פרום, איז זי אָבער עהרליך און ליטיש, און וועט קיינמאָל זיך ניט אָפּרייסען פון דעם עצם אידישקייט, און וועט אַלעמאָל זיין גרייט צו פאַרהיטען דעם אידישען נאָמען פון אומכבוד און פון שאַנד״.

דערנאָך האָט ער אויך צוגעטיילט כבוד זיינע מחותנים, און דערצעהלט פאַר׳ן עולם, אַז ער האַלט עס פאַר אַ זכיה, וואָס ער קומט אָן אין דער משפחה פון דעם מאַליווער רב, וועמען אפילו זיין זיידע, כאָטש ער ווייסט, אַז דער מאַליווער רב איז ניט קיין צו הייסער חסיד, האַלט איהם פונדעסטוועגען פאַר אַ גדול בישראל, און אַז מאַליוו דאַרף זיין שטאָלץ אויף דעם רב, וועלכער איז אַ גרויסער כבוד פאַר אַ שטאָדט, ווייל ער איז דער אמת׳ער מנהיג הדור, און מורה דרך.״

נאָך די אַלע רייִדעם האָט דער עולם ווידער זיך צוזונגען, און מען האָט געהוליעט און געטאַנצט, ווידער געטרונקען — לחיים, — ווען מען איז זיך צוגאַנגען, איז שוין געווען בלוי אין די פענסטער, און אַ העלע מאָרגען זון האָט שוין אָנגעהויבען פון אונטער די בערג אַרויסצושיסען איהרע ערשטע ליכט-שטראַהלען פון די האָריזאָנט-ברעגען אין דעם מזרח, וועמענס שטראַהלען האָבען זיך געריסען אַרויסצוקומען, צו באַגריסען און באַנייען אַ ליכטיגען טאָג אויף דער וועלט.

אויף קידוש השם

ווען סידאָר איז צוריקגעקומען פון מאָליוו, נאָכדעם, ווי ער האָט פיער און צוואַנציג שטונדען נאָכאַנאַנד געשפּאַצירט איבער די פעלדער און וועלדער, וואָס ליגען צווישען די שטעדט און שטעדטלאַך, וואָס טהיילען אָפּ קורילאָוועץ פון מאָליוו, איז ער אָנגעקומען אין אַ שפּעטער שטונדע פון דער נאַכט, ווען גאַנץ קו־רילאָוועץ איז שוין לאַנג געשלאָפען.

אַריינקומענדיג אין רבינ'ס הויף, איז ער איבערראַשט געווען, וואָס ביי דעם רבי'ן אין חדר מיוחד איז נאָך געווען ליכטיג. ער האָט זיך אָבער געמאַכט ניט וויסענדיג, און האָט אַריינגעטראָגען דאָס פּעקעל צו זיך אין זיין חדר, וואָס איז געווען אין גאָרטען, אין דער לינקער זייט צו דער קיך, וועלכע איז געשטאַנען צווישען הויף און דעם גאַרטען.

גלייך ווי סידאָר האָט אַרונטערגעוואָרפען דאָס פּעקעל פון די פּלייעצס, אין וועלכע ער האָט ערשט איצטער דערפיהלט אַ טיפע מידקייט, איז אַריינגעלאָפען אומדערוואַרטעט בערעלע דעם איינ־בינדערס, און איז צוגעפאַלען צו איהם: —

— סידאָר, וואָס גיבט נייעס, דערצעהל? —

— קיינע נייעס. אַלצדינג איז אין אָרדנונג. — האָט סידאָר גע־ענטפערט, און באַמערקט, אַז בערעל איז זעהר אויפגערעגט.

— יוחנן האָט עפּעס איבערגעשיקט פאַר אונז? — האָט בערעל איבערגעפרעגט, און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף דעם ענטפער.

— געשיקט, געשיקט!" האָט סידאָר געענטפערט.

— און דער נייער אוריאַדניק איז דאָ? געקומען? — האָט בערעל געפרעגט אויף אַ פאַרשטעלט לשון.

— יאָ, בערעלע, — האָט סידאָר געשמייכעלט, און אָנגעווי־זען אויף דעם זאַק: — דער אוריאַדניק ליגט דאַ פאַרפּאַקעוועט.

— ווייסט דער אוריאַדניק, וואָס ער וועט האָבען צו טהון? — האָט בערעל ווידער געפרעגט, און סידאָר האָט אָנגעצויגען אַ טי־פען ערענסט אויף די ברעמען, און אַרויסגעשעפּטשעט מיסטעריש:

— דער אוריאַדניק איז גרייט צו געהן אויף קידוש השם. —

— איז גוט! — האָט בערעל געענטפערט, און צוגעלעגט: —

— דער רבי וואַרט אויף דיר, סידאָר. בעסער גײ אַריין צו איהם, ער דאַרף דיר עפּעס זאָגען. —

דערנאָך האָט בערעל געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און איז אַוועק אַהיים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז סידאָר האָט דורכגעפיהרט דאָס שליחות אין מאַליוו, און אַז יוחנן האָט מיט איהם איבערגעשיקט אַלץ וואָס עס איז נויטיג, און ווי עס איז אויסגעפּלאַנעוועט געוואָרען.

אַזוי גיך ווי בערעל איז אַוועק איז סידאָר געגאַנגען, זיך איבערגעטהאָן, האָט אָפּגעוואַשען פון זיך דעם שטויב פון וועג, זיך אָנגעטהאָן אַ פּאָר וואַנצעס, זעהר שטאַרק ענליך צו די וואַנצעס, וואָס דער אוריאַדניק האָט געטראָגען, אַ געקראָכמאַליעטע העמד מיט אַ מאַנישקע און מיט מאַנזשעטען, ווי דעם אוריאַדניק'ס.

דערנאָך האָט ער אָנגעמאָסטען אַ היטעל מיט אַ קוקאַרדע, אויף וועלכען עס איז געווען אַ גאָלדען קנעפּעל. און אַ קוק געטאָן אין אַ קליין שפּיגעלע, וואָס האָט געהאַנגען אין זיין חדר אויף דער וואַנט.

פון קעשענע האָט ער אַרויסגענומען אַ צעטעל, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעשריבען אינסטרוקציעס, וועלכע יוחנן האָט איהם מיטגעגעבען, און איהם אָנגעזאָגט, אַז איידער ער וועט זיך איבערטהאָן, זאָל ער דאָס איבערלייענען, און אויספאָלגען, וואָס דאָ איז אויפגעשריבען. דערנאָך האָט ער אָנגעטהאָן די בלויע הויזען, מיט סאַמעטענע פּאַסען, און אַ פּאָר געפּוצטע שטיוועל, און די הויזען פאַרגאַרטעלט מיט אַ זילבענעם פּאַס. און אַרויפגעצויגען אויף זיך אַ שינעל מיט מעשענע קנעפּ, און ווידער אַ קוק געטהאָן אויף זיך אין שפּיגעלע, און אַ שמייכעל געטהאָן צו זיך אַליין פון אונטער די וואַנצעס, און אויסגערופען:

— גאָספּאָדין אוריאַדניק, איזוואָלטיע!.

ער איז לאַנג געשטאַנען פאַר'ן שפּיגעלע, האָט זיך אַלעמאָל אַרומגעקוקט, אויב עמיצער פון דעם הויף ריהרט זיך ערגעץ. צי הערט זיך ניט ערגעץ אַ שאָרך פון אַ לעבעדיגען מענשען, און ווען ער איז געווען זיכער, אַז עס איז אומעטום שטיל, און רוהיג, האָט ער אין זיין חדר אויסגעלאָשען דאָס ליכט. כדי טאָמער האָט

עמיצער יאָ עפּעס באַמערקט, זאָל ער איצט דיינקען, אַז מען איז געגאַנגען שלאָפֿען.

אויף די שפּיץ פינגער, איז סידאָר צוגעגאַנגען צו דער טהיר, וואָס האָט געפיהרט צו דער זייט וואו דעם רבינ׳ס פליגעל האָט זיך געפונען, און שטיל האָט ער זיך געשארט ארום די ווענט אין גארטען, ביז ער איז ארויסגעקומען פון דעם גאָרטען, און האָט זיך צוגעשארט צו דעם רבינ׳ס חדר מיוחד.

דער רבי איז איהם אנטקעגען געקומען, קענטיג, אז ער האָט איהם דורכ׳ן פענסטער נאָכגעפּאַרשט און געוואוסט — וואס ביי סידאָר׳ן אין חדר איז פּאַרגעקומען.

אזוי שנעל, ווי סידאָר איז צוגעקומען צו דעם רבינ׳ס חדר, האָט ער געפונען די טהיר אָן אָפענע, און אנטקעגען דער טהיר איז געשטאַנען דער רבי, איינגעהילט אין זיין ווארעמען כאלאט, קענטיג, אַז ער האָט ניט געפיהלט זעהר גוט. און דער רבי האָט אַ זאָג געטהאָן: —

פּאַרמאַך די טהיר הינטער זיך. עס איז מיר זעהר קאַלט.

— גאָספּאָדין אוריאדניק, איזוואָלטיע!״ — האָט סידאָר אַ זאָג געטהאָן, און האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר׳ן רבי׳ן, מיט אַ שטעל פון איינעם, וועלכער גיט אָפּ „טשעסט״ (עהרע) פאַר דער נאַטשאַלסטוואָ.

דער רבי האָט אויפגעהויבען די אויגען, איהם לאַנגזאם באַ־טראכט, און אויסגערופען:

— עס וועט געהן, סידאָר. האסט געמאכט אַ גוט שטיקעל ארבייט.

— בערעל איז געווען זעהר צוטראגען, רבי, — האָט סידאָר אַ זאָג געטהאָן, און האָט ניט ארונטערגענומען די אויגען פון דעם רבי׳ן.

— ער מעג זיין צוטראָגען, — האָט דער אַלטער געענטפערט. — עס טראָגען זיך ארום אין דער לופטען קלאַנגען, אַז דער יאריד אין צוויי טעג ארום, וועט זיין אַ מורא׳דיגער. עס קלייבען זיך גויים פון אַלע דערפער, וואָס האָבען געהערט, אַז לעצטער יאריד האָט געהאט אַ געשלעג און גויים האָבען שטארק הנאָה פון אזא

געשלעג, האָבען זיי פארשפּעטיגט מיט א וואָך צוריק, מיינען זיי, אַז זיי קענען היינטיגען דאָנערשטאג נאכאמאָל מאכען אזאַ חתונה. . . — האָט דער רבי זיך פארטרויעט פאר סידאָר'ן, און פאַרענדיגט: — און וואָס זאָגסטו, אוריאדניק?"

— ווי מיינסטו, זאָל מען דאָס מאַכען?, סידאָר. — האָט דער רבי אויסגעשטעלט מויל און אויערען, ווארטענדיג צו הערען, וואָס סידאָר וועט פאָרשלאָגען.

— דער רבי וועט שיקען וויין צו דעם אוריאדניק, ערב דעם יאריד. — האָט סידאָר איהם פאָרגעשלאָגען. און צוגעלעגט: — פאר דעם רבינ'ס ווימעראָזאָג (אויסגעפרוירענער וויין) ווערט דער אוריאדניק די כפּרה. וועל איך מיטנעהמען צוויי פלעשער וויין. פון איינעם וועל איך איהם אָנגיסען, און פון דעם צווייטען, ווען ער וועט ניט זעהן, וועל איך זיך אָנגיסען. איהם וועל איך גיסען פון דעם הינטערשטען אנטעל, וועלכער איז צעהן יאהר אלט, אבער דאָס וועט דאָך זיין נסך. און פון דעם אנדערען, שוואכע-רען, וועל איך טרינקען. אזוי וועל איך מיט איהם פארברייננגען די גאַנצע נאַכט, און וועל איהם האלטען וואך, ביז דעם פריה-מאָרגען פאר דעם יאריד." האָט סידאָר געגעבען דעם רבי'ן צו פארשטעהן.

— אַ גוטער געדאנק, — האָט דער רבי באמערקט, און איהם איבערגעפרעגט: — פון וואנעט האָט זיך צו דיר גענומען דער דאָזיגער געדאנק, סידאָר, סידאָר דו ווערסט דאָך גאָר א גוואלדי-גער מיניסטער-קאָפּ!"

סידאָר האָט ארויסגעצויגען פון קעשענע א צעטעלע, און האָט דאָס באוויזען פאר'ן רבי'ן, א זאָג טהוענדיג: —

— דאָס זיינען די אינסטרוקציעס פון יוחנ'ן. ער האָט מיר אריינגעלעגט אין קעשענע, און אָנגעזאָגט, אז ווען איך וועל קו-מען אהיים בשלום, און וועל דארפען זיך צוגרייטען ערב א יאריד, זאָל איך איבערלייענען דאָס צעטעלע, און טהון, אזוי ווי דאָ איז אויפגעשריבען, און אויסגעפּלאנעוועט געוואָרען, און אויב איך וועל אזוי טהון, וועלען אידען ניצול ווערען פון אן אומגליק."

דערנאָך זיינען אָנגעקומען אומרוהיגע טעג. בערעל איז אומ-געגאנגען איבער'ן מאַרק, און זיך איינגעהערט צו די געשפּרעכען

פון די דאָרפישע גויים, וואָס זיינען געוואָרען אַלץ פרעכער און דרייסטער. און טאמער האָט מען דעם דאָפּס גוי ניט געגעבען דעם מקח וואָס ער האָט געפאָדערט פאר זיין סחורה, וועלכע ער האָט ארויסגעבראכט צו פארקויפען, האָט דער גוי געגעבען אנצו-הערעניש אז סיי ווי סיי וועט מען שוין באַלד אויסקוילען אַלע אידען, און ביי זיי צונעהמען זייער געלט. . .

פון אזעלכע רייד פלעגט אין בערעלען אויפקאָכען דאס בלוט, און ער האָט אָנגעהויבען צו טראכטען: —

— אויב אזוי רעדען שוין די גויים אין א פּראָסטען מאַרק טאָג, וואָס זשע וועט שוין זיין, ווען זיי וועלען אַלע ארויסקומען אויפ׳ן יאריד, און זיי וועלען זיך אָנשיכור׳ן, און צונויפריידען? —

א טאָג פאַר׳ן יאריד האָט בערעל איבערגעטראָגען צו זיך דעם זאק מיט דעם גאנצען געצייג וואָס סידאָר האָט געבראַכט פון מאָליוו, ער האָט אָפּגעקליבען א צאהל גרעסערע קינדער, אַלץ העלדישע יונגען, און ער האָט זיי א זאָג געגעבען:

— בעסער זאָל מען ניט באדארפען, נאָר עס וועט ניט שאטען צו זיין גרייט. מאָרגען איז דער יאריד, פאר וועלכען איך האָב אַ גרונט זיך צו שרעקען, וועלען מיר אוועק שטעלען אַ וואַך ביי די פיער טויערען, דורך וועלכע עס קומען די גויים אויפ׳ן יאריד. מיט יעדען איינעם פון דער וואַך וועלען אויך שטעהן אונזערע יונגעלייט אין א שורה, אזוי צושטעלט, אז איינער זאָל קענען אי-בערגעבען א וואָרט צו אַ צווייטען, און דער צווייטער צו א דרי-טען, אז מיר זאָלען צו יעדער צייט קענען וויסען וואָס עס קומט פאָר אין אַלע עקען פון דער טאראוועצע, און ווען עס וועט נוי-טיג זיין, וועט מען געבען דעם סיגנאל אויף אָפּצושלאָגען אן אטאקע.

ער האָט גענומען א בלאט פאפיר, און אפגעצייכענט דעם גאנצען מארק פּלאַץ, און אויף דער מאפע איז געוועזן אָנגעציי-כענט דער גאַנצער פּלאַן, וואו עס געפינט זיך די וואַך, און אויך די פּאָזיציע פון יעדען איינעם, וואו ער דארף זיך געפינען.

איידער עס איז נאכט געוואָרען, האָט סידאָר אוועקגעשפאַנט צו דעם אוריאדניק מיט צוויי פלעשער וויין.

— פריצ׳ל טייערער, איך ברענג דיר אַ מתנה פון דעם היילי-

גען ראבין, — האָט סידאָר זיך געווענדעט צו דעם אוריאַדניק, — דאָס איז וויין, וועלכער איז צעהן יאָהר אַלט, און עס וועט פאַר'ן ראבין זיין א גרויסער כבוד, ווען דו וועסט טרינקען פאַר'ן ראַבינ'ס געזונט, און איך וועל מיט דיר טרינקען פאַר דיין געזונט."

דער אוריאַדניק האָט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט, און געענטפערט: —

— דער ראבין איז אַ געטליכער מענש, און עס איז גוט, וואָס ער איז מיט מיר אזוי פריינדליך. ווען אין קורילאָוועץ זאָל זיין אַ פּאָגראָם, וועל איך דעם ראבינ'ס הויף ניט לאָזען אָנריהרען. ווייל ער האָט אין הויף זעהר אַ סך גוטען וויין, אָבער דעם גוטען וויין, וועל איך פאָדערען פאַר זיך אינגאַנצען, — האָט דער אוראַדניק שוין אָנגעהויבען צו „באַלבען" מיט דער צונג, און אונטערגעשטופּט א גלעזעל סידאָר'ן, ער זאָל אויך טרינקען, אָבער סידאָר איז איהם אַלעמאָל פאַרלאָפען דעם וועג, און געכאַפּט זיך צו זיין אייגענער גלאָז פון דער אנדערער פלאַש.

פון דעם וואָס דער אוריאַדניק האָט געגעבען אַן אָנצוהערעניש, און געזאָגט: — ווען עס זאָל אין קורילאָוועץ זיין אַ פּאָגראָם, — האָט סידאָר פארשטאַנען, אז אינגאַנצען גלאַט וועט דער מאָרגענדיגער יאריד ניט קענען אָפּלויפען, און ער האָט שוין געזוכט אַלע מיטלען דעם אוריאַדניק צו פארשיכורען.

דער אוראַדניק האָט אָנגעהויבען צו פארלירען ביסלעכווייז זיין גלייכגעוויכט און איז שוין געפאַלען פון די פיס, און ער האָט זיך צורעדט פאַר פייער און וואסער:

— אָבער דער גלח ווייסט דאָך דאָס עוואנגעליום בעסער, און ווען דער גלח דערצעהלט אין דער קירכע, אז אידען מאשעניקעס, אידען זיינען שווינדלער, און אז מען דאַרף זיי אַרויסטרייבען פון די דערפער, און אין די שטעדטלאך, טאָר מען זיי ניט שאָנעווען, ווייל זיי זיינען ניט געטריי דעם צאַר באַטיושקאַ, דעם קיסר, און זיי האָבען געקרייציגט גאָט'ס זוהן, יעזוס, ווייסט דער גלח זעהר גוט, וואָס ער טהוט, ווייל דער גלח איז דאָך גאָט'ס קנעכט און ער דינט גאָט; לויט דעם עוואנגעליום, פון די הייליגע אַפּאָסטאָלס. — האָט דער אוריאַדניק זיך אָפען צורעדט מיט סידאָר'ן, און סידאָר האָט געהערט גיפטיגע ווערטער, און געפיהלט, אז דאָס איז גיפט, וועלכער איז געגאָסען געוואָרען וואהרשיינליך דעם פריהער-

דיגען זונטאג אין קלויסטער, ווייל דער גלח האָט אויפגערייצט די גויים און זיי צוגעגרייט דורך דערמוטיגונג אין זיין דרשה, אז אויף דעם קומענדיגען יאריד זאָלען זיי האָבען מעהר קוראזש צו שלאָגען און ראבירען אידען.

—פריצ׳ל, שעהנער, פריצ׳ל, געטרייער. — האָט סידאָר זיך אָנגערופען, און זיך געשטאַרקט מיט די לעצטע כחות, אָנצוהאל-טען א מיענע, אז דער אוראַדניק זאָל ניט באמערקען, אז ער פראָ-וואָצירט איהם און דערמוטהיגט איהם צו טרינקען וואָס מעהר, ווייל ער דארף איהם באַזייטיגען, אז ער זאָל מאָרגען אינגאנצען אויף דעם קוריליאָוועצער יאריד ניט זיין — פריצ׳ל, לעבען, לאָ-מיר אויסטרינקען פאר דעם געזונט פון דעם צאַר-באַטיושקאַ, פאַר דעם הייליגען פאַטערעל, צאַר ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, און פאר זיינע דינער, זיינע געטרייע קנעכט, די גלחים פון דעם היי-ליגען סענאַד און פון דער קירכע, — האָט סידאָר זיך אָנגערופען, און צוגעטראָגען דעם אוריאַדניק א פרישען באקאל פון ווימע-ראָזאָג, וויין, וואָס ווען מען האָט אויסגעטרונקען אַ פולע מאָס, איז מען שוין געווען זיכער, אז מען וועט אָפּשלאָפען פיער און צוואנציג שטונדען ווי אַ גע׳הרגע׳טער און דאָס איז אייגענטליך געווען, וואָס סידאָר האָט געוואָלט און באַצוועקט.

דער אוראַדניק האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער פלאַש וויין און האָט געזויפען ווי דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע אין דער וועלט, און געטרונקען איין גלאָז נאָך דעם אנדערען, און ער איז געוואָ-רען ווילד, און שוין ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך אין דער וועלט, נאָר ער האָט זיך דאָך אָנגעשטרענגט ניט צו פאַר-לירען זיין באַוואוסטזיין, און דער אוראַדניק האָט אויסגעשריען:—

— סידאָר, דו געפעלסט מיר ניט, דו ביזט צו קלוג פאַר אַ מוזשיק, מיר דאַכט זיך, אז דו ביזט מעהר אינגאנצען ניט קיין מוזשיק, נאָר אַ געשמד׳טער, א „וויכריסט.” נו, פאָניעמאיעש, סידאָר, סערדצע, דו ביזט אפשר, קאק בודטאָ, יאָ געווען אמאָל אַ מוזשיק נאָר, אַצינדערט, — האָט דער אוראַדניק, שוין אַ באַ-זויפענער אויסגעשריען, „טיפּערעטשקא, פאָניעמאיעש, סידאָר סערדצע, אַצינדערט, ביזטו א פאָלני זשיד, און איך גלויב דיר ניט, אז דו וועסט העלפען מאַכען פאָגראָמען אויף די זשידעס...” — האָט דער אוראַדניק אויסגעשריען, און ווידער זיך געכאַפּט צו דער לעצטער ביסעל וויין, וואָס עס איז נאָך געווען אין פלעשעל.

סידאָר איז געווען אין דער גרעסטער פארצווייפלונג, ווייל ער האָט באמערקט, אז דער אוראַדניק האָט שוין אויסגעטרונקען דאָס לעצטע גלאָז וויין, און ער איז אַלץ נאָך וואך.

אין דער גרעסטער פארצווייפלונג, ווייל עס איז מעהר קיין וויין ניט געווען, האָט סידאָר זיך געכאפּט אויף אַ פּלאַן:

ער האָט זיך אנטשולדיגט פאר דעם אוראַדניק, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער איז יעדענפאַלס ניט ניכטער גענוג, אז ער זאָל קענען זיך ריהרען, און ארויסגעהן פון זיין הויז אין גאַס אריין. איז סידאָר ארויסגעלאָפען פון אוראַדניק'ס הויף, איז צוגעלאָפען צו בערעלע איינבינדער, וועלכער איז געווען א שכן פון דעם או־ראַדניק, איז צוגעלאָפען צו בערעל'ס הויז, און אָנגעקלאפּט אין פענסטער.

בערעל איז געזעסען, דעם גאנצען אויפדערנאַכט, אין דער גרעסטער אויפרעגונג, און האָט דערוואַרטעט צו הערן א וואָרט פון סידאָר'ן וועגען דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי דעם אוראַדניק אין הויף.

בערעל איז אַנטקעגען געלאָפען סידאָרען, און האָט מיט גרויס נייגעריגקייט א פרעג געגעבען: — סידאָר, נו, הכלל, דערצעהל, וואָס הערט זיך ביי דעם אוראַדניק!״

סידאָר האָט ניט געוואוסט וואָס ער קען דערצעהלען, און ער האָט נאָר אַ געשריי געגעבען:

— וויין!״

— וואָס וויין!״ האָט בערעל איבערגעפרעגט, און סידאָר האָט ווידער אויסגעשריען: —

— וויין! גיט מיר א האנטעל וויין. דער חזיר, דער אוראַדניק האָט ניט קיין מאָס אויף קיין וויין. אָבער יעדער איינער האָט אַ מאָס, איז נאָך אַן עמער, איז נאָך אַ פעסעל, און אזוי גיך, ווי ער וועט אויסטרינקען זיין מאָס, וועט ער דאָך אמאָל מוזען פא־לען אין באוואוסטלאָזיגקייט, און דאַן וועלען מיר זעהן, וואָס מען קען טהאָן מיט דעם קורילאָוועצער אוראַדניק, ווייל יוחנן האָט שוין געשיקט א נייעם אוראַדניק — האָט סידאָר זיך צולאכט, און איז געווען אַזוי ניכטער, גראָד, ווי ער וואָלט אין זיין לעבען

קיין ביסעל ווין ניט אָנגעריהרט. בערעל איז אליין געלאָפּען. כאָטש עס איז ניט געווען פאר זיינע כחות און ער האָט באוויזען אָנצוקומען אין דעם רבינ׳ס הויף. ווען דער רבי איז נאָך ניט געשלאָפען, און ער האָט איבערגעגעבען דעם רבי׳ן, וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך, און דער רבי האָט געזאָגט: —

— ווענען איך וועל איצטער ניט רופען, אברהם שמש, אָדער לייזער דעם גבאי, וועלען אלע פארשטעהן, און זיך אָנשטויסען, אַז עפּעס גשעהט אין קורילאָוועץ אזוינס, וואָס עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפען, און דאָס טאָר מען ניט, ווייל טאָמער וועט זיך די זאך ניט איינגעבען, קען נאָך חס ושלום ארויסקומען א בלבול אויף דעם פאָלק ישראל, דאָס טאָר ניט געשעהן," — האָט דער רבי פארענדיגט.

— וועלען מיר ביידע אליין, רבי, לעבען, — האָט בערעלע אַ זאָג געגעבען, צו דעם רבי׳ן, — מיר, ביידע וועלען געהן, אין וויינקעלער, און מיר וועלען געפינען דעם „ווימעראָזאָג?" דעם שטאַרקסטען אויסגעפּרוּירענעם וויין, און מיר וועלען באווייזען אנצוצאפּען געגוג, אז עס זאָל קלעקען פאר א צורר ישראל, אז ער זאָל זיך איינשיכורען, איינשלאָפען, כדי מען זאָל קענען אויסהיטען עמך ישראל, פון אן עת צרה, פון א פּאָגראָם. — האָט בערעלע א זאָג געגעבען. און ביי דעם וואָרט — פּאָגראָם — האָט דעם רבינ׳ס פּנים זיך אזוי פארקרומט, אז עס איז געווען אַ גאָט׳ס רחמנות זיך אומצוקוקען אויף איהם.

— בערעלע, — האָט דער אלטער אַ זאָג געגעבען, און זיך פארטראכט אין זיינען געדאנקען, אזוי ווי ער וואָלט איצטער געווען אויף אַן אַנדער וועלט. — בערעלע, איך וויים אליין ניט, וואָס מיט מיר טהוט זיך איצטער, מיינע אבות-אבותינו זיינען אַזעלכע נסיונות ניט אויסגעשטאנען. מיינע אבות אבותינו, האָבען גאר געהאט צו טאָן מיט גוטע אידען, מיט חסידים, און מיט מתנגדישע אידען. אבער, בערעלע, מתנגדישע אידען זיינען נאָך אַלץ אידען. ווייל, ווי האָט געזאָגט אונזער זיידע, זכרונו לברכה, הרב הקדוש הרב לוי יצחק באַרדיטשעווער." — אַ איד, כל זמן ער שמירט די רעדער מיט סמאָלע, נאָר ער דאַוונט, איז ער נאָך אַלץ אַ איד. אפילו א זינדיגער איד איז, פּאָרט א איד, א איד א שאבער-מאַכער, איז דאָך א איד. . . אָבער איך, רב זיסעלע, דער זינקאָווער, אַן אייניקעל פון דעם בעל שם טוב הקדוש, פון דעם הייליגען

אָפּטער רב, הרב מורי מורינו, הרב אברהם יהושע העשעלע, הרב זיסעלע, וואָס זאָל איך זאָגען, ווען אידען זיינען אין אַן עת צרה? ווי קען מען זיך אָפּזאָגען, צו העלפען אידען, אפילו ווען דאָס איז מורד במלכות . . . — האָט דער רבי הרב זיסיעלע גענומען זיין שטעקען אין דער רעכטער האנט און אַ זאָג געטהאָן, ווי ער וואָלט פאר זיך דאָ געהאט אן אסיפה, און ער וואָלט זיי אדרעסירט: —

— אין זכות פון מיינע הייליגע אבות, דעם בעל שם הקדוש, אין זכות פון הייליגע אָבות, וואָס האָבען געהאט דעם שם המפורש און האָבען געוואוסט ווי אזוי צו פּייניגען די שונאי ישראל, מיט דעם אייגענעם זכות האָף איך בייצוקומען דעם קורילאָוויצער אוראדניק!

— רבי, — האָט בערעלע אויסגערופען. — ווען מיר זאָלען אריינלעגען אזוי פיל כח אין אלץ וואס מיר טוען, ווי מיר לעגען אריין אין הייליגע כוונות, וואָלטען מיר דאָך געקענט איבערקעהרען וועלטען, רבי!

דער רבי האָט ניט געענטפערט, און בערל האָט ווייטער אַ זאָג געטאָן:

— אָט דער סידאָר, איז אַ מיסטישע בריאה. וואָס פאר אַ ראָלע שפּילט ער אין דעם באשיצען פון קורילאָוועץ?

די צוויי פלעשער ווײַן זיינען שוין געווען פול, און דער רבי אַליין, האָט אויסגעזעהן ווי אַ כהן גדול, וועלכער וואָלט ערשט ארויסגעקומען אין יום-כפּור פון דעם היכל, אין דעם בית המקדש, אין וועלכען ער מעג נאָר אריינקומען איינמאָל אין אַ יאָהר, און דאס, אויך ניט צוליב זיך, נאָר צוליב דעם גאנצען פאָלק ישראל.

— בערעלע. פרעג ניט, — האָט דער רבי געענטפערט, און עס איז קענטיג געווען, אז ער רעדט ניט ווילענדיג. — עס זיינען פאראן זאכען, וועגען, וועלכע עס איז פארבאָטען צו רעדען ביז אַ געוויסער צייט. עס וועט אמאָל קומען אַ צייט, ווען מען וועט מעגען רעדען וועגען סידאָרען, און וועגען זיינע מעשים, וואָס זעהען איצטער אויס אביסעלע ניט פארשטענדליך. — האָט דער רבי געענטפערט און ביי דעם אויגענבליק זיינעןביידע פלעשער געווען פול ביז דעם האלדז.

בערעל האָט געכאפּט די צוויי פלעשער וויין הינטערביידע פּאכוועס, און איז ארויסגעלאָפען מיט די לעצטע כחות.

ער האָט געהאט א שווער שטיק אַרבייט, ביז ער איז מיט זיי צוגעקומען צו זיין הויז, פון דארטען איז איהם שוין געווען א לייכטע זאך, ווייל בערעל'ס הויז האָט זיך געגרעניצט מיט דעם הויף פון דעם קורילאָוועצער אוראַדניק.

דעם וויין האָט בערעל צוגעטראָגען און אוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון דעם אוראַדניק'ס הויז, און ער איז גיך אַנטלאָפען צוריק, און זיך געדרעהט אין אלע זייטען, זייענדיג פאָרזיכטיג, אַז קיינער זאָל איהם ניט באַמערקען, ערשט ווען ער איז צוריק אַריינגעקומען צו זיך אין הויז, האָט ער דערפיהלט, אַז ער איז אָפּגעגאָסען מיט שוויים, פון דער ארבייט וועלכע איז ניט געווען פאר זיינע כחות.

ווען סידאָר איז צוריקגעקומען איז דער אוראַדניק געזעסען, שוין א האַלב פארשיכורטער, אָבער האָט נאָך אַלץ געטענה'ט, אַז ער מוז האָבען נאָך וויין, ווייל מאָרגען איז יאריד, און ער וועט האָבען א שווער שטיק ארבייט.

סידאָר האָט איהם דערלאנגט דעם וויין, און דערמוטיגט: —

— נא, שעהנער פּריצ'ל, אָט האָסטו נאָך וויין. טרינק וויפיל דיין הארץ גלוסט, און זאָל דיר וואויל באקומען. — און אין הארצען האָט סידאָר געטראַכט: —

— מאָהל דיר, אז מאָרגען וועסטו האָבען אַ לייכטע ארבייט. דו וועסט שלאָפען דאָ, ווי א געהר'געטער, און דו וועסט אפילו ניט וויסען, אויף וואָס פאר אַ וועלט דו ביזט. . . —

ערשט פארטאג, ווען דאָס בלויע ליכט האָט אריינגעקוקט דורך די פענסטער, און דער וויין איז געווען כמעט געענדיגט, איז דער אוראַדניק אַוועקגעפאַלען אין א טיפען שלאָף. דאָס כראָפּען זיינס האָט עדות געזאָגט, אז דער וויין האָט ענדליך גובר געווען זיין אייזערנע גבורה, אוּן אז ער וועט שוין אזוי גיך ניט קענען אויפשטעהן.

סידאָר האָט גענומען אויסריינינגען דאָס צימער, האָט ניט גע-לאָזען קיין זכר פון קיין פלעשער, עס זאָל ניט קענטיג זיין, פון וואנעט דער וויין איז געקומען, און מיט די פלעשער אין א זאק,

אויף די פּלייצעס, האָט ער ארויסמארשירט פון אוראַדניק'ס הויז, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

איבער די וועגען, וואָס האָבען געפיהרט קיין קורילאָוועץ האָבען זיך שוין געצויגען די בוידען די דאָרפישע גויים, געשפּאַנט מיט פערד און אָקסען, און אויפ'ן מארק זיינען שוין געווען די ערשטע שפּורען פון די אָנגעקומענע יארידניקעס, מיט שטייגען הינער, און מיט קווישיקעס אייער, וואָס זיינען שוין געווען אָנגעשטעלט ארום די בוידען פון די דאָרפישע גויים.

בערעל מיט זיין גרופּע האָבען אפּגערעדט, אַז זיי זאָלען זיך טרעפען אין בית המדרש ביי דעם ערשטען מנין, און זעקס א זיינער אין דערפריה זיינען אלע שוין געווען פארזאמעלט אין דעם בית-המדרש.

אין דערלופטען האָט זיך אומגעטראָגען א שטילער טרויער, וואָס האָט ארונטערגעקוקט פון אלעמענס פּנים, און האָט זיך אוועקגעלעגט ווי אַ שווערער וואָלקען. אידען האָבען געדאווענט מיט אַ געבראָכען געמיט, מיט אַ זיפצען און קרעכצען, וואָס האָבען די הערצער געריסען.

אַלע האָבען פארשטאנען, אז די יוגענט איז געקומען ניט אזוי צו דאווענען, ווי צוליב דעם, ווייל זיי ווייסען, אַז היינט איז יאריד, און אז די לעצטע פּאָר יארידים, געהען ניט אריבער אהן געשלעגען, און אז די יוגענט איז איצט וואך, און האלט אַן אויג, אויף די מוזשיקעס, וואָס קומען אריין אין קורילאָוועץ צו דעם יאריד.

אָהן ווערטער, אויף שטום-לשון האָט זיך געפילט א גרויסע דאנקבארקייט צו דער יוגענט, וואָס איז געקומען אין בית המדרש אריין, צו דעם ערשטען מנין, ווייל מיט דער יוגענד האָבען זיך די עלטערע אידען געפיהלט א סך רוהיגער און זיכערער.

ווען די אידען פון דעם ערשטען מנין האָבען זיך געלאָזען געהן אהיים, פון דעם דאווענען, האָט בערעל אויף אַ וואונק צו אַ טהייל פון דער גרופּע נאָכגעשיקט אַ וואך פון פיער יונגע לייט, וועלכע זיינען נאָכגעגאנגען הינטער די פּלייצעס פון די דאוונער, און יעדער איינער איז באגלייט געוואָרען ביז צו דער שוועל פון זיין הויז, אין וועלכער עס האָט זיך אויך געפינען א געוועלבעל.

ארום עלף אזייגער, ווען דער יאריד איז שוין געווען אין פולען גאנג, איז א „נייער אוראדניק״ אומגעגאנגען אויסגעפוצט אין א יוניפארמע, וועלכע איז געווען יא באקאנט און ניט באקאנט צו די קורילאוועצער אידען, און רעדלאך מענשען האבען צווישען זיך געפיהרט א שמועס —

— א נייער אוראדניק. דאס ערשטע מאל, וואס ער באווייזט זיך דא. — האט איין איד גערעדט, און צוגעלעגט: —

— ער זאל כאטש זיין גוט צו אידען . . . מען זאל איהם קענען געבען אין דער יד אריין. — האט א צווייטער סוחר צוגעלעגט. איינער, וועלכער האט פארקויפט אביסעל בראנפען אהן א בלעטעל, און פלעגט דאס ביסעל בראנפען דארפען באהאלטען הינטער אן איבערבעט, ביז דער קונה איז אריינגעקומען, און יעדעם מאל, ווען ער האט פארקויפט פאר א צענער בראנפען, פלעגט איהם איינפאלען, די נשמה, טאמער קומט אן דער אוראדניק, אדער עמיצער וועט מסר׳ן.

עס איז געווען אן אייביגע שרעק, און ביז דער יאריד איז ניט אריבער, האט דער שענקער קיינמאל ניט געוואוסט, ווי אזוי ער וועט אפשניידען.

בערל האט זיך באוויזען מיט צוויי באגלייטער ארום דעם רעדעל, און ער האט אוועקגערופען איינעם פון די אידען אין א זייט, און א זאג געגעבען: —

— געדענקסט, טאמער האט איהר א חשד, אז א גוי וויל שלאגען אדער מאכען צרות, די ערשטע זאך וואס איהר האט צו טהון, איז אדער געפונען דעם נייעם אוראדניק, און ער וועט פארהיטען פון א געשלעג, אדער לאזען וויסען איינעם פון אונזערע אייגענע שומרים. אבער, געדיינקט, מיט די גויים זאלט איהר זיך ניט אריינלאזען אין קיין געשפרעכען, און זיי לאזען צורוה. דער עיקר, שרעקט זיך ניט. מיר היטען. זאלט איהר געדיינקען, אז דאס איז אונזערער א סוד. — האט בערעל פארענדיגט, און איז דערנאך איבערגעגאנגען אין אן אנדער ווינקעל, וואו יארידניקעס זיינען געווען אויסגעשטעלט מיט זייערע סחורות, און ער האט זיי ווידער איבערגעגעבען די זעלבע ווערטער.

אין א פערטעל שעה צייט, איז די נייעס געווען באקאנט אי-

בער דער גאנצער טאראווועצע, וואו דער יאריד איז אָנגעגאנגען, און די אידישע שענקערס איז פארזאָגט געוואָרען איין זאַך: —

— קיין בראָנפען טאָר היינט קיינער ניט פארקויפען. . . ווייל מען טאָר ניט דערלאָזען אז די ערלים זאָלען זיך אָנשיכורען, ווייל דאָס קען פיהרען צו א בלוטבאָד. . . זאָלט איהר אלע געדיינקען, וואָס מען האָט אייך אָנגעזאגט.

מיט דער גאנצער וואַך צושטעלט אין אַלע טהיילען, ביי די טויערען, וועלכע האָבען געפיהרט צו דעם אריינגאנג און אריינ־פאָהר קיין קורילאָוועץ האָט דאָך צוועלף א זייגער אויסגעבראָכען א גרויסע סומאטאָכע:

אן אַלטע גויעטע, אָנגעטאָן מיט צלמ׳עס אויפ׳ן הארצען, מיט א רויטען בלישטשענעם שאַל אויף די אַקסלען, איז געלאָפען אי־בער׳ן מארק מיט ווילדע קולות, און ניט אויפגעהערט צו יאָמע־רען, און ברעכען די הענט: —

— מיין אייניקעל, מיין טעכטערעל. דאָס אויג פון מיין קאָפּ איז פארלוירען געגאנגען. . .

און איהרע ווערטער האָבען זיך שנעל פארשפּרייט ווי ווילד פייער, און זיך צוטראָגען פון איינעם צו דעם צווייטען, צווישען די גויים, וועלכע האָבען זיך געקליבען ארום דער אַלטער, וועלכע איז געווען שיכור, כאָטש קיינער האָט היינט קיין בראָנפען ניט פאַרקויפט, נאָר קענטיג אז די גויעטע איז געקומען א שיכורע שוין פון דאָרף.

זי האָט זיך ניט אויפגעהערט צו צלמ׳ען, און טענה׳ן, אַז אָט ערשט איז דאָס מיידעלע געווען לעבען איהר, דא, ווען זי האָט געדונגען א פישעל ביי דעם שטעלעכעל וואו עס שטעהט דער „זשיד” מאָשקע, און באלד איז דאָס קינד ניט געוואָרען.

דער אוראַדניק, מ׳דאַרף ברייגנען דעם אוראַדניק. — האָט איינער פון די גויים אויסגעשריען, און אין איין וועג זיך פאַר־מאָסטען אויף דעם אידען, מאָשקא, אויף וועמען די שיכורע גויע האָט אָנגעוויזען, אז זי האָט דאָ געקויפט א פישעל.

משה דער געלער, א דערשלאָגענער איד, קליין אין וואוקס, אין אָן אָפּגעריסענעם, אָרעמען הולך, איז געשטאָנען און עס האָט

מיט איהם געווארפען פון שרעק, פיהלענדיג, אז דאָ קלייבט זיך אַ פינסטערער בלבול אויף זיין קאָפּ, איז ער געשטאַנען און געבראָ-כען די הענט און געיאָמערט: —

— ווי איך בין אַ איד, אַז איך האָב זי אפילו אין די אויגען ניט אָנגעזעהן. אז איך האָב נאָך היינט אַפילו קיין „פּעטשאטאָק. (אָנהויב אויף לייזונג) ניט געהאט. אויך דאָס איז אַ בלבול, אי-דען, זעהט, זעהט, וואָס פאר אַ שקר בלבול דאָס איז, וואָס וויל זי פון מיר, אידען ראַטעוועט, געהט ברייננגט דעם אוראַדניק — האָט משה אליין זיך געבעטען, — געהט, זאָל ער אויסגעפינען, וואָס פאַר אַ בלבול דאָ איז.״

דער אוראַדניק איז גלייך אויסגעוואקסען, און די ערשטע זאַך, האָט ער אַ פּאָכע געטהאָן מיט זיין סאבליע (שווערדעל) ארום זיך, און אויסגערופען:

— צוגעהט זיך דברים-אחרים, שנעל, ווייל איך וועל אייך באלד אַרעסטירען. — און ער האָט אַ פעכט געטהאָן אין דער לופטען מיט אזא ערנסטען אָנשטעל, אַז די צושראָקענע גויים זיי-נען אָפּגעטראָטען, אין אַ זייט, און בערעל איז אונטערגעקומען און אַ מורמעל געטהאָן אַ פּאָר ווערטער צו דעם אוראַדניק זעהר שטיל. איין וואָרט האָט דער „אוראַדניק״ אויפגעכאפּט און דאָס וואָרט איז געווען — קלויסטער.

— קום מיט מיר, דו פאלשע זאַך. . . — האָט דער אוראַדניק אַ שטויס געטהאָן די אַלטע גויעטע, און איהר אָנגעוויזען צו דער ריכטונג, וואו דער קלויסטער איז געשטאַנען, און די גויעטע, האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך געשעהמט אויפצוהויבען די אויגען, ווי אַ גנב ווען מען האָט געכאפּט ביי דער האנט.

אַ סך נייגעריגע גויים און אידען, זיינען נאָכגעגאנגען פון דער זייט, זיינען געווען נייגעריג צו זעהן, מיט וואָס די מעשה וועט זיך ענדיגען. דער ערשטער, ווען דער אוראַדניק האָט גע-פיהרט ביי דער רעכטער זייט, איז געווען משה דער געלער וועלכער האָט איצטער געהאט מעהר ענליכקייט צו אַ וואקסענע פיגור, אָהן אַ טראָפּען בלוט אין פּנים, פון גרויס שרעק. עס האָט איהם אַפילו ניט געהאָלפען, דאָס וואָס דער „אוראַדניק״ האָט געזוכט משה׳ן צו בארוהיגען, און ער האָט זיך אַפילו געוויצעלט, מעשה גוטער-ברודער, און אַ זאָג געגעבען :

— אז מען עסט ניט קיין קנאָבעל, שטעמקט ניט פון מויל — „פּאָנימאיעש, זשידקאָ!" (דו פארשטעהסט, אידעלע!)

ווען דער אוראַדניק איז צוגעגאנגען צו דעם קלויסטער, האָט ער אָפּגעלאָזען משה דעם געלען, אָנגענומען די שיכור'ע גויעטע ביי דער האנט, און איהר אָנגעוויזען צו דעם טויער פון קלויסטער, און אויסגערופען.

— דו מאשעניצא, דו שיכורע, פּיאניצע! אָט זיצט דאָך דיין קינד, דאָ, וואו דו אַליין האָסט זי אוועקגעזעצט! דו ווייסט דאָך, אז אידען געהען ניט אין קיין קלויסטער, היינט וואָס ביזטו זיך געקומען בינדען צו די אידען, זיי זאָלען דיר אָפּגעבען דיין קינד? וואָס שווייגסטו, דו פּיאניצע פינסטערע! — האָט דער אוראַדניק געשריען אויף איהר.

אידען זיינען געשטאנען פון דער ווייטענס, און האָבען זיך געריבען די הענט פון גרויס פרייד. און ניט אויפגעהערט צו טענה'ן:

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען פאר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אונז געטהאָן, און צוגעשיקט דעם נייעם „אוראַדניק..."

— ניצול געוואָרען פון אַ שקר-בלבול, — האָבען אַנדערע אידען זיך געפרעהט. און עס איז זיי אריינגעבלאָזען געוואָרען אַ נייע נשמה.

— נעהם שנעל דיין איניקעל, און פארלאָז דעם יאריד, דיין געביין זאָל זיך היינט דאָ מעהר ניט געפינען, וויל טאָמער וועל איך דיך ווידער טרעפען היינט אויפ'ן מארק, וועל איך דיך אַרעסטירען, און אָפּשיקען אין דאָרף אריין מיט'ן עטאפּ. — זאָלסטו געדיינקען, דו אַלטע מאשעניטשקע, דו ווילדע זאך, וואָס דו ביזט! — האָט דער אוראַדניק אויף איהר געטופּעט מיט די פיס, און די אַלטע איז שוין איצטער געשטאנען און געציטערט לעבען דעם אוראַדניק, און צוגעזאָגט, אז מען זאָל זי נאָר אָפּלאָזען, וועט זי לויפען אַהיים, צו זיך אין דאָרף אַריין.

— ווארט, דו ביזט אָבער נאָך ניט פארטיג — האָט דער אוראַדניק גע'טענה'ט, און ארויסגעשלעפּט אַ בויגען פּאפּיר, מיט אַן אָנשטעל אַז ער וועט נאָך מאַכען אויף איהר אַ פּראָצעס. . .

די אַלטע האָט זיך קוים אָפּגעבעטען, אז מען זאָל איהר גאָרניט טהאָן, און דער אוראַדניק האָט איהר אַ זאָג געגעבען:

— איך בין א נייער אוראדניק, וועל איך דיר שענקען דאס ערשטע מאל, און וועל דיך לאזען געהן אהיים, אבער איך מוז וויסען צוליב וואס האסטו דאס געטהאן ?

— די גראמאדא האט מיר געגעבען צעהן רובעל, אז איך זאל אוועקזעצען דאס מיידעלע אין הויף פון דעם קלויסטער, ווייל זיי האבען געוואלט שלאגען אידען היינט אויף דעם יאריד.

טו, וויז אן, ווער זיינען די גוטע „קריסטען" אין דיין גראמאדא, וואס האבען ניט קיין גאט אין הארצען, און האבען געוואלט אזא געמיינע זאך? — האט דער „אוראדניק" אין גרימצארן געשריען אויף איהר.

נאר באלד האבען זיך איינינע גויים פון דעם זייטיגען עולם, ארויסגעדרעהט, און מיט ליידיגע זעק אויף די פלייצעס, וועלכע זיי האבען אפנים געהאט צוגעגרייט, אז ווען די סומאטאכע וועט זיך פארשפרייטען, וועלען זיי קענען אנפילען זייערע זעק מיט אידיש האב און גוטס. די דאזיגע גויים האבען דערשמעקט, אז זיי קענען באלד האבען א פעקעל אויף זיך, און זיינען זיך צולאפען אין אלע ריכטונגען, און זיינען ניט געווארען.

די וואך איז נאכגעגאנגען די אלע פארדעכטיגע פון דער זייט, זיי נאכגעפאלגט ביז זיי זיינען געוועזען ארויס פון שטאדט.

דער יאריד איז איבערגעשלאגען געווארען. די גויים האבען דערפיהלט, אז עמיצער האט זיי אפגעטהאן א שפיצעל. מען האט זיי אפגענארט. צוגענומען פון דעם יאריד דעם אלטען אוראדניק, אויף וועמען מען האט זיי געזאגט, אז זיי קענען זיך פארלאזען, אז ער וועט ניט שטערען אין דער ארבייט. דערצו האבען זיי געפיהלט, אז הינטער די פלייצעס געהט זיי נאך א וואך, וואס היט זיי, און טראגט באלד צו צו דעם אוראדניק, וואו די גויים גרייטען זיך צו פארפיהרען א געשלעג.

איבער'ן שטעדטעל, אבער האבען זיך געהאלטען אין פארשפרייטען מאדנע מעשיות, און אלערליי לעגענדעס, וואס האבען געקלונגען וואונדערליך :

— דארף זיך גראד מאכען, אז בערעלע אליין, זאל אנקומען אנטקעגען דער גויע, און זעהן, ווי זי פיהרט אריין דאס שיקסעלע אין דעם טויער פון דעם קלויסטער, זעצט זי אוועק לעבען די גראטעס, און זאגט איהר :

— דאָ זאָלסטו זיצען, ביז מען וועט דיך קומען נעהמען אהיים. געדיינק-זשע, וואָס איך זאָג דיר. זיץ דאָ, ווייל אַז ניט, וועלען די זשידעס דיך צונעהמען. — האָט דער איינבינדער דער-צעהלט יארידניקעס אין מיטען מארק, לעבען דער טאראוועצע און ער האָט אָנגעוויזען צו דעם קלויסטער, און דערנאָך צוגעלעגט:

— א שעהן פעקעל, וואָלט משה דער גלעזער היינט געוועזן געהאט. ער מעג גומל בענשען, פאַר דעם חסד, וואָס גאָט האָט מיט איהם געטהאָן.

— פארוואָס עפּעס נאָר ער, מעג בענשען גומל, — האָט אַנ-אַנדערער באמערקט, — אַלע אידען דארפען היינט בענשען גומל, און דאַנקען גאָט, פאַר דעם נייעם אוראַדניק, וואָס ער האָט היינט צוגעשיקט. ווען דאָ איז דאָ אונזער אייגענער שיכור, דער אלטער אוראַדניק, וואָלט שוין פארפלאָנטערט זיך אַ פעקעל אויף אידען.״

— נאָר טאַקע ווי עפּעס אַ מלאך פון הימעל, — ניט קיין אוראַדניק, האָבען אנדערע געצויגען מיט די אַקסלען פארוואונ-דערט, און האָבען צוגעלעגט:

— ווער ווייס? אפשר איז דאָס גאָר ניט קיין אוראַדניק, ווער קען וויסען? קען זיין, אַז דאָס איז גאָר עפּעס אַ למד-וואָווניק. איינער פון יענע לייט, וואָס קענען זיך פארשטעלען, אויף וואָס מען דאַרף, כדי צו ראַטעווען אידען פון אַ גרויס אומגליק. . .

די מעשיות האָבען זיך פארשפּרייט איבער דעם יאריד און זיינען פארנאכט איבערגעטראָגען געוואָרען אין בית המדרש צו מנחה, און אידען האָבען זיך געפרעהט:

— גאָט צו דאַנקען. גוט אָפּגעשניטען. אויסגעלייזט געוואָרען פון א שקר-בלבול. געקענט אומגליקליך מאַכען אַ גאַנץ שטעדטעל, אָט די פאסקודנע שיכור׳טע.״

אידען האָבען געדאַווענט פרעהליך, מיט אַ לייכט געמיטה, און אַלע האָבען געדאַנקט גאָט, פאַר דעם נייעם אוראדניק, און געבעטען גאָט, אַז ער זאָל זיך כאַטש דאָ האַלטען.

אפילו בערעל׳ס טאַטע האָט אויך ניט אָנגעהויבען האָבען קיין ברעקעל ידיעה, אַז דאָס איז געוועזן אַ שטיקעל ארבייט דורכ-געפיהרט מיט בערעל׳ס און יוחנ׳ן׳ס פלענער, און מיט׳ן קורי-לאָוועצער׳ס חכמה.

ווען די לעצטע יארידניקעס האָבען פארמאכט זייערע שטע-לעכלאך, אוועקגעטראָגען אהיים די סחורות, און די טאראוועצע האָט זיך אינגאנצען אפגעליידיגט, און עס איז מעהר ניט געווען קיין זכר פון די הונדערטער דאָרפס גויים, וועלכע האָבען היינט געכאפט אַזאַ מיאוסע מפלה, און זיינען אין איילעניש היינט זיך צופאָהרען אהיים, א סך פריהער ווי אַלעמאָל, ווייל קיין בראָנפען האָט מען זיי ניט פארקויפט, און וואו נאָר זיי האָבען בדעה גע-האט צו פארפיהרען א געשלעג, איז דער נייער אוראַדניק אויס-געוואקסען הינטער די פּלייצעס, און האָט זיי געזידעלט און צו-טריבען, ווען עס האָט שוין אָנגעהויבען פינסטער צו ווערען, איז בערעלע געזעסען ביי דעם רבי'ן אין חדר מיוחד, און ער האָט איהם איבערגעגעבען די נייעס פון דעם היינטיגען יאריד, און ער האָט דערצעהלט:

— דער נייער אוראַדניק האָט דורכגעפיהרט א שטיק ארבייט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט, ווי דעם מה"רל'ס פּראגער גולם. ער האָט גְעארבייט אויסגעצייכענט, ווי אַ געבוירענער גולם, מיט אַזאַ כח, אַז מענשען האָבען פאר איהם געציטערט. . . געווען מי-נוטען, ווען איך האָב מורא געהאט, אַז אָט לעגט ער אוועק אַ פּאָר גויים, און ממית'ט זיי. אבער, גאָט צו דאנקען, קיין בלוט איז ניט פארגאָסען געוואָרען. — האָט בערעלע געשמייכעלט.

— איך האָב איהם אָנגעזאָגט, אַז סיידען, ווען עס וועט זיין סכנת נפשות. אַנדערש זאָל ער זיך ניט דערוועגען עמיצען אָנ-צוריהרען. — האָט דער רבי באמערקט, — און סידאָר'ן דאַרף איך קיין צוויי מאָל ניט זאָגען. ער פארשטעהט מיינעם אַ וואונק."

— נו, איצטער דאַרף מען אַ טראַכט טהאָן, וואָס מען טהוט מיט סידאָר'ן, דערווייל, איידער דער אוראַדניק וועט זיך אויס-ניכטערען, און זיך דערוויסען וואָס דאָ איז געשעהן. . . — האָט דער רבי א זאָג געגעבען, און איז געווען אביסעל פארזאָרגט.

—יוחנן האָט דאָס שוין באוואָרענט. — האָט בערעלע דעם רבי'ן פארטרויעט. און ער האָט א זאָג געגעבען:

— סידאָר איז שוין פארפאקוועט. דער אוראַדניק פאָהרט איצטער צוריק קיין מאָליוו, צוליעב צוויי זאַכען. ערשטענס, אַז דער אוראַדניק זאָל זיך מיט איהם ניט קענען באגעגענען, טאָמער דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז געווען סידאָר, וועלכער האָט איהם אָנגעשיכור'ט. . .

דער רבי האָט בערעלען איבערגעשלאָגען די רייד.

— מעג מען האָפען, אַז דער מלאך פון פארגעסענהייט זאָל דעם קורילאָוועצער אוראַדניק אָפּטהאָן א שפיצעל, אַז ער זאָל אפילו ניט אָנהויבען צו געדיינקען וואס עס האָט זיך געטהון מיט איהם, ווייל איך האָב שוין א סך מאָל געהערט דערצעהלען פון מיינע אָבות, ווען זיי האָבען געדאַרפט, אַז א שררה זאָל פארגע-סען, האָבען זיי איהם אָנגעשיכור׳ט מיט צעהן יאָהר אלטען „ווי-מעראַזאָג״ און עס האָט געארבייט ווי א שפריך-וואָרט. לאָמיר האָפען, אַז ער וועט אינגאנצען ניט וויסען, וואָס עס האָט זיך מיט איהם געטהאָן.״

— אָבער, רבי, לעבען, — האָט בערעלע ווייטער א זאָג גע-טהאָן: — לאָמיר זיך ניט פארלאָזען אויף קיין נס. סידאָר׳ן וועל איך אין א שעה ארום ארויסשיקען פון קורילאָוועץ. דערצו איז ניט אויסגעשלאָסען, אַז יוחנן זאָל איהם דארפען האָבען דאָרטען גאָר אינגיכען. זאָל ער זיך ארומדרעהען אין מאָליוו, און זיך לער-נען פון די „קנעפּלאך״ וואָס דרעהען זיך דאָרטען ארום. דאָ וועט דער אוראַדניק מיט דער צייט האַלטען אן אויג אויף איהם, קען ער איהם מיט דער צייט אָנהויבען צו פארדעכטיגען, און דאָר-טען איז ער געזיכערט, ווייל עס וועט קיינעם גאָר ניט איינפאַלען, אַז דער תם איז קאַפּאַבעל אויף אַזעלכע זאכען. — האָט ער דעם רבי׳ן געגעבען צו פארשטעהן די גאנצע זאך.

— בערעלע, איך זעה דאָך, אַז דו ביזט א ליטיש קינד, און דו ארבייטסט באמת לטובה פון אונזערע אידען, פארלאָז איך זיך זיך אויף דיין חשבון. מן הסתם ווייסטו וואָס דו האָסט צו טהון, אָבער סידאָר וועט מיר אויספעהלען. — האָט דער רבי שטאַרק באדויערט, וואָס מען נעהמט ביי איהם צו אזא באַגלויבטען קנעכט, וואָס דינט גאָט מיט אזא ערנסט, וואָס עס איז צו איהם קיין גלייכען ניטאָ.

— מיר דאכט זיך, אַז דער „נייער אוראַדניק״ האָט היינט אַזוי אָנגעשראָקען די גויים פון די דערפער, אַרום קורילאָוועץ, אַז זיי וועלען דאָס האָבען לאַנג צו געדיינקען, — האָט בערעלע א זאָג געגעבען: לאָמיר זעהן, ווי אַזוי דער אוראַדניק וועט זיך אויפפיה-רען, נאָכדעם, ווי ער וועט געוואויר ווערען, אַז ער האָט פאַר-שפעטיגט א יאריד. דערנאָך וועלען מיר זעהן, וואס מיר האָבען

ווייטער צו טהון. — האָט בערעלע פארענדיגט און זיך אויפגעהויבען אַ זאַג טהוענדיג:

— איך וועל געהן אַרויסבאַגלייטען סידאָרען פון שטאָדט, מאָרגען וועל איך קומען צו אייך אויף דער נאַכט.

— געה, און זיי מצליח. — האָט דער אַלטער זיך אויפגעהויבען, און בערעלען אַרויסבאַגלייט, ביז פון יענער זייט טיהר.

אויף די ווערטער איז סידאָר אריינגעקומען. אויף זיין פּנים איז געלעגען אַ טיפער ערענסט, און ווען בערעל איז שוין געווען פון יענער זייט טיר, האָט סידאָר אויסגעשטרעקט די האַנט צו דעם רבי׳ן, און זיך מיט איהם געזעגענט:

— איך וויל ניט אַוועקפאָהרען פון קורילאָוועץ, — האָט ער געשעפּטשעט אין אַ געבראָכענער שטימע, — נאָר אַז יוחנן האָט געהייסען אַזוי, דאַרף אַזוי זיין.״

— יאָ. דו מוזט איצט פאָהרען אהין, — האָט דער רבי געהאַלטען זיין האַנט, און האָט איהם געבענשט:

— זיי זשע וויסען, גוטער ברודער, אַז גלות איז אַ גרויסע מדרגה. דו געהסט אַפריכטען גלות, כאָטש דו האָסט עס אַליין אויף זיך גענומען. מיר זיינען געבוירענע גלות מענשען, קענען מיר זיך ניט אָפּוואַרפען, פון גלות, אפילו ווען מיר זאָלען וועלען, ווייל די דרויסענדיגע די ניט-אידישע וועלט, וועט אונז צוריק אַריינשטויסען אין גלות אריין. דו, אָבער, דורך אַ צופאַל, ביזט אַרויסגעפאַלען פון גלות, אָבער דו האָסט אַליין, מיט דיין פרייען ווילען דיר אויסגעוועהלט גלות, און ביזט צוגעשטאַנען צו אונז, איז דאָס אַליין זעהר אַ גרויסע מדרגה.

בערל מיט אַ גרופּע, האָט סידאָר׳ן באַגלייט און גערעדט צו איהם:

— איצט, נאָכדעם ווי דו האָסט שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעקויפט דעם אידישען נאָמען פון שאַנד און חרפּה, האָסטו שוין געבראַכט דערצו אַז אידען בענשען זיך מיט דיין נאָמען. אמת, זיי רופען אָן דעם קורילאָוועצער אוראַדניק, און זיי מיינען, אַז ער, דער אוראַדניק, איז עס געווען דער גרויסער אוהב ישראל, דער גואל ישראל. אָבער עס איז געגוג, אַז דו האָסט דעם רבי׳ן

פאר אן עדות. דער רבי איז אַ באגליובטער מענש, דער רבי האָט היינט דערצעהלט פאר מיר אז דו האָסט דיר געקויפט ביידע וועל־טען, ווייל דו האָסט אויפגעטהון אַ גרויס שטיק ארבייט. . . ניט נאָר פאר זיך. נאָר פאר אונז אלע, דו האָסט מציל געווען אידען, זיי אויסגעקויפט פון אַ בייזען גזר, פון אַ גרויסען אומגליק, וואָס האָט געהאנגען איבער זייערע קעפּ ווי אַ וואָלקענבראָך.

סידאָר איז געשטאנען, מיט'ן קאָפּ געבויגען צו דער ערד, גע־זוכט אויסצומיידען די בליקען פון די מיטגלידער פון דער פאר־טהיידיגונג'ס גרופּע, בערעל'ס תלמידים, וועלכע זיינען געשטא־נען פארגאפט, געקוקט אויף סידאָר'ן, ווי מען קוקט אויף אן היי־ליגען. נאָכדעם, ווי ער האָט אָפּגעטהאָן דאָס גרעסטע וואונדער אין דער וועלט. זיי זיינען געשטאנען און געשוויגען, ניט געוואוסט, אויב דאָס וואָס זיי הערען איז אַ חלום, אָדער טאַקע אן אמת.

בערעל האָט ווייטער גערעדט:

— לאָמיר זאָגען, און איך וויל טאַקע, אַז מיינע תלמידים זאָלען הערען: ניט יעדער מענש איז זוכה צו דעם, וואָס דו האָסט שוין זוכה געווען. און דו האָסט מיט וואָס צו זיין צופרידען. גוטע מלאכים האָבען זיך פאר דיר געמיהעט. און זיי האָבען דיך באַ־גלייט אויף דיינע וועגען. ווייל דו ביזט געווען אַ שליח מצוה, און אַ שליח מצוה, לערענט אונז די תורה, ווערען ניט באַשע־דיגט. דו ביזט ארויס גאַנץ, ניט באַשעדיגט. עס האָט געקענט פּאַסירען, אַז עס זאָל אָנפאָהרען דער „סטאַנאָוואָי", דער פּריסטאַוו, און זאָל דיך נעהמען אויף אַ פארהער, און אויב דו וואָלסט מיט איין וואָרט אָדער צוג זיך פארראטען, וואָלסטו געווארען מיט אַ קאָפּ קורצער, פאר פעלשען דעם נאָמען פון דער רעגירונג און דאַן ערשט וואָלטען אלע אידען פון קורילאָוועץ פארקלאָגט גע־וואָרען, און עס וואָלט זיך פארפיהרט אַ משפּט איבער אונז, און ווער ווייסט, מיט וואָס דער משפּט וואָלט זיך געענדיגט, פאר קלע־נערע חטאים ווי אונזערע האָט מען אידען שוין פארשיקט אין סיביר.

סידאָר האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין, און זיך געקאָרטשעט פון קאָנוואולסיעס.

— עס טרעפט אַמאָל, אַז אַ מענש מיינט צו טהון גוט, נאָר עס קומט אַרויס שלעכט, — האָט סידאָר מיט אַמאָל זיך צורעדט, — און ער האָט אויסגעזעהן ווי אין אַ טראַנס. — איצטער קען

איך אייך שוין זאָגען: — איך בין געגאַנגען אויף קידוש השם, און האָב געמיינט, אַז מיין לעבען וועט זיך ענדיגען יענעם דאָנערשטאָג אויפ'ן יאַריד, ווען דער אוראַדניק האָט מיט אַ נאַכט פריהער געסטראַשעט מיט פּאָגראָמען אויף קורילאָוועצער אידען, און צום סוף, וואָס האָב איך געטהון?

איך האָב אַרויסגעשיקט אַ נאַרישע, שיכור'ע גויעטע פון שטעדטעל, דאָס און מעהר גאָרנישט. עס איז נאָך אַ פּנים ניט געקומען פאַר מיר די שעה אויסגעלייזט צו ווערען, און דעריבער דאַרף איך ווידער וואַנדערען. ווידער געהן אָפּריכטען דעם גלות. זיין נע ונד, פאַרוואָרפען פון מיין רבין, וועלכער איז ביי מיר געווען דאָס גאַנצע לעבען מיט דער נשמה. קיינער קען ניט אַזוי מיין רבין, אַזוי ווי איך קען איהם. ער איז אמת, אַ געטליכער מענש, אַ מלאך אלוקים, — האָט סידאָר פאַרענדיגט, און בערעלע'ס תלמידים, זיינען געשטאַנען און געגאַפט, ווי דאָ וואָלטען זיי איצטער צוגעזעהען דאָס גרעסטע וואונדער פון דער צייט: עס שטעהט פאַר זיי איינער, וועמען זיי געדענקען אַלס קליינע קינדער אין רבינ'ס הויף פאַר אַ שבת גוי, און דער דאָזיגער שבת גוי, שטעהט איצטער פאַר זיי. אין פולער אנטפּלעקונג, עפּעס ווי אַ סימבאָל פון דער אייביגער צייט, און ווייזט זיי דעם אמת'ן וועג. דעם וועג פון מקריב זיין זיך פאַר דעם אידישען פאָלק אין צייט פון אַ נויטה. זיינען זיי געשטאַנען, זיך דורכגעוואָרפען מיט בליקען פול מיט וואונדער, און האָבען אַרונטערגעלאָזען די קעפּ צו דער ערד. כדי זיך ניט אָנצוטרעפען מיט סידאָר'ס בליקען, וועלכע זיינען געווען דורכגעדרינגען, ווי ער וואָלט געוואָלט ביי זיי פרעגען:

— איצטער, ווען מיך האָט מען אַוועקגעשיקט אנטקעגען מיין ווילען פון מיין רבין, ווי אַזוי וועט איהר רעאַגירען אויף דער גאַנצער זאַך? ווי אַזוי וועט איהר ענטפערען אין אַ צייט פון אַ צרה? ווען עמיצער וועט באַפאַלען קורילאָוועץ? ווער וועט פאַרטהיידיגען דאָס שטעדטעל?

אָבער די תלמידים האָבען ניט געדאַרפט ענטפערען אויף סידאָר'ס שטימע בליקען. בערעלע האָט אָנגענומען סידאָר'ס האַנט, און ער האָט אַ זאָג געגעבען:

— זיי וויסען, אַז דיינע מעשים וועלען ניט פאַרגעסען ווערען

אזוי גיך ביי אונז, אין קורילאָוועץ, סידאָר, — דאָס וואָס מיינע תלמידים האָבען געזעהן און געהערט, וועט האָבען אויף זיי מעהר השפעה, ווי אז איך וואָלט זיי געלערענט נאָך צעהן יאָהר. דו מעגסט איצטער זיין רוהיג, געה דיין וועגס. מען דארף דיך איצ-טער אין מאָליוו. יוחנן דערוואַרטעט דיך, און עס וועט דיך אויך אויפנעהמען דער מאָליווער רב. ער איז אויך א גרויסער פיהרער ביי אידען.

— אָבער ער גלויבט ניט אין רבין, — האָט סידאָר א זאָג גע-טהאָן א באַזאָרגטער, און עס איז קענטיג געווען, אַז ער איז זיך שטאַרק מצער פון דעם.

— דער רבי קען זיין שטעדטעל אליין ביישטעהן, און דער מאָליווער רב אין מאָליוו, איז גראָד אזוי וויכטיג, ווי וויכטיג עס איז געווען דער אַלטער אין זיין צייט אין קורילאָוועץ.

סידאָר האָט עס ניט געוואָלט ליידען און ער האָט געענטפערט:

— אויב איהר מיינט, אַז דער רבי איז איצטער מעהר ניט נויטיג אין קורילאָוועץ, וועל איך גלייך ארונטערוואַרפען דעם זאַק פון מיינע פּלייצעס, און וועל זיך די רגע אומקעהרען צו מיין רבין. אויף מיין רבין טאָר קיינער קיין איין וואָרט ניט רעדען קיין שלעכט'ס, האָט סידאָר אויסגעשריען, און איז געוואָרען אויסער זיך.

בערעל האָט איהם געזוכט צו באַרוהיגען, און ער האָט א זאָג געגעבען:

— קיינער האָט ניט געמיינט דעם רבין צו באַליידיגען, נישט מעהר, וואָס איצטער איז דיין פּלאַץ אין מאָליוו, ווייל דאָ ביי אונז איז פאַר דיר געפעהרליך. — די תלמידים האָבען זיך אָפּגע-קעהרט, ווייל עס איז איצטער געווען א גאָט'ס רחמנות צוצוזעהן די ליידען פון סידאָר'ן, וועלכער האָט זיך געקאָרטשעט און גע-קראַמפּט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז בערעל האָט דעם רבין ניט דערמאָנט מיט גענוג יראת הכבוד, און ער איז געווען אויסער זיך.

עס איז אויסגעקומען, אַז בערעל איז געשטאַנען מיט סידאָר'ן פּנים אל פּנים, און אַלע אנדערע זיינען געשטאַנען אין א זייט, און האָבען ניט געקענט הערען, זייער געשפּרעך.

— פון איצטער אָן. סידאָר, ביזטו אין יוחנ'ן'ס רשות. אין

קורילאָוועץ איז פאר דיר איצטער ניטאָ וואָס צו טהון. דיין אָרט איז דאָרטען וואו די געפאהר איז אמשטארקסטען. דו ביזט באַ־שטימט פאר דער געפעהרליכער ארבייט. ווילסטו טהון וואָס עס איז וויכטיג פאַר אונז אלעמען ?

— געוויס — האָט סידאָר געענטפערט, — אָבער איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר צוזאָגען, אַז איהר וועט באשיצען דאָס הויף, האַלטען אַ וואַך איבער מיין רבין, ווייל ער איז צו מיר אַזוי שוין צוגעוואוינט, אַז ער וועט ניט קענען אויסקומען אָן מיר, און מיר וועט געוויס זיין ניט גוט אהן איהם.

— יוחנן איז אַן אייניקעל פון אונזער רבין, — האָט בערעל אַ זאָג געגעבען, און דערמיט האָט ער סידאָרען איבערגעוואונען אויף זיין זייט. — פון היינט אָן און ווייטער וועסטו דארפען די־נען יוחנ׳ן, פונקט אַזוי עהרליך און געטריי, ווי דו האָסט געדינט דעם רבין. פארשטאנען ?

— פאַרשטאנען. — האָט סידאָר געענטפערט און דערנאָך צו־געלעגט: — דינענדיג דעם רבין, האָב איך געדינט גאָט.

— גאָט איז דער אייגענער אומעטום, — האָט בערעל געענט־פערט, און ווער עס דינט מענשען, יענער דינט שוין דערמיט אליין גאָט. אומעטום זיינען דאָ אידישע שונאים, און אומעטום נויטיגען זיך אידען, אַז מען זאָל זיי באשיצען, און דיר האָט גאָט געגעבען דעם כח, אז דו זאָלסט קענען באשיצען אידען, און דיין פלאַץ איז אומעטום, וואו אידען דערוואַרטען אַן אומגליק.

—איצט פארשטעה איך, בערעל, — האָט סידאָר אַ זאָג גע־טהאָן, פארוואָס דער רבי האָט מיר געהייסען פאָהרען קיין מאָליוו. — ער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי איינער וועלכער שטארקט זיך אין אַ קריטישען אויגענבליק. האָט ארויפגענומען דעם זאַק אויף די פלייצעס, זיך פארטיג געמאכט אויף צו שיידען זיך. ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן, וואָס איז געווען מעהר ענדליך צו אַ גרימאַסע.

— דאָס וועסטו איבערגעבען צו יוחנ׳ן, ווען דו וועסט אָנ־קומען, — האָט איהם בערעל אַ זאָג געטהאָן און דערלאנגט אַ פאַרזיגעלטען פאַקעט, און ער האָט נאָכאמאָל געדריקט זיינע ביי־דע הענט, איהם געהאָלפען אַרויפלעגען דעם שווערען זאַק אויף די פלייצעס, און סידאָר האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו די תלמידים.

ער האָט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל זיך זיי אָפּשטעלען אַ טרויעריגער איינדרוק פון דער לעצטער שיידונג, און ער איז אַוועק מיט האסטיגע טריט אין דער פינסטערער נאַכט.

בערעל מיט זיינע תלמידים האָבען זיך אומגעקעהרט, דער קאַלטער רעגען האָט געשטערט זייער גאנג, אָבער דאָס וואָס זייער רבי, זייער לעהרער האָט זיי מיטגענומען אויף אַזאַ אויסערגעוועהנליכע רייזע ארויסצובאַגלייטען סידאָר׳ן, וועלכער איז ביי זיי די גאַנצע צייט פון דעם יאריד געווען אַ מיסטעריעזע באשעפעניש, ווייל זיי האָבען איהם דערקענט, און האָבען געוואוסט, ווער ער איז, ווייל בערעל האָט זיי געמוזט צוגרייטען. אין פאַל, טאָמער פּאַסירט אַן אומגליק, און סידאָר וועט מוזען עמיצען באַזייטיגען און זיי וועלען איהם דאַרפען באהאלטען, אָדער ארויסהעלפען האָט ער זיי דערפאַר אריינגענומען אין סוד אריין. . .

האָבען זיי געוואוסט ווער סידאָר איז. ער איז דער „נייער אורארדניק״, וואָס האָט באַזייטיגט דעם קורילאָוועצער אוראָדניק, איהם אַוועקגעלעגט שלאָפען. . .

און דערמיט, וואָס סידאָר האָט געוויינט, און האָט ניט געוואָלט אַוועקפאָהרען פון קורילאָוועץ, און זיך געזאָרגט וואס עס וועט ווערן מיט׳ן רבין, האָט ער ביי זיי שטאַרק אויסגענומען, ווייל זיי האָבען געפיהלט פון זיינע רייד, אַז ער איז זעהר ערענסט און איז איבערגעבען דעם רבין, און קען זיך פון איהם ניט שיידען.

אויפ׳ן וועג צוריק, זיינען אַלע געגאנגען מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּ, און קיינער האָט ניט געוואגט פאַרציהען קיין שמועס, ביז בערעל אַליין האָט אָנגעהויבען:

— דאָס וואָס מיר האָבען יעצט געזעהן, איז אַן אויסערגעוועהנליכע זאַך. מיר האָבען געזעהן אַ טראַגישע באשעפעניש. אַ מענש, וועלכער ווייסט ניט, וואָס עס מיינט צו לעבען צוליב זיך. — האָט בערעל אַ זאָג געגעבען: — ווען מיר זאָלען אַלע קענען אַזוי לעבען, ניט קיין אייגען לעבען, נאָר כדי עפּעס משלים צו זיין, עפּעס פאַרריכטען, עפּעס אויסצובעסערען פאַר אַנדערע, וואָלטען מיר שוין לאַנג געהאַט אַ בעסערע וועלט. — האָט בערעל ווײטער גערעדט מיט באַגייסטערונג פאַר סידאָרען. — דער מענש איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין דעם רבינ׳ס הויף. געקומען איז ער אינגאַנצען פון אַ פרעמדער אַטמאָספערע, אַ דרויסענדיגע

סביבה, נאָר ער איז פאַרכאַפּט געוואָרען גראָד דערפאַר, ווייל די סביבה איז איהם געווען פרעמד און אויסטערליש, האָט ער זיך אַזוי אריינגעלעבט אין דער גוט-אידישער סביבה, און ער האָט זיך אַזוי איבערגעגעבען דער מיסטישער סביבה, וואס האָט איהם פאַרכאַפּט אין דעם רבינ׳ס הויף, אַז ער איז אַליין געווארען אַנ-אַנדערער. א הייליגער, און ער האָט זיך אויסגעטהאָן פון דער דרויסענדיגער וועלט, און זיך איבערגעגעבען דעם חסידישען היפּנאָז, און ער איז ווי פאַר׳כישופ׳ט. און איז גרייט צו געהן אין פייער און אין וואסער, און ער לעבט זיך אויס אין דעם. עס איז זיין גרעסטער גליק, ווען ער ווערט געשטעלט געגען לעבענס געפאהרען. און ער זעהט אין דעם קידוש השם, וואס דאָס איז געוויס די גרעסטע מדרגה פון אַלע צייטען.

אויב איהר קענט באַגרייפען דעם דאָזיגען געדאנק, דאַן האָט איהר פאַרשטאנען, דעם מענשען, וועמען מיר האָבען ערשט באַ-גלייט, און עס איז מעגליך, אַז ער געהט איצטער באַגעגענען גאָר אינגיכען אַ פיעל גרעסערע געפאהר, ווי ער האָט בייגעקומען ערשט נעכטען ביי אונז אין קורילאָוועץ, ווען ניט ער, וואָלטען מיר אפשר היינט געווען געהאט אַ פרישען עלילת דם, אָבער ער איז געווען צו דער האנט, האָט זיך ניט געלאָזט אָפּנאַרען פון דער שיכור׳ער פּויערטע, און ער האָט פאַר אונז דורכגעפיהרט אַ מסירת נפש׳דיג שטיקעל ארבייט, און מיר האָבען זעהר גוט אָפּגעשני-טען. און בפרט איצטער, ווען מיר האָבען איהם שוין ארויסגע-שיקט פון קורילאָוועץ. מעג דער אוראדניק זיך אפילו אויסניכטע-רען, און אויפכאַפּען, וועט ער אונז אויך קענען געהן לאָדען צו דעם ונתנה תוקף. — האָט בערעל געלאַכט, און ווייטער גערעדט:

— מיר ווייסען קיינער ניט, וואָס דאָ איז געשעהן, און וואו סידאָר איז אַהינגעקומען. דערצו דערוואַרטען מיר, אַז דער או-ראדניק זאָל האָבען געווען אַזוי שיכור, אַז אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיינער, ווער עס זאָל איהם דערמאָנען, וואָס מיט איהם איז גע-שעהען, וועט ער אפילו ניט וויסען פון זיין נאָמען, און ער וועט ניט אָנהויבען צו גערדיינקען, וואָס עס האָט זיך געטהאָן מיט איהם. — האָט בערעל פאַרענדיגט.

ווען ער האָט געענדיגט, זיינען זיי שוין ווידער געווען צוריק אין מארק פון קורילאָוועץ, וועלכער איז איצטער געווען אינגאַנ-צען ליידיג און דאָ און דאָרטען זיינען געשטאנען אַ פּאָר שטאָדטי-

שע ציגען, געלעקט די שטיקלאך איבערגעבליבענע גראָזען און גרינסען, וואָס זיינען ארונטערגעפאלען פון די דאָרפישע וועגענער אויפ׳ן מארק.

דאָס שטעדטעל איז געשלאָפען מיעד, פון אזא שווערען טאָג, פול מיט שרעק און איבערלעבענישען. דאָ און דאָרטען האָט נאָך ערגעץ געצאנקט א לעמפעל אין צימער ביי א קראנקען, אָדער א פאַרשפעטיגטען יארידניק. די תלמידים האָבען זיך צוזעגענט און יעדער איינער איז אוועק אהיים, פול מיט דורכגענומענע איבער-לעבענישען, וועלכע האָבען אויף זיי געלאָזען א טיפען איינדרוק.

בערעלע איז נאָך אריין צוריק אין רבינ׳ס הויף. ער האָט ניט געקענט פועלן ביי זיך צו געהן אהיים, איידער ער וועט זיך ניט זעהן מיט׳ן רבין, און איהם איבערגעבען דעם איינדרוק פון סי-דאָר׳ס צושיידען זיך מיט איהם און מיט׳ן קלאַס.

אין רבינ׳ס חדר מיוחד, איז נאָך געווען ליכטיג, ווי געוועהנט-ליך אין דער צייט.

גלייך ווי ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער דערהערט דעם רבינ׳ס קול:

— קום אריין. בערעלע!

— איך האָב געוואוסט אויף דיר. — האָט דער רבי א זאָג גע-געבען, און ער האָט צוגעלעגט: — איך האָב געוואוסט, אז דו וועסט פארגעהן צו מיר, אויפ׳ן וועג צוריק.

— איך האָב פארשטאנען, אז דער רבי וועט זיין אומרוהיג, וועגען סידאָרען, בין איך אייך געקומען זאָגען, אז מיר האָבען איהם ארויסבאגלייט ביז עט, ארויס פון שטאָדט, און דאָרטען האָבען מיר זיך דורכגעשמועסט, און איהם אוועקגעשיקט. ער האָט שטארק קיין חשק ניט געהאט צו פארלאָזען דאָס הויף. ער האָט זיך זעהר צוגעבונדען צו דעם רבין, און צו דעם גאנצען הויף. און ער איז באמת א געטרייער, באגלויבטער מענש, — האָט בערעל באמערקט.

— קיין נייעס האָסטו מיר ניט אנטדעקט, — האָט דער רבי געענטפערט: — סידאָר וועט מיר פעהלען. ער איז געוואָרען מיין באגלויבטער קנעכט, און אן אמת׳ער ירא ושלם.

— ווי אזוי ער האָט זיך אויפגעהויבען צו אַזאַ מדרגה, — דאָס איז אַליין אויך אַ וואונדער. —

דערויף האָט איהם דער אַלטער געענטפערט:

— איהר מיינט טאַקע, אַז איהר זייט חכמים, און אַז אַלצדינג קענט איהר משיג זיין מיט׳ן שכל הישר? נו, דעריבער האָט דער אויבערשטער טאַקע באַשאַפען אַזעלכע סידאָר׳ס, וואָס מיר זעהען ווי זיי האַנדלען, און פאַרשטעהען ניט, ווי אַזוי עס קומט צו זיי אַזאַ גבורה כדי מיר זאָלען זעהן, אַז ניט אַלץ קענען מיר פאַרשטעהען. עס מאַכט ניט אויס, וואָס מיר פאַרשטעהען ניט, אָבער באַוואונדערען קענען מיר גאָט׳ס באַשעפענישען, וואָס ווערען געפיהרט פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענער קראַפט. אַזעלכע זאַכען מוזען פּאַסירען, כדי מיר זאָלען זעהן, אַז מיר אַליין, זיינען הילפלאָז.

דאָ האָט זיך דער אַלטער ווידער אָוועקגעלאָזען ווי אין אַ טראַנס, צוגעשלאָסען די אויגען, און האָט אָנגעהויבען צו מאָהלען בילדער: — איך זעה שוין ווי סידאָר וועט אָנקומען אין מאָליוו. אויך וועט קומען אַ מאָמענט, און די אידען וועלען זיין אין אַ צרה, און דעריבער פיהרט די השגחה, אַז סידאָר זאָל מוזען פון דאַנעט אַנטרינען ווערען, און אָנקומען אַהין. נאָך איידער ער וועט זיך אָפּרוהען, וועט דאַרפען פאָרקומען דער מאָליווער יאַריד, און דער גאָט וואָס איז איהם בייגעשטאַנען, דאָ, וועט אויך ביישטעהן דאָרטען, עס וועט עפּעס געשעהן אַזוינס, אַז די וועלכע וועלען וויסען וואָס עס איז געשעהן, וועלען באַוואונדערען, און זיך טראַכטען, איז עס אַ נס, אָדער אַ מיסטעריע, אָבער דער עיקר, איז, אַז ער איז דאָרטען, און איז גרייט צו געהן זיך מוסר נפש צו זיין פאַר אידען. — האָט דער רבי פאַרענדיגט.

— דאָס וואָס איך האָב מיטגענומען מיינע תלמידים אויפ׳ן פעלד זיך צו געזעגענען מיט איהם, טהוט מיר שטאַרק הנאָה, — האָט בערעל זיך פאַרטרויעט פאַר׳ן אַלטען. און ער האָט עס איהם געגעבען צו פאַרשטעהן:

— זיי זיינען יונגע ניט דערפאַהרענע שול-איינגלאַך. טאַטען׳ס קינדער. ביז ניט לאַנג צוריק האָט זיך אונזערע אידען דאָ אין אוקראַינע געלעבט ניט שלעכט. אייניגע פון זייערע עלטערען האָבען ניט נאָר געהאַט פּרנסה בריוח, נאָר זיינען טאַקע געווען שטיין-רייך. היינט אַז מען וואַקסט אויס ביי אַ רייכען טאַטען אין

הויז, און קיין דחקות פיהלט מען ניט אליין, לעבט מען עס ניט איבער, איז שווער צו קענען סימפּאטיזירען מיט דעם אָרעמען. מען דארף שוין זיין גאָר דער איידעלער מענש, אז מען זאָל טאקע דערפיהלען, אז דער צווייטער הונגערט, אז דער אָרעמער ליידעט, און אז אפילו עס קומט אן עת צרה אויף אידען, איז נאטירליך, אז די רייכע, וועלכע האָבען ביז איצט געלעבט אין זיכערקייט, זאָלען זיך טראַכטען:

— אונז וועט עס ניט טרעפען אזוי גיך... פריהער וועט מען זיך געוויס נעמען צו די ארעמעלייט. כאָטש אין דער אמת'ן, ווען אזא אומגליק טרעפט, טרעפט עס דוקא פריהער די רייכע, ווייל אויך די אומוויסענדע מוזשיקעס זאָגט אונטער דער שכל: — וואָס וועלען זיי נעהמען ביי די אָרעמע לייט? דעריבער געהען זיי טאקע פריהער און פאלען אָן אויף די רייכע.

אָבער ווי אזוי באוויזט מען עס פאר די רייכע, אז זיי זאָלען פיהלען, אז זיי זיינען ניט מעהר זיכער ווי די אָרעמע?

און בערעל האָט פארענדיגט: — דאָ איז מיר סידאָר היינט שטארק צונויץ געקומען. זיי האָבען געזעהן, אז עס איז דאָ איי־נער, וועלכער פיהלט, אז איצטער איז ניט קיין צייט צו פיהרען קיין אייגען, פּריוואַט אייגעננוציג לעבען, נאָר עס איז אַ צייט, ווען מען דארף זיך מקריב זיין פאר'ן כלל. אפשר וועלען זיי עפּעס לערנען דערפון.

— מיר האָבען געטהאָן, וואָס מיר האָבען געקענט. — האָט דער רבי אַ זאָג געגעבען, און איצט בערעלע, זאָל דער וועלכער לעבט אייביג, פיהרען מיט אונז ווייטער. אזוי ווי ער קען, — אַ גוטע נאַכט. מיר וועלען איצטער ווארטען, און הערען, וואָס וועט זיך טהאָן אין מאָליוו.

בערעל האָט זיך צוזעגענט מיט'ן רבין, און ער האָט געפיהלט, אז דער אלטער איז זעהר צופרידען, וואָס דערווייל איז אריבער רוהיג און אָהן בלוט־פארגיסונג דער נעכטיגער יאריד, און אידען זיינען אויסגעהיט געוואָרען פון אן עלילת דם.

ביי דעם מאָליוווער רב, ווען סידאָר איז אָנגעקומען פיר און צוואנציג שטונדען נאכדעם, ווי ער האָט פארלאָזען קורילאָוועץ, איז געווען אַ גרויסע שמחה.

אזוי שנעל ווי סידאָר איז אַריין, און ער האָט איבערגעגעבען יוחנ'ן דאָס צעטעל, וואָס בערעל האָט מיט איהם איבערגעשיקט, איז יוחנן אריינגעלאָפען צו דעם מאָליוועער רב, כאָטש עס איז געווען פרייטאג פארנאכט, און דער רב האָט זיך פארטיג געמאכט צו לויפען צו קבלת שבת, האָט דער רב אין איילעניש איבערגע-לייענט דאָס צעטעל, און א זאג געגעבען צו יוחנ'ן:

— זאָג בתיה'ן, מען זאָל פאר איהם צוגרייטען אַ צימער אויפ'ן אויבערשטען שטאָק, און זעה, אז מען זאָל מיט איהם ניט מאַכען קיין צופיל רייד. . . מען דאַרף איהם לאָזען צורוה, און מען טאָר איהם ניט פרעגען קיין זאַך, ווייל ניט אַלצדינג קען ער דערקלעהרען. מען מוז איהם לאָזען צורוה, אַנדערש וועט ער דאָ ניט וועלען בלייבען, און איך פארשטעה, אז מען מוז איהם דאָ פארהאַלטען. דאָס איבעריגע וועלען מיר שוין זעהן דערנאָך.

— דער מאָליוועער רב האָט ניט געוואוסט, אז יוחנן ווייסט שוין פון זיין זיידען, אַז סידאָר האָט זיך מגייר געווען מיט יאָה-רען צוריק, טאקע ביי דעם אייגענעם מאָליוועער רב. . .

סידאָר'ן איז אָפּגעגעבען געוואָרען אַ חדר מיט אַ באַזונדערען אַריינגאַנג פון דרויסען, און ער האָט זיך פארשפּארט אין זיין חדר, האָט דאָרטען אין דער שטיל מקבל שבת געווען, און ווען דער מאָליוועער רב איז צוריקגעקומען פון קבלת שבת, איז ער דער ערשטער געגאַנגען צו סידאָר'ן, איהם אָפּגעבען אַ ברייטען — גוט שבת — אויף וועלכען סידאָר האָט געענטפערט מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, גלייך ווי דאָס וואָלט פאר איהם געווען צופיל כבוד.

ווען דער רב האָט איהם פארבעטען, אַז ער זאָל ארונטערגעהן מיט זיי צום טיש, האָט ער זיך אָבגעזאָגט פון דעם כבוד און ער האָט געענטפערט:

— עס איז נאָך ניט געקומען פאר מיר די צייט, אַז איך זאָל קענען זיצען מיט רבנים ביי איין טיש, און עס האָט ניט געהאָל-פען, וואָס דער רב האָט מיט איהם איינגע'טענה'ט, אַז דאָס וואָס דער רבי, אַליין, האָט איהם געשיקט אַהער, איז אַ סמן, אַז ער וויל, אַז מען זאָל איהם דאָ מקרב זיין. סידאָר איז געבליבען איינ-גע'עקשנ'ט, און איז ניט ארונטערגעגאַנגען, און מען האָט איהם אַרויפגעטראָגען דאָס עסען אין זיין חדר, וואו ער איז פארבליבען,

ביז איבער שבת, און ער האָט מיט קיינעם קיין הויך וואָרט ניט אויסגערעדט.

ווען יוחנן איז צו איהם שבת בייטאָג ארויפגעקומען, און געוואָלט מיט איהם מאכען אַ רייד, וועגען קורילאָוועץ, האָט סידאָר געענטפערט:

— ביי דעם רבין אין הויף האָט מען מיך געלערענט, אַז אום שבת רעדט מען ניט פון קיין דברי חול. נאָך הבדלה וועט מען רעדען. . .

יוחנן האָט דערפיהלט, אַז ער האָט צו טהון מיט אַ טיעף רעליגיעזען, אסקעטישען מענשען, וועלכער האָט זיך אין חסידישען הויף אָפּגעלערענט אסקעטישע, אויסטערלישע וועגען, און ער האָט באַשלאָסען, אַז ביז הבדלה וועט ער איהם אינגאנצען אויסמיידען.

צו הבדלה איז סידאָר ארונטערגעקומען אָנגעטהאָן אין זיינע וואָכעדיגע קליידער, וואָס האָבען ניט אויסגעזעהן אפילו ענליך, אויף קיין אידישער הלבשה, און ער האָט געבעטען, אַז מען זאָל איהם לאָזען האלטען די הבדלה, בעת דער רב האָט געזאָגט די ברכות.

— „גוט וואָך !" האָט סידאָר אויסגערופען גלייך נאָך הבדלה, מיט דעם קול פון אַ ניקאָלאיעווסקין סאָלדאט, און ער האָט געמאכט דעם איינדרוק פון איינעם, וועלכער איז לחלוטין ניט קיין איד, נאָר אינגאנצען אַ פרעמדער.

פון זיין אויפפיהרונג איז גלייך געוועזען קענטיג, אַז ער ציהט פאָר צו בלייבען אַ פרעמדער. אַ פארשטעלטער, און ער האָט איהם אַ פרעג געגעבען:

— ווען איז דער מאָליוועער יאריד ?

— אין אַ וואָך ארום. — האָט איהם יוחנן געענטפערט :

— וויל איך, אַז מען זאָל מיר דערוויילן געבען עפּעס ארבייט. איך קען ניט זיצען ליידיג.

— דו וועסט זיך אויסרוהען, — האָט איהם יוחנן געוואָלט בארוהיגען, נאָר סידאָר האָט איהם ניט געלאָזען רעדען ווייטער:

— שבת האָב איך גערוהט, דעריבער האָב איך מיט קיינעם שבת ניט געוואָלט האָבען צו טהון, נאָר איצטער, ווען דער שבת איז אריבער, איצטער איז אַ צייט עפּעס צו טהון, וואָס קען איך טהון. יוחנן? — האָט סידאָר איבערגעפרעגט, און האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. — איך בין ניט געקומען אהער צו זיצען מיט פארלעגטע הענט.

— מאָרגען וועל איך מיט דיר אַרויסגעהן, און דיך באַקענען מיט׳ן מארק. און מיט אַ סך פּלעצער, וואָס עס איז זעהר וויכטיג, אַז דו זאָלסט וויסען, וועד עס וואוינט דאָ, און ווי אזוי מען קומט צו אהער דורך זייטיגע וועגען. — האָט איהם יוחנן פארטרויעט, נאָר סידאָר האָט גע׳טענה׳ט:

— צו וואָס וואַרטען אויף מאָרגען. מען קען דאָך געהן היינט ביינאַכט, און זיך באַקענען מיט אַ סך פּלעצער!

סידאָר האָט אויסגעפיהרט און יוחנן איז מיט איהם ארוים אויף אַ שפּאציר, הינטער דער שטאָדט. ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַלע געביידעס, וואו עס האָט זיך געפינען די קאַזניאַטשייסט-וואָ, מיט אַלע רעגירונג׳ס געביידעס. סידאָר איז געגאַנגען, און האָט זיך שטילערהייד צוגעקוקט צו יעדער זאַך, און עטליכע מאָל אַרומגעדרעהט אַרום די רעגירונגס געביידעס, קיין זאַך ניט גע-זאָגט, נאָר באַטראַכט און געשוויגען.

— ווי האָט געאַרבייט דער „נייער אוראַדניק?״ — האָט יוחנן איהם א פרעג געגעבען, און סידאָר האָט געענטפערט מיט אַן אומ-שולדיגער מינע:

— ווי אַ מזמור.

— און דער קורילאָוועצער? — האָט יוחנן איבערגעפרעגט, און ער האָט ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטען אויף קיין ענטפער:

— דער קורילאָוועצער האָט געטרונקען ווימעראָזאָג, און איז נאָך געשלאָפען, ווי אַ גע׳הרג׳עטער, ווען דער „נייער אוראַדניק״ איז שוין געווען אַרויסגעפאָהרען פון קורילאָוועץ.

— וואָס האָט דער נייער אוראַדניק דאַרטען אויפגעטהון אויף דעם יאַריד? — האָט יוחנן ווייטער געפרעגט, ווי ער וואָלט אָפּ-גענומען אַ באַריכט.

— גערעטעוועט אידען פון אן עלילת דם. — האָט סידאָר גע־ענטפערט מיט דער זעלבער רוהיגקייט, ווי עס וואָלט געווען אַ גאנץ געוועהנליכע זאך, און וועגן וואָס עס לוינט זיך ניט צו פארלירען קיין באזונדערע רייד.

— פארוואָס זשע שווייגסטו און דו דערצעהלסט מיר גאָר ניט, סידאָר ? — האָט יוחנן אויסגערופען, און האָט ניט געקענט פאר־שטעהן, פארוואָס ער מאכט עס צו קליין געלט.

— אז אן אנדער וואָלט עס געטהון, וואלט איך געקענט רע־דען דערפון,— האָט סידאָר איהם געענטפערט, און צוגעלעגט: — אָבער, ווען דער אוראדניק האָט עס געטהון, ווי אזוי קען איך אליין רעדען דערפון? —

יוחנן האָט דערזעהן מיט וועמען ער האָט צו טהון, און ער האָט מעהר ניט גערעדט וועגן דער גאנצער זאך.

— סידאָר, — האָט איהם יוחנן אַ זאָג געגעבען, — ביי דעם רבין אין הויף האָסטו זיך אויפגעפיהרט, ווי דו האָסט געוואָלט, און איך וויל, אַז דאָ אין הויז, זאָלסטו זיך אויך אויפפיהרען, ווי אין דער היים.

— דאָ בין איך אַ גר, — האָט סידאָר געענטפערט, און זיך אליין אָפּגעהאקט.

— אָבער, דו האסט געלערענט, און דו ווייסט, אז אין דער תורה איז אָנגעשריבען: און איהר זאָלט ליב האָבען דעם פרעמ־דען. טו פארוואס גיסטו ניט די מעגליכקייט, אז מיר זאָלען דאָס קענען אָפּהיטען, ווי עס איז געבאָטען געווארען? —

— עס איז נאָך ניט געקומען די צייט, אַז איך זאָל אלצדינג קענען דערקלעהרען, — האָט סידאָר געענטפערט, און זיך געבע־טען ביי איהם: —

— יוחנן, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל דאָ זיין, בעט איך דיך, זאָלסט זעהן אז קיינער זאָל פון מיר ניט מאכען זיך קיין וועזען.

— אָבער פארוואס, אום גאָטעס ווילען, סידאָר, וואס איז מיט דיר ? — האָט יוחנן געזוכט איהם איבערצואנדערשען, — און האָט איהם געגעבען צו פארשטעהן: — סידאָר, איך ווייס אלצ־

דינג, וואָס מיט דיר האָט פּאַסירט. און דו ביזט ביי מיר דער איי־גענער מענש, ווי אַלע אַנדערע, און עס איז ניטאָ קיין ברעקעל אורזאַך, פאַרוואָס דו זאָלסט זיך דאַרפן האַלטען קלענער קעגען אונז דאָ, ווי מיר אַלע. —

— איך האַלט זיך ניט קלענער, — האָט סידאָר געענטפערט, — נאָר איך האָב מיר מיינעם אַן אייגענעם וועג, און דעם וועג, וועלכען איך האָב מיר אויסגעקליבען אין איהם וועל איך געהן. און איך וויל ניט זיין געשטערט —

עס האָט ניט געהאָלפען. . . יוחנן האָט איהם געמוזט צוזאָגען, אַז ער וועט מיט איהם וועגען דעם ענין איינגאַנצען מעהר ניט רעדען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז סידאָר האָט זיך אויסגעקליבען צו לעבען דאָס איינזאַמע לעבען פון איינעם, וועלכער ריכט אָפּ גלות, און האָט גאַרניט צו טהון מיט די אַרומיגע אין לעבען, חוץ, וואָס ער זוכט מיט טהאַטען עפּעס צו מתקן זיין אין לעבען.

ווען יוחנן און סידאָר זיינען צוריקגעקומען, איז דער מאָליוועער רב געזעסען און געוואַרט אויף זיי, אין דעם אויפנאַהמס צימער, און ער האָט זיי געבעטען זיצען, און ער האָט אויסגערעדט סידאָרן פאַרוואָס ער פיהרט זיך אויף אַזוי מאָדנע, אַזוי ווי אַ פרעמדער.

— דו קומסט פון אַ חסידישען הויף, — האָט ער אויסגערעדט סידאָרן — ביי גוטע אידען איז מען גרויסע מכניסי אורחים. מען נעהמט אויף געסט, מען איז גאַסט פריינדליך צו מענשען, צו אָרעמע ווי צו רייכע, און איצטער, ווען דער רבי האָט אונז צוגעשיקט אַזאַ גאַסט — האָט דער מאָליוועער רב זיך געערגערט, — גיסטו אונז ניט די מעגליכקייט אפילו מקיים צו זיין די שעהנע אידישע מדה פון גאַסטפריינדליכקייט. —

— מיך האָט מען געלערענט דעם גאַנצען לעבען, אַז איך זאָל זיין אין דעם נידעריגען שטויב פון תלמידי חכמים, — האָט סידאָר דעם רב געענטפערט, — און ביי מיין רבי׳ן האָב איך געפיהלט, אַז עס איז אַ גרויסע זכיה פאַר איהם איינצוהייצען אין דער הרובע, און אפילו זומער, אין די גרעסטע היצען, האָב איך געקענט איינהייצען די הרובע, ווען מיין רבי, זיסיעלע, זאָל לעבען, איז אויפגעשטאַנען צו חצות, און דאָ, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט, אין גלות אריין, און איך האָב ניט קיין הרובע, פאַר וועמען

איינצוהייצען, און קיינער וועט היינט קיין חצות דאָ ניט ריכטען, איז, פרעג איך אייך, וואָס איז מיין לעבען? וואָס זאָל איך, אָרע-מער בשר ודם דאָ קענען טהאָן? —

הינטער דעם רב איז געשטאנען פארשטעקט אין א ווינקעל די טאָכטער בתיה, זי איז געשטאנען, און זי האָט זיך איינגע-הערט, און האָט אָנגענומען דעם פאָטער פאר אן ארבעל, און אויפציטערענדיג, האָט זי אַ זאָג געגעבען צו איהם שטילערהייט:—

— טאטע, דו האָסט געהערט וואָס דער מענש האָט דאָ גע זאגט, צי ניין. טאטע, טייערער? —

— טאטע. דו ביזט געבליבען אַ מתנגד! — האָט בתיה גע-רעדט מיט פאַרדרוס. — דאָס איז אַ מענש, וועלכער איז געבוירען געוואָרען פאר מצוות ומעשים טובים, ווי אזוי קענסטו דאָס ניט פארשטעהן, טאטע? —

בתיה'ן איז איינגעפאלען אַ געדאנק, און זי איז צוגעגאנגען צו סידאָרען, איז געבליבען פון דער וייטענס שטעהן אנטקעגען איהם, און א זאָג געגעבען: —

איהר ווייסט, היינט איז דאָך שבת-צו-נאכטס און מיר פרא-ווען שבת-נאכטס א מלוה-מלכה, איז ווען איהר ווילט זיין אזוי גוט, און אויפשטעלען דעם סאמאָוואר, מיט קויהלען, וואָלט איך אין איין וועגס אָפגעקאָכט א באָרשטש מיט קארטאפלים און אזוי ווי יוחנן איז דאָך א רבינ'ס אן אייניקעל, וועט ער היינט פראווען אַ חסידישע מלוה-מלכה, מיט זמירות, מיט אליהו'ס. אָט טאקע ווי עס פּראוועט זיין זיידע, דער קורילאָוועצער, זאָל לעבען. . . הא, וואָס זאָגט איהר! — איז בתיה צוגעשטאנען צו איהם.

אזוי ווי מען וואָלט איהם אריינגעזעצט א נייע נשמה, אזוי האָט סידאָר זיך דערפרעהט, און ער איז געוואָרען פרעהלאכער, און געענטפערט: —

— איהר דארפט מיר נאָר אָנווייזען, וואו עס געפינט זיך דער סאמאוואר און דאָס האלץ, דאָס איבעריגע וועל איך שוין אליין טהון. —

בתיה איז אַוועק מיט סידאָרען אין קיך אריין, און באלד האָט ער זיך געכאפּט פאר דעם סאמאוואר, און ער האָט איהם אויסגע-

וואַשען, דערנאָך האָט ער איהם אָנגעגאָסען פול מיט קאַלטע וואַסער, און גענומען זיך אויפשטעלען דעם סאמאָוואר, און מען האָט געקענט זעהן אז דער מענש איז זיך ממש מחיה, וואָס מען האָט איהם צוגעטהיילט אן ארבייט.

ער איז געשטאַנען מיט א כאַליאווע פון א שטיוועל, וועלכען ער האָט אַרונטערגעצויגען פון זיין אייגענעם פוס, און צובלאָזען דעם סאמאָוואר, און בעת מעשה האָט ער עפּעס געמורמעלט, אַז מען האָט געקענט אויפכאַפּען די פסוקים פון — ויתן לך, וואָס אידען זאָגען שבת נאכטס נאָך הבדלה, ביז דאָס פייער אין דעם סאמאָוואר האָט ארויסגעשאָסען פון דעם קוימענדעל מיט אזא פרייליכקייט, אז עס האָט גענומען זידען דאָס וואסער.

דערנאָך האָט ער פארפארעט די טיי, וואָס בתיה האָט איהם אונטערגעטראָגען, און ווען ער האָט אויפגעהויבען דעם סאמאָוואר, אַ זודיגען אין ביידע הענט, און אריינגעטראָגען אין דעם אויפּסנאַם צימער, האָט זיך געפיהלט, אז דער מענש האָט אָפּגעטהון א שטיק ארבייט פון וועלכער ער איז זעהר צופרידען.

בתיה איז געווען די ערשטע וועלכע האָט די צופרידענקייט אַרונטערגעלייענט פון זיין פּנים, און קוקענדיג אויף איהר איז שוין ממילא אויסגעטייטשט געוואָרען סידאָר'ס האנדלונג, האָבען אַלע אָנגענומען אַזא מינע צו דעם טיי טרינקען, אַז סידאָר האָט זיך אוועקגעשטעלט צאַפּען די טיי פון דעם סאמאָוואר, און דאָס ערשטע גלאָז טיי דערלאַנגט דעם רב, דערנאָך דער רביצין, און יוחנ'ן און בתיה'ן, און די אינגלאך. אזוי, אז אַלע האָבען געקליבען נחת פון איהם, וואָס ער וויל נאָר לעבען מיט'ן כח פון אַרבעט, פון באדינען תלמידי חכמים, און ווען בתיה האָט געגרייט צו דעם טיש, נאָך טיי, און צוגעגרייט די מלוה-מלכה, איז סידאָר געלאָפען אין קיך, געבראַכט א שיסעל מיט א גרויסער קוואָרט וואַסער, אויפגעגאָסען דעם רב אויף די הענט, צו — שאו ידיכם און דערנאָך האָט ער אויך געבראַכט וואסער פאר יוחנ'ן, און ווי האָט איהם יוחנן געקענט אָפּזאָגען, און אזוי אנטוישען? . . . און איהם זאָגען, אז ער האָט שוין קיין מלוה מלכה ניט געפראַוועט, אפשׂ זינט ער איז אוועקגעפאהרען פון קורילאָוועץ?

דער רבי און יוחנן זיינען געווען אנציקט פאר זיין בנעימות'דיגע באנעהמונג, און זיי האָבען פון איהם אָנגעקוואָלען, און ווען סידאָר האָט ניט געהערט, האָט בתיה באמערקט צו יוחנ'ן: —

— איך קען זיך שוין משער זיין, וויפיל שעהנקייט און אמת'-דיגע פּאָעטישקייט, דער דאָזיגער מענש האָט געפינען פאר זיין צובראָכענער נשמה ביי דעם רבי'ן אין הויף, און עס איז מיר גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט זיך ביי אונז דערפיהלט אזוי פארלוירען. . .

די רביצין האָט געבראַכט אַביסעלע משקה, און בתיה האָט אָנגעגאָסען די גלעזעלעך, און א זאָג געגעבען צו יוחנ'ן:

— היינט, לכבוד דעם גאסט, ועסטו, יוחנן פראווען אן אמת'ע, אַ חסידישע מלוה מלכה, אָבער אזוי טאקע, ווי עס באדארפט צו זיין. ווי מען פּראוועט ביי דעם זיידען, דעם קורילאָוועצער רבי'ן.—

סידאָר האָט פארלעגט די הענט אויפ'ן הארצען. זיך געשטעלט ביי דער טיר ווי ער איז געוועזן געוואוינט צו שטעהן אין קורילאָ-וועץ, ביי דעם רבי'ן; אין א זייט, און שעפּען נחת פון יעדען וואָרט.

אין סידאָר'ס אויגען האָט זיך צובליצט א הייליג פייערעל, ער איז געשטאנען און געוואָרט אויף דעם אויגענבליק, ווען ער וועט דערהערען עפּעס אַ קלאנג פון יוחנ'ןס ליפּען. דער מאָליוור רב האָט זיך געווענדעט צו יוחנ'ן און האָט א זאָג געגעבען: —

— מלוה מלכה, דאָס איז נאָך אלעמען איינע פון די שעהנסטע אידישע סעודה'ס, וואָס דארפסטו זיך אזוי לאנג לאָזען בעטען, יוחנן, טהו צוליב דער כלה".

דאָס איז געווען געגוג. ער האָט איינגעוויליגט, ער איז באלד אריין אין א מיסטישער שטימונג, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין די מלוה מלכה'ס, ווי זיי פלעגען געפּראוועט ווערען פון זיין זיידען, אין קורילאָוועצער הויף.

— מיין זיידענ'ס מלוה מלכה'ס, ווי ווייט איך געדיינק זיי, דער עיקר, פון יענע יאהרען, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען, — האָט יוחנן א זאָג געגעבען, און עס איז קענטיג געווען, אז ער זוכט זיך צוריק איבערצוטראָגען אין יענער וועלט, ווען ער איז נאָך געווען אינגאנצען פארגלויבט אין דעם הויף, און געהאלטען זיין זיידען פאר אן הייליגען, און האָט ניט געהאט קיין ספיקות,— יענע מלוה מלכה'ס, זיינען געווען מיסטישע נעכט, און איך פלעג האָבען דאָס געפיהל, אז דער זיידע צוזינגט זיך אין זיינע פרעה-

ליבע-אליהו הנביא׳ס — האָט ער ביי זיך צו גאסט, טאקע דעם גרויסען אליהו הנביא, וועלכער טהוט אויף וואונדערליכע זאכען, פאר אידישע אָרעמעליים, און אז חוץ אליהו׳ן, ווען דער זיידע הויבט אָן צו דערצעהלען די מופתים פון דעם בעל שם, און פון ר׳ ליב שרה׳ס, האָב איך געפיהלט, אז זייערע נשמות שוועבען ארום דאָ אין דעם הויף, וואו דער זיידע זיצט, און פראוועט מענשען, און גיט קמיעות צו קראנקע און אָרעמעלייט, דאן האָב איך געהאט גרוים הנאה פון א מלוה מלכה סעודה, — יוחנן איז שטיל געבליבען.

דער מאָליוּוער רב האָט א זאָג געגעבען אין א שטילען טאָן:—

— און איצט, האָבען מיר דען איצטער ניט די אייגענע זכות אבות? זיינען דען ניטאָ ביי אונז מעהר קיין גרעסערע נשמות, קיין העלדישע פערזאָנען, וועלכע זיינען גרייט זיך מוסר נפש זיין פאר דעם פאָלק ישראל, ווי פאר אלע מענשען אויף דער וועלט? נאָכאלעמען טאָרען מיר ניט פארצווייפלען, און טאָרען זיך ניט אָפּזאָגען פון דעם וואָס עס איז נויטיג, כדי צו באהעפטען אונזער פארגאנגענהייט, אונזער נעכטען, מיט דער צוקונפט, מיט אונזער מאָרגען.

— דער מאָרגען איז פארטונקעלט אין נעפּלען, — האָט יוחנן באמערקט: — מיר ווייסען קיינער ניט, וואָס דער מאָרגען וועט אונז ברענגען. מיר דארפען זיין גרייט אויף דאָס ערגסטע, ווי אויף דאָס בעסטע...

— געשיכטע ווידערהאלט זיך. — האָט דער מאָליוּוער רב א זאָג געגעבען, און ער האָט ווייטער דערקלעהרט: —

— אין יעדען דור זיינען דאָ באוועגונגען, וואו די יונגע בונטעווען זיך געגען די אַלטע, עס איז נאטירליך, און אויך זעהר נויטיג, כדי מענשען זאָלען מאכען פּראָגרעס. קיין זאך טאָר ניט און בלייבט ניט שטעהן אין דער זעלבער פּאזיציע. אזוי געהען אוועק יאהרען און עס קומט ווידער אן איבערבייט. דאס וואָס עס איז מיט א דור פריהער געווען יונג און איז באטראכט געוואָרען פון די אלטע פאר אפיקורסות, ווערט גאָר אליין אין משך פון דער צייט אלט און עס קומען נייע, פרישע דורות, און ווידער שטעהען אויף יונגע, און אזוי כסדר. אָבער דאָ איז אינטערעסאנט נאָך א זאך; ניט קוקענדיג דערויף, וואָס דער בוים ברייננט

פון זיך יעדען יאהר ארוים פרישע בלעטער נייע צווייגען, בלייבט אָבער דער בוים דער אייגענער, ווייל ער איז באהעפט צו דער מוטער ערד מיט זיין וואורצעל, טיף איינגעבירגערט, און רייסט זיך ניט אָפּ פון זיין שורש. דאָס אייגענע איז מיט אונז, אידען. מיר זיינען אן אַלט פאָלק. איינגעוואָרצעלט מיט אונזער גלויבען אין א איין גאָט, כאָטש מיר האָבען אלערליי באוועגונגען. געווען א צייט, ווען דער חסידיזם האָט געשפּילט גאָר א גרויסע ראָלע. דערנאָך איז געקומען די השכלה, און האָט געזוכט אידען אויסצו-מענשלען זיך. איצטער זעה איך, אז אפילו אין דעם אויסמענש-לען זיך ליגט בטלנות, ווייל דאָס איז גאר ניט געווענדעט אין אונז אליין, די אלע אנדערע פעלקער דארפען דאָך דאָס אויך וועלען, און איך פיהל אז עס איז דאָ ביי דער וועלט א שנא'ת עולם לעם עולם. אן אייביגע שנאה און ביטערער האס צו דעם אייביגען, אידישען פאָלק".

יוחנן האָט געעפענט זיינע אויגען, און האָט מיטאמאל דער-פיהלט, אז ער הערט איצטער א טיפען אמת, וועגען וועלכען ער האָט לעצטענס א סך געטראכט, אבער ער האָט ניט געוואגט די דאָזיגע געדאנקען צו באקליידען אין ווערטער.

דער רב האָט ווייטער גערעדט: —

— ביי מיר קומט אבער אויס, אז ווען מיר ווערען אביסעל עלטער, מיושב'דיגער, קריסטאליזירען זיך אונזערע אייגענע גע-דאַנקען, מיר זעהען זאכען אין אן אנדער ליכט. די גאנצע וועלט קענען מיר ניט פארזאָרגען, ניט איבערמאכען. וואָס מיר מוזען יאָ טהון, איז זיך צו באמיהען אונז אליין אויסצובעסערען, אונ-זער אייגען לעבען צו ענדערען, אויף שעהנערע און געזונטערע יסודות. איך בין עלטער פון דיר, יוחנן, — האָט דער רב אָ זאָג געגעבען, דו וועסט אמאָל דערמאָנען מיינע רייד ערשט נאכדעם, ווי אידען וועלען העלפען א סך פעלקער פריי ווערען, וועלען זיי ערשט דערנאָך דערפיהלען, אז זיי אליין, שטעהען אויף דעם איי-גענעם, נידעריגען מצב, ווי פריהער, און זיי וועלען ערשט דערנאָך דארפען אנהויבען צו פיהרען א קאמף פאר זייער אייגענער באַ-פרייאונג. דעריבער וואלט אפשר גלייכער געווען, אז מיר זאָלען זיך גלייך אנשליסען אין דער נייער באוועגונג פון די חובבי ציון, און אָנהויבען א באוועגונג פאר צוריק קיין ארץ ישראל, צוריק אהיים, אנשטאט וואס דו געהסט מיט דער באוועגונג פון עם-

עולם, צוריק צום פאָלק, אננעמענדיג זיך די קריוודע פון דער גאנ-צער וועלט.״ האָט דער רב פארענדיגט.

בתיה האָט זיך ארייננעמישט, און האָט א זאָג געגעבן: —

— טאטע, דו האָסט פארגעסען, אז יוחנן האָט צוריסען קיי-טען. ער איז א צוימען-ברעכער, און ווייל ער קומט פון א פרום-חסידיש הויף, דערפאר טאקע איז ער פארכאפט געוואָרען פון דער גרויסער באוועגונג, וואָס וויל איבערענדערען ניט נאָר די אידישע לאגע, נאָר די גאנצע וועלט.״

— קייטען רייסט יעדער דור, — האָט דער רב געענטפערט. — עס איז אבער א טעות, ווען מען דיינקט, אז מען רייסט טאקע אין דער אמת׳ן איבער די קייט. יעדער מענש כאפט זיך מיט דער צייט, אז יעדער אָפּגעריסענער רינגעלע ציהט זיך צוריק צו דער קייט. פונקט ווי יעדעס צווייגעל ציהט זיך צו דעם איינגעוואור-צעלטען בוים. איצטער איז דער חסידיזם די קייט. שפּעטער וועט עס ווערען די גאנצע נאציע, און לאנד און פאָלק וועט פארנעה-מען דאָס פּלאץ פון חסידיזם און נאָך צעהנדליגע אנדערע באווע-גונגען. — האָט דער רב געשמייכעלט.

— אויף אזא אופן קומט אוים לויט אייערע רייד, אז די קו-מענדיגע דורות, וועלען זיך ווידער פיהלען באהעפט מיט די פריהערדיגע דורות, און זיי וועלען שעפּען יניקה פון דעם וואס עס איז געוועזן אין דער פארגאנגענהייט?״ האָט יוחנן איבערגע-פרעגט, און דער רב האָט גלייך געענטפערט:

— ניט נאָר, קומט אוים, אזוי, נאָר איך בין בפירוש זיכער, אז אין פינף און צוואנציג יאהר ארום, וועלען מיר האָבען נייע, מאָדערנע חסידים, חסידים צווישען די ציונים, וועלכע וועלען פיה-רען א גרויסע באוועגונג פאר ארץ ישראל, און זיי וועלען רופען די אידישע אינטעליגענץ צו זיך, צוריק צו אידענטום, צו נאציע, צו פאָלק און לאַנד, נאָר ווען ציונים וועלען זיך באגייסטע-רען, וועלען זיי זיך דערמאָנען אין די נגונים פון זייערע טאטעס,

און זיידעס, און וועלען זינגען חסידיש, נוסח, און וואס נאָר זיי וועלען האָבען איבערגענומען פון עלטערען און עלטער-עלטערען, וועלען זיי ווידער ארייננגיסען אין דעם אידישען בעכער, און דאָס וועט זיי אינספּירירען, זיי וועלען טרינקען פון דעם אייגענעם, פון דעם אידישען קוואל.״

— וואס זשע מיינט עס? — האָט יוחנן איבערגעפרעגט, און איז געבליבען זיצען, ווארטענדיג אויף א תשובה.

— דאָס מיינט, לאָמיר ניט מבטל זיין די מלוה מלכה׳ס, און לאָמיר זיך ניט אָפּרייסען פון דעם שבת און פון דעם יום טוב אין אידישען לעבען, ווייל פון זיי שעפּען מיר אונזער אינספּיראַ-ציע, אונזער התלהבות, ווייל אהן התלהבות קען מען גאָר ניט אויפטהון. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך ניט אָנגעהויבען מיט אונז, און וועט זיך חס ושלום מיט אונז ניט ענדיגען, און ווען מיר מיינען, אז מיר רייסען זיך אָפּ, דערוויסען מיר זיך מיט דער צייט, אז מיר האָבען פון זיך בלויז אפּגעריסען א שטיק, מיר זיי-נען נאָר צובראָכען געוואָרען, אבער מיר וועלען שפּעטער זיך אַרומקוקען, און דערזעהן, אז מיר האלטען נאָך אַלץ ביי דעם אָנהויב. —

די ווערטער פון דעם מאָליוווער רב האָבען איבערגעלאָזען אויף יוחנ׳ן אַ רושם אויף א שטיק צייט, און האָבען שפּעטער געהאַט אַן איינפלוס אויף זיין ווייטערדיגען לעבענס גאַנג. דערנאָך האָט זיך יוחנן דערפיהלט אין א געהויבענער שטימונג, און עס האָט אויסגעזעהן, אז ער איז באַווירקט געוואָרען פון דעם מאָליווער רב, וועלכער האָט איהם געזוכט צו באַווייזען, אז כדי צו זיין מאָ-דערען און געהן מיט דעם גייסט פון דער צייט, איז גאָר ניט נויטיג זיך אָפּצורייסען אפילו פון א חסידישער קייט, ווייל יעדער איינער איז שוין פון געבורט צוגעשמידט צו זיין ווארצעל, און ער ווערט איינגאַנצען ניט אפּגעריסען.

דערפון איז אויסגעקומען, אז זיצען אויף דער רבנישער שטוהל, און פראווען אידען, אָבער ניט זיין קיין גוטער איד, קוים אָבער איז איינער געבוירען פון א שורה דורות גוטע אידען, איז שוין ממילא אין איהם פון געבורט דאָס גוטע-אידענשאפט אזוי איינגעוואורצעלט, אז אינגאַנצען זיך אפּרייסען דערפון איז א זאַך דער אונמעגליכקייט.

— אויב אזוי, קענען מיר דאָך זינגען — אליהו׳ס—!״ האָט יוחנן א פרעהליכער אויסגערופען, און דער מאָליוווער האָט צוגע-שטימט:

— זיכער מעגען מיר, און מיר וועלען טאקע זינגען אויך.!״

און פּונקט ווי ער וואָלט איצטער געזעסען ביי זיין זיידענ'ם חסידישען טיש אין קורילאָוועץ האָט יוחנן אנגעהויבען:

— אליהו הנביא,

— אליהו התשבי,

אליהו הגלעדי,

אליהו, אליהו,

אליהו הגלעדי.

במהרה יבוא

יבוא אלינו,

עם משיח,

עם משיח,

עם משיח בן דוד!

סידאָר האָט זיך צוטאנצט, בתיה און די רביצין האָבען צוגעפּליעסקעט, און ווען עמיצער פון קורילאָוועץ וואלט איצטער געווען פארבייגעגאנגען די פענסטער פון דעם מאָליוועך רב'ס שטוב, וואָלט ער געמיינט, אז ער האָט פארבלאָנדזשעט, און אז ער איז אין דרויסען ארום דעם קורילאָוועצער'ס הויף.

— די אלע זאכען, וואָס איך האָב דאָ פריהער באמערקט, — האָט דער מאָליוועך רב זיך אנגערופען צו יוחנ'ן, — נעהם איך דערפון, ווייל איך אליין בין איצטער מעהר חסיד ווי איך בין געווען אין מיין יוגענד. און דאָס וואָס עס טרעפט מיט מיר קען אויך טרעפען מיט א סך אנדערע".

סידאָר איז נאָך אלץ געשטאנען אין א ווינקעל און ניט אויפגעהערט צו זינגען די אליהו'ס ביז שפּעט אין דער נאכט, ווען אלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון זייערע פּלעצער, ערשט דאן איז סידאָר ווידער ארויף צו זיך אין צימער.

דער מאָליוועך רב און די רביצין האָבען געזאָגט א גוטע נאכט, נאָר בתיה און יוחנן זיינען נאָך געבליבען אונטען. יוחנן האָט זיך ארומגעקוקט, צו זעהן, אז אלע זיינען זיך שוין צוגאנגען, און

חוץ בתיה'ן הערט קיינער ניט, און ער האָט איהר אַ זאָג געגעבען אין דער שטיל: —

— בתיה, מיר זיינען אין געפאהר. ביי דעם יאריד אין אַ פּאָר טעג ארום דערוואַרטען מיר אַן אָנפאַל פון די בעסאראביער קאַצאפּעס.

— פון וואנעט ווייסטו? — האָט בתיה איבערגעפרעגט, און האָט זיך געסטאַרעט צו זיין אזוי רוהיג, ווי נאָר מעגליך.

— איך קען דיר ניט דערקלעהרען פּינקטליך פון וואנעט איך וויים, אָבער אזוי האָב איך דאָס געפיהל. מיר ווייזט זיך אויס, אז דאָס וואָס סידאָר האָט שוין צוויי מאָל אָפּגעשטויסען אטאקעס און אָנפאַלען אין קורילאָוועץ, און דער פאַקט, אז איצטער איז ער אין מאָליוו, איז פאר מיר אַ סמן, אז עפּעס אומרוהיגעס וועט געשעהן. פרעג מיך ניט. איך האָב געזעהן אזא בילד, און האָב ניט געחלומ'ט. עס איז געווען אַ בילד ווי איך וואָלט זיך געפינען אין אַ טראַנס.

— דו ביזט זיכער, אז עס איז ניט געווען קיין חלום, יוחנן! — האָט בתיה איהם איבערגעפרעגט, און האָט זיך נאָך אַלץ באמיהעט צו זיין רוהיג.

— ניין, ניט קיין חלום, — האָט יוחנן געענטפערט — דאָס איז געוועזען, ווען מיר האָבען אנגעהויבען פּראַווען די מלוה מלכה, האָב איך אין יענעם מאָמענט זיך פארטראַכט, און איך האָב גע-האַט אַ זעהונג. איך האָב דערזעהן קאַצאַפּעס, רוצחים פאר די אויגען. איך האָב זיך געפינען אויפ'ן מארק, איך האָב אפילו געזעהן בלוט אויף דער גאַס, און אַ שרעקליך בילד. איך האָב גע-וואָלט שרייען אין יענעם אויגענבליק, נאָר מיר האָט פארפעהלט אָטעם.

דערנאָך האָב איך דערזעהן סידאָר'ן פאר זיך, ווי ער איז אומגעלאָפען און געשלאָגען די קאַצאַפּעס, ביז זיי האָבען איהם איבערגעוועלטיגט, און — ער איז ניט געוואָרען.

— אפשר ווייל דו טראַכסט די גאנצע צייט פון אומרוהען, דעריבער זיינען זיי דיר געקומען פאר די אויגען. — האָט בתיה איהם געזוכט צו בארוהיגען.

— איך האָב דאָך דיר אליין געזאָגט, אז איך קען דיר ניט

דערקלעהרען פארוואָס און ווי אזוי, — האָט יוחנן איהר א זאָג געגעבען, אָבער דער פאקט בלייבט, אז עס איז מיר געקומען אזא שרעקליך בילד פאר די אויגען, און איך פיהל, אז עפּעס דאַרף געטהאָן ווערען. טאָמער איז עס א ווזיע, א פארגעפיהל, וואָס דאַרף אונז דינען פאַר א וואָרנונג צו זיין גרייט, און צו שטעהן אויף דער וואַך.

— צו דעם יאריד איז דאַך נאָך דאָ עטליכע טעג, — האָט בתיה איהם געזוכט צו בארוהיגען.

— געה רוה זיך אוים פריהער, דו ביזט מיעד און אנגע־שטריינגט, און מאָרגען וועלען מיר זעהן באקלעהרען, וואָס עס איז צו טהון".

יוחנן איז ארויף צו זיך אין שלאָפצימער, און האָט א לאנגע צייט ניט געקענט איינשלאָפען, האָט זיך געדרעהט אן אומרוהיגער, אויף אַלע זייטען.

צומאָרגענס, ווען דער קרייז איז זיך צוזאמענגעקומען אין דער געוויינליכער צייט איז סידאָר אריינגעקומען, איז צוגעקומען צו איהם און שטילערהייט א פרעג געגעבען: —

— קען איך זיצען דאָ און זיך איינהערען? — סידאָר האָט פארשטאנען, אז דאָס איז מעהר ווי א קלאַס, נאָר ער איז ניט געווען זיכער, אין וואס זייער לערנען באשטעהט, און יוחנן האָט א שאָקעל געגעבען מיט'ן קאָפּ, אלס צייכען, אז ער מעג זיצען, און סידאָר האָט זיך אוועקגעזעצט אין א זייט, און געשוויגען.

— איך קען אייך איבערגעבען א באריכט פון א פּאסירונג, וואָס עס האָט געטראָפען אין קורילאָוועץ, א שטעדטעל ניט ווייט פון אונז, — האָט יוחנן אנגעהויבען, און ער האָט דערצעהלט: —

— אין דעם טאג, ווען אין קורילאָוועץ איז פאָרגעקומען דער לעצטער יאריד, איז געפלאנעוועט געוואָרען א גרויס אומגליק, אַ בלבול אויף אידען. אַ שיכור'ע גויע האָט געבראכט א קליין קריסטליך מיידעלע, איהרס אן אייניקעל פון דאָרף, און האָט עס אוועקגעזעצט אינוועניג אין דעם קלויסטער־הויף, און איז ארומ־געלאָפען אויפ'ן יאריד און געיאָמערט און געקלאָגט, אז איהר אייניקעל איז פארפאלען געוואָרען, און דאָס איז געווען אן אויס־רייד, צו מאכען א סומאטאכע, א צורודערונג אויפ'ן יאריד, כדי אז די גויים זאָלען מאכען אן איבערפאַל אויף די אידען. —

דער גאַנצער קרייז איז געזעסן אין אָנגעשטריינגטער, פול מיט שפּאַנונג זייענדיג פאַראינטערעסירט צו הערן שוין, מיט וואָס די נייעס האָט זיך געענדיגט.

— צו אונזער גליק, — האָט יוחנן פאָרטגעזעצט, — איז גראָד אָנגעקומען א נייער „אוראַדניק", א גרויסער אוהב ישראל, און ער האָט דערשמעקט, אַז דאָס איז א בלבול. דערצו האָט אונזער וואַך גראָד געהאַט אַן אויג, אויף דער שיכור'ער גויע, און זיי האָבן גראָד איהר גענומען נאָכשפּירען, און ווען זיי האָבן געזעהן, אַז זי לאָזט איבער דאָס קינד אינעווייניג אין דעם קלויסטער-הויף, האָבען זיי זיך געכאַפּט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט. שפּעטער ווען די שיכור'ע גויעטע האָט געמאַכט א ליאַרם, אַז מען האָט ביי איהר צוגעגנב'עט איהר קינד, האָט איינער פון אונזער קרייז אַריינגעשושקעט דעם נייעם אוראַדניק די אינפאָרמאַציע וועגען קינד, און דער אוראַדניק האָט די שיכור'ע אָוועקגעפיהרט ביז צו דעם קלויסטער, וואו דאָס שיקסעלע איז געזעסן, דערנאָך האָט ער די גויעטע אָנגעזידעלט, זי געסטראַשעט צו אַרעסטירען, און זי אַרויסגעשיקט פון קורילאָוועץ צוריק אין דאָרף אַריין".

— און אַזוי זיינען אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון אַ גרויסען אומגליק — האָט יוחנן פאַרענדיגט זיין באַריכט.

סידאָר איז געזעסן ביי דער זייט. האָט אַלץ אויסגעהערט, און זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, אַז ער איז דאָס געווען דער העלד פון דער גאַנצער געשיכטע.

— איז דאָס טאַקע געווען אַן אמת'ער אוראַדניק, א קריסט?
— האָט זיך איין יונגערמאַן איינגעשטעלט, און א פרעג געגעבען ביי יוחנ'ן.

— דאָס בלייבט א סוד פאַר קורילאָוועץ. — האָט יוחנן געענטפערט, און צוגעלעגט: — פאַר אונז איז נאָר וויכטיג די פּאַסירונג, און מיר דאַרפען געדיינקען, אַז מען מוז זיין גרייט, ווייל וואָס דערנאָך האָט פּאַסירט, איז א נס, און אויף קיין נסים טאָרען מיר זיך ניט פאַרלאָזען.

דער קרייז האָט זיך דורכגעוואָרפען מיט בליקען, און נאָך אַ קורצער שטילקייט, האָבען זיך איניגע געמעלדעט צום וואָרט: —

— וואָס מיר דאַרפען טאָן, איז אויסגעפינען ווי אַזוי זיי, די

קורילאָוועצער האָבען זיך צוגעגרייט. וועלכע מעטאָדען האבען זיי אָנגעווענדעט, אפשר קענען מיר עפּעס לערנען פון זיי".

אַ צווייטער האָט פאָרגעשלאָגען אַז מען זאָל ארויסרופען א טהייל פון דעם קאָמיטעט אהער, קיין מאָליוו, און זיך מיט זיי אן עצה האלטען.

נאָך איינער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל פאָהרען צו יענעם אוראדניק, און זיך מיט איהם דורכרעדען, טאמער וועט ער וועלען קומען אהער, צו דעם קומענדען מאָליווער יאריד. די אַלע רייד האָבען בלויז געפיהרט צו איין זאך, און דאָס איז אז אַלע זאָלען באגרייפען אז די צייט איז אן ערנסטע, און אז מען דארף זיך גרייטען, אז אין פאַל פון אַן אָנפאַל זאָל מען פארטהייידיגען די אידישע פאָזיציע, אידיש האב און גוטס, און אידישע נפשות.

אין עטליכע טעג ארום איז פאָרגעקומען דער יאריד, און מאָליווער אידען האָבען ווי אלעמאָל זיך געגרייט פאר א גרויסען פּדיון, ווייל מאָליוו איז געווען די גרויסע שטאָדט און עס פלעגען זיך אָנפאהרען א סך קרעמער פון אַלע ארומיגע שטעדטלאך, איינצוקויפען די פארשיידענע סחורות פאר זייערע קליין שטעדטעלדיגע מסחרים, און חוץ די אידישע קרעמער פלעגען ארויסקומען הונדערטער קריסטליכע פּויערים מיט זייערע סחורות צום פארקויפען און מיט דעם געלט איינהאנדלען פאר זיך די נויטיגע סחורות, וועלכע זיי האָבען געדארפט האָבען צום לעבען.

ווי אין קורילאָוועץ איז די אידישע וואך געווען צושטעלט ביי די טויערען, און וועגען, וואָס פיהרען אריין אין שטאָדט, אבער שוין אין דערפריה איז געווען קענטיג, אז אינגאנצען גלאט וועט דער טאג ניט אראָפּגעהן.

עס זיינען זיך יענעם יאריד אָנגעפאָהרען א סך מעהר קאַצאַפּעס פון די בעסאראביער באשטאנעס, מיט גאנצע בוידען אוגערקעס, געפּאקט אין גראָבע זעק, און קאוואנעס ריזיג גרויס, און שטאנגען וויינטרויבען און זעק מיט ניס.

מאָליוו, זייענדיג אַ גרויסע שטאָדט, איז אונמעגליך געווען פאר יוחנ'ן מיט זיין גרופּע צו האָבען א פולשטענדיגען קאָנטראָל איבער דער גאנצער שטאָדט, ווייל ווערענד אין א קלענער שטעד-

טעל איז דער גאנצער יאריד קאָנצענטרירט אין איין פונקט, אויף דעם לעדיגען פּלאַץ, אויף דער טאראוועצע, איז אָבער דער יאריד אין דער גרויסער שטאדט צוואָרפען אין פארשיידענע טהיילען פון שטאָדט.

אין גוטען מוטה איז קיין נייעס ניט געווען, אז קאצאפּעס זאָלען זיך אָנשיכור'ען, און זיך כאפּען פאר די טשופּרינעס, און זיך רייסען, פליקען פאר די האָר, און פאר די לאנגע צעפּ, וואָס זיי האָבען געטראָגען, און פון דעם געשלעג צווישען צוויי קאצאפּעס, האָט זיך אלעמאָל אויסגעלאָזט, אז עס האָט זיך געשלאָגען א קנופּ מיט מענשען, מען האָט ניט געקענט דערגעהן קיין ברעקעל טאָלק, ווער עס שלאָגט וועמען, ווער עס איז גערעכט, און ווער עס איז אומגערעכט.

נאָר כל זמן דאָס געשלעג איז זיך אָנגעגאנגען נאָר צווישען די קאצאפּעס, און קיין איד איז ניט פארמישט געוואָרען, פלעגען אידען דורכגעהן פון דער ווייטענס און אויסשפּייען, און ווארפען א באַמערקונג: —

— וואָס קען מען דערווארטען פון שיכורים? האָבען זיך אָנ-געטרונקען ווי די חזירים, און וואלגערען זיך אין דער בלאָטע. זאָל אויסגעהן צו זייערע קעפּ..."

יענעם יאריד איז אבער ניט אויסגעגאנגען צו זייערע קעפּ אליין.

די קאצאפּס האָבען זיך געבונדען, און זיך געטשעפּעט צו די אידישע יארידניקעס, און געהאלטען האָבען זיי זיך עטליכע צוזאמען, און ארויסגעלאָזען זיך האָבען די קאצאפּעס, איבער די שענקען, האָבען זיך פריהער אָנגעשיכור'ט, און דערנאָך האָבען זיי זיך צוזונגען זייערע שיכור'ע לידער, און געפיהרט האָבען זיי זיך ביי די הענט, גרופּעס-וויים, און וואו זיי זיינען פארבייגעגאנגען א אידישע שטעלעכעל, וואו די סחורה איז געווען ארויסגעלעגט אין דרויסען, האָבען זיי זיך מכלומר'שט גענומען דינגען ווי זיי וואָלטען בדעה געהאט צו קויפען די סחורה. און וואָס פאר א קליינעם פרייז מען האָט זיי ניט געזאָגט, פאר דער סחורה, האָבען די קאצאפּעס ניט נאָר ניט געקויפט, נאָר זיי האָבען די סחורה אוועקגעווארפען אין גאס, אנשטאט דאָס אוועקצולעגען אויפ'ן אָרט.

און וויפיל אידען האָבען ניט פארשטיקט אין זיך זייער צאָרן

און אנטריסטונג, ווייל דער קרייז איז געשטאנען צושטעלט אויף דער וואך, און געוואָרענט די קרעמער, מען זאָל זיין פאָרזיכטיג, ווי גאָט איז איינעם ליב, און מען זאָל ניט פארפיהרען קיין גע-שלעג, ווייל די דברים אחרים זיינען לכתחלה געקומען זיך טשעפען און צו פארפיהרען א געשלעג, האָט מען ערשט אלעמען ניט גע-קענט איינהיטען.

אידען זיינען געשלאָגען געוואָרען, איינער אן אָרעמער שוסטער איז אזוי צושלאָגען געוואָרען, אז דאָס ווייבעל זיינס איז געקומען, האָט פארמאכט דאָס קרעמעל, פארנומען אין פארטוך די עטליכע צונגעגרייטע פאר שטיוועל מיט כאליאווען, און איז מיט איהם אוועק אהיים, אין מיטען דעם יאריד, און זי האָט ניט אויפגעהערט צו יאמערען איבער די גאסען:

— אין דער ערד אריין מיט זייער יאריד, זאָלען זיי איינגע-זונקען ווערען, די שיכורים. קום אהיים, לעג זיך אוועק אין בעט. האָסט שוין געהאט דעם אמת'ן יאריד, אויף אלע שונאי ציון גע-זאָגט געוואָרען, גרויסער גאָטעניו!"

אויף דער סצענע איז אָנגעקומען סידאָר. דאס מאָל איז ער ניט געוועזן פארקליידעט, נאָר אין דעם פשוט'ן הולך, ווי ער פלעג ארומגעהן אין קורילאָוועץ.

דערזעהענדיג ווי דער שוסטער געהט אהיים מיט א צובלוטיג-טען קאָפּ, און ווי נאָך איהם שלעפּט זיך נאָך אלץ נאָך א רעדעל קאצאפּעס, וועלכע האָבען אַ שטאַרקען חשק אוועקצושלעפּען א פּאָר שטיוועל פון דער ווייב'ס פארטוך, האָט זיך אין איהם צו-קאָכט זיין בלוט, און ער האָט אָנגענומען איין קאצאפּ ביי דער טשופּרינע, און איהם א דרעה געטהון אין דער לופטען, און דער-נאָך איהם א שליידער געטהון צו דערערד, אויסרופענדיג: —

— אָט איז דיר פאר שלאָגען א אידען, דו שיכור'ע זאך!"

דער קאצאפּ האָט זיך איבערגעקעהרט, איז געבליבען ליגען ווי א באטויבטער, אָבער די ארומיגע קאצאפּעס האָבען זיך צו-יושעט, און אויף ווילדע קולות, אין זייער רוסישער שפּראך האָבען זיי זיך צושריען: —

(טו טשטא זא פּראווא וומאַליווע). וואָס איז דאָס פאר א געזעץ דאָ אין מאָליוו. — וובעסראאביע מי זשידע ביעמו. . . „אין בע-

סאראביע שלאָגען מיר אידען, א טוט נאס ביוט!" און דאָ שלאָגען זיי גאָר אונז!. . ."

ווי א פייערדיגער סיגנאל האָבען די ווערטער געווירקט אויף די איבעריגע שיכורים, און זיי האָבען דעם ערשטען אנידערגע-ווארפען דעם שוסטער, כאָטש עס האָט איהם געראָנען דאָס בלוט פון דעם קאָפּ, דערנאָך האָבען זיי גענומען רייסען די שטיוועל פון דער ווייבעל'ס פארטוך, און די קולות פון דער ווייבעל האָבען זיך געטראָגען ביז'ן הימעל.

סידאָר האָט זיך פארלוירען, האָט ארויסגעריסען א פּאָר שטי-וועל וועלכע זיינען שוין געווען אין די הענט פון אַ שיכורען קא-צאַפּ, און מיט די שטיוועל אין דער לופטען, האָט ער געפּעכעט, אין אַ קרייז, און גאָר אָפּט טאקע דערלאנגט א קאצאפּ איבער דעם פּנים און אין קאָפּ.

פון די געשלעגען איז דער געדרענג געוואָרען נאָך גרעסער, עס זיינען זיך אָנגעלאָפּען הונדערטע יארידניקעס, מעהרסטענס גויים, אידען האָבען מורא געהאט איבערצולאָזען זייערע שטעלעכ-לאך אויף דער גאס, אז מען זאָל ביי זיי די סחורה ניט צושלעפּען.

דעם שוסטער מיט דער ווייבעל, און אויך זייער ביסעל סחורה האָט סידאָר אָפּגעראטעוועט, אָבער ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק, האָט ער ניט באמערקט, ווי הינטער איהם האָט איהם ארומ-גערינגעלט אַ צווישעטע באנדע קאצאפּעס, און זיי האָבען זיך אויף איהם געווארפען מיט די קולאקעס, און מיט מעסערס, וועל-כע זיי האָבען געהאלטען פארשטעקט אין זייערע גארטלען. און מיט'ן כח פון א ריעז, האָט זיך סידאָר געוועהרט אנטקעגען זיי און דער עיקר, האָט ער זיי ניט געקענט בייקומען, ווייל ער האָט געזוכט זיי ארייצונארען אין מיטען מארק אריין, האָפּענדיג, אז דארטען וועט איהם יוחנ'ןס קרייז קומען צו הילף.

דאָ איז ער געווען איינער אליין קעגען א צווישעטער באנדע, צוועלף מאָל אזוי פיל ווי ער אליין.

ניט פיהלענדיג אפילו, אז ער געהט שוין אָפּ מיט בלוט פון די מעסער שטעך, וועלכע ער האָט באקומען אין קאָפּ און אין די זייטען, האָט ער זיך נאָך אלץ געוועהרט, און איז געלאָפען און געטהיילט זיי קלעפּ מיט די קולאקעס, און אָפּט מיט די פיס זיי געשטויסען אין בויך און אין די זייטען, נאָר ווען ער האָט ענד-

ליך זיי דערשלעפּט און אריינגענאַרט אין מאַרק פּלאַץ, איז ער שוין אוועקגעפאַלען א מאַכטלאָזער.

אויף דער סצענע זיינען אנגעקומען צוויי פון יוחנן׳ס קרייז, און דערזעהענדיג די סצענע, ווי סידאָר ליגט שוין אין א טייך בלוט, האָבען זיי די ערשטע זאך אויסגעשאָסען אין דער לופטען, און דאס האָט אָפּגעקנאַקט אין דער לופטען, ווי א דונער-קראַך.

— סטרעלאיוט! („מען שיסט!”) האָט איינער פון די קאַצאַפּעס אויסגעשריען, און גענומען אנטלויפען א ווילדער און צושראָקענער, און נאָך איהם זיינען אלע אנדערע קאַצאַפּעס געלאָפען אין גרויס שרעק, און די צוויי אידישע וועכטער האָבען ניט אויפגעהערט צו שיסען אין דערלופטען, ביז עס איז פון די קאַצאַפּעס קיין זכר ניט געבליבען.

דאָס קנייליען פון די רעוואָלווער קוילען האָט ארויסגערופען צו דער סצענע אייניגע פון די וועכטער אין דעם קרייז, אבער פון דערווייטענס האָט זיך דערזעהן, ווי עס שפּאַנט דער אוראַדניק און ניט וועלענדיג ווערען פאַרדעכטיגט, אז ביי זיי געפינט זיך געוועהר אין די קעשענעס, האָבען זיי זיך צוזאַמענגערעדט, אז בלייבען זאָל נאָר ווער עס האָט ניט קיין געוועהר און די איבעריגע זאָלען אריבערגעהן אָפּגעבען יוחנ׳ן דעם באריכט און אָנזאָגען די נייעס, וועגען סידאָרען.

אין דער מינוט, ווען דער אוראַדניק איז צוגעקומען צו דער סצענע, האָט ער אָנגעהויבען צוצוטרייבען דעם צונויפגעלאָפענעם המון, גענומען אויפהויבען סידאָרען פון דער ערד, אָבער ער איז שוין געוועזן א גוסס׳ער, צופיל בלוט האָט ער פארלוירען, און צופיל שטעך פון די מעסערס האָט ער אריינגענומען אין זיך פאַרטהיידיגענדיג אָן אָרעמען אידען מיט זיין פרוי, אָפּראַטעוועגדיג זייער לעצט ביסעל שווערע האָרעוואַניע.

אזוי גיך ווי יוחנן און דער רב האָבען דערהערט די נייעס, אז סידאָר ליגט א פאַרוואונדעטער, זיינען זיי געלאָפען מיט א דראָזשקע, און האָבען געהאָפּט, אז טאָמער קען מען איהם נאָך אָפּראַטעווען, און אוועקפיהרען אין א שפּיטאָל, נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דער סצענע, און מען האָט איהם אויפגעהויבען אריינצוזעצען אין דער דראָזשקע, האָט ער צום לעטען מאָל אויפגעעפענט די אויגען גאַנץ ברייט, און דערזעהענדיג יוחנ׳ן און

דעם מאָליוּוער רב ארום זיך, האָט ער אויסגעשטרעקט מיט די לעצ-טע כחות די הענט צו זיי, און געמורמעלט מיט א צוקרומט פּנים, וואָס האָט זיך אָנגעשטריינגט צו שמייכלען:

— זייט געזונט. איך שטארב אויף קידוש השם!" און גלייך דערנאָך האָט ער זיך אין קאָנוואולסיעס א דרעה געטהון. סידאָר איז געווען טויט.

דער אוראדניק האָט דערזעהן, אז דער רב קען דעם פרעמדען, איז ער מיטגעפאהרען, און איז באשטאנען, אז מען מוז מאכען אן אונטערזוכונג, ווער דער פרעמדער איז, און דער אוראדניק האָט ניט אויפגעהערט צו טענה'ן: —

— זאקאָן, פּאָנימאַיעטע (געזעץ, פארשטעהט איהר מיך!) גע-זעץ איז געזעץ. מען דארף אויסמאכען א דיעלאָ, מיט א ראפּאָרט. ווער איז דער פרעמדער, ווי אזוי קומט דער ראבין צו איהם".

דער רב האָט זיך ניט פארלוירען. אין דער קארעטע האָט ער מיט'ן אוראדניק גאָרניט גערעדט, און איז געזעסען און נאָכגע-טראכט, ווי אזוי דרעהט מען זיך ארויס פון דער „דיעלאָ" אז מען זאָל קיין אידען ניט ארייננמישען.

ביז זיי זיינען צוגעפאהרען צו דעם רב'ס הויז, האָט דער רב געהאט ביי זיך שוין א פארטיגען פּלאן.

די ערשטע זאַך האָט ער געשיקט נאָך דער שטאָדטישער חברה קדישא, און דעם אוראדניק האָט ער אריינגענומען צו זיך אין א באזונדער חדר, און האָט איהם דערקלעהרט:

— דאָס איז א פּהעמדער איד, אן אָרעמאן, געקומען אין שטאדט אריין, ווי א סך אנדערע, איך ווייס אפילו ניט פון וואנעט ער איז געקומען. איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן".

— פארוואָס זשע ביזטו געקומען צו דער סצענע, איהם נעה-מען אין שפּיטאל אריין? האָט דער אוראדניק נאָך אלץ געפּאָדערט א דערקלעהרונג, און אויך דערויף האָט דער רב איהם באלד גע-געבען א פארטיגען ענטפער: —

— מיר זיינען אידען. איך בין דער מאָליוּוער רב, דו קענסט דאָך מיך שוין ניט פון נעכטען. ביי אונז איז א געזעץ, אז מען דארף אונזערען א אידען באגראבען אויף דעם אידישען הייליגען

אָרט און עס איז געווען מיין פליכט צו קומען זעהן דעם פאר-וואונדעטען, ווייל יארידניקעס האָבען מיר גלייך געלאָזט וויסען, אז קאצאפעס האָבען איהם געשטאָכען מיט מעסערס, און אז ער האלט ביים שטארבען.

דער אוראדניק האָט אלצדינג פארשריבען, פארטיג געמאכט פאפירען אוועקצושיקען א באריכט, געהייסען דעם רב זיך אונ-טערשרייבען, און וויסענדיג, אז היינט איז יאריד, און אז עס קע-נען נאָך פאסירען ענליכע זאכען, האָט דער אוראדניק געכאפט זיין היטעל, זיך צוזעגענט מיט׳ן רב, געפונען, אז אלץ איז אין אָרד-נונג, נאָר ער האָט אָנגעזאָגט, אז מען זאָל דעם טויטען זיך ניט איילען צו באגראָבען, טאָמער וועט מען דארפען מאכען נאָך אן אויספאָרשונג איבער איהם, און אליין איז דער אוראדניק אוועק אין דער „אופראווא” צו דעם פריסטאוו.

— גאָט צו דאנקען דערפאר, — האָט דער רב א זאָג געגעבען צו יוחנ׳ן, אין דערשטיל, — גוט, וואָס דערווייל איז ער אוועק, און זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט באטראכטען פלענער, וואס ווייטער צו טהון.

— געשטאָרבען אויף קידוש השם, — האָט יוחנן באמערקט, און האָט שטארק אָפגעזיפצט.

— איצט מעגען זיי שוין קומען, מאכען נאָך אן אויספאָרשונג. ביז אָבער זיי וועלען אָנקומען, געה נאָר זוך דורך זיינע קעשענעס, און אויך אין זיין חדר, דאָרטען אויבען, טאָמער קען זיי איינפא-לען צו פארדעכטיגען, אז ער האָט דאָ געוואוינט, און אז ער איז פארמישט אין עפעס. . .” — האָט דער רב זיך געווענדעט צו יוחנ׳ן, וועלכער האָט איבערגעלאָזט דעם רב, און איז ארויפגע-גאנגען אויף דעם אויבערשטען שטאָק דורך דער הינטערשטער טהיר.

לעבען טויטען האָט דער רב אוועקגעשטעלט א וואך פון צוויי פון יוחנן׳ס תלמידים, ווי עס איז דער מנהג, ניט צו לאָזען א טוי-טען אליין.

דערווייל איז אָנגעקומען די חברה קדישא, א פאָר עלטערע אידען, שווערע, פארהאָרעוועטע, קענטיג, אז זיי זיינען געווען פאר-נומען מיט׳ן יאריד.

אידען, זייט ווייסען, אז דאָס איז א הרוג. געשטארבען על קידוש השם. — האָט דער רב זיך געווענדעט צו זיי. ניט קיין סך מענשען האָבען די זכיה צו שטארבען פאר זייער גאָט און פאר זייער פאָלק. זאָלט איהר געדיינקען, אז מען דארף זיך מיט איהם מתעסק זיין ניט ווי מיט א געוועהנליכען מת. עס מוז זיין אן אמת'ע טהרה, מיט קאפיטלאך תהלים, מיט הקפות, און איך וויל זיין ביי דער טהרה" האָט דער רב פארענדיגט.

— גוט רבי, — האָט אויסגעברומט צווישען די צייהן שמעון קירזשנער, א איד, מיט א פארוואקסען פנים, און מיט שטעכעדיגע ברעמען, וואס האָבען כמעט ווי באהאלטען די אויגען אין זייער געדיכטקייט. — אז דער רבי זאגט אן אמת'ע טהרה, נאָר וואָס איז שייך, דער רבי וועט דאָך אויך זיין דערביי! — האָט ער פאר-ענדיגט.

—דערווייל שטעלט אוועק אייערע א וואך, — האָט דער רב באפוילען, היינט וועט מען דעם מת ניט מקבר זיין, טאָמער וויל די נאטשאלסטווא מאכען נאָך אן אויספאָרשונג".

יוחנן איז ארונטערגעקומען און בארוהיגט דעם רב: —

— אלץ איז אין אָרדנונג. — האָט ער איהם אוועקגערופען אין א ווינקעל, און פארטרויעט.

דער טויטער איז אויסגעצויגען געוואָרען אויף דער ערד, אין רב'ס שעהנסטען אויפנאהמס צימער, אויף אביסעל שטרוי, מיט די פיס צו דער טהיר, ווי דער מנהג איז, די חברה קדישא האָט געבראכט דעם שווארצען צודעק, און אנגעצונדען צוויי גרויסע ליכט, ביי דעם צוקאָפּענס אז זיי זאָלען קענען ברענען די גאנצע נאכט. יוחנן און דער רב זיינען געשטאנען און זיך באמיהעט צו באהאלטען זייער טיפען צער.

ווען עס איז נאכט געוואָרען און בתיה איז צוריקגעקומען פון דער גימנאזיע, איז זי אויפגעשווידערט געוואָרען פון דעם בילד, ווען זי האָט דערזעהן, ווי יוחנן און דער רב שטעהען און טרויע-רען ווי איבער אן אייגענעם, א הייליגען. זי האָט שוין פארשפאָרט צו פרעגען, נאָר ווי דאָס הארץ האָט איהר אונטערגעזאגט, האָט זי א זאָג געגעבען: —

— א קדוש, האָ? דער קורילאָוועצער? —

— קיין ענטפער איז ניט נויטיג געווען. זי האָט א טראַכט געטהאָן פון דעם בילד, וועגען וועלכען יוחנן האָט איהר דער-צעהלט, נאָך דער מלוה מלכה, און ווייטער געקלעהרט.

— אָ וויזיע. יוחנן האָט געהאט אַ וויזיע. ער האָט געזעהן די הרוגה, די רציחת אויפ׳ן מארק, ער האָט עס פאָראויס געזעהן, אבער ניט געקענט אויסהיטען. א באַשערטע זאך.

דעם גאַנצען אויפדערנאַכט האָבען אידען ניט אויפגעהערט צו קומען צו דעם רב אין הויז און יעדער איינער האָט געהאט צו דערצעהלען א באזונדערע מעשה, אַז לעבען איהם האָט אויך גע-קענט ווערען אזא בלוט באָד, נאָר אַלעמאָל איז אויסגעוואַקסען עפּעס א פרעמדער איד, און האָט ניט אָפּגעטראָטען ביז ער האָט ניט צוטריבען די קאַצאַפּעס. ווער ווייסט, קען זיין, אז דאָס איז נעביך געווען דער אייגענער מענש. . . אַ היילינער. פאר אַלעמען האָט ער זיך איינגעשטעלט.

די שטוב מענטשען ביי דעם רב האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט שטומע בליקען. איצטער האָבען זיי פארשטאַנען, אַז גענוג העלדישקייט האָט דער הורג ארויסגעוויזען, ביז ער איז געפאַלען א קרבן.

יעדער איינער פון דעם קרייז, וועלכער האָט דעם אויפדער-נאַכט באזוכט דעם רב׳ס הויז, האָט פון בתיה׳ן באַקומען א וואָר-נונג, אַז ביז צו דער לויה זאָלען זיי זיצען ביי זיך אין הויז, און ניט קומען אהער, ווייל מען דערוואַרט דאָ נאָכאמאָל דעם אוראַד-ניק, און אפשר אויך דעם פּריסטאַוו. . . גלייכער, אַז מען זאָל זיי ניט קענען, און ניט באַמערקען.

אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, איז דער אוראַדניק געקומען, און געלאָזט וויסען דעם רב, אַז דער פּריסטאַוו איז איצטער אין קאַ-מענעץ, אין דער גובערניע, און אַז ער וועט ניט זיין צוריק ביז אין א וואָך אדער צעהן טעג ארום.

— נו, וועלען מיר הייסט עס, איהם דאַרפען היינט טהון זיין רעכט? — האָט דער רב אָנגעפרעגט ביי דעם אוראַדניק, און ער איז געווען זעהר צופרידען, וואָס עס האָט זיך אזוי געמאַכט, ווייל אויב עס דארף ניט זיין קיין צווייטע אויספאָרשונג, וועט די גאַנ-צע מעשה קענען בלייבען א סוד, און קיינער וועט ניט וויסען, ווער דער הורג איז געווען.

גלייך, ווי דער אוראדניק איז ארויס, האָט דער רב געגעבעי אַ באַפעהל, אז מען זאָל שפּאנען א קארעטע און לויפען קיין קורי-לאָוועז, אָנזאָגען דעם אלטען די נייעס וועגען סידאָר׳ס טויט.

דער מאָליוועור רב האָט דאן צוגעזאגט דעם אלטען, ווען ער האָט צו איהם געשיקט סידאָר׳ן, אז ער זאָל זיך מגייר זיין, און אָננעהמען דעם אידישען גלויבען, אז דאָס זאָל בלייבען א סוד, און ווען עס האָט אזוי פּאסירט, אז ער איז געשטאָרבען א קדוש, און די לויה האָט געדארפט זיין פון זיין הויף, האָט ער געפיהלט, אז מען דארף דעם רבי׳ן לאָזען וויסען וועגען דער גאנצער זאך.

ווען די קארעטע איז צוגעפאָהרען צום קורילאָוועצער הויף און דער בעל עגלה, דער איד, וועלכער פלעג פיהרען די פּאָטשט פון מאָליוו אין אלע ארומיגע שטעדטלאך, איז אריינגעקומען אין הויף אריין, איז דער ערשטער איהם גראָד אנטקעגען געקומען בערעלע דעם איינבינדער׳ס.

— איך דארף נויטיג האָבען צום רבי׳ן, — האָט דער בעל עגלה, א פּראָסטער איד א זאָג געגעבען, ווייל ער האָט זיך געפיהלט פארלוירען. ביי איהם איז אַ רבי געווען אַ געטליכער מענש, און ער האָט אפילו ניט געוואוסט, ווי אזוי דארף מען רעדען צו א רבי׳ן.

— אויב איהר וועט מיר זאָגען, וואָס איהר דארפט דעם רבי׳ן. וועל איך אייך אפשר קענען ארויסהעלפען, ווייל דער רבי פיהלט ניט זעהר אמבעסטען, — האָט בערעלע א זאָג געגעבען.

— פארשטעהט איהר מיך, ר׳ איד, — האָט דער בעל עגלה זיך באמיהעט צו מאכען זיך פארשטענדליך: — איך האָב א בריוו פון דעם מאָליוועור רב צו דעם רבי׳ן, און ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל זיך ניט דערוועגען דאָס איבערצוגעבען קיינעם, נאָר טאקע דעם רבי׳ן גלייך אין די הענט אריין״.

דער בריעף איז געווען פון מאָליוועור רב, און געשריבען האָט ער: — אייער באגליבטער קנעכט, אונזער בשותפות׳דיגער איד, איז היינט אומגעקומען אויף קידוש השם. אויב דער רבי וויל זיין ביי דער לויה, וועט איהם אברהם בעל עגלה מיטנעמען

מיט גרויס כבוד,

דער מאָליוועור רב.

דער רבי איז אוועקגעפאלען אין זיין שטוהל, און האט גע-מורמעלט: — בערעלע, א גרויסער מענש איז אוועק פון דער וועלט! א לעבען לאנג האט ער זיך געפייניגט און געליטערט אין אלע פייערען פון דעם גהינום אויף דער וועלט, און איז אפגע-קומען פאר פרעמדע זינד. ווייל ווען ער זאל געווען געבוירען ווערען פון אזא כשר'ען ריינעם טאטען, ווי זיין כשר'ע מאמע איז געווען, וואלט ער אפשר, גאט ווייסט, וואס פאר גרויסע מעשים געווען געקענט אויפטהון. אבער א סימן האסטו, אז ער איז סיי ווי סיי געווען א קדוש וטהור, ווייל ער האט געלעבט ווי א קדוש, און געשטארבען ווי א קדוש, און אלעמאל געראטעוועט אידען פון אן עת צרה."

דערנאך האט ער דערלאנגט בערעלען דעם בריף, און ווען בערעל האט גענומען לייענען דעם בריף פון מאליוור רב, איז ער אויך געווארען אלערליי קאלירען, און אין דער אייגענער צייט האט דער רבי א קוק געטהון אויף דעם מאליוווער בעל עגלה, ווי פארלוירען ער איז געשטאנען, און געזוכט ארונטערצולייענען פון זייערע פנים'ער די גאנצע אומפארשטענדליכע פראצעדורע, איז דער רבי געפאלען אויף א פלאן, און א זאג געגעבען צו דעם בעל עגלה: —

— מיין קינד, געה אריין אין קיך, וואש זיך, און זאג, אז דער רבי האט דיר געהייסען אריינגעהן, און זאג סימען, זי זאל דיר גיבען עפעס עסען, ווייל דו ביזט צו מיר געשיקט געווארען מיט א שליחות. אבער דו זאלסט זאגען, פונקט ווי איך האב דיר געהייסען.

בעת דער רבי האט גערעדט צו דעם בעל עגלה, איז ער גע-שטאנען מיט אן אפען מויל, נערוועז געצופט און געדרעהט דעם שפיץ פון זיין שיטערער בארד. און האט ניט געוואוסט וואס צו טהון מיט זיך, ער האט נאר צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, יעדע מי-נוט, ווען דער רבי האט זיך אפגעשטעלט, און איהם געגעבען צו פארשטעהן, וואס ער מיינט.

ביי אברהם דעם בעל עגלה איז דאס אויסגעקומען א גרויסער כבוד: א קליינינקייט, א רבי, א גוטער איד, רעדט צו איהם, צו אברהם דעם בעל עגלה, דעם פראסטען, דעם גארנישט, דעם בעל עגלה, וואס שלעפט זיך אום אויף אלע יארידים און מארק טעג, און מיט דער ניעסטשאסטנער פאטשט, פון מאליוו קיין לוטשינעץ,

קיין אזארענעץ, קיין סניטקיוו, און קיין פּאָפּאָוועץ און וואוהין דען ניט? און אלץ צוליב וואָס? צוליב אַ דרייערעל צו פּארדינען אויף שבת. . . און דאָ מיטאמאָל שטעהט ער ביי דעם רבי'ן אין הויף, ניט ווייל ער האָט געבראכט קיין קורילאָוועץ עפּעס א רייכען חסיד, א גביר אדיר, נאָר, ווייל איהם, אברהם'ן, איהם אליין, האָט דער מאָליוועער רב, געשיקט מיט א שליחות צו דעם רבי'ן. . .

— נו געה זשע, מיין קינד, געה, אברהם, — האָט דער רבי איהם ווי צוגעגעבען מוט און קוראזש, און האָט איהם נאָכאמאָל איבערגעזאָגט די אייגענע ווערטער, אז ער זאָל אריינגעהן אין קיך, און זאָגען סימען, אז זי זאָל איהם געבען עסען, ווייל ער איז א שליח צו דעם רבי'ן.

ווי אַ פּראָסטער גוי, אין פּאסטאלעס, להבדל, ווען ער דארף שטעהן פאר נאטשאלסטווא פּונקט אזוי, האָט אברהם בעל עגלה זיך געפיהלט שטעהענדיג פאר הרב זיסיעל'ן, אין קורילאָוועצער הויף, און האָט נאָך אלץ ניט געוואוסט, וואס מען דארף טהון — כדי מען זאָל קענען פארלאָזען דעם רבינ'ס חדר מיוחד, און אריינגעהן אין קיך אריין.

אברהם בעל עגלה האָט געווארפען דעם לעצטען בליק ארום זיך, אין דעם רבינ'ס חדר, און ער האָט זיך ניט געקענט אפּוואונדערען: — דאָ אין איין ווינקעל, אַ שאפע פול מיט אזוי פיל ספרים. און אלץ אזעלכע גרויסע, — מן הסתם גמרא'ס. . . — האָט אברהם געטראכט, ווייל געוואוסט האָט ער, אז חומשים זיינען א היפּש ביסעל קלענער. כאָטש אויך אין זיי קען ער ניט די קליינע אותיותלאך. . . און מיטאמאל איז ער פארחידוש'ט געוואָרען פון א שטעקען, מיט א הילצערנעם קאָפּ, ווי א קולפּאק, און דאָ עפּעס אויפ'ן טיש, האָט ער דערזעהן בלעטער מיט אידישע אותיות, און אויך מיט גואישע. . . און ער האָט גענומען טראכטען: —

— אָט דער רבי, צו ווען עם פאהרט א גאנצע וועלט, ער מוז דאָס זיין טאקע א געטליכער מענש... ער, דער רבי, מוז וויסען אזוי פיל זאכען. . . איי, ווען ער וואָלט כאָטש איינמאָל געקענט האָבען די זכיה צו האָבען דעם רבי'ן ביי זיך אין זיין בריטשקע, פאר א פּארשוין, ווער וויסט, קען זיין, אז דאָס וואָלט געווען א סגולה צו פּרנסה. . . ווייל ער וואָלט געקענט דערצעהלען דער וועלט, אלע יארידניקעס: —

— העי, ווייסט איהר ווענען איך האָב שוין אין מיין לעבען געפיהרט אין אָט דער בריטשקע? טאקע דעם קורילאָוועצער רבי׳ן, הרב זיסיעלען אליין, הא? וואָס זשע זאגט איהר, נשקשה פון א פארשוין, הא? — דערנאָך וואלט זיך שוין קיינער ניט געדונגען מיט איהם. . . אז דעם רבי׳ן איז אָנגעשטאנען מיט איהם צו פאהרען, מעג די גבירים אויך אָנשטעהן.

און פונקט ווי ער איז געשטאנען אזוי פארוואונדערט און זיך ניט געקענט אָפּחידוש׳ן פון דעם רבינ׳ס פּראווע שטיבעל, און געהאלטען איצטער זיין אויג אויף דעם הויפען מטבעות, אויפ׳ן רבינ׳ס טיש, אַלץ אזעלכע אויסטערלישע, דייטשע פעניגער, און רומענישע באהנעלאך, האָט דער רבי איהם ווי אויפגעוועקט פון א טראנס, און אַ זאָג געגעבען:

— וועסט מוחל זיין, און זיך צואיילען, ווייל מיר וועלען באלד דארפען צוריקפאהרען קיין מאָליוו, אברהם.״

דעם בעל עגלה׳ס פנים האָט אנגעהויבען לייכטען פון פרייד:—

— דער רבי מיינט, אז ער. . . דער רבי וועט מיט מיר דאר־פען פאהרען אזש ביז מאָליוו. . .? — .

ביי אברהם׳ן איז דאָס אויסגעקומען ווי עפּעס א שעהנער חלום, אָדער מען מאכט חוזק פון איהם.

— נו, יא, קיין מאָליוו. אברהם, געה זשע גיכער, און קום צוריק אין א שעה אַרום. — האָט איהם דער רבי צוגעפיהרט ביז צו דער טיר, פון דעם אַרויסגאנג.

אברהם איז ארויסגעלאָפען מיט א פרייד אין געזיכט, און גע־נומען זוכען דעם וועג צו דער קיך.

בערעל איז איהם נאָכגעגאנגען, איהם אָנגעוויזען צו דער רעכטער זייט, וואו די קיך האָט זיך געפונען, איהם ארייגעשטופּט אין קיך אריין, פארמאכט די טהיר הינטער איהם, און אליין איז ער אריין צוריק צו דעם רבי׳ן.

אין קיך איז איהם אנטקעגען געקומען סימע, די קעכין, אַ אידענע מיט אַ פּנים, שווארץ ווי די ערד, מיט א טשיפּעקעל, פון וועלכען די האָר האָבען געהאלטען אין איין ארויסקריכען, ווי זיי וואָלטען ניט געקענט איינליגען דארטען, און מיט אויגעלאך קליי־

נע, אָבער כיטרע, און מיט דינע ליפּעלאַך, וואָס האָבען דערצעהלט פון איינגעהאלטענעם כעס צו דער גאנצער וועלט, נאָר וויל מען ארבייט אין א רבנישער קיך, דארף מען זיין א לייט. און תמיד טראָגען א מאסקע אויפ׳ן פּנים, און אויך אויפ׳ן קאָפּ, און אויף די האָר, וועלכע לאָזען זיך ניט אוועקלעגען הינטער א טשיפּע-קעל, און א הולך איז זי געגאנגען האלב צוכראסטעט, וויל די היץ אין דער קיך איז געווען ניט צו פּארטראָגען, מחמת תמיד האָט זיך דאָ געהייצט דער גרויסער הויוון. סיי זומער, סיי ווינ-טער, און מען האָט דאָ אין הויף אלעמאל געהאלטען אין איין קאָכען, און באקען, פאר די הויפליים. פאר די משרתים, פאר די אָרעמע לייט, וועלכע האָבען זיך אויפגעהאלטען, פאר די רבנישע אייניקלאַך, פון די אנדערע הויפען, און פאר סתם דורכפאָהרער, וואָס האָבען ליב געהאט אין קורילאָוועץ זיך אריינכאַפּען צום רבי׳ן אין הויף אריין, געבען דעם רבי׳ן — שלום-עליכם — און אין איין וועגס אריינלויפען איך קיך, און זיך הייסען געבען עפּעס עסען.

אין קורילאָוועצער הויף האָט מען קיינעם ניט ארויסגעלאָזען קיין הונגעריגען, אָבער דערוויל איז עס אויסגעגאנגען צו סימע דער קעכין. אלע טאָג האָט זי אָנגעקאָכט גרויסע טעפּ און ניט אָנגעהויבען וויסען, ווער וועט עס קענען אלצדינג אויפעסען, און אלע טאָג איז עס פארברענט געוואָרען, און מעהר ווי לעדיגע טעפּ צום שקראָבען, צום שייערען, רייניגען, וואַשען און טרוקענען איז איהר ניט געבליבען.

קיין וואונדער ניט, וואָס סימע האָט יעדען נייען מענשען, וועמען זי האָט ניט געקענט געקוקט מיט חשד און אומצוטרוי.

— וואָס וועט איהר עפּעס זאָגען, רב איד! — איז איהם סימע, אנטקעגען געקומען, און איהם באטראַכט. זי האָט שוין געקענט אלע „שלעק״ ווי זי פלעג רופען די אורחים, וואָס זיינען געקומען עסען צו איהר, גלייך אין קיך אריין, און אזוי ווי אברהם בעל עגלה איז געווען איבעראשט, האָט זי ניט געווארט אויף קיין ענטפער. און א זאָג געגעבען: —

— זעהט אוים, א בעל עגלה, הא? פון וואנעט ? —

— פון מאָליוו!״

— מאָליוו, — האָט סימע א זאָג געגעבען פארוואונדערט — דער רבי האָט ניט קיין חסידים אין מאָליוו. . . —

— איך האָב געבראַכט דעם רבי'ן אַ בריף, מען רופט איהם קיין מאָליוו, און ער פאָהרט טאַקע באַלד מיט מיר אין מיין ברישקע קיין מאָליוו. דער רבי האָט מיר געהייסען זאָגען סימען, זי זאָל מיר געבען עסען, ווייל מען דאַרף באַלד פאָהרען, טאַקע מיט דעם רבי'ן. . . — האָט ער אויסגעשאָסען אין איין אָטעם.

— א יאָלד, אָדער אַ בעל עגלה ? — האָט סימע איבערגע-פרעגט, און זיך צולאַכט.

— ביי מיר געהען ניט די שטיק. וואָס איז דאָס פאר אַ לשון? — האָט אברהם זיך געבייזערט, און צוגעלעגט: — אין א רבינ'ס א הויף רעדט מען ניט אזוי. אָדער גיב עסען, אָדער איך וועל פאָה-רען צוריק אהן עסען, וועט מיך אויך דער גוטער יאהר ניט נעה-מען, — און ער האָט זיך געלאָזט געהן צוריק פון קיך.

סימע איז איהם פארלאָפען דעם וועג.

— משוגענער איד, וואוהין לויפט איהר? קומט זיצט. געהט וואשט זיך, איך וועל אייך גיבען עסען. פון רבינ'ס הויף איז נאָך קיינער קיין הונגעריגער ניט ארויסגעגאנגען.״ האָט זי איהם בא-רוהיגט און עס איז איהר ניט אָנגעשטאַנען וואס אברהם האָט זיך באליידיגט, האָט זי איהם דערפאר, ווען ער האָט זיך שוין גע-וואשען, און געמאכט המוציא, איינטונקענדיג א שטיק ברויט אין זאלץ — דערלאנגט א גרויסע שיסעל עסען, אז עס וואָלט געקענט קלעקען פאר דריי מענשען.

אברהם האָט געגעסען אויף שנעל, און דערנאָך האָט ער נאָך שנעלער געמאָלען דאָס בענשען, און ווען ער איז ארויס, האָט ער א ווארף געטהאָן אויפ'ן טיש א צענער פאר דער קעכין, און א זאָג געגעבען:

— אין רבינ'ס הויף, האָט דאס עסען אפילו אין דער וואָכען א שבת'דיגען טעם.״ און ער איז ארויס.

— מעהר וועל איך שוין אייך ניט איבערפרעגען, — האָט איהם סימע באגלייט, און איהם אנגעזאגט:

— טאָמער קומט איהר קיין קורילאָוועץ אויפ'ן יאריד, אָדער

איהר וועט ברייננגען חסידים פון מאָליוו, זאָלט איהר געדיינקען, אז פון דאנעט לאָזט מען ניט ארויס קיין הונגעריגען. — האָט זי געשמייכעלט.

— גוט, זעהר גוט. — איז אברהם אוועק א צופרידענער פון דער קיך, און איז צוריקגעגאנגען אין הויף אריין, זאָגען דעם רבי׳ן, אז ער איז שוין גרייט צו שפּאנען די פערד און צו פאהרען צוריק.

דער רבי האָט מיט זיך מיטגענומען זיינע צוויי גבאים: לייזיען, און אהרן סופר, אָבער עס איז ניט געווען אזא נסיעה ווי דער רבי איז אַלעמאל געוואוינט געווען צו מאכען.

אַלעמאָל, ווען דער רבי פלעג ארויספאהרען אויף דער סביבה, האָט ער געהאט אן אייגענעם שפּאן, א גרויסע אָפענע בריטשקע, פאר די זומערדיגע נסיעות, און פארמאכטע קארעטעס פאר די ווינטער חדשים.

און די נסיעה פלעגט אַלעמאָל זיין א רעשיגע, א פריילִיכע, ווייל ביי יעדער סטאנציע, ביי א קרעטשמע, ביי אן אָרענדאַר, האָט זיך דעם רבינ׳ס בריטשקע אָפּגעשטעלט, עס פלעגען ארויס־קומען חסידים, מען האָט געגעבען שלום, געטרונקען, געהוליעט, געמאכט א סעודה דעם רבי׳ן, זאָל לעבען, עס איז געווען א גרוי־סער יום טוב, אלע האָבען געפיהלט אז עס איז א גרויסע זכיה מקבל פנים זיין דעם רבי׳ן, ווען ער פאהרט דורך.

דאָס מאָל האָט קורילאָוועץ גארניט געוואוסט, אז דער רבי פאָהרט ארויס, עס איז געהאַלטען געוואָרען בסוד, און געפאהרען איז ער אין דער שטיל, טרויעריג, ווי א שווערער נעפּל וואָלט גע־דריקט אויף די געמיטער.

ווען דער רבי פלעגט ארויספאהרען מיט זיין אייגענעם שפּאן, האָט שוין דער גאנצער געגענט דערקענט די בריטשקע, די פערד, אפילו די גלעקלאך אויף די העלזער פון די פערד, האָבען געהאט אין זיך א באזונדערען קלאנג, ווי די גלעקער וואלטען אויסגערו־פען צו די מענשען אויף די וועגען:

— דרך ארץ, מיר קלינגען אויף דעם רבינ׳ס וועגען, מאכט א וואָרע, דער רבי פאָהרט!" אבער מיט אברהם בעל עגלה׳ס פוהר איז דער רבי געפאהרען צו א מת מצוה, צו דער לויה פון אן

עלענטער, פארוואָגעלטער נשמה, וואס איז א גאנץ לעבען אפגע-קומען פאר אנאנדערענ׳ס זינד. דאס איז געווען א טרויעריגע נסיעה, דער רבי איז געזעסען פארטיפט אין שטילשווייגען, עס האָט קיינער דאָס מויל ניט געעפענט, סיידען א שטילען גענעץ צו טאָן, פון אומעטיגקייט.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין מאָליוו, איז שוין געווען בלוי אין די פענסטער.

אברהם איז ארונטער דער ערשטער, האָט אנגעקלאַפּט אין די לאָדען ביי דעם מאָליווער רב. דער ערשטער איז יוחנן ארונטער, קענטיג אז ער איז אינגאנצען ניט געשלאָפען, ער האָט אויסגע-רעכענט אז אברהם דארף צוריקקומען פארטאג.

דער רבי מיט די גבאים זיינען ארונטער, יוחנן האָט זיי אריינ-געפיהרט אין דעם אויפנאהמס חדר פון דעם מאָליווער רב, אין הויז האָט זיך גערודערט, דאס גאנצע בני בית איז אויפגעשטא-נען און איז ארונטערגעקומען. דער ערשטער איז געווען דער מאָ-ליווער רב.

גיבענדיג שלום עליכם דעם רבי׳ן, דערנאָך ערשט די צוויי גבאים, האָט דער רב א זאָג געגעבען:

— מן הסתם איז אזוי באשערט, אז דער רבי און איך, וואס האָבען איהם צוריקגעבראכט צו אידען, זאָלען איהם אויך מקבר זיין און איהם ברייננען צו קבר ישראל!

עס זיינען דאָ זאכען, וואס מען קען נישט באקלעהרען, — האָט דער אלטער געענטפערט. ער האָט זיך אָנגעשטריינגט צו זיין רוהיג, אבער מען האָט געזעהן, אז דאָס קאסט איהם א סאך געזונט.

בתיה און די רביצין זיינען ארונטערגעקומען, מען האָט גע-שטעלט דעם סאמאוואר, יוחנן האָט גענומען באדינען זיין זיידען און די גבאים, און בעת דער רבי איז געזעסען און געטרונקען די טיי, האָט יוחנן איבערגעגעבען אין געציילטע ווערטער וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף דעם מאָליווער יאריד, ווי אזוי סידאר האָט פארלוירען זיין לעבען, זיך ראנגלענדיג מיט די שיכור׳ע קאַ-צאפּעס, און ווען ער האָט גענדיגט האָט דער רבי א זאָג געגעבען:

— אז וואויל איז צו איהם! געלעבט ווי א קדוש, געשטארבען על קידוש השם! מיט א שענערען טויט זיינען אפילו די עשרה הרוגי מלכות ניט געגאנגען פון דער וועלט

דערנאך איז דער רבי, אין דער באגלייטונג פון ביידע גבאים צוזאמען מיט יוחנ׳ן, און מיט דעם מאָליווער רב אריבערגעגאנגען אין טהרה-שטיבעל, וואוהין דער מת איז שוין געווען איבערגעטראגען געווארען פון דער חברה קדישא, זיי האָבען זיך אלע אפגעגיבען מיט „טאן איהם זיין רעכט.״

דער רב האָט ארויסגעשיקט איבער דער שטאדט אויסרופען, אז מען זאָל גיין צו מת מצוה, און באלד איז די גאנצע גאס שווארץ געוואָרען פון אידען און אידענעס, וואָס זיינען געקומען צו דער לויה, וויסנדיג, אז נעכטען איז אַ פרעמדער איד דער׳הרגעט געוואָרען פון די קאצאפעס, און אלע יארידניקעס, וועלכע האָבען געפיהלט, אז דער פרעמדער האָט זיך אנגענומען זייער קריוודע, האָבען געוויינט מיט ביטערע טרערען, ווייל דאָס אייגענע האָט מיט זיי געקענט פאסירען, ניט מעהר, וואס דער פרעמדער איז אלעמאל דעם גאנצען טאג אויסגעוואקסען אויף אנאנדער ארט, ווייל ער האָט געזעהן אז דארט גייט זיך פארפיהרען א געשלעג.

ביי דער טהרה האָט דער רבי געזאגט קאפיטלאך תהלים, און זיך מיט איהם אפגעגעבען ווי מיט א הייליגען. נאר געציילטע מענשען זיינען צוגעלאזט געוואָרען אין דער טהרה שטיבעל, און ארויסגעטראגען האָבען איהם דער רבי, דער מאָליוור רב, יוחנן און ביידע גבאים.

צו דער לויה האָט דער מאָליווער רב ארויסגערופען אלע קינדער פון דער שטאָטישער תלמוד תורה, און געזונגען דעם מעלאנכאָלישען :

— צדק לפניך יהלך, און איידער דער רבי האָט ארויפגעוואָרפען אויפ׳ן מת די ערשטע לאָפּעטע ערד, האָט ער זיך אנגעבויגען צו איהם און איהם איינגערוימט א סוד אין אויער.

— איך בעט דיך מחילה, ווייל אלץ וואָס איך האָב מיט דיר געטאָן דעם גאנצען לעבען איז געווען פאר דיין כבוד וועגען, און אלץ וואָס דו האָסט געטאָן פאר אידען ביי מיר אין שטאדט, און דאָ אין מאָליוו, איז געווען פאר דיין טובה וועגען. קיין חיבוט

הקבר וועסטו שוין ניט דארפען לײדען, דו וועסט אָנקומען אויף יענער וועלט א געלייטערטער. דו האסט געלעבט און ביזט געשטאָרבען ווי אן אמת׳ער צדיק. ניטאָ קיין סאך אזעלכע קדושים וטהורים, ווי דו ביזט, דו ביזט געווען מיין באַגליבטער דינער, האסט מיר געדינט ניט אויף דעם תנאי אויף צו מקבל זיין שכר, דערפאר איז דיין שכר גאנץ אָנגעברייט פאר דיר לעולם הבא.

פון דעם רבינ׳ס פּנים האָבען זיך טרערען געקייקעלט, דער רב און יוחנן האבען זיך איבערגעקוקט, דער גרויסער עולם אויפ׳ן בית עולם האָט זיך צוואויינט אויפ׳ן קול, ווייל פון דעם אלטענס געציילטע רייד האָט יעדער איינער געקענט פארשטעהן, אז עס איז אוועק פון דער וועלט, ניט סתם א פּראסטער, פּרעמדער, א נע-ונד׳ניק, נאר א הייליגער, א נסתר, וואס האָט ניט געוואלט אז מען זאָל וויסען ווער ער איז.

דערווייל איז דער עולם אויפ׳ן בית עולם געוואויר געוואָרען, אז דאס איז דער קורילאָוויצער רבי, וועלכער האָט געזאָגט קדיש ביי דעם אָפּענעם קבר און אזוי גיך ווי דער קבר איז שוין געווען פארשאטען, און אלע זיינען ארויסגעקומען פון דעם בית עולם, זיך געוואשען די הענט, און דעם רבי׳ן געוואלט גיבען שלום עליכם, האָט דער אלטער זיך אָנגערופען:

— איך בין אן אָבל, און איך בעט, אז מען זאָל מיר קיין שלום ניט גיבען!

נאָר דער עולם איז דאך צוגעשטאנען, און אן אלטער איד מיט א ווייסער בארד האָט זיך אָפּגערופען:

— רבי, איך זעה דאָך, אז דאָס איז מעשה נורא, און אויב אזוי, ווייל איך, דער רבי זאָל אונז דערציילען, ווער דער מת איז געווען.

— רבותי, — האָט דער רבי א זאג געגעבען:

— ניט אלצדינג מעג מען דערציילען, אויב איך וועל איצט דערציילען, וועל איך ארונטערנעמען פון זיין שכר. אויב מען וועט מיך רופען פאר אן עדות אין הימעל וועל איך האָבען וואס צו דערציילען. אבער דא אויף דער וועלט האָט ער זיך געדארפט לייטערען פאר די עלטערענ׳ס זינד, און איך בין דער עדות, אז ער איז גענוג אפּגעקומען. מעהר ווי דאָס טאָר איך ניט זאגען, און בעט ניט ביי מיר, אז איך זאָל אייך זאָגען!

בתיה און די רביצין האָבען פון דער ווייטענס באטראכט דעם רבי'ן, ווי ער איז געשטאַנען פארזונקען אין טרויער.

אין הויז צו דעם מאָליווער רב האָט דער רבי זיך ניט געקענט אומקעהרען, ווייל ער האָט דערקלעהרט, אז ער דארף זיך גלייך זעצען שבעה, איז שוין גלייכער, אז ער זאָל תיכף צוריקפאָהרען אהיים, קיין קורילאָוועץ.

דער מאָליווער רב איז צוגעגאנגען, אָנגענומען דעם רבינ'ס האנט, און א זאָג געגעבען:

— רבי לעבען, זייט מיר מוחל, אפשר אין מיין יוגענט האָב איך אייך ניט געגוג כבוד אָפּגעגעבען, אָבער איצטער האָב איך אייך דערקענט, רבי, און זאָג אייך, מאָליוו איז אייער שטאָדט, איהר קענט קומען, ווען אייך וועט זיך נאר פארוועלען. מיר זיינען אלע מיט אייך.

— דער וואָס לעבט אייביג זאָל גיבען מען זאָל זיין געזונט, עס זאָלען נאר זיין שמחות ביי אידען, — האָט דער אלטער א זאָג געטאָן, האָט זיך אריינגעזעצט אין אברהם בעל עגלה'ס וואָגען צוזאמען מיט זיינע גבאים, און אין א געבראכענע שטימע געמורמעלט:

— אידען זייט געזונט, אידען! אלע אידען!

א שטאָדט מיט אידען איז געשטאַנען, נאָכגעקוקט דעם אלטענ'ס וואָגען וואָס האָט ביסלעכווייז זיך גענומען אָפּרוקען און פארשווינדען ווערען. דער עולם, מיט געבויגענע קעפּ, איז זיך צוגאנגען פון דער לויה, יעדער איינער מיט אנאנדער געדאנק אין קאָפּ.

דער יאריד, ווי די לויה, דעם קורילאָוויצער'ס קומען צו דער לויה, און זיין זאָגען קדיש אויפ'ן בית עולם און ניט וועלען דערנאָך נעמען קיין שלום ביים עולם, ווייל ער איז געוואָרען אן אָבל, דאָס אלעס האָט איבערגעלאָזען אויף דער גאנצער שטאָדט א טיפען איינדרוק. דער מת איז געווען אויף אלעמענס ליפּען, אלע האָבען בלויז געוואוסט, אז דער פארשטארבענער איז אומגעקומען פאַר פרעמדע זינד.

דערנאָך האָבען זיך ארום דעם סידאָר'ן געוועבט אין אוקראינע

אלערליי לעגענדעס, און אפט האבען חסידים איהם פארגלייכט מיט אלעקסי, דעם בעל שם הקדוש'ס פוהרמאן.

נייע ווינטען

נאך דער פאסירונג האבען אנגעהויבען בלאזען נייע ווינטען איבער גאנץ רוסלאנד, די ווינטען האבען זיך אנגעהויבען פאר-טראגען אין די קלענערע שטעטלאך פון דער אוקראינע.

צוויי באוועגונגען האבען זיך אנגעהויבען אין איין צייט. איין באוועגונג איז געווען פון דעם געדאנק, וואס די אידישע

אינטעליגענטען האבען געזאגט, אז דער איד קען געפינען זיין בא-פרייאונג אין דעם, וואס ער וועט זיך באפרייען פון גלות און זיך צוריק אנהויבען אומקעהרען קיין ארץ ישראל, פונוואנען ער איז פארטריבען געווארען מיט אכצען הונדערט יאהר צוריק.

די דאזיגע גרופע האט זיך גערופען די „בילו"צעס. נעמענדיג זייער נאמען פון דער אידישער לאזונג אין דער ביבל: בית יעקב לכו ונלכה! קומט און מיר וועלען געהן און צוריק אויפבויען אונזער היים, אונזער לאנד, ארץ ישראל!"

די אידייע איז געווען זיך אוועקצולאזען קיין ארץ ישראל, פיאנערעווען אויף דעם באדען, ווערען ערד ארבייטער, בויען קא-לאניעס און לעבען פריי און זעלבסטשטענדיג, אן אייגענעם אי-דישען לעבען.

די דאזיגע גרופע איז געווען באזעלט מיט דעם גייסט פון אונ-זערע נביאים, ישעיהו און עמוס, האבען געחלומט, אז זיי וועלען אנהויבען אן ארבייט ניט נאר פאר זיך אליין, נאר פאר הונ-דערטער אנדערע, וואס וועלען מיט דער צייט זיי נאכטאן דעם זעלביגען בייספיל, זיך אנשליסען אין דער באוועגונג פון די בילו'צעס, דערפון וועט מיט דער צייט זיך צעוואקסען א גרויסע אידישע פאלקס באוועגונג, צענדליגע טויזענדער אידען וועלען צו-ריקקומען און אויפבויען א אידיש היימלאנד.

די צווייטע באוועגונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבען אין דער אייגענער צייט, אין די אייגענע ערטער, איז געווען די באוועגונג פון אנאנדער גרופע אימיגראנטען וואס האבען זיך גערופען עם-עולם.

די דאָזיגע גרופּע האָט געדעכענט, אז דאס פּראָגראם פון די בילו'צעס איז ניט ברייט גענוג, ווייל פארוואס עפּעס זאָלען אי־דען זיך אפּזונדערען, זיך איזאָלירען, און אזש לויפען קיין ארץ ישראל?

— אידען דארפען קעמפען אומעטום, וואו זיי זאָלען זיך ניט געפינען, און אין אלע לענדער דארפען אידען ברייננגען און פאר־שפּרייטען די לעהרעס פון די נביאים, און אויב דער איד וויל דאָך מעהר ניט לעבען צווישען די פעלקער אין רוסלאנד ווייל ער ווערט גערודפט און געהעצט פון דער רעגירונג, קען ער דאָך עמיגרירען קיין אמעריקא און אין אנדערע לענדער, ער קען זיך אין א פריי לאנד נעמען צו ערד ארבייט, זאָלען אידען ווערען אידישע פויע־רים, פּארמער, לעבען פון ערד ארבייט, און זיי וועלען אזוי פּטור ווערען פון גלות. דארט וועט דער איד ווערען א פרייער בירגער, מיט אלע רעכטע און ער וועט דארט קענען פארשפּרייטען די לעהרע פון די נביאים.

דער פיהרער פון דער עם־עולם גרופּע איז געוועז יוחנן, און דער פיהרער פון די בילו'צעס איז געוועזן בערל איינבינדער. דאס האָט געפיהרט אז זיי זיינען מיט דער צייט אפילו ארויסגעטראָטען איינער געגען די אנדערע אלס אָפּאָנענטען, אָבער אין דער אייגע־נער צייט האָט עמיצער פאר'מסרט צו דער רעגירונג, אז די אי־דען אין די אוקראינער שטעטלאך זיינען מעהר ניט געטריי דער רעגירונג, און אז זיי גיבען זיך אָפּ מיט לייענען פארבאָטענע לי־טעראטור, און אין א שיינעם טאג האָט דעם פּריסטאוו'ס ברימשקע זיך ארייננגעלאָזט קיין קורילאָוועץ, קיינער האָט אפילו ניט געהאט קיין צייט צו גיבען דער גרופּע א ווארנונג.

צום אומגליק האָט דער פּריסטאוו געהאט דעם ריכטיגען אדרעס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי בערל איינבינדער, האָט גע־טראָפען דעם קלאס, מען האָט די יוגנט באזוכט און טאקע געפו־נען פארבאָטענע רוסישע ליטעראטור, וואָס האָט גערופען די יוגנט זיך צו דערהויבען געגען דער צארישער רעגירונג.

אלע תלמידים זיינען געוועזן זיכער, אז דאָס איז געקומען דורך א מסירה, און טאקע פון אן אייגענעם, וואָס האָט אונטערגע־טראָגען דעם פּריסטאוו א געבראָטענע טויב אין מויל אריין. . .

אָבער אין קורילאָוועץ איז געוועזן א צווייטע גרופּע פון די

עם עולם'ניקעס, אָנגעפיהרט פון איציקל דעם שוחט'ס, אָבער דורך דער צייט וואָס דער פריסטאוו איז געווען מאכען אַן אויס־פאָרשונג ביי בערל'ען אין הויז, האָט מען שוין ביים שוחט גע־וואוסט וואָס צו טאָן, און מען האָט „אויסגערייניגט" דאס הויז ווי מען רייניגט אוים חמץ ערב־פסח.

איז גראַד איציק דעם שוחט'ס גרופּע, וואָס האָט רעוואָלו־ציאָנירט די יוגענט, און טאקע געפּרעדיגט רעוואָלוציע, גראַד די גרופּע איז ארוים פריי פון דער אונטערזוכונג אָהן א פלעק אויף זיך.

דער דאָזיגער צופאַל האָט געפיהרט דערצו, אז צווישען ביי־דע גרופּעס האָט זיך אָנגעהויבען פארשפּרייטען א געפיהל פון חשד און מיסטרויען.

מעהר פאר אַלעמען האָט זיך געהיצט משה דער שווארצער. וועלכער איז געווען בערל'ס רעכטע האנט. ער האָט אַלעמאָל גע־זוכט אָפּצורעדען איציקעל'ס נאָכפאָלגער און זיי אריבער ציהען צו בערל'ס קרייז.

פונדעסטוועגען ווען די נייעס איז אָנגעקומען קיין מאָליוו, איז ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס בערל און יוחנן זיינען שוין דאן געווען געגנער, האָט דאָס יוחנ'ן ניט געלאָזען רוהען. ער איז אומגעגאַנגען ווי אהן א קאָפּ, און שפּעט אין דער נאכט איז ער געזעסען מיט בתיה'ן און האָט געטענה'ט:

— דו וועסט מיר ניט איינריידען, אז דאָס איז געקומען פון דרויסען. איך פיהל, אז די מסירה איז געקומען פון אַן אינווע־ניגסטען מענשען, אַן אייגענעם און א נאָהענטען.

— אבער פארוואָס האָט ער גראַד געמסר'ט אויף דער גרופּע, וועלכע איז וויניגער געפעהרליך אין דער צייט, ווען ער וואָלט געקענט מסר'ן אויף דער גרופּע „עם־עולם"? — האָט בתיה ניט געקענט פארשטעהן.

יוחנן האָט גענומען דעם מאָליווער רב און בתיה'ן און איז ארונטערגעפאָהרען שטילערהייט קיין קורילאָוועץ, איז אריין אין הויף, ער האָט ווי אַלעמאָל דארט געטראָפען בערל'ן.

דער אלטער האָט פארשטאנען וועגען וואָס יוחנן איז געקו־

מען, אבער ער האָט צו אַלעם ערשטען דערזעהן בתיה'ן, זי דער־קענט און אַ זאָג געטאָן:

— דו ביזט אוודאי דעם מאָליווער רב'ס מיידעל, זיץ, טאָכטער. דאן האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו יוחנ'ן:

— איך קען פארשטעהן אז דו ביזט זעהר באַזאָרגט, יוחנן, איז רעד, דערצייל, זאָג, וואָס איז דיין געדאנק? ווער זאָל דאָס האָבען געווען אזא עוכר ישראל!

— לויט מיין שכל, זיידע, קומט אויס, אז קיין דרויסענדיגער האָט דאָס ניט געקענט טאָן, דאָס וויל איך טאקע, אז בערל זאָל הערען.

— איך פארשטעה ניט, יוהנן, וואָס קומט דאָ פאָר? אַ דין־תורה?

— בערל האָט מיך ניט פארשטאנען. — האָט יוחנן דער־קלעהרט. — איך פיהל פּונקט אזוי שלעכט, ווי די מסירה וואָלט געווען געבראכט געוואָרען קעגען מיין קרייז, אדער אויף איציקל דעם שוחט'ס ביי איך אין קורילאָוועץ.

יוחנן האָט ווייטער גערעדט אַ געערגערטער:

— אַ מסור איז זעהר אַ מיאוסע באַשעפעניש. דעריבער בין איך געקומען און איך האָב אויך אריינגעצויגען אין דעם ענין דעם מאָליווער רב.

— ברייננגט זשע אריין דעם מאָליווער רב צו מיר אין שטיבעל, איז דער רבי איבערראשט געוואָרען.

בתיה איז ארויס און האָט אריינגעפיהרט איהר פאָטער. דער רבי האָט זיך מיט איהם ארומגעכאפּט און איהם געשטעלט אַ שטוהל, אז ער זאָל זיך זעצען לעבען איהם.

דער רבי איז געזעסען און געקוקט דאָ אויף יוחנ'ן, דאָ אויף בערלען, און אַ זאָג געטאָן:

— צום אומגליק איז דאָס אַן ענין וואָס איז ניט אין מיין רשות, מיינע אידען ווייסען נעביך ניט מיט וואָס צו עסען ביידע ענינים. בערלע'ן האָב איך געגעבען מיין הסכמה, אז ווען די ערשטע חלוצים וועלען ארויספאָהרען, וועל איך זיי גיבען מיין

ברכה, זיי העלפען מיט אלעם מעגליכקייט. אבער דאָ דאַרף מען זוכען איינעם צווישען דער יוגענט טאַקע אין קורילאָוועז. קיין דרויסענדיגער האָט דאָך ניט געקענט אויסזאָגען קיין סודות, ווייל א דרויסענדיגער ווייסט דאָך ניט פון קיין סודות!״

— דער זיידע האָט ביי מיר ארויסגענומען די ווערטער פון מויל! — האָט יוחנן ארויסגעשריען.

בערל איז געזעסען א דערשלאָגענער, עס איז איהם אין מח דורכגעלאָפען אלע זיינע תלמידים, איהם איז שווער געווען עמי־צען חושד צו זיין.

— האסטו אפשר וואָס פאַרצושלאגען? — האָט דער רבי זיך געווענדעט צו יוחנ׳ן.

— יא, איך וועל זיך דורכריידען מיט בערלען, און איהם זאָ־גען וואָס איך האָב בדעה צו טאָן, — האָט יוחנן געענטפערט.

בערל האָט דערנאָך איינגעזעהן, אז דער אלטער און יוחנן זיינען גערעכט און ער האָט דאָס צוגעגעבען.

יוחנן האָט פאָרגעשלאָגען אז מען זאָל איהם צונויפברייגען פריהער מיט איצעק׳ס גרופע און דערנאָך מיט בערעל׳ס גרופע.

— מיר וועלען אביסעל ארויסגיין, — האָט יוחנן פאָרגעשלאָ־גען — דער רב וועט אוודאי וועלען אביסעל שמועסען מיט׳ן זיידען.

— דער מאָליוועער רב איז ביי מיר אן אורח הגון, — האָט דער אלטער געענטפערט, און ווען זיי זיינען געבליבען אליין, האָט דער רבי א זאָג געטאָן:

— מאָליוועער רב, דו ביזט דאָך מן הסתם געקומען וועגען נאָך אן ענין, איז דערצייל מיר!

— א רבי׳ן פארשפאָרט מען צו דערציילען. דער רבי ווייסט מעהר פאר אונז.

— אמאָל האָט דער מאָליוועער רב אנדערש גערעדט, — האָט דער אלטער באמערקט, און דער מאָליוועער רב האָט א זאָג געטאָן:

— את חטאי אני מזכיר. איך באקען מיינע זינד, רבי. — אבער, דער רבי האָט א שמייכעל געטאָן:

— מאָליווער רב, דו ביזט אַן עהרליכער איד, איך האָב דיר שוין לאנג מוחל געווען, פונקט ווי איך האָב מוחל געווען מיין איייניקעל, וואָס האָט זיך געוויילט אנאנדער וועג. וואָס קענען מיר טאָן, אז די וועלט ענדערט זיך אין יעדען דור, אמאָל האָב איך אנדערש געדיינקט, היינט דיינק איך אליין אויך אנדערש, ניט מעהר, איך וויל ניט צונעמען ביי אידען דעם בטחון, עס איז היינט אזא ביטערע צייט אויף אידען, אזעלכע מורא׳דיגע גזרות, אז איין גאָט אין הימעל זאָל שומר ומציל זיין! אבער ווייטער, ווען איך זאָל קענען, און זאָל ניט מורא האָבען פאר גאָט, וואָלט איך אליין געקומען צו אידען און זיי זאָגען:

— אידען באפרייט מיך. ברייינגט אנאנדערען, א יונגערען גו-טען-אידען, לאָזט מיך אָפּ! איך וויל געהן קיין ארץ ישראל, אין דעם לאנד פון אונזערע אבות, און דארטען עפעס טאָן פאר חיזוק התורה, פאר דעם ישוב, פאר שיבת ציון!״

דער מאָליווער רב איז געבליבען זיצען אַן איבערראשטער, ווי פארלוירען.

— ניין רבי! אידען דארפען אייך דאָ! עס זאָל בלייבען צווי-שען אונז, איך וויל ניט, אז יוחנן זאָל דאָס וויסען, דער אמת איז, אז כאטש יוחנן האָט זיך געריסען פון דער קייט, ניט גע-וואָלט זיין קיין רבי, איז ער אין דער אמת׳ן דאָך געבליבען און איז א רבי. . .

דער מאָליווער רב האָט ווייטער גערעדט:

— מחמת וואָס איז דען די עובדה פון א רבי׳ן, אויב ניט צו זיין א מליץ יושר פאר דער וועלט? קענט איהר דאָך זעהן די גאנצע צייט, ווי ער ארבייט מיט מסירת נפש צו פארהיטען פון שפיכת דמים. אַפילו זיין לויפען מיט אונז איצט צו אייך, קיין קורילאָווען, באווייזט אז איך בין גערעכט.

— ווי איך פארשטעה, רופט יוחנן ארוים ביי אייך אין מאָליוו גרוים דרך ארץ, נו, געלויבט איז השם יתברך דערפאר, וואס ער האָט מיך ניט פארשעמט, ניט פארשוועכט מיין יחום. אזוי שטעהט ער מיר שוין אָן, — האָט דער רבי א צופרידענער געענטפערט.

— יוחנן, רבי, גייט מיט דעם דרך — עמו אנוכי בצרה. וואו נאר ערגעץ אַן אומגליק, איז יוחנן דער ערשטער צו העלפען. עס לאָזט איהם ניט רוהען!

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, — האָט דער אַלטער אויס־גערופען, וואָס מיינע אויערען האָבען דאָס דערלעבט צו הערען אויף די עלטערע יאהרען, און זאלסטו זיין געבענשט, מאַליוווער רב, פאר דער גוטער בשורה וואס דו האסט מיר אנגעזאגט.

— איצט, רבי, — האָט דער מאַליוווער רב ווייטער גערעדט,
— איצט, וויל איך מיט דעם רבי'ן ריידען וועגען תכלית.

דער רבי איז געזעסען פארטיפט אין רעיונות, דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— מאַליוווער רב, דו פארשפּאָרסט דיר די טרחה. דו דארפסט ניט ריידען. דו האָסט געפּועל'ט.

— רבי, — האָט דער מאַליוווער רב ווידער געעפענט דאָס מויל און בדעה געהאט עפּעס צו זאָגען.

— צו וואס רעדען — פערציג טאָג פאר דעם געבוירען, איז שוין אויסגערופען אין הימעל, איך זעה דאָך באשיינפּערליך, אז השם יתברך פיהרט די וועלט, א באשערטע זאך. איך האָב פריהער געקוקט אויף דיין קינד און איך האָב געלייענט אין איהר לויטער פּנים, אז זי זעהט אין איהם א גרויסען מענשען, זי איז זיין זיווג און איך וועל אוודאי גיבען מיין ברכה!

דער קורילאָוויצער האָט אנגעקלונגען אין א זילבערנעם גלע־קעלע, א משרת האָט געעפענט די טיר, און דער רבי האָט א זאָג נעגעבען:

— זאָל מען אריינברייננגען אויף מאכען ברכה.

דער מאַליוווער רב איז געוואָרען זעהר גוט אויפגעלעגט, און האָט זיך צורעדט:

— קיין שענערען מחותן האָב איך מיר אין מיין לעבען ניט געקענט ווינשען, מיין גאנץ בני־בית איז צו יוחנ'ן צוגעבונדען ווי צו אן אייגענעם ברודער.

דער אַלטער האָט אליין אָנגעגאָסען צוביסלאך משקה, און א זאָג געטאָן:

— מזל־טוב דיר, מאַליוועֶר רב, מזל־טוב אונז ביידען, און אזוי לאנג ווי יוחנן איז אין דיין רשות, קען איך זיין רואיג, און

טאמער דארפסטו אמאל אן עצה, דו ווייסט דאָך, די יוגענט איז אמאל פורץ גדר, וועל איך שוין הערען פון דיר.

— רבי, יוחנן איז א בר דעת און א בר הוריון, דאס מעגט איהר שטעלען אויף מיר. ווי עס ווייזט אויס, וועלען מיר דארפען מאכען א נסיעה, זעהר א ווייטע, איז זייט זשע וויסען, אז אײדער ער וועט מיט אונז מיטפאהרען, וועל איך איהם ברײנגען אויף אַ דרך!

— שעהן, זעהר שעהן, מאָליוועער רב, — איז דער אלטער גע־בליבען צופרידען. ער איז געווארען רואיג, ווי דער מאָליוועער רב וואָלט ארונטערגענומען ביי איהם אן עול פון די פלייצעס.

— לאָמיר הערען, וואָס זיינען דיינע פלענער, מאָליוועער רב, — האָט דער רבי א זאָג געטאָן, און דער מאָליוועער האָט גלייך אָנגע־הויבען:

— מיינע פלענער זיינען — אמעריקא, פשוט דערפאר, ווייל גאר אסאך פון מיינע בעלי בתים זיינען שוין דאָרט, איך באקום שוין איצט האלבע הכנסה פון זיי, פון אמעריקא. דעם אמת זאָ־גענדיג, ביינק איך נאָך מיינע אמאָליגע בעלי בתים, שיינע אידען געווען, בכבודיגע מענשען. היינט, אויב עס איז זייער ווילען מיך ארויסצונעמען און מיך ברייגגען אהין, איז עס מן הסתם אויך גאָט׳ס רצון, דעריבער האָב איך שוין באשלאָסען, אז אזוי וועט עס זיין, מיט גאָט׳ס הילף.

— וועגען אמעריקא, האָב איך צווייערליי ידיעות, — האָט דער אלטער אנגעהויבען: איין ידיעה איז, אז די שטיינער אונטער די פיס ברענען, אזוי טריף איז דאָס לאנד, אבער נאָך א ידיעה האָב איך אויך, אז מנויאָרק תצא תורה, דארט הויבט זיך אן א נייער אידישער ישוב, און עס פלאנצען זיך אריבער ישיבות און תלמוד תורות, און מען גיט שוין דארט אויף הרב מאיר בעל הנס, אויף ישוב ארץ ישראל, מעגליך, אַז ביידע ידיעות זיינען אמת, ווייל אומעטום זיינען דאָ אלערליי מענשען, הייליגע און זינדיגע, אנ־דערש וואָלט דאָך די וועלט קיין וועלט ניט געווען.

— מיר ווייסען דאָך שוין פון לאנג, אז יעדער מענש ווערט געפיהרט אויף די וועגען אויף וועלכע ער וויל גיין, — האָט דער מאָליוועער רב באמערקט, כדי צו באווייזען דערמיט, אז אויב

עמיצער אין אמעריקא וויל ניט אָפּהיטען קיין אידישקייט, איז דאס ניט די שולד פון אמעריקא, אָבער מענשען זוכען א תירוץ, וואר־פען זיי די שולד אויף דעם נייעם לאנד.

— וואָס קענען מיר זאָגען וועגען אידען אין אמעריקא, מעבר לים, ווען מיר האָבען שוין אפט פארלוירען אפילו די השגחה אויף אידען אין אונזערע מקומות דא, אין אונזער תחום המושב, אין אוקראאינע, און איך זעה דאָך וואס עס איז פארגעקומען דא ביי מיר אין קורילאָוועץ, פאר מיינע אויגען, איך האָב דאָך בעל כרחי געמוזט גיבען הסכמות כדי עס זאָל הייסען כשר!

דער מאָליוועור רב איז געזעסען און ער האָט זיך זיינע אויע־רען ניט געגלויבט.

— דער קורילאָוויצער גייט מיט דעם גייסט פון דער צייט, — האָט דער מאָליוועור רב געטראכט.

עס איז נאכט געוואָרען, דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען, און ער האָט א זאָג געגעבען:

— מיר וועלען גיין דאווענען מנחה!

אויפ׳ן הויף איז געווען איין חדר, וואס האָט געהייסען דעם רבינ׳ס מנין, און ווי דער רבי האָט זיך געלאָזט ארויסגיין פון יענעם חדר, איז דער מאָליוועור רב איהם נאָכגעגאנגען, זיי האָבען אינאיינעם דורכגעשפאנט א שמאלען קארידאר, און זיינען צוגע־קומען צו א חדר, וואו עס איז געשטאנען אן ארון־קודש, פאר וועלכען עס האָט געברענט א נר תמיד. אין חדר זיינען שוין גע־ווען פארזאמעלט עטליכע זקנים, דער רב האָט זיי באטראכט:

אידען אסקעטען, פארטיפט אין זיך, אויסגעטאן פון דער וועלט, וואס קוקען אויף זאכען וואָס זיינען שוין אזוי ווייט, און דער רב האָט געטראכט:

די אידען האָבען שוין אפּגעלעבט זייער וועלט, אפגעיארידע־וועט, אויף וואס ווארטען זיי איצט? קיינער ווייסט ניט.

אן אכציג יאהריגער זקן האָט זיך געשטעלט פאר׳ן עמוד, און מיט די לעצטע כוחות אָנגעהויבען:

— אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה !

דער מאָליוּוער רב האָט זיי מקנא געווען. ביי די זקנים איז קיינמאָל קיין ברעקל ספק ניט געווען. דער רבי איז געווען זייער פעסטער בטחון, זיי האָבן זיך אַלע געוואַרימט אין זיין ליכט.

נאָך מנחה האָבן די זקנים אַרומגערינגלט דעם רבי'ן, ער איז געבליבן שטעהן אין אַ קרייז, קענטיג געווען, ווי זיי וואָלטען געוואָלט אויפכאַפּען אַ שמועס, וואָס דער רבי האָט נעכטען ניט פאַרענדיגט:

— דאַרף מען וויסען, אַז כדי די וועלט זאָל ניט זיין כולו חייב, שיקט דער אויבערשטער אַרונטער אין יעדען דור אַ לויטע-רע נשמה, וואָס באַלייכט און באַשיינט דעם דור, און דאָס וויל איך היינט, רבותי, ווייזען.

— עס איז ידוע, אַז יסורים לייטערען דעם מענשען, דעם גוף ווי אויך די נשמה. דאַרף די נשמה פריהער קומען אויף דער זינ-דיגער ערד, און דאַרפען אויסשטעהן פון דעם יצר-הרע כל-ערליי נסיונות, פאַרזינדיגט זיך די נשמה אויף דער ערד, און קען קיין תיקון ניט האָבען. דערשלאָגט זי זיך צוריק צו די שערי שמים, די טויערען פון דעם היכל אין דעם זיבעטען הימעל, ווערט אויף איהר גוזר, זי זאָל ווידער מגולגל ווערען אויף דער זינדיגער ערד, און אַזוי וואָגעלט די עלענטע נשמה, ביז די יסורים אויף דער ערד ווערען פאַר איהר אַזוי שווער און טיעף, ביז מען הויבט אָן דאָר-טען, אויבען, דערפיהלען, אַז די נשמה איז שוין גענוג נעבעך אָפּ-געקומען. ניט דוקא פאַר איהרע אייגענע זינד.

אָבער ווען די נשמה דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון לויטער-קייט, אַז זי פאַרטונקעלט שוין אפילו די מעשים פון צדיקים גמורים, ערשט דאַן רופט מען די הייליגע נשמה צוריק אין היכל הקדושים, און דאָס בית-דין של מעלה נעמט צוריק די הייליגע, געלייטערטע נשמה אין דעם אוצר הנשמות, באַקליידעט זי אין דעם לויטערען גינגאָלד, טוט איהר אָן אַ קרוין, איהר זכות איז מגין אויף דעם דור אויף דער ערד, וועלכער, ווען ניט די הייליגע נשמה, וואָלט דער דור געווען כולו חייב, אָבער אין איהר זכות ווערען בטל שווערע, ביטערע גזרות וואָס האָבען געהאַנגען איבער דעם קאָפּ פון דער וועלט, און אין איהר זכות געשעהען גרויסע ניסים!"

און ווי אַלעמאָל האָט דאָס רעדל חסידים פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט געווען גערעדט סתם אין דער וועלט אריין.

דער רבי האָט זיך אָפּגעהאקט און א זאָג געטאָן:

— עד כאן דער הימעל, און איצט, רבותי, הערט ווייטער:

„האָט געלעבט אויף דער וועלט א אשה צנועה, אן אשת חיל, בעלת צדקה, א גרויסע נדבנ'טע, געלעבט מיט איהר מאן אין עושר און כבוד, ווי גאָט האָט געבאָטען, נאר איהר נאמען דארף ניט מגלה ווערען, מחמת זי איז נעביך איהרם אָפּגעקומען אויף דער וועלט. די אשה איז אומגעקומען על קידוש השם, אבער אזוי ווי קיינער פון אונז איז ניט ריין פון זינד, האָט די אשה אויך געהאט אויף זיך א חטא, אמת, נאר אין דער מחשבה, מחמת זי איז געווען אן עקרה, און האָט געהאט טענות צו דעם וואָס לעבט אייביג.

וויפיל זי האָט ניט תשובה געטאָן, צדקה געטיילט, איז זי אָבער דאָך געבליבען אן עקרה. דעמאָלס טאקע האָט זיך אריינ-גע'גנבעט די מחשבה זרה און זי האָט מתרעם געווען אויף דער השגחה.

איז זי געקומען צום בית דין של מעלה, מען האָט געוואויגען איהרע מעשים עס איז א שווערע וואג, פול מיט שכר, אבער דער קטיגור, דערלאָזט ניט, ער האָט אן עבירה'לע, ער דערלאזט ניט!

איז געמשפּט געוואָרען, נאכאמאל מגולגל ווערען און אין צייט פון אנפאל אויף אידען, זאָל זי באונס באצוואונגען ווערען פון אן ערל, וועט זי דאָך דארפען ווידער אויסשטעהן אזא שווע-רען נסיון, איז אויב אבער זי וועט דעם נסיון אויסשטעהן, זאָל זי אומקומען אין קימפּעט, אבער דער געבוירענער קינד איהרער זאָל זיין א קדוש מבטן אמו, נאָר צוליב זיין טריפ'נעם טאטען, זאָל ער וואגלען, זיין נע-ונד, ליידען דעם גאנצען לעבען, פאר פרעמדע זינד, און דורך קידוש השם זאָל ער געלייטערט ווערען, און נאָך פּטירה און קבורה זאָלען זיך פאר איהם עפנען אלע זי-בען הימלען, די טויערען פון גן-עדן, ער זאָל גלייך אריינקומען אין היכל הצדיקים, אין דעם אוצר הנשמות, וואָס באשיצען די וועלט פון פּרעניות!

די פארוואגעלטע נשמה — האָט דער רבי צוגעלעגט, — איז אָנגעקומען צו מיר אין הויף אריין, נאכדעם ווי זי האָט זיך געגוג אָנגעפּלאָגט אויף דער זינדיגער וועלט, און אזוי ווי זיין מוטער האָט אויסגעליטען אלע יסורים, איז אויסגעשטאנען אלע נסיונות,

האָט איהם געבוירען מיט חבלה לידה, ווייל זי האָט ניט געוואָלט אז ער זאָל אינגאנצען געבוירען ווערען אויף דער וועלט, ניט ווי-סענדיג, אז דאָס איז א גזר מן השמים, איז ווען זי האָט דערזעהן דאָס קינד ביי דעם געבוירען ווערען, האָט זי מקדש השם געווען, און געזאָגט:

— איך וויל ניט קיין טמא קינד, רבונו של עולם, נעם מיך צו פון דער וועלט, און מיט שמע ישראל אויף די ליפּען איז איהר נשמה ארויסגעפלויגען.

דער רבי האָט פארענדיגט:

— זייט זשע וויסען, רבותי, דאָס איז געווען דער, וועמען איהר האָט געקענט, און וואָס האָט אייך אלעמען באדינט. בלויז א פּאָר געציילטע מענשען האָבען געוואוסט דעם סוד, זיין זכות זאָל אונז אלעמען ביישטעהן, דער רבי איז פארטיג געוואָרען, פון אלעמענס ליפּען האָט זיך דערהערט א פרומער אמן, און ווי צונויפגערעדט זיך האָבען אלע זקנים אנגעהויבען זאגען:

— יתגדל ויתקדש שמי רבא!

בערל האָט בתיה'ן מיט יוחנ'ן גענומען צו זיך אהיים.

איידער זיי זיינען אריין אין זיין הויז, האָט בערל זיך גוט ארומגעקוקט, און ער האָט באמערקט:

— זינט יענעם טאָג, ווען דער פּריסטאוו איז דא געווען, גע-טרויע איך מעהר קיינעם ניט, ביז איך וועל אויסגעפינען, ווער עס האָט איהם אונטערגעטראגען די מסירה.

ארום בערל'ס הויז האָט זיך ארומגעדרייט משה, דער שוואר-צער, וועמען יוחנן האָט געטראָפען, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל צוריקגעקומען קיין קורילאָוועץ.

משה איז זיי אנטקעגען געלאָפען מיט גרויס שמחה, געדריקט יוחנן'ס האנט, מיט איבערטריבענער פרייד, נאָר עפּעס האָט יוחנ'ן א קלאפּ געטאן אין הארצען, ווען ער האָט דערפיהלט, אז משה דעם שווארצענס פרייד, איז א שטארק איבערטריבענע, א געקינצעלטע, נאָר פונדעסטוועגען האָט יוחנן באהאלטען זיין פארדאכט, זיין שרעק, און מיט געמאכטער גוט ברודערשאפט גע-פרעגט וואָס ער מאכט, און משה האָט געענטפערט:

— פרעגט ניט, חבר. ביי אונז אין קורילאָווען איז גרויסע צרות! מיר האָבען געהאַט דעם פּריסטאַוו, מן הסתם האָט מען איך שוין דערצעלט. — משה האָט גערעדט און האָט אַלץ געזוכט אַריינציהען יוחנ׳ן אין זיין צוטרויען.

אָבער וואָס מעהר ער האָט גערעדט, מעהר איז דאָס יוחנ׳ן ניט געפעלען, און ער האָט זיך ווידער געמאַכט אַז ער גלויבט איהם און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָבער מען דאַרף זיך ניט פאַרלירען, — נאָר משה האָט יוחנ׳ן ניט געלאָזען ריידען. ער האָט אונטערגעכאַפּט יוחנן׳ס טאָן, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— ניט נאָר ניט פאַרלירען, איך האָב געזאָגט בערלען, אַז מען דאַרף ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבייט נאָך שטאַרקער.

אין די רייד האָט יוחנן דערפיהלט עפּעס פּראָוואָצירענדעס, כאָטש משה האָט געמאַכט אַן אַנשטעל ווי ער קוקט זיך אַרום, אויב קיינער האָט זיי ניט געזעהן. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— עס איז קיינער ניטאָ, מען קען אַריינגיין אין הויז.

בתיה איז געשטאַנען און האָט געפיהלט, אַז יוחנן איז זעהר אומרואיג, האָט זי איהם אַרויסגעהאָלפען פון אַ פאַרלעגענהייט.

— אייגענטליך, מיר האָבען נאָר געדאַרפט צופיהרען בערלען צום הויז. יוחנן האָט צוגעזאָגט דעם זיידען, אַז ער וועט גלייך קומען צוריק אין הויף אַריין. — האָט בתיה אַ זאָג געטאָן.

יוחנן און בתיה האָבען זיך געזעגענט, אין דער שטיל האָט ער איהם באַוויזען אַריינצושושקען אין אויער:

— קום באַלד צוריק אין הויף אַריין, איך מוז דיך זעהן, זעהר נויטיג!

בערל און משה זיינען אַריין אין הויז. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס משה איז בערלען אויך ניט געפעלען געוואָרען.

משה׳ן איז געגאַנגען אין לעבען צו וויסען, ווער דאָס מיידעל איז, אָבער בערל האָט שוין שכל געהאַט, און ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, איך אַליין וואָלט אויך גע-

וואָלט ווייסען, אבער דו ווייסט דאָך, יוחנן איז דאָך שוין ניט מעהר מיט אונזער גרופּע, האלט ער דאס פאר א סוד. ער האָט מיר ניט געוואָלט זאָגען ווער זי איז.

מיטאמאָל האָט משה אָנגעהויבען ווארפען פּעך און שוועבעל אויף יוחנ׳ן.

— אט דאס „איינצעל,״ פארשטייסטו מיך. אָט איז ער גע-וועזן מיט אונז, און אָט איז ער שוין אויף דער אנדערער זייט. אָט איז ער געווען פול מיט קדושה, און אָט איז ער שוין ביי די מ״ט שערי טומאה.

בערל האָט זיך דערפיהלט ווי אונטערגעשאָסען. אויך אין די רייד האָט בערל געפיהלט פּראוואקאציע געגען יוחנ׳ן און זיין ניי-ער אידייע.

בערלען אליין איז איינגעפאלען, ווער ווייסט, אויב משה דער שווארצער שטייט ניט אין דינסט פון דער פּאָליציי, פון דער „אוכראנקע.״

מיטאמאל האָט בערל באמערקט, ווי משה דער שווארצער האָט זיך אנגעהויבען איילען, האָט זיך אנטשולדיגט מיט דער באמער-קונג, אז ער מוז ארויסגיין אויף א ווייל, אָבער בערל האָט איהם נאָכגעקוקט דורך א פענסטערעל, און ער האָט דערזעהן, ווי משה האָט איבערגעקערט א פלעשעלע מיט עפּעס א פליסיגקייט, אין מויל אריין, בערל האָט איהם צוריקגערופען און א זאָג געטאָן:

— משה, קום אהער. איך רעכען אז דו האסט היינט געטרונ-קען נאָר דו ווייסט ניט, אז איך בין א גוטער מבין אויף דיר. משה האָט נאָך געהאט דאָס באוואוסטזיין און ער האָט א טראַכט געטאָן צו זיך אליין:

— שלעכט, דער קערל האָט אָנגעשמעקט, כאָטש איך בין ארויס און האָב געטרונקען אויף דער גאס.

— גיי ניט איצט. דו ביזט שיכורלאך, משה, האָט בערל צו איהם גערעדט. אין דער אמת׳ן האָט ער איהם געוואלט פארהאל-טען.

— אויב דו פיהלסט ניט גוט, און דו מוזט טרינקען טו נא, נעם טרינק אין הויז!

בערל האָט איהם צוגעטראָגען צו א טישעל א פלאש וויין, נא און טרינק, א סוף!

נאָך דעם דריטען גלעזעל ביי בערלען, האָט משה אנגעהויבען זינגען הויך אויפ'ן קול, די צונג האָט זיך איהם געגומען פלאנטע־רען אין מויל, בערעל איז געזעסען און האָט געטראכט:

— איצט איז ער שוין שיכור, דארף מען איהם „פּאָמפּען,“ טאמער קען מען פון איהם עפּעס ארויסקריגען א סוד.

— א שפּיאָן, האָט משה אָנגעהויבען פלאנטערן, — איך זאָג יוחנן א שפּיאָן!

בערל'ן איז דאָס געווען עקעלדיג, אָבער ער האָט אלץ זיך גע־האלטען געצאמט, און גערעדט:

הער אויף משה, איך קען דאָס ניט גלויבען, איך וויל דאָס ניט הערען.

משה האָט אנגהויבען איבעררעדען צען מאָל א וואָרט, איז געפאלען פון די פּיס, איז צוריקגעפאלען אין שטוהל. בערל האָט געזעהן, אז משה ווייסט מעהר ניט וואָס עס טוט זיך מיט איהם אין דער וועלט.

— אָט צו וואָס שיכרות קען איינעם דערפיהרען, האָט בערל געטראכט. — דורך שיכרות האָט מען דעם אוראדניק גע'פּטר'ט, פון א פאגראם ניצול געוואָרען, פארוואס זאָל ניט זיין געדרונ־גען, אז משה איז דורך שיכרות געטריבען געוואָרען צו ווערען אַ פאררעטער פון דער אנדערער זייט, א פאררעטער צו זיין אידעאל, און ער איז דאָס טאקע דער מסור?

עס איז נאר שווער געווען ביז ער האָט זיך צוגעשלאָגען דאס ערשטע מאָל אזוי צו טראכטען, דערנאָך איז די גאנצע געשיכטע קלאָהר געוואָרען.

דער מסור

יוחנן און בתיה זיינען צוריקגעקומען מיט בערלען, און ווען זיי האָבען דערזעהן אין וואָס פארא צושטאנד משה וואלגערט זיך טויט שיכור, האָט בתיה פארבראכען די הענט, ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען, אָבער יוחנן האָט אויסגערופען:

— יאָ, אָט דאָס איז ער, דער העכט. ער שמעקט פון קאָפּ, איך האָב טאקע אזוי געטראכט.

דערנאָך האָט יוחנן א זאָג געטאָן:

— דו, בתיה, שטיי דאָ, פון דערווייטענס. גיב אונז א וואונק אין צווייטען חדר, מיר האָבען וויכטיגע ארבייט. יוחנן און בערל זיינען ארויס, בתיה איז געבליבען שטעהן אויף דער וואך.

בערל האָט פאָרגעשלאָגען, מען זאָל רופען דעם קרייז און משפּט'ן, אבער דערצו האָט יוחנן ניט דערלאָזען.

— דאָס זיינען בלויז מיינע השערות. אויף משפּט'ן דארף מען האָבען קלאהרע באווייזע פון עדות.

בערל האָט באוואונדערט ווי עהרליך יוחנן איז, אפילו צו א געגנער.

— איך האָב א בעסערען פּלאַן, האָט יוחנן פארגעשלאָגען. — אברהם, מיין בעל עגלה וועט איהם פיהרען קיין מאָליוו, איהם ארונטערלאָזען לעבען פריסטאוו'ס דירה, לאָמיר זאָגען א ראג גאס וואָס פיהרט צו דעם בולווארד אויף וועלכען דער פריסטאוו וואוינט.

קיין געלט וועט ער ביי זיך ניט האָבען, ער וועט וועלען אויס-טרינקען, מחמת אָט דאָס איז די טבע פון דעם שיכור, אויף מאָר-גען נאָך א שיכרות וואָס האָט זיך געצויגען ביז פארגעסענהייט.

בערל איז געשטאנען און האָט געשטוינט פון יוחנן'ס דער-קלעהרונג. יוחנן האָט ווייטער גערעדט:

— וועלען מיר זעהן פון דערווייטענס, אברהם וועט איהם הי-טען, איז אזוי, וועט ער ניט אריינגיין צום פריסטאוו, איז די זאך קלאהר ווי די וועלט, האָבען מיר פאר זיך דעם הונדערט פּרא-צענטיגען מסור, און אויב ניט, האָבען מיר חושד געווען גלאט א שיכור, אבער קיין מוסר איז ער ניט.

באלד ווי יוחנן האָט פארענדיגט איז בתיה אריינגעלאָפען און האָט א צושראקענע אויסגערופען:

— ער רעדט פון שלאָף, איך האָב מורא!

— וואָס האָט ער געזאָגט, זיינען ביידע צוגעשטאַנען, און בתיה האָט אין ציטערניש דערציילט:

— ער האָט גערעדט צו א פּריסטאוו, געוואָרפען מיט די הענט, און אויסגערופען:

— וואשע בלאגאראדיע, גאספאדין פּריסטאוו, איזוואלטיע, יא וואס סקאזשו וואט טשטא! (אייער הויכהייט, הער פּריסטאוו, דערלויבט מיר, איך וועל אייך זאָגען אט וואס!)

— גאָט צו דאנקען, — האָט יוחנן אויסגערופען מיט וויטאג. גוט כאטש, וואָס מיר זיינען אויף דעם ריכטיגען וועג, וועט מען קענען אויסרייניגען די לופט. איך וועל גיין לויפען נאָך אברהם בעל עגלה. ביז טאג וועט ער איהם ברייגנען קיין מאליוו."

אין הויף האָט דער אלטער און דער מאָליוווער רב איינגע-טענה'ט מיט אברהם דעם בעל עגלה, אז ער דארף טאָן אָט ווי אזוי:

— איהם ארונטערלאָזען אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט, און אָפּווארטען, און אויב יענער וועט נאכדעם ווי ער וועט זיך אויפ-כאפּען אריינגיין צום פּריסטאוו, דארף ער מעהר ניט ווארטען. נאָר גלייך לויפען צוריק קיין קורילאָוועץ, וואו דער מאָליוווער רב, יוחנן און בתיה ווארטען אין הויף.

אברהם האָט משה'ן פארוואָרפען אויף דער פּלייצע ווי א נבלה, און איז אנטלאָפען ווי געיאָגט פון א שטורם.

בערל איז איבערראשט געוואָרען ווי אזוי יוחנן האָט אין אזא קורצער צייט אויסגעארבייט אזא געניאלען פּלאַן.

— דאָס איז ניט מיין פּלאַן, האָט יוחנן געשמייכעלט — דאס האָט דער זיידע מיט דעם מאָליוווער רב. ביידע האָבען צונויפגע-לעגט זייערע גאונישע קעפּ, און דאס איז געווען זייער פארשלאג פון אנהויב ביז דעם סוף.

זיי האָבען אויך באשלאָסען, אז ערשט דערנאָך וועלען זיי מכלומרשט פארטרויען פאר משה'ן, אז זיי גייען רופען א געהיימע פארזאמלונג, אבער אין דער אמת'ן וועט מען איהם בלויז אויס-פּרובירען דורכדעם. ער וועט דאָך אוודאי די פארזאמלונג פאר-

מסר'ן פאר'ן פריסטאוו, וועלכער וועט דורך איהם קריגען צו ווי-סען, ווען און וואו די פארזאמלונג וועט פארקומען.

דערנאָך ערשט וועט מען רופען א געמיינשאפטליכע זיצונג פון ביידע גרופען, און מען וועט משפט'ן דעם מסור, וואס האָט גע-בראכט א פלעק אויף דער שטאדט קורילאָוועץ.

מרדכי שוחט

וועגען איציקעלס טאטע, מרדכי דעם שוחט'ס, זיינען אומגע-גאנגען איבער'ן שטעטעל אלערליי לעגענדעס.

מרדכי האָט גע'שעמט איבער אוקראאינע, ניט פאר שחיטה, נאר פאר זיין חזנות.

א הויכער, א שלאנקער, ווי א לולב האָט ער זיך צוליב זיין הויך, צייטענווייז אזש אריבערגעבויגען, ווען ער איז געגאנ-גען. דאָס האָט איהם כמעט געגעבען ווי אן הויקערל אויף דער פלייצע, כאָטש ער האָט ניט געהאט קיין הויקער.

אויגעלאך, לויפענדיג, קלוגע, שווארצע, מיט אן אייביגען פייערעל, וואס האָט אין זיי געלויכטען. א פנים, בלאס און אויס-געצויגען, אזוי אז מרדכי האָט אינגאנצען אויסגעזעהן ווי א קא-ריקאטורע.

דערצו האָט מרדכי געהאט א קול נגינה, וואָס ווען ער האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר'ן עמוד, האָט זיין קול דעם עולם געריהרט ביז טרערען, און האָט צובראכען דאס הארץ, אז מרדכי האָט גע-וואָלט, האָט ער דאָס אייגענע קול אזוי אנגעווענדעט צו דערקווי-קען הערצער און ארויסצורופען אמת'ע מתיקות און נשמה-פרייד ביי די צוהערער אין שוהל.

מבינים האָבען געהאלטען אין איין רעדען, אז „מרדכי האָט פארבלאָנדזשעט.” זיין אָרט איז ניט פאר'ן עמוד, אלס חזן, נאָר גאר ערגעץ וויים איך אין דער אפערא אדער אין טעאטער. דארט וואָלט ער אָפגעגעבען קאנצערט און וואלט באדאנקט געוואָרען מיט אפלאדיסמענטען.

פאר'ן עמוד אבער, נאָך אין אוקראאינע דערצו איז דאָס אינ-גאנצען אנדערש. דארטען שטעהט דער עולם ארום דעם חזן, און

אויב מען איז שוין באקאנט מיט זיינע שטיקלאך, פארלויפט מען איהם דעם וועג מען זינגט איהם פאראויס, עס איז א געמיש פון קולות, און מען הערט אפילו ניט ריכטיג דעם חזן.

מרדכי איז געווען א טאטע פון פינף אינגלאך, און דאס איז געווען אן אייגענע קאפעליע משוררים, ווייל אלע אינגלאך האבען פון מרדכי׳ן גע׳ירשנט א קול נגינה.

מרדכי אליין איז ניט געווען קיין געשולטער זינגער, אבער דערפאר א חזן מיט א וואונדערליכען אויער, מיט א תפיסה. איינמאל געהערט, האט ער איבערגענומען, נאכגעזונגען, טאקע ווי דאס וואלט געווען זיינע א קאמפאזיציע.

מרדכי פלעג איבערנעמען די חסידישע נגונים פון דעם רבי׳ן אין הויף, די נגונים האבען דערנאך געהאט א שם איבער דער גאנצער אוקראאינע.

עס איז אויסגעקומען אז פון די פינף אינגלאך האט מרדכי צוזאמענגעשטעלט א גאנצען ארקעסטער. הירשל, דער עלטסטער, איז געווען דער באס, וועלוועל, דער צווייטער, א באריטאן, איציקל, דער דריטער, די סאפראנא, דוד׳ל און שמואל לייב די אלטען.

זינגענדיג מיט די משוררים, האט זיך ערשט ארויסגעוויזען מרדכי׳ס גאונישע שטימע, וואס האט אידען באגייסטערט.

אז מרדכי האט געוואלט, האט ער אין א שבת שמברכין, געקענט אוועקלעגען אזא דאוונען, אז מענשען זאלען שטעהן און גאפען, ער האט זיי איבערגעטראגען אין אנדערע וועלטען, און ער האט זיי געקענט אפהאלטען אין שוהל ביז צוויי דעם זייגער, האט קיינער זיך ניט גערירט פון ארט. אזא כח האט מרדכי געהאט אין זיך.

ביי מרדכי׳ן אין הויז, האט מען כסדר געזונגען, און ווען מען איז פארבייגעגאנגען מרדכי שוהט׳ס שטוב, האבען זיך דורך די אפענע פענסטער געטראגען קולות. הירשל, דער באס האט זיך געריסען אויף זיינע גראבע טענער, אזוי ווי ער וואלט זיך גראד געוואלט דערגרונטעווען צו דער נידער, צו דער טיפעניש. וועלוועל, דער באריטאן, האט אלעמאל געזוכט עפעס א מיטלוועג, אביסעל ארויף, אביסעל ארונטער, און די אלטען און סאפראנאס זיינען אויך ניט געבליבען הינטערשטעליג. אייביג האט זיך דארט גע-

מישט דאָס געזאַנג, וואָס האָט צוגעגעבען דער גאַס און דעם שטע-טעל דעם זיבעטען חן.

אין שטעטעל איז מרדכי געווען זעהר באַליבט, צוליב זיין זינ-גען, צוליב דעם קאַריקאַטורנעם פּנים, וואָס האָט אָפט אַרויסגע-זעהן ווי אַ מין מעפּיסטאָפעלעס, אַ לץ, מחמת עס איז קיין סוף ניט געווען, אַז מרדכי איז מעהר מנגן ווי חזן און בעל תּפלה, און מעהר „אַקטיאָרטשיק", ווי ירא שמים.

דער רבי האָט שטאַרק געהאַלטען פון מרדכי'ס זינגען, אָבער צום עמוד האָט ער איהם זעלטען צוגעלאָזען.

מרדכי שוחט'ס אינגלאַך האָבען שוין געהייסען „היינט-וועלטיגע" ווערליג אַ קליין שטעטעל. הירשל, דער עלטסטער, האָט שוין באַצייטענס אנגעהויבען אַרומשערען דאָס בערדעלע, און האָט שוין אַליין געגומען שטודירען מוזיק. הירשל האָט שוין גע-זונגען אויף נאָטען.

הירשל איז שוין שבת געקומען צום דאַווענען מיט געפּוצטע שטיוועלאַך, און מיט דעם נאָז טיכעל ניט אויפ'ן האַלז, נאָר אין קעשענע.

איציקל האָט שוין בכלל אַרויסגעוויזען אַ גרויסע נייגונג צו בילדונג, געשטודירט רוסיש, ספרים חיצונים, און ווען עס איז אָנ-געקומען די נייע באַוועגונג, האָט איצעקל, וועלכער איז פריהער געווען פון בערעלעס נאָכפאָלגער, אָפּגעריסען זיך פון בערל'ס לייען קרייז, און האָט צוגעצויגען צו זיך אַ גרופּע, און איצעקל האָט שוין אָנגעהויבען שטעלען דעם טראָפּ אויף וועלטליכקייט, וועלט באַפרייאונג. צו דער אייגענער גרופּע האָט געהערט איצט אויך יוחנן, אין מאָליוו, טוענדיג די זעלבע אַרבייט אונטער דעם דאַך פון דעם מאָליווער רב.

איציקל האָט דערהערט אַז יוחנן איז דאָ, איז ער איהם אַנט-קעגען געלאָפען מיט אָפענע אַרעמס, און זיך דערפרייט.

— ס'אַרא אַנגעלעגטע געסט, זיצט!

די משוררים, וועלכע האָבען ביי מרדכי'ן אין הויז תמיד גע-פיהרט קריג, און אייביג זיך געאַמפּערט אַלץ איבער נגינה, אַלע משוררים, איציקל'ס ברידער, האָבען ווי איינגעשטעלט „אַ וואַפע-

שטילשטאנד,״ עס איז שטיל געווארען ,אלע האָבען ארויסגעוויזען גרויס דרך ארץ, די שוחטקע, אלטע, האָט געשטעלט דעם סאמא-וואר, מרדכי׳ס פינף בנים האָבען ארומגערינגעלט די געסט, דער פאטער, מרדכי, האָט געגעבען א וואונק צו די קינדער מיט עפּעס ריכטיגס מכבד זיין אזעלכע געהויבענע געסט, עס איז אוועק א געזאנג, וואָס האָט יוחנן און בתיה׳ן אנציקט, מרדכי האָט אָנ-געקוואָלען פון גרויס נחת, און א זאָג געטאָן — נו, מאליוו האָט אזא חזן מיט אזעלכע משוררים?

איציקל האָט אבער פארשטאנען, אז בערל, בתיה און יוחנן זיינען ניט געקומען צוליב הערען חזנות, און ער האָט זיך אנגע-בויגען מיט דעם אויער צו יוחנ׳ן, פרעגען, וואָס עס הערט זיך?.
יוחנן האָט איהם א זאָג געגעבען:

— מיר זיינען געקומען וועגען זעהר א וויכטיגען ענין, עס וואָלט געווען א יושר אז מיר זאָלען קענען בלייבען ערגעץ אליין אויף עטליכע מינוט.

מרדכי, א גרויסער לץ, האָט דער ערשטער פארשטאנען און א זאָג געטאָן:

— וואָס זשע דארפסטו זיך שעמען, האסטו דאָך גלייך געקענט זאָגען אז דאָס איז א סוד!

— ווען איהר זאָלט היינט ניט געווען זיין ביי מיר, האָב איך אין אוונט בדעה געהאט צו זיין ביי אייך, — האָט איציקל א זאָג געטאָן צו בערלען.

— ביי מיר? בערל איז געווארען איבערראשט. איציקל האָט זיך געהאלטען פון איהם געגנעריש, וואָס זשע האָט ער געקענט וועלען קומען צו איהם?

— איך וועל אייך זאָגן גאר פּשוט. מיר האָבען א חשד. איי-נער פון אייער גרופּע האָט די לעצטע צייט זיך אָנגעהויבען אבי-סעל צו אפט דרייען ארום אונזערע פענסטער, און ארום דעם פּלאץ וואו מיר קומען זיך צוזאמען. מיר האָבען צוליב איהם די לעצטע צייט אָפּגעשטעלט אלע צוזאמענקונפטען.

— איך וועל אייך זאָגען ווער דער בחור איז, איהר קענט איהם, האָט איציקל מיט פארדרוס א זאָג געטאָן, און ער האָט

ארויסגערעדט דעם נאָמען מיט עקעל — עס איז משה דער שוואר-צער.

יוחנן האָט זיך דערפרייט, וואָס אויך איציקל האָט געוואָרפען א חשד אויף דער זעלבער פּערזאָן, ער האָט איהם פּארטרויעט וועגען דעם פּלאַן פון דער געמיינשאפטליכער זיצונג, איציקל האָט מסכים געווען.

— אָבער דערוויל, האָט איציקל באמערקט; קיינע פארזאמ-לונגען פוןביידע גרופּען, ביז מיר וועלען אויסראמען דעם שרץ פון אונזער מחנה.

ווען זיי זיינען פארטיג געוואָרען, זיך צוזעגענט, זיינען יוחנן, בתיה און בערל אוועק צוריק אין הויף אריין.

דער אלטער און דער מאָליוועער רב זיינען געווען זעהר גוט אויפגעלעגט, און דער מאָליוועער רב האָט א זאָג געטאָן צו בתיה׳ן:

— טאָכטער מיינע, קינד מיינס, דער רבי האָט דיר עפּעס צו זאָגען. ער איז א רבי, גיב איך איהם אָפּ דעם גרויסען כבוד.
דער רבי האָט א שמייכעל געטאָן און א זאָג געגעבען:

— טאָכטער מיינע, דיין טאטע, דער מאָליוועער רב האָט זיך מיט מיר משדך געווען, דו ביזט די כלה פון מיין אייניקעל, יוחנן, גיב איך אייך איצטער ביידען מיין ברכה, און ער האָט ארויפגע-לעגט ביידע הענט איבער יוחנ׳ן און בתיה׳ס קעפּ, און שליסענדיג די אויגען האָט ער אין דער שטיל געמורמעלט:

— ישימך אלוקים כאפרים וכמנשה, וישם לך שלום. — ער האָט דערנאָך צוגעלעגט:

— אזוי גיך ווי עס וועט אריבערגיין דער איצטיגער שטורם, דער בלבול וועט ארונטערפאלען פון קורילאָוועץ, קענסטו קומען, מאָליוועער רב, מיט דער כלה, און מיט דער רביצין, מיר וועלען אם ירצה השם פּראווען יוחנן׳ס חופה דאָ, אין קורילאָוויצער הויף.

בערל האָט אוועקגערופען יוחנ׳ן אין א זייט, און האָט איהם דערציילט, אז משה דער שווארצער האָט דאָ געגישטערט ארום דעם הויף, האָט זיך געדרייט אויף אלע זייטען.

— הייסט עס, מיר זיינען אויפ׳ן ריכטיגען וועג, האָט יוחנן אויסגערופען.

דער קורילאָוויצער האָט ארויסבאגלייט זיינע געסט, אנגעזאָגט דעם משרת, אז ער זאָל זיי אהיימשיקען מיט זיין ברישקע, און אָנזאָגען דעם בעל עגלה, אז ער זאָל זיין זעהר פאָרזיכטיג ווי אזוי ער טרייבט די פערד.

ווען דער מאָליווער רב איז אהיימגעקומען מיט בתיה׳ן און מיט יוחנ׳ן, איז די רביצין זיי געקומען אנטקעגען מיט שרעק, האָט זיי דערציילט, אז דער פריסטאוו מיט דעם דעסיאטניק איז דאָ געווען, האָט געגישטערט אין דעם רב׳ס ספרים, דערנאָך זיינען זיי געגאנגען גלייך צו יוחנ׳ן אין צימער, האָבען דארט גענישטערט און האָבען אוועקגענומען בריעף פון איציקל דעם שוחט׳ס און פון בערעלע איינבינדער.

דערפון איז פאר אלעמען קלאהר געוואָרען, אז מען האָט שוין מאָליוו אויך פארמסר׳ט און אז מען זוכט צו פארוויקלעןביידע גרופען איןביידע שטעדט אין איין קאנספיראציע.

אינמיטען דערינען האָט פאסירט נאָך עפעס, מרדכי שוחט איז געווען אין מאָליוו צו א מוזיקאל, און ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער דערציילט:

— טרעף, איציקל, וועמען איך האָב געזעהן אויף מאָליווער בולווארד? משה דעם שווארצען, ער איז ארומגעגאנגען עפעס מיט א ניט אידישער פריצטע, האָט געהאלטען זי געארעמט מיט איין האנט, אין דער אנדערער האָט ער געהאלטען א שקארמיצל מיט קאנפעקטען, זי געהאדעוועט, איך וואָלט געשוואוירען, אז דער בחור איז פארכליאפעט אין איהר ביז איבער די אויערען!

איצעקל איז דער עיקר געווען צופרידען, ווייל משה׳ן האָט שוין דאן געהאט געהיט א וואָך פון זעקס בחורים, דריי פון יעדער גרופע, און דאָך האָט ער זיך ווי עס איז, ארויסגעגנבעט און איז שוין דורך דער צייט געווען אין מאָליוו איינס און צוויי. די גאנצע געשיכטע, די מסירות האָבען אָנגעהויבען ווערען קלאהר ווי דער טאָג.

— מרדכי האָט זיך געוויצעלט,

— איז וואס זאָגסטו אויף דיין חבר, הא? א שיינער חבר, אזא יאָהר אויף איהם!

איציקל האָט זיך פאַר'ן פאָטער פאַרטרויעט, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אויב דו האָסט איהם טאקע געזעהן אין מאַליוו, איז ער שוין ניט נאָר ניט אונזערער קיין חבר, נאָר ער איז אַן עוכר ישראל טאטע! די זאך איז אַ סאך ערנסטער ווי דו קענסט דיר פאָרשטעלען. דאָס שמעקט פשוט מיט מסירה.

— טו שרעק זיך ניט קינד, מסירה איז זעהר אַ מיאוסע זאך, איך וואָלט דאָס מיט'ן מויל ניט ארויסגערעדט.

— טאטע, וואָס מיינסטו?

— מיר איז דער שווארצער קאטער ניט געפעלען געוואָרען, ווען איך האָב איהם דערזעהן אין מאַליוו, האָב איך אַ טראכט געטאָן:

— ער דערוואַרטעט דאָך מיך ניט צו זעהן אין מאַליוו, דארף מען טאקע זעהן, וואוהין גייט עס דער גרויסער פריץ, נו, בין איך זיי נאָכגעגאנגען, ביז איך האָב געזעהן, ווי משה איז מיט דער פריצטע אריין אין גארטען פון דעם פריסטאוו'ס הויף.

דער קוטשער איז געשטאנען ביי דעם טירל צום גארטען, האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן.

— זעהר אַ שיינע פריצטע, ווער איז זי?

— וואָס הייסט ווער? דעם פריסטאוו'ס בארישניע, זיין בת יחידה'קעלע, און דער קאוואליער, איז אַ קורילאָוויצער.

— פון וואנען ווייסט איהר? האָב איך זיך איינגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן ביי דעם קוטשער, נאכדעם ווי איך האָב איהם אריינגעלעגט אַ רובל אין האנט.

— וואָס הייסט פון וואנען? דער בחור איז דאָ אין הויף אַן אייגענער מענש. ער קומט אהער אלע וואָך, אלע צוויי וואָכען. ער פאָהרט אמאָל ארוים מיט דעם פריסטאוו אין זיין בריטשקע, האָט דער קוטשער מיר דערקלעהרט.

— שיינע זאכען קענט איהר זאָגען אויף אַ אידישען בחור! — האָב איך שפּאסיג זיך געמאכט, אז איך גלויב ניט אזעלכע זאכען.

דער קוטשער האָט מיט אמאָל אנגעהויבען ריידען אידיש.

— טאקע א בעל עגלה, אבער א איד, איך וועל קיין בלבולים ניט אויסטראכטען, נאָך אויף אידען!

דער קוטשער האָט שוין ווייטער אינגאנצען דערציילט אויף אידיש, און א זאָג געטאָן:

— אנומעלטען האָב איך איהם געדארפט אפפיהרען צום וואקזאל, די פריצטע איז געפאהרען איהם באגלייטען, און צוריק-וועגס האָב איך איהר א זאָג געטאָן:

— א שיינער פאניטש, דער ווערבאוויצער, הא?

— ניט קיין ווערבאוויצער, נאָר א קורילאָוויצער, — האָט די פריצטע מיר קאָרעגירט.

— וואָס זשע טוט אזא בחורל ביי א פריסטאוו? האָב איך שוין ווייטער ביי איהם געפרעגט, און געוואלט וויסען דעם סוף.

— ליובאוו, פאנימאיעטע! (ליבע, פארשטייט איהר מיך!) דערנאָך האָט די פריצטע צוגעלעגט מיט א שמייכעל:

— און נאָך עפּעס!

— צום ביישפיל?

די פריצטע איז געוועזן שיכור, אנדערש וואָלט זי דאָך ניט אויסגעפלאפּעלט.

— דאנאָסטשיק! (א מסור!)

דערהערט דאָס וואָרט מסור בין איך געבליבען א פארציטער-טער, אבער דאָ זיינען מיר שוין געוועזן צוגעפאהרען צו דעם פריסטאוו'ס הויף, האָט דער בעל עגלה פארענדיגט.

— אָבער זאָרגט ניט. דער רבי ווייסט שוין וועגען דער גאנ-צער געשיכטע, פארלאָזט זיך אויף מיר, איך בין אברהם דער בעל עגלה, איך האָב אמאָל אין מיין בויד געפיהרט דעם קורילאָוויצער, זאָל לאנג לעבען!

אין איילעניש איז איציקל אנטלאָפען צו בערלען, אבער ער האָט איהם ניט געטראָפען. מען האָט איהם דערציילט, אז א משרת פון רבי'ן איז ערשט געוועזן, האָט בערלען גערופען אין הויף אריין.

איציקל איז אויך אוועקגעלאָפען אין הויף, ניט וויסענדיג אז מרדכי שוחט איז שוין געווען ביי דעם רבי׳ן פריהער און זיצט איצט ווידער אין הויף.

מרדכי איז געזעסען אין דער שבת׳דיגער קאפאטע, ווי אז ער גייט צום רבי׳ן, און גלייך ווי איציקל איז אָנגעקומען האָט דער רבי געהאלטען אין דערציילען:

— עס איז מיר געקומען א פּאטשט פון אברהם דעם בעל עגלה, אן עהרליכער איד, א פּראסטאק, וועט קיין ליגען ניט זאָגען. אברהם איז א באגלויבטער עדות.

דאָ האָט מרדכי זיך אויפגעשטעלט, און א זאָג געטאָן:

— רבי לעבען, אויב אזוי, בין איך דער צווייטער עדות. איך האָב דעם זעלבען נפש אליין געזעהן אין מאָליוו, געזעהן אריינגיין צום פּריסטאוו אין הויף אריין מיט דעם פּריסטאוו׳ס בת יחידה.

— שומו שמים,! איז דער רבי אויפגעשפּרונגען א צורודער־טער, און דערנאָך זיך צוריק אוועקגעזעצט אין שטוהל, קענטיג אז ער איז געווען שטארק געערגערט פון דער גאנצער געשיכטע.

— אמאָליגע יאהרען וואלטען מיר, צדיקים, זיך אנגעטאָן אין די קיטלען, אָנגעצונדען שווארצע ליכט, געהייסען גוזר תענית זיין, וואלטען דעם עוכר ישראל געבראכט אין שוהל און איהם אריינגעלעגט אין חרם. אבער איצטער, בעונותינו, ווען עס זיינען שוין געבליבען קנאפּע מאמינים, איצטער ווייס איך אליין ניט, וואס מען הויבט אָן צו טאָן, האָט דער אלטער געזיפצט.

— אָבער משה איז ניט איינער פון מיינע אידען, האָט דער אלטער געטענה׳ט. — איך האָב זיך שוין פון אזעלכע לאנג מייאש געווען, — מיט א חרם קען מען באשטראפען א גלויביגען אידען אבער ניט משה דעם שווארצען.

דער רבי האָט ווייטער גערעדט:

— פונדעסטוועגען, אויב איהר ווילט דוקא, אז איך זאָל זע־צען א בית דין צדק, וועל איך דאס טאָן.

— ניין, האָט בערל א זאג געטאן — מיר האָבען איהם גע־שטעלט צו א נסיון. מיר האָבען אים פארקויפט אן אידייע, אז מיר רופען א קליינע געהיימע אסיפה אין א פּאָר טעג ארום.

אויב ער איז א מסור, ווי מיר אלע מיינען, וועט ער דאס האבען געבראכט צו דעם פּריסטאַוו, און דער פּריסטאַוו וועט צו דער באשטימטער צייט אַנלויפען צו מיר אין הויז אריין. דער פּריסטאַוו וועט טאקע קיינעם פון אונז ניט טרעפען, אבער מיר וועלען האָבען זיכערע איבערצייגונג, אז דער משה איז דער מסור, ער איז דער פאררעטער, און באלד נאָך דעם פּריסטאַוו'ס אוועק־פאהרען, וועלען מיר איהם משפט'ן!

עס איז גוט, וואס אידישע קינדער האָבען ניט פארלוירען די יקעפּ, האָט דער רבי זיך געפרייט, — דערנאָך האָט דער רבי אָפּ־געזיפצט.

— אַמאָל האָבען די נאטשאלסטווא אויך פאר מיר געהאט גרויס דרך ארץ, די נאטשאלסטווא האָט זיך קודם אָפּגעשטעלט ביי מיר. איך בין ביי איהר געווען באגליבט, האָב איך געקענט באשיצען אידען פון אן אומגליק. אמאָל האָט נאָך געלעבט מיין באגלויבטער רב סענדער. ער וואָלט זיך שוין ווי עס איז אפּגע־פארטיגט מיט אזא עסק, אבער איצט, איצט פעהלט מיר רב סענ־דער, — האָט דער רבי פארענדיגט.

עס איז געבליבען אפּצוווארטען, צו זעהן אויב דער פּרים־טאַוו וועט ארונטערפאַלען קיין קורילאָוועץ.

די קומענדע פאר טעג האָט משה דער שווארצער ניט אויפגע־הערט קומען פרעגען ביי בערלען, אויב די צייט פון דער געהיימער פארזאמלונג איז אויסגערעכענט אויף ריכטיג, אויף שבת־נאכטס, א שעה נאָך הבדלה, בערל האָט איהם פארזיכערט אז אזוי איז דאָס!

בערל און איציקל האָבן זיך צוזאמענגערעדט אז דעם שבת פארנאכט, זאָל מען אלע אידישע בחורים און מיידלאך די יוגענט ארונטערנעמען פון די בולווארען, און אנשטאט דעם זאָלען אלע זיין פארזאמעלט ביים רבין אין הויף, צו שלוש סעודות. דער בא־פעהל איז געווען, אז אלע זאָלען זיך אויפפיהרען מיט גרויס דרך ארץ, לייטיש, ווי זייערע עלטערען זיינען זיך נוהג.

איציקל, דער אנפיהרער פון דער עם־עולם גרופּע, האָט אונ־טערגעשטראָכען:

— איך זעה איבערהויפּט ניט קיין ווידערשפּרוך פון קומען

אמאָל צום רבי׳ן אין הויף. מיר קענען זיך פון אלטען אפּלערנען א סאך דעמאָקראטישקייט, און טאקע פארקעהרט, זאָל אונזער יוגענט זעהן די פּשטות, די באשיידענקייט מיט וועלכע דער רבי פיהרט זיך אויף מיט זיינע נאָכפאָלגער. ער איז אלעמען מקרב, חנפ׳עט קיינעם ניט.

אונזערע פיהרער און טאקע אויך אונזער יוגענט, קענען ביי דעם אלטען א סאך לערנען!

דער רבי האָט באקומען א ידיעה, אז די יוגענט קומט צו שלוש סעודות, האָט ער אנגעזאגט, מען זאָל גרייטען א טיש, גרויס געננוג, ניט ווי צו א פּראסטען שלוש סעודות, נאר ווי צוליב א גרויסען יום-טוב.

די יוגענט האָט געהאט א באפעהל, אז ווער עס וועט טרעפען א טאטען, אדער א זיידען, זאָל ער פארנעמען אן ארט לעבען איינעם פון זיין אייגענער משפחה. אלע זאָלען זיצען ריכטיג איבערגעמישט, ניט אפּגעטיילט, נאר זיבעציג יאהריגע זקנים מיט אכצען יאהריגע אינגלאך, און בכלל זאָל די יוגענט נעמען אנטייל אין דעם געזאנג בציבור, אין די זמירות ביי דעם שלוש סעודות.

דער עיקר זאָלען זיי דערמוטיגען דעם רבי׳ן, אז ווען עס וועט ווערען שטיל, פארנאכט, זאָל דער רבי זאָגען תורה.

— די חסידישע תורה, איז מיסטעריע, האָט איציקל געטענה׳ט. — אונז אלעמען פעהלט אוים אביסעל פאנטאזיע, אונזער לעבען נויטיגט זיך אין פארב, קאליר, די פאנטאזיע פאָדערט באפליגעלטקייט, און כדי צו קענען אויפטאן גרויסע זאכען, מוז א מענש קענען זיך אויפהויבען העכער פון דער ערד. חסידיזם האָט א לאנגע צייט געהאלטען אידען אונטער איר השפּעה, האָט עס זיי געהאלפען זיך ארויסהויבען פון ביטערע, פינסטערע לאגעס, פון אלערליי צרות און אומגליקען.

— טו לאָמיר זיך נאָכמעהר אביסעל באקענען מיט דער דאָזיגער אידייע, כל זמן עס לעבט נאָך דער קורילאָוויצער רבי, זאָל ער לאנג לעבען!

יענעם שבת פארנאכט, האָט דאָס קורילאָוויצער הויף ווידער דערזעהן אין זיך די אידישע יוגנטליכע, וואס זיינען שוין ניט געווען אין הויף היפשע עטליכע יאהר.

איצטער איז ווידער פול געווען דער זאל וואו דער רבי פרא-וועט טיש צו שלוש סעודות, און די יוגענט אליין האט זיך עפעס ווי דערפרייט, עס האט אין זיי אפגעפרישט אזוי פיל זכרונות, דערמאנט אין היילינע, ציטערדיגע קינדערשע יאהרען, באשטראהלט מיט אזוי פיל יום-טוב׳דיגקייט.

די יוגענט האט זיך דערמאנט אין דער אמאליגער שבת פאר-נאכטיגער סביבה, ווען אלץ איז פארנעפלט, איינגעהילט אין מיס-טעריע, און ווען דער רבי איז אריינגקומען צו שלוש סעודות, האבען אלע געגעבען זיך א הויב פון די ערטער, ווי א פאלק פאר זיין מלך, און פון אלע ווינקעלאך, פון די ווענט און פון דעם ארון קודש רעדט עס פון שטילקייט, ווי עס וואלט זאגען — ש-ש-ש. דער רבי איז דא! דרך ארץ! דער רבי גייט פראווען שלוש סעודות!

אלע, גרויס און קליין, טוליען זיך נעהענטער צום טיש, כדי צו קענען זיין אביסעלע נעהענטער צו דעם רבינ׳ס שטוהל.

ווען דער שלוש סעודות הויבט אן געפראוועט ווערען, צוא-וויגען זיך די אידען ווי א ווינט, זיי שאקלען זיך, און ווען זיי זאגען נאך די זמירות ביי דעם טיש, זאגען זיי שוין ניט נאר די ווערטער, מיט די ליפען, נאר טאקע מיט אלע איברים, עס איז זיי גוט, דער רבי פראוועט שלוש סעודות און זיי זיינען איצטער צו-זאמען מיט דעם רבי׳ן אונטער איין דאך!

אזוי האבען דאן די גרויסע געפיהלט, און די קינדער אין הויף האבען איבערגענומען דאס איינענע געפיהל.

איצטער, אין דעם דאזיגען בין השמשות, ווען די קינדער זיי-נען אונטערגעקומען, האבען זיך צוזעצט און זיינען ווידער בא-איינפלוסט געווארען פון דעם רבינ׳ס טיש, איז דער קורילאוויצער אליין מיטגעריסען געווארען, ער האט א וואונק געטאן אז מרדכי דער שוחט זאל זינגען א ניגון, איציקל האט באלד אונטערגע-כאפט דעם פאטער׳ס טאן, און מרדכי האט זיך אלעמאל גערע-כענט פאר איינעם פון די בעסטע דיריגענטען, האט איהם איציקל א זאג געטאן:

— טאטע, מיר ווילען איצט אלע זינגען! חברה שטעלט זיך אויס!

— אתה אחד, אתה אחד, ושמך אחד,

— ומי כעמך, כעמך ישראל גוי אחד בארץ!

— טראלא לא, טראלא לא, טראלא לא, טראלא לא!

תפארת גדולה ועטרת ישועה, תפארת גדולה ועטרת ישועה,

— יום מנוחה, מנוחה וקדושה, מנוחה וקדושה, לעמך נתת!
דער רבי האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופען:

— רבונו של עולם, זיי מיר מוחל, איך האָב געזינדיגט, איך האָב ניט געוואוסט, אז די קורילאָוויצער יוגענט קען זינגען אזא שיינעם — אתה אחד!

דער רבי אליין האָט אָנגעהויבען צופליעסקען צום טאקט, אויף איהם קוקנדיג זיינען אלע אויפגעשטאַנען, זיי זיינען אוועק אין א ריקודל, א טענצעל, זיך געהאלטען פלייצע צו פלייצע, זיך געקיי-טעלט ווי אין א רינג, די הענט פארשטעקט אין די גארטלען, זיי האָבען געהויבען די קעפּ צו דער סטעליע, דאָס געזאנג האָט זיך געגאָסען ווי שמעקעדיגער בוימעל פון א פאס. די קולות האָבען זיך געטראָגען דורך די אָפענע פענסטער אין גאס אריין, קיינער האָט אפילו ניט געהערט ווי די גלעקלאך אויף די העלזער פון די פּאָטשאָטאָווע פערד האָבען געוואָלט פארקלינגען די גאס, ווי זיי וואָלטען געוואָלט פארהיטען און אָנזאָגען:

— געפאהר, אידען, געפאהר! דער פריסטאוו פאָהרט! ער וויל כאפּען די אידישע יוגנט, זי שמידען אין קעיטען, פארשיקן אין סי-ביר, — קיינער האָט ניט געהערט די פּאָטשאָטווע בריטשקע, איה-רע קולות זיינען איבערגעשריען געוואָרען פון מרדכי שוחט, זיין זוהן איציקל, און פון דער יוגענט, וואָס איז געווען באגייסטערט, מיטגעריסען פון דעם געזאנג.

— טייערע קינדער! — האָט דער רבי אויסגעשריען: רבונו של עולם! זעה וואָס פאר טייערע קינדער דיין קורילאָוועץ פאר-מאָגט!

מען האָט די קינדער געטיילט ווין, און בערל האָט געגעבען א באפעהל אז די קינדער זאָלען אין כאָר זינגען:

— לאָמיר אלע אינאיינעם, אינייגעם דעם רבי'ן מקבל פנים זיין!

— לאָמיר אלע אינאיינעם, לאָמיר אלע אינאיינעם, איהם משמח זיין!

דאָס געזאנג האָט זיך איבערגעריסען, די שטילקייט איז געוואָרען אזוי דין, אז מען האָט זי ממש געקענט אָנטאפּען, דער אלטער האָט אָנגעהויבען מיט זיין שיין קול, זאָגען תורה:

— אין דער הייליגער תורה שטייט געשריבען — ובערת את הרע מקרבך! און דו זאָלסט אויסראמען דאָס שלעכטע, דאָס בייזע, דאָס מיאוסע פון צווישען דיר!

בערל און איציק האָבען זיך ניט געקענט זעהן אין דער פינסטער, אָבער ביידע האָבען איצט געטראַכט איין געדאנק:

— דער קורילאָוויצער איז איצטער ניט אויפ׳ן הימעל, ער ווייסט וואָס אין שטעטל טוט זיך. . . א קלוגער רבי דער קורילאָוויצער, א חכם עתיק!

— איין שווארצע שאָף קען אמאָל אומגליקליך מאכען די גאנצע טשערעדע, און שווארץ איז בבחינת נאכט, וימש חושך, טאָג איז ווייס, די זון איז ווייס, ליכטיג, ווייס איז ליכטיג, ליכטיג איז בייטאג. אָבער עס קען ניט ווערען טאָג איידער עס ווערט פריהער גוט פינסטער, און עס הויבט אָן פארשווינדען די שווארצע נאכט!

דער אלטער איז אנשוויגען געוואָרען, און ווידער האָבען זיך דערהערט די גלעקער פון דעם פּריסטאַוו׳ס בריטשקע, אזוי נאָהענט, אז ביי אלעמען האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסען אין הארצען, אזוי ווי א טויטער וואָגען וואָלט איצטער פארבייגעפאָהרען און וואָלט זיך דאָ אָפּגעשטעלט.

לייזיע דער גבאי איז צוגעלאָפען צו דעם רבי׳ן, האָט איהם עפּעס שטילערהייט א שושקע געטאָן אין אויער. באלד נאָכדעם האָט דער רבי א זאָג געטאָן:

— אידען רבותי, שרעקט זיך ניט! אונזערע הענט האָבען דאָס בלוט ניט פארגאָסען! אידען זיינען ניט קיין מוסרים, אידען דארפען נאָר מורא האָבען פאר גאָט!

— הייסט אריינטראָגען ליכט!

גלייך ווי גואישע העגט האָבען אוועקגעשטעלט צוויי גרויסע סטרינאָווע ליכט, האָט דער רבי אָנגעהויבען:

— רבותי, מיר וועלען בענשען!

דער עולם האָט געבענשט מזומן, מיט צושראָקענע הערצער, דער אלטער האָט דערנאָך אליין פאר'ן עמוד געדאווענט מעריב, דער עולם, די יוגענט איז זיך צוגאנגען אהיים, דאָס אייגענע איציקל און בערל. מיט'ן רבי'ן זיינען געבליבען נאָר עטליכע געציילטע מקורבים וואָס האָבען אפילו ניט געהערט, אז דעם פּריסטאוו'ס ברישקע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען דעם רבינ'ס הויף.

בערל און איציקל האָבען שפּאצירט אונטער דער שטאָדט און האָבען גערעדט צווישען זיך.

— ווייסען מיר שוין ווענענס העגט עס האָבען פארגאָסען דאָס בלוט!

— וואָס קען דער פּריסטאוו וועלען פון דעם רבי'ן? האָט איציקל א פרעג געטאָן.

— וואָס קען ער וועלען! אמאָל פלעג דער פּריסטאוו ניט מאַכען קיין איין פּראָטאָקאָל אין קורילאָוועץ, נאָר ער פלעג קומען אין הויף, און נעמען דעם רבינ'ס וואָרט. דער רבי פלעגט איהם בענשען, און קורילאָוועץ איז אלעמאָל אויסגעהיט געוואָרען פון אן אומגליק נו, איצט אז עס זיינען שוין דאָ מוסרים, אָבער אז מיר האָבען זיי איבערגעקליגערט, און דער פּריסטאוו איז אויך געבליבען מיט א נאָז, איז ער געקומען צום רבי'ן. מיר וועלען שוין הערען וואָס ער האָט דאָ געטאָן! — האָט בערל געענטפערט.

דער פּריסטאוו איז אריין צום רבי'ן, נאָך הבדלה, און אזוי גיך, ווי מען האָט איהם אויפ'ן רבינ'ס א וואונק געגעבען אביסעל „ווימעראָזיג", האָט דער פּריסטאוו פארגעסען צו וואָס ער איז געפאָהרען אין קורילאָוועץ, ער האָט נאָר געהאלטען אין איין פרעגען:

— קטאָ אואוואָס מאָשקא טשערני! (ווער איז ביי אייך משה דער שווארצער!)

מען ווייסט ניט וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט, אָבער ווען ער איז ארויס פון רבינ'ס הויף, און משה האָט זיך געדרייט ארום

הויף, געוואָלט וויסען אויב דער פּריסטאוו האָט געמאכט אַן ארעסט, אַן אקט, האָט דער פּריסטאוו געעפענט די אויגען, האָט דערזעהן משה'ן, וועלכער האָט געוואָלט אריין אין דער בריטשקע, אָבער דער פּריסטאוו האָט אויף איהם געגעבען א גרויסען שפּיי און אויסגעשריען:

— פּאדליעץ טי סוקין סין, (געמיינער מענש דו הינטישער זוהן!) און ער האָט געהייסען דעם פוהרמאן פאָהרען צוריק קיין מאָליוו.

דער חרם

משה דער שווארצר איז שוין געווען געכאפּט אין א פּאסטקע, ער האָט אָבער ניט אָנגעהויבען וויסען, אזביידע קרייזען האָבען איהם געשטעלט צו א נסיון, אונטערגעשטעלט „א פיסל” און אז איהם דערווארטעט זעהר אַ מיאוס'ער פּסק.

מרדכי שוחט האָט פארשטאנען אז מען דארף צונויפזוכען די פּאָרלאך און זיי הייסען זיך פארזאמלען אין הויף.

בערל איז צוגעלאָפען צו משה דעם שווארצען און געמאכט זיך אומשולדיג, מיט א פריילִיכע מינע און א זאָג געטאָן:

— הכלל, משה, פּטור געוואָרען פון דעם פּריסטאוו, דעם שיכור, איצט גייען מיר ערשט האָבען אונזער געהיימע פארזאמלונג, אָבער דאָס זיכערסטע פּלאץ איז איצט ביי דעם רבי'ן אין הויף.

משה האָט אפּנים פריהער מיט דעם פּריסטאוו אויסגעטרונקען, ווייל עס האָט זיך פון איהם געהערט דער ריח פון שטארקען וויין, און ער האָט אביסעל געפּלאָנטערט מיט דער צונג:

— ערשט איצט וואָלט מען געדארפט פארברייננגען ביידע קרייזען צוזאמען, פייערען דעם זיג!

וואָס ארט דיך, היינט וועלען מיר שוין גאָר פארברייננגען און טאקע צוזאמען, — האָט איהם איציקל פארזיכערט.

דערווייל האָט שוין מרדכי שוחט געהאט צוזאמענגענומען די יוגענט, און צווישען זיך האָט זיך גערודערט. אלע האָבען שוין פארשטאנען וועגן וואָס עס האנדעלט זיך, און וועמען מען דארף היינט משפּט'ן.

— מען דארף איהם מאכען פאר א קאליקע, אויפ׳ן גאנצען לעבען, — אויסזעצען בײדע אויגען, — האָט אנאנדערער פאָרגע-שלאָגען, און א דריטער האָט פאָרגעשלאָגען, אז מען זאָל איהם אויסברענגען א צייכען אויף דעם לומפּיגען שטערן, אז וואוהין ער וועט קומען, זאָל מען וויסען, אז דאָס איז ער דער געמיינער מסור, דער הונט!

אין חרם, אין חרם אריינלעגען! אויפגערעגטע שטימען האָבען זיך געריסען פון אלע זייטען.

מרדכי איז אָנגעקומען, און ער האָט א זאָג געטאָן:

— איך בין געווען ביי דעם אלטען, און ער זאָגט, אז אויב איהר וועט וועלען, וועט ער איהם אליין מחרים זיין. איהר אלע זאָלט זיצען רואיג, און אזוי שנעל ווי איציקל און בערל וועלען איהם אריינפיהרען, זאָלט איהר מיר איינעם פון זיי ארויסשיקען צו מיר. ביי דער טיר וועט מען שטעלען א שטארקע וואך, ער זאָל זיך ניט ארויסרייסען, דער משומד, איידער ער קריגט זיין פּסק.

אין הויף האָט זיך גערודערט, עס איז געווען עפּעס פון וואָס די איצטיגע יוגענט האָט נאָר געהערט דערציילען, אז די זקנים האָבען דערציילט, אז זיי געדענקען איין חרם אויף זייער לעבען, איז דאָס געווען אזא מורא צוזוקוקען, ווי מען איז געגאנגען אין ווייסע קיטלען, עס האָבען געברענט משונה׳דיגע שווארצע ליכט, עס איז געווען נאָך מורא׳דיגער ווי אז מען שטעלט א חופּה צו א חתן, א מת, ביי דער לויה.

אזא סצענע האָט די יוגענט איצט צוגעזעהן. אין א באזונדער חדר האָט מען אריינגעפיהרט א מנין זקנים, קוים וואָס זיי האָבען זיך נאָך געקענט האלטען אויף די שוואכע פיס.

אָנגעטאָן אין די תכריכים קליידער, ווייס ווי געפאלענער שניי, אז עס איז דורך א סקרוך איבער׳ן לייב, און אין זייערע שוואכע, ביינערדיגע הענט האָבען זיי ציטערענדיג געטראָגען ברענענדע שווארצע ליכט. די זקנים האָט מען אריינגעלאָזט אין דעם רבינ׳ס חדר מיוחד.

בערל און איציקל האָבען בכיוון מיט משה׳ן פארצויגען דעם שפּאציר אויף דער גאַס, כדי די גאַנצע פּראָצעדורע זאָל צוגעגרייט ווערען, איידער מען ברייגנט איהם אריין אין הויף.

בערל איז אריין צום רבי'ן, איציקל האָט משה'ן אריינגע-פיהרט, און גלייך א זאָג געטאָן:

— רבותי, מיר און לאָדען אנגעשלאָסען. א געהיימע פאר-זאמלונג, א היסטאָרישע אסיפה, און איהר ווייסט אלע, ווען מיר האָבען צו פארדאנקען.

— א משפט, א משפט, — האָבען זיך געריסען שטימען פון אלע זייטען.

— משפט'ן, משפט מען נאָר אן אייגענעם, וואָס דארף זיך אָדער וויל זיך פאטיידיגען.

אן אחר אָבער, א פעררעטער, משפט מען שוין ניט! מען שטעלט איהם אוועק מחוץ למחנה!

אויפ'ן גנב, זאָגט די וועלט ברענט דאָס היטעל. דאכט זיך, מען האָט נאָך גאָרניט געזאָגט, אָבער משה דער שווארצער האָט שוין פארשטאנען, אז מען האָט איהם פארנארט, איבערגע-כיטרעוועט, האָט ער א שפרונג געטאָן, געוואָלט אויפרייסען די טיר, וואָס איז געווען פארהאקט פון דער אנדערע זייט.

קאָפּל דער קאָוואל האָט איהם א כאפּ געטאָן, פארדרייט איהםביידע הענט אויף הינטען, און אויסגעשריען:

— אָדער מיין טויט, אָדער זיינער, אויב ער רייסט זיך היינט ארויס א לעבעדיגער, איידער מען וועט דורכפיהרען דעם חרם!

משה האָט פּרובירט שמייכלען. עס איז געווען דאָס פּנים פון א קופּערנעם שטערן, וואָס ווייסט אז דער צאָרן פון א שטאָדט איז דאָ אָנגעזאמעלט געגען איהם, ווייל מען האָט איהם געפּאקט ביי דער האנט. קאָפּל האָט איהם אָפּגעלאָזען אויף אן אויגענבליק, האָט ער זיך געריסען צו א פענסטער, אָבער איין שווערער קולאק האָט איהם איינגעשטילט, און איבערצייגט, אז ער איז ארומגע-רינגעלט, ווי אַ שטשור אין א פּאסטקע, און וואָס מעהר ער וועט זיך ראנגלען, אלץ ערגער וועט ער אָפּשניידען.

ווען משה האָט זיך אויפגעהויבען צוריק פון דעם שווערען קלאַפּ, וואָס קאָפּל האָט איהם דערלאנגט, און עס איז שטיל גע-וואָרען, האָט זיך געעפענט דאָס טירעל פון א חדר מיוחד, דער מנין זקנים האָט זיך אריינגעשארט מיט שטילע טריט, שארענדיג

ווי שאַטענס וואָס וואָלטען זיך ערשט אויפגעהויבען פון זייערע קברים, נאָך זיי איז אריינגעקומען הרב זיסיעלע, מיט זיין אויס-טערליש געשטאלט, אָבער ער איז איצט געווען פול מיט גרימ-צאָרן, וואָס ער האָט געזוכט צו באהאלטען, נאָך הרב זיסיעלען זיי-נען אריינגעקומען די גבאים, טראָגענדיג די שווארצע ליכט, און נאָך זיי מרדכי שוחט און בערל דעם איינבינדערס.

קאָפּל האָט א וואונק געטאָן צו זיינע בעלי מלאָכות, זיי האָ-בען פארשטאנען, אז ער וויל נאָך צו צוויי פוןביידע זייטען צו פארשטארקען די וואַך ארום משה דעם שווארצען.

— גייט אוועק! אלע אידען טרעט אָפּ אין א זייט! זאָל קיינער ניט בלייבען שטעהן אין זיינע דלד אמות, — האָט דער רבי אויס-גערופען, און א פּחד האָט איינגעהילט דאָס צימער. די שאָטענס פון די שווארצע ליכט האָבען זיך אָנגעהויבען אויסשפּרייטען אי-בער די ווענט און האָבען אָנגעיאָגט א פּחד און א גרויל אויף אלעמען.

פארגראָבען דאָס פּנים צו דער ערד, איז משה געשטאנען, און טייכען שוויים האָבען זיך געגאָסען איבער זיין פּנים.

דער רבי האָט א וואונק געטאָן צו איינעם פון די זקנים, וועל-כער האָט פון דעם בוזעם פון דעם קיטל ארויסגענומען א שופר, און ווען עס האָט זיך דערהערט אינמיטען פון דער פינסטערניש פון דער נאכט דאָס קול פון שופר איבער'ן שטעטעל, איז אלעמען איבערגעגאנגען א ציטער איבער'ן לייב, דער איינציגער מאָמענט פון דעם קול שופר האָט זיך אויסגעוויזען ווי א גאנצע אייביגקייט.

— עס איז אן אלטער אידישער מנהג, וועלכער ווערט שוין אפילו דערמאנט אין אונזערע כתבי קודש, אז ווען מען אנטדעקט א מיאוסען נפש אין א קהלה אָדער אין א פאָלק, דארף מען איהם מבער זיין, מחרים זיין. מען טאָר מיט איהם ניט האָבען קיין מגע ומשא ווי מיט א מצורע.

— אזוי האָבען אידען געטאָן מיט עכנען, וואָס האָט עובר גע-ווען אויף א פארבאָט אין צייט פון א מלחמה, א מלחמה מיט אידישע שונאים. אזוי האָבען אידען מחרים געווען דעם אגוג מלך עמלק, אויף אייביג אונז אָנגעזאָגט, זכור אל תשכח! גע-דיינקט און איהר זאָלט קיינמאָל ניט פארגעסען, און אזוי טרייס-לען זיך אידען אָפּ פון אלע שונאי ישראל אין אלע צייטען!

ווידער האָט דער שופר איבערגעהאקט די ציטערדיגע לופט אין חדר, און ווען דער שופר איז שטיל געוואָרען, האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט:

— א גרויסע נבלה איז אָפּגעטאָן אין קורילאָוועץ, זינט איך בין דאָ גוטער איד, זיינען געווען מסירות, אָבער ניט אזא מיאוסע, בייזוויליגע, וואָס האָט געקענט חלילה צונעמען ביי טאטע מאמעס אַלע זייערע זיהן און טעכטער און זיי פארשיקען געקאוועט אין קייטען קיין סיביר רחמנא לצלן, אָדער חלילה אויף די תליות. אן אומגליק אויף די טאטע מאמעס פון די אַלע קינדער וואָס זיינען דאָ איצט פארזאמעלט ביי דער אסיפה.

— דעריבער איז דאָס וואָס מיר גייען דאָ טאָן, איז בהסכם פון אַלע פארזאמעלטע.

— דער זינדיגער ווערט דאָ איצט אוועקגעשטעלט מחוץ למחנה, קיינער טאָר מיט איהם מעהר קיין מגע ומשאָ ניט האָבען.

דער רבי האָט ארונטערגענידערט מיט זיין קול, ווי דאָס וואָלט געקומען פון דער סאמע טיפעניש, ווייל זיין טבע איז געווען צו בענשען, אָבער דאָס מאָל האָט ער געדאַרפט אָנהויבען שילטען:

— פארשאָלטען זאָלסטו ווערען אין דיין קומען, און פארשאָלטען זאָלסטו ווערען אין דיין ארויסגיין, צו וואָס דו ווענדסט זיך קעהרען און ווענדען, זאָלסטו קיין מזל ברכה ניט האָבען, פון היינט אָן איז דיין נאָמען — עוכר ישראל, דו האסט פאראומווירדיגט דיין נאָמען און דעם נאָמען פון דיינע קינדס קינדער עד סוף כל הדורות, די ערד וואָס דו וועסט באטרעטען זאָל אויף איהר מעהר קיין גראָז ניט וואקסען, זאָלסט ניט וויסען פון קיין פרייד אין לעבען, פון קיין שלום און קיין מנוחה. ווי אויף קין'ען, אזוי זאָל דער צייכען פון חרם אויף דיר אייביג שולט זיין, זאָל יעדער איינער דאָ אויסשפייען, ווי מען שפייט אוים אויף א קרעציגען, אויף א מיואס'ן שרץ, — האָט דער אַלטער אויסגערופען און ער האָט אַליין אָנגעהויבען שפייען אויף איהם:

שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא!

פון אַלעמען האָבען זיך געהערט נאָכזאָגען די אייגענע ווערטער, אַלע האָבען זיך אפגעקעהרט פון איהם מי טעקעל און פאראכטונג, האָבען דריי מאָל אויסגעשפיגען, און ווען דער שופר

האָט ווידער אמאָל געבלאָזען די תקיעה גדולה, האָט זיך פון אלע־מענס העלזער ארויסגעריסען איין וואָרט, וואָס האָט פארהילכט די לופט:

מסור!״
דער אלטער האָט פארלאָזען דאָס חדר, די זקנים נאָך איהם.

ווי אַ שטשור וואס כאפט זיך ארויס, רייסט זיך דורך אַ שפאלט, אזא רים האָט דער מסור זיך געטאָן, מעהר האָט איהם קיינער מעהר ניט געזעהן, ניט אין קורילאָוועץ, ניט אין מאָליוו, ווייל ער האָט געוואוסט, אז ביי נאטשאלסטווא האָט ער שוין פאר־שפילט, און בלויז אלערליי לעגענדעס האָבען זיך געטראָגען וועגען איהם.

איינער האָט איהם געזעהן היינגען אין וועלדעל, אנאנדערער האָט איהם געזעהן גיין אין קלויסטער זיך שמד׳ן, אידען אויף צולהאכעים, אָבער געזעהן האָט איהם מעהר קיינער ניט, קורילאָוועץ איז פטור געוואָרען פון אַ מסור!

א הארציגען דאנק!

צו טילי און טשארלס גאָלד,
מיינע ליבע און טייערע סניט־
קיווער און מאָליווער לאנדס־
לייט, פאַר זייער ברייטהארציגער
ביישטייערונג צו דעם פאָנד פון
דעם מאלאמוט בוך קאָמיטעט.

יוד לאמעד מאלאמוט